פּרץ הירשביין

אלע ווערק

אַלע ווערק

פון

פרץ הירשביין

ווילנע — 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

פרץ הירשביין

איגדיע

(פון מיין רייזע אין אינדיע)

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright, 1927 by Peretz Hirshbein
Perec Hirszbejn — „I n d i e"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.



פרץ הירשביין



געווידמעט אסתּר שומיאַטשער

גאַרבן פון שטילשווייגן

דיכטער: וואָס הערט זיך דרויסן, מיין פריינט?
פויער: די לבנה נעמט צונויף די גארבן פון שטילשווייגן, מיין פריינט.

קיין אינדיע

שוין צוויי יאָר, אַז איך צי קיין אינדיע, דאָס לאַנד, וואָס איז אַזוי פאַרנעפּלט פאַר דעם באַגריף פון מערב-מענטשן, כאָטש איך האָב פאַר דער צייט געלעבט אין אויפגעוואַכטן יאַפּאַן, אין דער אַפּיקורסישער און איצטער רעוואָלוציאָנערער כינע — נאָר צו דער חסידיש-מיסטישער אינדיע האָט עס מיך צום שטאַרקסטן געצויגן.

אינדיע — דאָס לאַנד, וואו טויזנטער יאָרן לעבט אַ גרויס פאָלק ביים ליכט פון אָוונטשטערן און וואַרט נאָך אַלץ, אַז דער מאָרגנשטערן זאָל נאָך אויפגיין איבערן לעבן.

אינדיע — דאָס לאַנד, וואו פעלקער האָבן פון די אוראַלטע צייטן אַראָפּגעבראַכט ביז צו אונזערע טעג לעבן און שטייגער אין וואו מען האָרעוועט נאָך אַלע געטער און אָפּגעטער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין דמיון פון אַמאָליקע דורות.

אין אינדיע גייען נאָך אום מענטשן מיט נביאישן גלויבן און שיקן גייסטיקע שליחותן צו דער וועלט. און אינדיע איז אויך דאָס לאַנד, וואו פאַקירן קענען טרעטן איבער ברענענדיקע קוילן און פאַרברענען ניט זייערע טריט; שטעכן מיט שפּיזן דאָס לייב און פאַרוואונדיקן ניט דאָס לייב.

אינדיע — וואו עס לעבט אַ פאָלק פון דריי הונדערט מיליאָן און פונדעסטוועגן איז אין לאַנד נאָך פאַרהאַנען אָרט פאַר דזשאָנגל, וואו העלפאַנט, טיגער און לעמפּערט לעבן זייער לעבן. און אין אינדיע גייען אום אין די גאַסן פון לעבן פּרושים און בטלנים, וואָס שפּרייטן הייליקייט אינאיינעם מיט שפלות; אינדיע, וואו מען טרעט ניט שווער אויף קיין גראָז, כדי אים ניט צו ווייטאָגן, און וואו מען ברענגט נאָך אויך קרבנות צו ניט-געשטויגענע געטער.

אינדיע — וואו עס איז די גרעסטע קלאַסן־צעטיילונג, אָדער קאַסטע־סיסטעמע, וואו די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז צעקעסטלט און צעטיילט לויט מדרגה און שאַטירונג, וואו אַ מענטש פון אַ נידעריקער מדרגה באַדאַרף שטיין צען טריט אָפּגעטראָטן, ווען ער רעדט צו אַ מענטשן פון אַ העכערער מדרגה.

דאָ און דאָרטן, אַז איך האָב באַגעגנט אינדוסן, די געבילדעטע פון זיי, האָבן זיי שטענדיק גערעדט מיט מיר פון נשמה־ענינים, פון וועלטן, וואָס זיינען פול מיט רוחניות.

די אויסדערוויילטע פון דער מערב־וועלט, אין צייט פון יאוש, אין רגע פון איבערגעזעטיקטקייט און גייסטיקן באַנקראָט, האָבן אָפט אויפגעהויבן די אויגן צו מזרח, צו אינדיע און געהערט, וואָס זאָגט מען דאָרטן. דאָרטן רעדט מען פון רחמנות, דאָרטן דערציילט מען, אַז אין יעדן גרעזעלע לעבט אַ לעבן; אין אַ גרעזעלע קען אָפּטמאָל מגולגל ווערן אַ נשמה פון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָך אינגאַנצן ניט אויסגעלעבט דאָס לעבן און מוז בייטן דעם גוף — פון מענטשן אין אַ גראָז אַריין...

אינדיע, וואו דאָס פאָלק באַנוגנט זיך מיט גאָרניט; קען לעבן פון תעניתים און זיך דורכרעדן מיט די שטערן. דאָרטן האָט אַ דיכטער פאַרן איינשלאָפן געפרעגט ביי אַ פויער:

— זאָג מיר, פריינד, וואָס הערט זיך דרויסן?

האָט געענטפערט דער פויער:

— די לבנה נעמט צונויף די גאַרבן פון שטילשווייגן, מיין פריינד.

עמעצער קלייבט די גאַרבן פון שטילשווייגן אין אינדיע און דעריבער האָט אַ ווייס פאָלק געקענט אַזוי גרינג באַהערשן דאָס גאַנצע לאַנד. ענגלאַנד באַהערשט אינדיע, און דאָס גאַנצע פאָלק, ווי אַ גרויסע אָזערע אין ברעגעס איינגעשלאָסן, צאַפּלט זיך, צאַפּלט זיך און בלייבט אין די ברעגעס איינגעקלאַמערט. און מען הידושט זיך, ווי אַזאַ גרויס פאָלק מיט אַ הויכער קולטור און וואָס ציט די היסטאָריע פון צוריק מיט טויזנטער און טויזנטער יאָרן — ווי אַזוי קען איין האַנט האַלטן אַ גאַנצן וואַלד אין קלעם?

מאַהאַטמאַ גאַנדהי האָט דאָס אינדישע פאָלק אויף איין רגע אויפגעוועקט און האָט עס געפירט, פיזיש אַנטקעגן דעם פרעמדן

אין לאַנד און גייסטיק — אַנטקעגן דער מערב־וועלט. איז זיין גייסט געווען, ווי דער שטורעמווינט, וואָס טראָגט זיך איבער אַ וואַלד און דערגענטערט בוים מיט בוים; איז עס געווען ווי דער ציקלאָן, וואָס נעמט צונויף דעם שטויב פון מדבר אין איין מעכטיקן זייל; וואָס נעמט צונויף די וואַסערן פון אָקעאַן אין איין זייל און שפּאַרט אונטער די וואָלקן — — — גייט דער שטורעם אַריבער און די ביימער דערווייטערן זיך. פאַלט דער ציקלאָן און מיט אים — דער שטויב־זייל.

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, דער גרויסער אינדישער דיכטער, האָט מיט זיין פּאָעזיע אויפגעעפנט אַ פענסטער צו זיין לאַנד. ערשט איצטער שפּירט מען, אַז דער פענסטער איז אַ פּאַרנאַכטיקער ראָזער און דורכקוקן דורך אים, מיינט, צו קוקן אין אַ אָוונט אַריין. אַ לאַמטערנע באַדאַרף מען האָבן צו לאָזן זיך אויף דעם שטעג, וואָס ער ווייזט אָן.

אויגן אינדישע זיינען אַ מיסטעריע. זייער בליק — אַ רעטעניש, זייער פייער — ווי פון אַ פייערשטיין, זיי גליען און ווילן שווייגנדיק פון זיך דערציילן.

צו מיר קומט צו אַן ענגלענדער, וואָס האָט די גאַנצע דריי וואָכן אויפן שיף מיט מיר ניט גערעדט, כאָטש מיר וואוינען אויף איין קאָרידאָר. איצטער האָט ער מיך דערזעען און זיך געווענדט:

— צום ערשטן מאָל קיין אינדיע?

— יאָ, צום ערשטן מאָל. און דו?

— איך בין געבוירן געוואָרן אין אינדיע און איינמאָל אין דריי יאָר פאָר איך אַהיים קיין ענגלאַנד, זיך גוט אַרומוואַשן און אַרויפציען אויף זיך אַ קולטורעלע הויט.

— איז איצטער רויִק אין אינדיע? — פרעג איך אים.

— וואָס הייסט ביי דיר רויִק? אַז ענגלאַנד פירט ביים האַנט, איז דאָס קינד רויִק. אַלע פעלקער פון מזרח זיינען געגליכנט צו קליינע קינדער, איינס שטיפט מער, דאָס אַנדערע ווינציקער — פירן מוז מען זיי. קינדער ברעכן שויבן, קינדער קריכן אין די אויגן

אַריין אויך — ווער נאָך ווי ענגלאַנד וואָלט געקענט האַלטן אַ פאָלק פון דריי הונדערט מיליאָן?

איך באַמערק, ווי די אינדוסן, וואָס פאָרן אויפן שיף, רודערן זיך, באַהאַלטן ניט זייער אויפרעגונג, ווען די שיף איז אַריין אין די היימישע וואַסערן אַריין. איך האָב אויך באַמערקט, אַז אין אָנ-הייב פון דער רייזע האָבן זיך די ענגלענדער אויפן שיף גע-האַלטן מיט די אינדוסן, ווי מיט זייער גלייכן; זיך באַגריסט און פון צייט צו צייט זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע ווערטער. און איצטער, זינט מען איז אַריין אין די אינדישע וואַסערן אַריין — צוויי באַזונדערע וועלטן: מען קוקט פון אויבן אַראָפ צום קינד, וואָס צו זיין לאַנד דערנענטערט מען זיך איצטער.

האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין ענגלענדער:

— וואָס איז די מעשה, וואָס די לעצטע פאָר טעג האָבן אייערע זיך אַזוי דערווייטערט פון די אינדישע פאַסאַזשירן?

— איר, אַמעריקאַנער, זייט צו דעמאָקראַטיש. מיר טאָרן דאָס ניט באַווייזן. אויסער די אינדישע וואַסערן זיינען מיר גלייכע ביר-גער. דאָ איז זיין היים, באַדאַרף דער אינדוס וויסן, אַז ער איז דער באַזיגטער.

איצטער, מיט ענגלאַנדס דערלויבעניש, צי איך קיין אינדיע. אויף אַן ענגלישער שיף פאָר איך. פאָרן מיט מיר אינדוסן, וואָס ענגלאַנד האָט „דערלויבט" צו פאָרן קיין אינדיע. די שיף איז שוין אין די אינדישע וואַסערן און די אינדוסן זיצן צונויפגעקאָרטשעט. אין זייערע אייגענע וואַסערן פאַרפרעמדט געוואָרן.

דאָ איז דער בענגאַלישער ים-אויסגוס. דאָ פילט מען שוין דעם ווינט, וואָס קומט אָן מיט די וואַסערן פון אינדיעס גרויסע און הייליקע טייכן און, אינאיינעם מיט דעם ווינט, קומט פון ברעג די מיסטעריע פון צייטן. איך צי פון אַ לאַנד, וואָס ציילט פיר הונדערט מיליאָן נפשות און קום צו אַ לאַנד, וואָס ציילט דריי הונדערט מיליאָן נפשות.

מיר דערנענטערן זיך צום מויל פון הוגלי טייך, אַ צווייג פון גאַנגעס — דער הייליקסטער פון אַלע טייכן. עס איז פונקט

זונפאַרגאַנג, ווען די מויל פון טייך באַווייזט זיך און אַ גאַנצע נאַכט וועט די שיף שניידן די הייליקע וואַסערן. קופּער־רויטלעך פאַרבט דער פאַרנאַכט דעם שטראָם. די בליקן זוכן אין שטראָם, פון אים וויל איך עפּעס דערגיין איידער איך וועל אָנקומען צום אומבאַקאַנטן לאַנד. דער פאַרנאַכט איז אַ פייכט־הייסער און די זון ווערט צערונען ביים מערב־ראַנד און גיסט איר פּורפּור־וואַרעמקייט אויף אַ ברעג, אין רעכטן זייט, וואָס איז געדיכט באַוועלדערט מיט קאָקאָנוס־פּאַלמען. דער שטראָם קומט אָן מיט אַ לייכטן ווינטל. אַ פישער־שיפל — מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויפן שיפל. מאַן און ווייב, געוויקלט אין גרוי־ברודיקע ליילעכער, פּאַטשן מיט די רודערס אין וואַסער און שניידן די ברייט פון טייך. די שוואַרצע בליקן ציִלן צום שיף אַרויף. קינדער ציען די העלזלעך און קוקן אַרויף. ניטאָ קיין איין וואַרעמער שטריך אין די פּנימער. פאַרגליווערטער אָזונט אויף די פּנימער.

איך קוק צו שטראָם און איידער עס ווערט נאַכט, וויל איך זען, וואָס טראָגט דער הייליקער טייך צום ים אַרויס. דאָס וואַסער האָט ניט קיין זויבערן אויסזען. עס האָט מיך ניט באַאומרויִקט די אַמאַזאָנע. די גרעסטע פון די טייכן, ווען איך בין צו איר מויל צוגעקומען. אַ סך גרויסע טייכן קען איך, ווען זיי ברענגען זייערע וואַסערן צום ים אַרויס. נאָר דאָ, ביים טויער פון אינדיע, פאַר קאַלקוטע, דער שוועל פון בענגאַליע — איז דער פאַרנאַכט צו פלוצלונג אָנגעקומען.

אָט שווימט אַ קעמפּע מיט אַ פּאָר באַמבוק־ביימלעך, וואָס וואַקסן אויף איר: פון ערגעץ האָט זי דער שטראָם אָפּגעריסן און טראָגט זי צום ים. שווימען קלעצער, ברעטער, שפּענער און — אָט קומט אָן מיטן וואַסער צו שווימען אַ מענטש! ער ליגט מיטן פּנים אַרויף אויסגעצויגן אויף דריי באַמבוק־שטאַנגען, אין אַ לאַנגן דרייעק צונויפגעבונדן. דאָס וואַסער טראָגט אים צום ים.

נאָך גאָר ניט־לאַנג האָט מען כסדר געוואָרפן מתים אין הייליקן טייך אַריין און איין מת האָט דעם אַנדערן באַגלייט אין דעם וואַנדער־וועג. איצטער איז דאָס פאַרווערט. נאָר ווי פאַרשטעלט מען דעם וועג דעם פאַנאַטיזם? ווי פאַרצאַמט מען דעם וועג פאַר די הונ־

דערטער מיליאָנען, וואָס אָטעמען מיט די נשמות פון זייערע היי־ליקע טייכן? אין דער שטיל לאָזט מען נאָך איצטער אויך אַוועק אַ מת שווימען מיטן הייליקן וואַסער. אויך אים האָט מען געווים בגנבה אַרויסגעלאָזן אויפן טייך, נאָענטע האָבן אים נאָכגעזונגען:

„אָ, דו, וואָס ביסט היימלאָז סיי אויף דער ערד
„און סיי אויף די וואַסערן —
„זוך ניט מער קיין בגד פון פלייש און בלוט,
„גיי מיט דיין שווייגשטער אַהין,
„וואו די געטער וואַרטן צו שפּילן פאַר דיר,
„אויף דער פלייט פון שטילשווייגן.“

עס ווערט אומעטיק פון אַזאַ באַגעגעניש און פון אַזאַ פאַר־נאַכט. עס איז דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט. און דאָרט, וואו דו וואַרטסט צו באַגעגענען דאָס לעבן, וואָס זאָל אַרויסקומען אַנט־קעגן דיר מיט פּייקלעך און מיט טענץ, קומט גאָר אַרויס יענער טויטער שטילשווייגן, וואָס וויל איבערשרייען אַלע רעיונות.

אימפּעריאַליסטישע מלוכות האָבן צוגעקלערט אַ פּחד פאַר'ן מזרח, כדי זיך צו קענען באַוואָפענען. שרעקט מען כסדר, אַז אַ צייט וועט קומען, ווען די פעלקער פון מזרח וועלן אויפוואַכן און וועלן דיך אַלע אינאיינעם אַוועקלאָזן און נעמען נקמה פון ווייסן מענטשן אין מערב־לאַנד — דערווייל איז נייטיק צו האַלטן דעם מזרח אונ־טערדריקט ווי ווייט מעגלעך לענגער.

און עס קלערט זיך:

— ווי ווייט איז דער מהלך פון מערב ביז מזרח? ווי ווייט איז דער מהלך פון זייער האַרץ ביז צום ווייסן מענטשנס האַרץ, אַז די קלעפּ פון האַרצן זאָלן זיך צונויפגיסן?

אין יאַפּאַן האָט עס מיר אויסגעזען זייער ווייט. דווקא אין כינע, אין ליכט פון דער רעוואָלוציע, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז נאָר אַ דין ווענטל טיילט פונאַנדער מזרח פון מערב. און דאָ, ביים שוועל פון אינדיע, קומט מיר אַנטקעגן אַ מיסטעריעזע וואַנט פון הייליקן טייך אַרויס. איך קוק נאָך דעם מענטשן, וואָס שווימט צום ים מיטן פּנים אַרויף, און איך פרעג ווידער ביי זיך:

— ווי ווייט איז מזרח פון מערב?

אין דרום־אפריקע, אמאל, אז איך האב זיך דערווייטערט פון ישוב, איז מיר געקומען אנטקעגן א מחנה גרויסע מאלפעס. א תּגע האבן זיי מיך אנגעקוקט און, מיט אן אויסגעשריי, אנטלאפן געווארן. יעמאלט האט אויף מיר א בלאז געטאן מיט פרימאתגן; מיט דעם אנהייב פון מענטשנס טריט. איך האב געוואלט יענע מאלפעס נאכשרייען, זיי זאלן פאר מיר ניט האבן קיין מורא. אדרבא, איך וויל זיך מיט זיי באקענען, ווייל איך, ווי זיי, האב ליב די ליכטיקע זון. און דא, פארנאכט, האט זיך דערטראגן א מיסטעריע צו מיר, וואס איך האב דערוויל קיין באשייד צו איר ניט געקענט געפינען.

ביי קיין שום פאלק איז די שטילקייט ניט געווארן אזא קולט, ווי ביי די אינדוסן. מעגלעך, אז אין לעבן וועל איך זיי גאר גע־פינען אזוי שרייעדיק ווי די אלע אנדערע קינדער פון ווייטן מזרח, וואס מיר האבן אנגענומען פאר גרויסע שוויגערס. נאר קיין שום פאלק האט דורך איר פאעזיע אזוי ניט געזשאנגלירט מיט שטיל־שווייגן, ווי עס טוען די אינדישע פאעטן.

וואס קען איך ארויסנעמען פון פארנאכט ארויס, וואס איז מיר געקומען באגעגענען מיט אזא מעלאנכאליע איבערן טייך און אי־בער די באבוימערטע ברעגעס, וואס באווייזן זיך פון ביידע זייטן?

די שיף האט זיך אפגעשטעלט אין מיטן טייך. איך הער דעם גערויש פון דער קייט, וואס האלט דעם אנקער. מען פאר־אנקערט זיך אינמיטן טייך אויף א גאנצער נאכט: א סכנה. דער שטראם טראגט אן זאמד־בענק און די שיף קען ביינאכט דעם וועג ניט געפינען. עס וועט אויסקומען צו נעכטיקן אינמיטן טייך. ערשט באגינען וועט מען זיך לאזן צום ראנד פון לאנד.

איז מיר פארבליבן נאכצוקוקן דעם פאר־גייענדיקן טאג און דעם אונטשטערן, וואס האט זיך באוויזן אין מערב־זייט.

קאַלקוטע און די הייליקע קו

1

אין אַ זוניקן און הייסן פרימאָרגן האָט זיך מיין שיף צוגע-
שטעלט צום וואַנט פון קאַלקוטער האַפן און זיך אָנגעשפּאַרט אין
אינדישן לעבן. די אָרעמקייט, וואָס קומט אַרויס צום שיף פאַר-
דינען, איז אַ שרייעדיקע, אַ האַלב-נאַקעטע און אויסגעהונגערטע.
אַ באַקאַנטער אינדוס האָט מיר אַמאָל געזאָגט: — „גאַנץ
אינדיע גייט אום מיט אַ ליידיקן מאָגן“.
איך האָב אים גלייך דערזען, אָט דעם מענטשן מיטן ליידיקן
מאָגן. ווי ים-פייגל, וואָס וואַרפן זיך איינס איבער אַנדערן בשעת
עס באַווייזט זיך אַ שטיקל שפייז אויפן וואַסער, אַזוי האָט זיך
דער עולם אָפּגעריסענע אינדוסן אַ לאָז געטאָן צום שיף. איינער
זעט ניט דעם אַנדערן, איינער אַכט ניט דעם אַנדערן, איינס אי-
בערן אַנדערן איז מען געלאָפן. אַן עלטערער, וואָס האַלט אָרדענונג,
פּאָכט מיט אַ שטעקן איבער דעם קנויל מענטשן, ער פאַרלאַנגט, זיי
זאָלן זיך האַלטן אין אַ סדר, ער פּאָכט מיטן שטעקן און דער-
לאַנגט ניט. אין זיין פנים מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד ליגט
אַ סך גוטסקייט גאָר, און דער שטעקן איז אים איבעריק. דאָ
זע איך צום ערשטן מאָל אויפן ווייטן מזרח, אַז מיר, אַחינו-בני-
ישראל, האָבן אויך אַמאָל אין מזרח געוואַרעמט די הויט. איינער זעט
מיר אויס אינגאַנצן ווי מיין אַמאָליקער רבי, און דער אַנדערער —
אַ גאַנצער רב, ווען נאָר ניט זיין הילוך, זיין אָנהויזנדיקייט און
דער ליילעך אַרום די היפטן, וואָס לאָזט די פיס נאַקעט אָפּגע-
דעקט.
די אָרעמקייט האָט דאָ יושר אויך. עס פאַרנעמט ניט אַ טרע-
גער מער ווי איין פעקל, זאָל עס זיין גרויס ווי אַ פעקל שווע-
בעלעך. האָט איר פינף פעקלעך — טראָגן עס פינף מענטשן. יע-

דערער באַקומט אַ קליינע מטבע. מיט דעם באַגוגנט מען זיך און מען איז רויִק. און אַזוי בין איך אייך מיט מיינע באַגלייטער, פינף אינדוסן, וואָס האָבן געטראָגן מיינע פינף באַשיידענע פּעקלעך, אַראָפּ אין גאַס, אין דער שטויביקער גאַס און אין דעם הו־האַ פון אַזאַ מין לעבן, וואָס רופט אַרויס פאַרדרוס, מיטלייד און באַוואונדערונג.

די שטאָט קאַלקוטע איז געבויט ווי אונזערע אַ שטאָט. ברייטע אָדער שמאָלע געברוקירטע גאַסן, אַספאַלט־טראָטואַרן און אויף דעם אַלעמען האָט זיך אויסגעלייגט אינדיע. אַ סך מענטשן. געדיכט. אַ סך נאַקעטקייט, כאָטש אַ שיינע נאַקעטקייט. גלייך און שלאַנק איז דער אינדוס. דינע פיס ווי צום שטענדיקן לויפן, אָדער צום אייביקן שפּרייזן. זיינע הענט און פינגער איידעלע, דינע. און אויגן — ניטאָ אַזעלכע אויגן איבער גאָר דער וועלט. דאַכט מיר, אַז דער אינדוס ווייסט עס, ער פילט די צוויי שוואַרצע קוילן, וואָס ברענען אין שטערן. ער קאָקעטירט מיט זיינע אויגן.

דאָס לעבן וואַלגערט זיך אויף די טראָטואַרן. ניט פאַרהאַוועט, ניט פאַרשמייעט, ווי אין כינע. דאָ האָט מען צייט. גלייך זע איך, אַז איך בין אומגעלומפּערט מיט מיינע האַסטיקע טריט. אויך מיין ווייסהויטיקייט פּאַסט זיך ניט אַריין. זי האָט זיך אַריינגעפּאַסט צווישן די געלע ראַסן, נאָר דאָ, צווישן די ברוין־הויטיקע, פיל איך, אַז די זון דעקט מיך צופיל אָפּ. דער דורכשניטלעכער אינדוס איז מיט פיינע שטריכן אין פּנים, צומאָל פיינער פון אונזערע. אָרעמקייט האָט עס ניט אַוועקגעהרגעט. הונגער אויך ניט. רוחניות ליגט אויף יעדנס פּנים, מיט אַ צוגאָב פון פאַנאַטיזם.

ביים מענער־עולם איז דאָס פּנים געצייכנט און צוגעפאַרבן, לויט דער קאַסטע און לויט דער רעליגיעזער סעקטע, צו וועלכער ער באַלאַנגט. ביי איינעם איז מיט רויטע און געלע פאַרב צעטיילט דער שטערן אין קוואַדראַטן, ביים אַנדערן איז אַראָפּגעצייכנט אַ רויטער פּאַס פון שטערן אַראָפּ ביז צום שפּיץ נאָז. געל, בלוי, רויט און גרין רעפלעקטירט אויפן פּנים. אַנדערע האָבן רייז־קערנער אָנגעקלעפּט אויפן שטערן. אַש־קאָלירענע צייכנס אויף די באַקן. און ווער בלויז מיט איין רויט פינטעלע אויפן שטערן, העכער איבער די אויגן.

די פֿיינע שטריכן פֿון פּנים ווערן דעריבער צעבראָכן און עס ווירקט משונהדיק. דאָס זיינען ניט קיין איינצלנע אַזוי געצייכנט און געפֿאַרבט — די ברייטע מאַסן אין די גאַסן האָבן זיך אַזוי פּילקאָלירעדיק געצייכנט. אויף די טיכלעך, וואָס וויקלען אַרום דעם קאָפּ ביי די מענער, זיינען פֿאַרשיידן אין קאָליר: ראָז, געל, ווייס. געוויס שטרייכט עס אונטער דעם פֿאַך. נאָך דעם אופֿן, ווי די טוך איז אויסגעוויקלט, דערקענט מען צו וואָס פֿאַר אַ קאַסטע איינער געהער. זיי דערקענען איינס דעם אַנדערן. זיי ווייסן שוין, ווי איינער פֿאַר׳ן אַנדערן צו שטיין.

אין דער טרוקענער גרויקייט, וואָס די גרויסע שטאָט ליגט אָן אויף אינדיעס האַלב־הונגעריקער מאַסע, גייען אום די אויסדערהיילטע, די אויפֿגעקלערטע און פֿאַרטראַכטע, גייען מיט אַריסטאָקראַטישער ווערדע. גלייך דער קאָפּ. אַרום די אַקסלען אַ געקאָלירטע טוך. אַרום די היפֿטן און פֿיס אַרומגעוויקלט מיט אַ זויבערווייסן ליילעך. דער קאָפּ איז אָפּגעדעקט צו דער זון. טריט געציילטע, געמאָסטענע.

— זיינען דאָס די קינדער פֿון אינדיע, פֿון דעם אונטערדריקטן פֿאָלק, וועגן וועלכע מיר רעדן און באַוואונדערן זייער רוחניות, איידלקייט?

אַ סך, אַ סך אַזעלכע פֿאַרמאָגט די גאַס און זיי זיינען דער גרויסער דיסאָנאַנס אין דעם אַלגעמיינעם בילד. שפּרייזן זיך פֿאַרמעלעך מיטן טראָטואַר און ניט זיי גייט אָן די אָרעמקייט, וואָס ליגט אויסגעשפּרייזט אויפֿן גאַנצן וועג זייערן.

איך ווייס, אַז אינדיע האָט אירע מיליאָנען אויסדערהיילטע. איינער פּוצט זיך מיט זיין עשירות און דער אַנדערער מיט זיין גייסטיקייט. זיי גייען כמעט דאָ אין גאַס איינס מיטן אַנדערן ניט אָן. איך האָב נאָך דערווייל ניט געזען אינערגעץ אַזאַ געדיכטעניש פֿון האַר און קנעכט. יעדער איינער, וואָס קען נאָר העכער האַלטן דעם קאָפּ, שלעפּט זיך נאָך אים נאָך אַ קנעכט. איינער גייט און נאָך אים — דער קנעכט מיט אַ אָפּענעם שירעם צו באַשיצן אים פֿון דער זון. איינער גייט אין פּאָסט און דער קנעכט טראָגט אים נאָך דעם בריוו, וואָס ער

באַדאַרף אַריינוואַרפן. איינער פאָרט רייטנדיק און הינטן לויפט אים נאָך דער קנעכט, טראָגט נאָך דעם מאַנטל און שטעקן. ענגלאַנד, וואָס באַהערשט אינדיע, וואַרפט זיך ניט אין די אויגן. אינדיע באַהערשט אינדיע לויט דעם ענגלישן היפּנאָז. אינדיע באַהערשט אינדיע פאַר ענגלאַנדס וועגן.

די בליקן פאַלן דערווײַלע צום יאָגי, צום אַסקעט, דער בטלן, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט און פונדעסטוועגן דרייט ער זיך אַרום אין גאַס, איינגעפאַרבט דאָס פּנים מיט געלע, רויטע, בלויע פלעקן; האָר לאַנג און צעפּאַטלט. דאָס פאָלק פאַרגעטערט זיי.

אָט איז זי, די פרוי אַליין, די אונטערטעניקסטע פון אַלע פרויען אויף דער וועלט. גייט אום איינגעוויקלט אין איר סאַרי פון קאָפּ ביז די פיס. זי איז אַ דראָבנע און דער אויסזען איז אַ ברוידיקער (איך רייד פון דער אָרעמקייט, וואָס איז די מערהייט און באַ־באַהערשט די גאַס. פינגערלעך אויף די פינגער פון די באָרוועסע פיס, שווערע זילבערנע רינגען אויף ביידע פיס אַרום קנעכל. אוירינגלעך אַרום גאַנצן אויער, אין ווענטל פון נאָז — אַ שפּילקע דורכגענומען, אָדער אונטן, ביי די נאָזלעכער דורכגעלעכערט און אַ נאָזבאַנד דורכגענומען. די אָרעמקייט האָט איר צוגעגעבן אַ ציגיינערישן חן. ווײַבעלעך צעניאָריקע, צוועלפיאָריקע, שוין מיט קינדערלעך ווי מייזעלעך אויפן פלייצע, גייען זייער וועג באַזונדער, האָבן גאָר קיין שייכות ניט מיט דער מענערישער וועלט. תידושט זיך: ווען גייען זיי זיך צוזאַמען? און ווען טרעפן זיי זיך, ער זאָל איר, דעם קינד, אָנהענגען אַ קינד אויפן האַלז? אַזוי פריקרע צו זען צעניאָריקע קינדער מיט בליקן פון פרויען „ווייסערקעס"‚ — וואָס ווייסן שוין אַלץ. אַ פרעמדער פייער ברענט אין די אויגן פון אַזעלכע קינדער־מאַמעס. גייט אַן אַנדערע מיט אַ קינד אויפן פלייצע, אַ קינד ביים האַנט און מיט אַ קינד אין בויך און, זי אַליין — אַוודאי פערצן יאָר אַלט!

פאַלט ווידער דיין בליק און געדאַנק אויף די אויסדערווײַלטע, וואָס שפּרייזן דורך דער גאַס מיט דער פאַרקלערטקייט און מיט דעם רינג פון הייליקייט אַרום זיך. און וואו הייליקייט — דאָרטן איז

פאַרהאַן די אומהיילקייט, די אומריינקייט. און דאָרטן ברענגט דער ריינער דעם אומריינעם פאַר אַ קרבן. שוין זע איך אויפן ערשטן טריט ווער דער קרבן איז אין דער געדיכטעניש פון מענטשן־וואַלד.

אין די ערשטע עטלעכע שעה האָב איך צייט געהאַט צו באַמערקן, אַז דעם ווייסן מענטשן האָט מען ניט ליב. איך ווייס, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען די פרייהייטס־באַוועגונג איז געווען שטאַרק, האָט מען דעם ענגלענדער פשוט אַראָפּגעשטויסן פון טראָטואַר און ביי אַ געלעגנהייט געשפּיגן אין פּנים. איצטער איז מען מילדער. אָבער שפּייען איז געבליבן באַלד צווייטע נאַטור. עס איז דאָך די גרעסטע פאַרשוועכונג אין אינדיע אַ שפּיי צו טאָן אין שטוב, אָדער פאַר אַ צווייטן אין די אויגן, און עטלעכע מאָל האָט געטראָפן, אַז מען האָט פאַר מיינע אויגן דעם פאַראַכטונגס־שפּיי געטאָן. און די טיפע פאַרחלומטע אויגן האָבן אַ גלי געטאָן און באַגלייט דעם „ווייסן" מענטשן מיט פאַראַכטונג. איצטער איז מיר דער בליק באַקאַנט. ביי געוויסע תּורות אונטערטעניקע קען מען עס באַמערקן. אַ פאַרטייעטער בליק, און אונטער דעם בליק ליגט דער גאַנצער אינהאַלט פון אַ לעבן, וואָס טראָגט שנאה צום אונטערדריקער.

דאָך קויפן אונטער די בנעימותדיקע טריט און די באַזאַכטקייט. דער יאַפּאַנעזער איז פאַרהאַוועט; לויפט ווי אַ גוטער סוחר אָדער קרעמער. דער כינעזער — ווי אַ בעל־מלאכה, וואָס איילט זיך אָפּטראָגן זיין אַרבעט. דער אינדוס האָט צייט. אינגאַנצן אין זיך אַריינגעטאָן. זיין קרעמל איז קיין קרעמל ניט. ער מיטן ביסל סחורה קער זיך גאָר ניט אָן. און אַזוי זע איך אים, ווי ער עסט זיין ביסל רייז באַגאָסן מיט אַ געלער פעפערדיקער „קאָרי". ער עסט מיט די הענט, נאָר איידל. די הענט וואַשט ער פריער. צו עסן מיט אַ לעפל איז אומריין. לויט זיין באַגריף איז דער מויל אַ אומריינער אָרט אין מענטשנס גוף און דעריבער, ווען מען טוט איינמאָל אַ לעפל אַריין אין מויל, ווערט זי אומריין. באַדאַרף מען זי אַוועקוואַרפן. שוין צום גלייכסטן צו עסן מיט די הענט, ניט אָנרירנדיק זיי אָן מויל. יעדער אינדוס טראָגט מיט זיך אַ מעשן קריגעלע מיט וואַסער און גאַנץ אָפט זעט מען אים וואַשנדיק זיין מויל.

וויפיל אָרט באַדאַרף ער האָבן פאַר זיין אָפּרו? אַט ליגן זיך די צופרידענע און באַפרידיקטע אויסגעצויגן אויפן טראָטואַר מיטן פּנים אַרויף, די הענט אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ. צי שלאָפט ער? צי חלומט ער? דעם מאָגן ווי עס איז אָפּגענאַרט, אַ דראָבנעם פאַרדינסטעלע געהאַט — זאָל שוין בעסער די זון באַקן די גלי־דער. די שטיינער פון טראָטואַר זיינען אים ווייך.

דער יאַפּאַנעזער גייט אין הילצערנע סאַנדאַלן, דער כינעזער — אין ווייכע שיכעלעך. דער אינדוס איז אַ באָרוועסער. נאַקעטע פּאָל־קעס. און דאַכט מיר, אַז אַפילו די אָרעמקייט ביי די אויבנדער־מאָנטע פעלקער איז אַ שטאָלצערע. די אינדישע אָרעמקייט, וואָס קומט אַנטקעגן, ברייט און לאַנג, איז אַ אַנדערגעשלאָגענע, צו־מאָל הינטיש אָרעם און חיהש אונטערטעניק.

גלייך פון אויבנאויף דערקענט מען די ווירקונג פון דער קלאַסן־צעטיילונג, אָדער קאַסט־סיסטעמע, וואָס האָט די ברייטע מאַסן פון אינדיע דערנידעריקט ביז צום שטויב.

2

איך האָב געוואוסט, אַז אין אינדיע פאַרהייליקט מען און מען פאַרערט די קו. פונדעסטוועגן, ביז מען קריגט אַליין ניט אָפּגע־טראָטן די פיס פון אַ קו אויפן טראָטואַר, אין קאַלקוטע, די גרעסטע שטאָט אין אינדיע, ביז יעמאָלט באַגרייפט מען ניט, וואָס דאָס מיינט אַ פאָלק, וואָס וויקלט אויך דעם העלן טאָג אין אַ מיסטעריע איין. פאַרהייליקט האָט מען דעם אָקס ביי די אַמאָליקע עגיפטער און די קו און דער אָקס זיינען הייליק אין אינדיע ביז היינטיקן טאָג. צו טויטן אַ קו איז איצטער נאָך פאַררעכנט פאַר אַ זינד, ווי צו טויטן אַ בראַמינער.

אין קאַלקוטע האָב איך געטראָפן די קו גאָר פון אויבנאָן, צי אין די הויפּט־גאַסן, אָדער זייטיקע געסלעך. זיי זיינען בירגער פון דער גאַס און דאָס פאָלק היט זיי ווי אַן אויג אין קאָפּ. הונ־דערטער, הונדערטער פאַרמאָגט זיי קאַלקוטע אין אירע גאַסן און

אויך זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם לעבנסבילד. זילבער־גרויע קי, אָן הערנער, מיט שווערע גוידערס. דאָ אין גאַס באַגעגנט מען אויך דעם הייליקן אָקס מיט זיין אויפגעטורעמטן פעסטן קאַרק און שווערן גוידער. צוליב זיין זכות פאַרמערט מען זיך אין גאַס און די קי געבערן זייערע קעלבעלעך אין גאַס.

געווים האָט דאָס פאָלק אַ סך צאַרטע באַציִונגען צום לעבעדיקן וועזן בכלל. אויב דער אינדוס עסט ניט קיין פלייש, און זיינע הענט זיינען ריין פון בלוט־פאַרגיסונג — איז דאָך עס אַ סימן פון אַ געלייטערטן אַרט דענקען. אַזוי וויל עס אויך גאַנדהי באַגרינדן. אַזוי וויל אויך גאַנדהי באַגרינדן די גרויסע טייכן אין אינדיע און זייער הייליקייט איז צוליב דעם, וואָס די טייכן דינען געטריי דאָס פאָלק, העלפן דעם פויער צו קריגן זיין שפע פון פעלד. גאַנדהי פאַרענטפערט אויך די ליבשאַפט צו דער קו, וואָס האָט טיפע וואָרצלען אין לעבן פון אָרעמען פאָלק.

די קו גיט מילך דעם אָרעמען פויער. די מילך איז זיין איינציקער חיונה־קוואַל. די קו גיט איר מיסט צו באַמיסטיקן און באַפרוכפּערן דאָס אָרעמע שטיקל פעלד. ווער נאָך דינט אַזוי איבערגעגעבן און טריי דעם אָרעמען פויער ווי די קו? איז קיין חידוש ניט, וואָס דער אינדוס, וואָס איז דאַנקבאַר דער נאַטור פאַר אירע חסדים, וואָס זי טוט דעם מענטשן, דער עיקר, דעם פויער, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַריבער אַכציק פּראָצענט פון אינדישן פאָלק — איז דען אַ חידוש, וואָס אַזויפיל כבוד טוט דאָס פאָלק אָן דער קו?

איצטער איז דאָך די קו דער גרויסער שטרויכלשטיין אין לעבן פון גאַנצן פאָלק. צוויי הונדערט און דרייסיק מיליאָן אינדוסן, וואָס פאַרהייליקן די קו, און ביי זיבעציק מיליאָן מאַכמעדאַנער, וואָס שעכטן די קו און אין זייערע גאַסן, אין די יאַטקעס הענגען אַרויסגעהאָנגען זייטן פלייש. פאַר יום־טובים, ווען די מאַכמעדאַנער שלאַכטן אַ קו עפנטלעך, אין יענער צייט ברעכן אויס אמתע מלחמות צווישן די אינדוסן און די מאַכמעדאַנער. און דער תהום, וואָס עקסיסטירט נאָך ביי היינטיקן טאָג צווישן די מאַכמעדאַנער און אינדוסן, איז

אַ נאַר טיפער. אויף דעם דאָזיקן תהום בויט די אימפּעריאַליסטישע ענגלאַנד איר בריק, אויף וועלכן זי פירט אירע אַמביציעס דורך אין אינדיע. די קו איז די סיבה פון דעם גרויסן פירוד־לבבות אין אַ לאַנד, וואָס וויל זיך באַפרייען פון אַ פרעמדן יאָך.

— צי ווייסן דאָס די מתנות קי, וואָס מאַכן פול די גאַסן פון קאַלקוטע?

און וויפיל צערטלעכקייט די באַפעלקערונג באַווייזט אַרויס צו זיי! אין גאַס וואַקסט ניט קיין גראָז פאַר זיי. אין גאַס זיינען ניט פאַרהאַנען קיין שטאַלן פאַר זיי. די גאַס אַליין איז זייער היים. די גאַס אַליין איז זייער פיטער־פּלאַץ. די קו האָט איר צוטריט, וואו זי וויל. פאַר איר זיינען אָפן די קליטן. פאַר איר זיינען אָפן די שפּייז־קראָמען. וואו עס שטייען אָפענע זעקלעך מיט תבואה — דאָרטן האָבן די קי אַ צוטריט. עס זעט אויס, און אפשר איז עס אַזוי, אַז דער קרעמער זיצט אין זיין געוועלב מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרט, אַז אַ קו אָדער טאַקע ער אַליין, אָדער אַ קעלבעלע זאָלן באַוויליקן אַריבערטרעטן זיין שוועל און פאַרזוכן פון זיין תבואה אָדער גרויפּן. ער רייבט זיך די הענט און אויף זיין פּנים איז אויסגעגאָסן צופרידנקייט. די קו האָט אויך איר איבערעכענונג און יושר. זי נעמט אָן אַ מויל תבואה און גייט אַרויס צוריק אויפן טראָטואַר. זי באַדאַרף גאָרניט בדלות שטעלן איין אָרעמען קרעמער. די צווייטע טיר — נאָך אַ קרעמל, אַן אַנדער מין תבואה. מען באַדאַרף ביי אַלעמען פאַרזוכן צוביסלעך.

אויף די געמערקן, וואו מען פאַרקויפט גרינצייג, דאָרטן זיינען די קי די הויפּט־מחותנים, טרעטן ממש אָפּ די פיס. פון איין געשטעל אַרויסגעצויגן אַ פאָר מערעלעך און פון אַנדערן אַ הויפּטל קרויט; דאָ קעפּל סאַלאַט, און אַ באַנאַנע־בלאַט איז אויך אַ מאַכל. קענטיק אויף די קי, אַז זיי ליידן ניט קיין הונגער. אויף די יונגערע, געזינטערע גלאַנצט די פעל, פעט, אויסגערונדיקט.

שלעפּן זיך אויך אַרום אַלטע, פאַרזאָרגטע קי מיט קנייטשן אויבן שטערן. שטעלן מיט ווערדע די טריט, וואַרפן דערפאַרענע בליקן אויף אַלע זייטן. די קי אײַלן זיך ניט. דער אויטאָמאָביל, צי דער

טראַמוויי מאַכט אויף זיי ניט קיין אײַנדרוק. גלויבן געוויס, ווי אַלע גלויביקע אינדוסן, אַז שוין מיט צען טויזנט יאָר צוריק האָט אינדיע פאַרמאָגט אַוטאָמאָבילן און טראַמווייען; נאָך מיט צען טויזנט יאָר צוריק האָט אינדיע געהאַט אַעראָפּלאַנען, טעלעגראַף און טעלעפאָנען און אַפילו ראַדיאָ אויך.

אַז אַ קו שטייט אַ פאַרטראַכטע אינמיטן גאַס און דער אַוטאָמאָביל טרובעט און וואָרנט — העלפט עס ניט. דער שאָפער מוז במחילה אַרויסגיין פון זײַן אַוטאָמאָביל און גאַנץ העפלעך אַראָפּפירן די קו פון מיטן גאַס אויפן טראָטואַר אַרויף. און אַזוי טרעפט עס גאַנץ אָפט מיטן טראַמוואַי, אַז אַ קו שטילט זיך. אַנידער מעלה-ירדה-זײַן צווישן די רעלסן, רירט זיך פון אָרט ניט. דער קאָנדוקטאָר שטעלט דעם טראַמוואַי אָפּ, פירט די פריצטע אַרויף אויפן טראָטואַר, גלעטנדיק איר גווידער. פאַרשטייט זיך, אַז אויף די טראָטואַרן פאַרנעמען זיי דעם אויבנאָן. ווען אָפּגעגעסן צו זאַט, ווען אַ ביסל מידלעך, לייגט מען זיך צו בײַם וואַנט פון אַ הויז, בײַם זייט פון די מאַסן, וואָס כאַפּן אַ דרעמל אַזוי אויף דער ערד — און אַזוי גייט דאָס לעבן.

בײַנאַכט, אַז איר גייט אין גאַס, באַדאַרפט איר זיך היטן ניט אָנצוטרעטן אויף די קי און קעלבלעך, וואָס ליגן גאַנץ שווער אויסגעלייגט אויף די טראָטואַרן. אין די קילערע נעכט האָבן די אײַנוואוינער זיי אין זינען און, וואו אַ קעלבל, וואו אַ שוואַכע קו, קומט אַ שכן אַרויס פון שטוב און דעקט אַריבער די קו, אָדער קעלבל, וואָס האָט באַוויליקט זיך לייגן אָפּרוען לעבן זײַן טיר.

די קי מיסטיקן די גאַסן, מיסטיקן די טראָטואַרן. זײַנען ניט שטאַרק איבערקלײַבעריש. נאָר קו-מיסט איז אַ וויכטיקער אַרטיקל אין אינדיע. מיט קו-מיסט שמירט מען אויס דאָס הויז גאַנץ אָפט, כדי צו „רייניקן“ עס. אין בכלל נאָך יעדער רייניקונג, ווען, למשל, עמעצער איז געשטאָרבן אין אַ הויז, שמירט מען אינעווייניק דאָס גאַנצע הויז אויס מיט מיסט. גייען טאַקע אום די פרויען אין די גאַסן און קלײַבן גאַנץ פאָרזיכטיק אויף די מיסט, מען קנעט עס אויפן טראָטואַר אין פּלעצלעך אויס און טאַקע דאָ טריקנט זיך עס אין דער זון.

א קעלבעלע, א אש־גרויינקע האט מיך אזוי ארומגעשמעקט לעבן דער גרויסער קאלקוטער פאסט און דווקא מיך באגלייט אין סאמע פאסט אריין. וואס האט איך דאס קעלבל אזוי צוגעבונדן צו מיר? און צי האט זי באגריפן, אז צווישן די אנגעקומענע געסט קיין אינדיער געפינען זיך אזעלכע, וואס ווינטשן דעם אינדישן פאלק און אויך די קי אין די גאסן פון לעבן קיין בייז ניט?

אויף צו שלעפן שווערע משאות און איך פאר דעם רייכן מאן צו ברענגען פאר א קרבן פאר דער גוטין קאלי, אט דאס פאלט שוין אויס אויפן גורל פון בופלאקס: א אומעטיקע, ברוין־שווארצע באשעפעניש, מיט שווערע הערנער אויף די זייטן פארווארפן, די פעל אויסגעקראכן מיט א ברודנעם אויסזען — א פאריער אליין פאר זיך. אט די דאזיקע בופלאקסן האט מען אין אינדיע פאר־משפט צו שווערער ארבעט. און עס האט מיר געחידושט, ווי אזוי דער אינדוס, וואס האט אזויפיל צערטלעכע געפילן צו דער קו און איר אפגעגעבן דעם סאמע אויבנאן אין לעבן — כוואשטשעט מיט דער בייטש אזוי שווער און טעמפ דעם בופלאקס, פאר די אויגן פון די הייליקע קי און קעלבלעך, וואס ליגן זיך אויסגעלייגט אויף די טראטוארן. אבער דאס איז מסתמא לאגיש אין א לאנד, וואו די מענטשלעכע געזעלשאפט איז אזוי קרום פונאנדערגעטיילט; וואו די ארעמקייט פון די ברייטע מאסן איז אן אנגעצייכנטע פון די געטער אליין.

איך האב נאר געטראכט: וואס אזוינס שפירן די יחסנטעס און יחסנים, וואס ליגן זיך אויף די טראטוארן און זיינען מעלה־גרה? וואס טראכטן די דאזיקע, ווען עס איז הייליק, ווען עס ציט א בופלאקס דורך דער גאס געשפאנט אין א שווערער משא און דער יאך פאלדעוועט זיין אפגעריבענעם קארק?

אין א גאנץ פרעמדן לעבנסשטייגער בין איך אריינגעפאלן גלייך פון שיף אראפ. צייטנווייז האט מיר אויסגעוויזן, אז איך אליין בין ערשט נעכטן געבוירן געווארן מיט מיינע באגריפן, און צייטנווייז האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז די אינדוסן זיינען נאך די גאר יונגע קינדער, וואס עקשנען זיך מיט א קינדערשער עקשנות צו פארלייקענען אונזער בארגעשריטנקייט.

ווען איך בּין אַרויס פון פּאָסט, איז דאָס קעלבּל מיר נאָכגעגאַנגען. די לעבּעדיקע גאַס האָט אָנגעקוואָלן פון דעם און איך האָב געשפּירט, אַז דאָס קעלבּלס אָנערקענונג האָט מיך געמאַכט געבּעליק אין די אויגן פון דער גאַס.

בײ יונג־אינדיע

1

אין מײַנע רײזעס איבער לענדער, וואו דער „ווײַסער מענטש" איז פאַר די אײַנוואוינער פון לאַנד אַ בײזע רעטעניש, אין אַזוינע לענדער האָב איך געהאַט פון צײַט צו צײַט פאַרשײדענע איבערלעבונגען. בײַם גאָר פּרימיטיוון מענטשן, ווי בײַם מאַאָרי, אין נײַזעלאַנד, בײַם פּאַפּואַנער, פון אויסטראַליע, אָדער צווישן די נעגער־שבטים אין אַפריקע — דאָרטן האָב איך באַמערקט, אַז אונזערער אַ מענטש תּופס אַחוז חוזק און מורא; בײדע זאַכן אינאײנעם.

מיר איז פיל מאָל אויסגעקומען איבערצוטראָגן דעם שוימיקן געלעכטער פון אַ נאַקעטן קאַפיר־בחור אָדער מײדל אין אַפריקע. איך האָב זײ אויסגעזען קאָמיש און, ווײַבאַלד נאָר זײ האָבן דערשפּירט, אַז איך בין זײ ניט געפערלעך, האָט זיך אויך אַ נאַטירלעכן אופן בײַ זײ אַרויסגעריסן אַ געלעכטער פון יעדן וואָרט מײַנעם, וואָס איך האָב געזאָגט.

צײַטנווײַז איז דער געלעכטער געווען אַ קינדישער, פּונקט ווי עס צעלאַכט זיך אַ קינד פון אַ באַוועגונג, וואָס אַ דערוואַקסענער מאַכט און וואָס דעם קינד זעט עס אויס אומגעלומפּערט. אין אַזעלכע פאַלן האָב איך זיך גוט אַמוזירט מיט זײער געלעכטער. אָפט האָב איך אין געלעכטער געשפּירט אַ גוטמוטיקע צופרידנקײט, ווײַל קײן אַנדערן אויסדרוק האָט דער פּרימיטיווער מענטש ניט געפונען און מיט זײַן גוטמוטיקן געלעכטער האָט ער עס געוואָלט אויסדריקן.

אַנדערש אָבער זײַנען די געפילן, ווען דו באַגעגנסט זיך מיט פאָרשטײער פון די אַזיאַטישע פעלקער, גרויסהאַלטער, וואָס דענקען, אַז קולטורעל זײַנען זײ העכער פון די אײראָפּעער. און דערבײַ קומט נאָך צו דער פולער באַוואוסטזײַן זײערער, אַז דער אײראָפּעער איז די

הונגעריקסטע חיה אויף דער ערד, וואָס נישטערט און זוכט אין יעדן פאַרוואָרפענעם ווינקל אויף דער ערד! כּדי אין ריינעם און כּדי אין אומריינעם וועט ער זיינע הענט אַריינשטעקן, עפּעס פון דאָרט אַרויסצושלעפּן. עס איז ניט קיין חידוש דעריבער, וואָס צייטנווייז האָב איך מיר אַליין געפילט אומבאַקוועם מיט מיין איראָפּעיִשן אויסזען, איבערהויפּט צווישן די פעלקער און ראַסן, וואָס זיינען אַליין ניט אַגרעסיוו, און וואָס טראָגן דעם יאָך פון איראָפּעער, מיט אויגן אין דער ערד באַגראָבן.

דער יאַפּאַנעזער האָט שוין טיילווייז אָפּגעדעקט דעם ציניש שמייכל אין זיינע קרומע אויגן בשעת ער רעדט מיט אייך. קענסט אָפּטמאָל אַראָפּלייענען פון זיינע ליפּן די ווערטער:

„טייוול, דו ווייסער, דיר האָט זיך געגלוסט אַריינשטעקן דיינע נעגל אין אונזער לייב אַריין אויך, נאָר דיר איז דאָס ניט געלונגען. איצטער ווייס, אַז ביי אונז באַדאַרף אַזאַ איינער ווי דו אַרומגיין אויף די שפּיץ פינגער, אַז ער קומט צו גאַסט“.

דעם כינעזער איז דער קאָפּ פאַרשלאָגן און בכלל איז ער ווי יענע פיל־פּיסקע באַשעפעניש, אַז מען רייסט אָפּ אַ פוס — שאַדט אויך ניט. וואַקסט אַן אַנדער פוס אויס, אָדער אָן דער פוס באַוועגט מען זיך אויך. נאָר אָפּטמאָל האָב איך ביים כינעזער אויך געקענט אַראָפּלייענען דעם שמייכל פון קיילעכדיקן פּנים:

„מירן דיך איבערלעבן; רייס וויפיל דו קענסט — וועסט זיך מיט דעם דערוואַרגן. מיר האָבן איינגעשלונגען די טאָטערן, מיר האָבן איינגעשלונגען די מאַנדטשוס — וועט מען אויך אייך איבערלעבן“.

אַ גאַנץ פרעמדער געפיל האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אַז איך בין אָנגעקומען קיין אינדיע. אַ ראַסע פון ריינע אַריער, אַזוי פאַראיידלט זיינען די געזיכטצוגן. אַזאַ באַהאַלטענער פייער און דורותדיקע דערפאַרונג אין די אויגן און דו ווייסט דערביי, אַז פון דעם ריין עסטעטישן שטאַנדפּונקט מיאוסט זיך דער אינדוס צו שטיין אין דיינע ד' אַמות. דו ווייסט, אַז ווען דו וועסט טרינקען וואַסער פון זיין גלאָז, האָסטו אים די גלאָז אומריין געמאַכט. און דאָך ביסטו דער הערשער איבער אים. דו, וואָס דו ביסט דער תּויר

אין זיינע אויגן, הערשט איבער אים, דעם פיינעם אַנטילאָפּ פון דזשאַנגל, וואָס דערנערט זיך מיט גראָז.

איך בין צוליב דעם די ערשטע טעג אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער אין די גאַסן פון קאַלקוטע. איך האָב פיל געטראַכט פון מיינעם אַ גוטן פריינט אין שיקאַגאָ, אַ אינדישער דיכטער און דענקער, פּראָפעסאָר מיזראָ, וואָס זייער אָפט האָב איך מיט אים פאַרבראַכט און ער האָט מיר מיט אַ באַהאַלטענער ליידנשאַפט דערציילט פון זיין לאַנד: פון זיין בענגאַליע. ער אַליין האָט זיך געקליידט אין איראָפּעישע קליידער, געשטודירט אין אָקספאָרד-אוניווערסיטעט. און איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין, צוליב וואָס ער האָט זיך צוגעבונדן צו אַמעריקע און נאָך צו דער ווינטיקער און, ביז צום שוואַרץ ווערן, פאַרדויכערטער שטאָט.

אויך ער האָט יעמאָלט געדערט פון דעם וויבן מענטשנס קולטור, וואָס איז בעצם קיין קולטור ניט; עס איז ניט מער ווי אַ ברוטאַלע מאַטעריאַליסטישע ציוויליזאַציע. ער אַליין, אַ בראַמינער, האָט גאַנץ אָפט באַדויערט, וואָס ביי אים אין לאַנד עקסיסטירט אַ קאַסטע-סיסטעמע, וואָס צעטיילט אַזוי דאָס פאָלק; דערציילט פון די פּאַריער, וואָס זיינען גאָר אינגאַנצן אַרויסגעשמיצט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

— אַז דו וועסט זיין אין אינדיע, האָט ער צו מיר געזאָגט, וועסטו זיך שפּירן ווי אַ נאַבלמאַן, אויב דו וועסט האָבן דיין אייגענע דירה. ווייל מיט איין דינער וועסטו ניט אויסקומען. צום ווינציקסטן וועסטו באַדאַרפן האַלטן אַ פיר, פינף מענטשן.

— וואָס הייסט?

— אַזוי גייט עס שוין ביי אונז; איין דינער טוט ניט אַלץ פאַר דיר. איינער האַלט אינעווייניק דיין שטוב, דער אַנדערער האַלט דיין דרויסן. איינער קאָכט און דערלאַנגט צום טיש און אַן אַנדערער גרייט צו און וואַשט די כלים. און בכלל וועסטו באַדאַרפן האָבן דיין פּערזענלעכן באַדינער.

איצטער בין איך אין לאַנד, וואו איך באַדאַרף מיך „שפּירן ווי אַ נאַבלמאַן". און עס קומט אויס גאָר קאַפּויר, אַז כדי פינף מענטשן זאָלן אַרום מיר ניט אַרומטאַנצן — ווילט זיך מיר זיי-

אַלעמען אַרויסזאָגן און אַליין טאָן אַלץ פאַר זיך. אין אפשר טאַקע איז דאָס מיין פריינט, דעם דיכטער, אַזוי פריקרע געוואָרן די מנהגים פון זיין פאָטערלאַנד און דעריבער האָט ער זיך באַזעצט אין אַ לאַנד, וואו מען דאַרף זיך אַליין באַדינען.

איך האָב אָנגעהויבן חושד זיין, אַז יעמאָלט האָט ער דאָס געחוזקט פון מיר אויף אַ פאַרבאָרגענעם אופן, געחוזקט פון דעם „ווייסן מענטשן“, ווייל קיין בעסערן ביישפיל ווי ענגלאַנד האָט ער ביי זיך אין לאַנד ניט געהאַט; און דער ענגלענדער איז דאָך דער נאָבלמאַן, וואָס הייבט זיין רוט מיט אַ באַזונדערן טעם איבער די קעפּ פון די מתנות קנעכט אין אַלע אירע אינטערטעניקע לענדער.

יאָ, איך האָב אַ סך געטראַכט פון אים און עס וואָלט באמת גוט געווען, ווען איך באַגעגן אים דאָ איצטער, אין זיין לאַנד, אין זיין שטאָט. אַ סך, אַ סך וואָלט איך אים איצטער געהאַט צו פרעגן. און ווי אַזוי וואָלט ער מיר אויסגעזען בכלל צווישן די מתנות מענטשן, איינגעוויקלטע אין ליילעכער און אין פאַנאַטיזם? ווי וואָלטן אים געפעלן געווען די באָרוועסע מריט, וואָס זיינען שטענדיק גרייט אָפּצוטרעטן דעם צווייטן דעם וועג?

איך מוז זאָגן, אַז אין ערגעץ האָב איך ניט באַמערקט אַזוי פיל פאַרטייעטע בליקן, וואָס זאָלן מיך נאָכקוקן. אין אינדיע, פון ערשטן טאָג אָן, האָב איך דערשפּירט, אַז פון אַהינטער שטובּ־ווינקלען אַרויס, אָדער פון מענטשן, וואָס זיינען געלעגן אויבן טראָטואַר און געדרעמלט — ווען איך האָב מיר פּלוצלונג אומגעווענדט, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אין בליקן, וואָס מיט אַ אומבאַקאַנטן גלי האָבן זיי מיר נאָכגעקוקט.

דאָס מאָל בין איך אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַלקוטער צענטראַלער ביבליאָטעק און זיך אַראָפּגעלאָזן מיט די אַלטע טרעפּ צום ברייטן אַרויסגאַנג אין קילן געמויערטן הויף, פונוואַנען עס האָט געטראָגן אַ ריח פון פאַרעלטערטקייט.

איך האָב דערהערט אַהינטער זיך טריט; וואָס ווילן מיך אָניאָגן. ווען איך האָב זיך אומגעקוקט צו זען, ווער עס גייט אַהינטער מיר, האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אין אַ פּאָר גליענדיקע, שוואַרצע בליקן פון אַ יונגן אינדוס. מיר זיינען ביידע געבליבן וואַרטן. ער

האָט אַפּנים געוואַרט, אַז איך זאָל אים עפּעס זאָגן. אַ שלאַנקער, אַ יונגער. אין אים איז געווען עפּעס ענלעכס אויף מיין פריינט, דעם דיכטער, וואָס איך האָב געלאָזן אין אַמעריקע. בלויז וואָס יענער איז געקליידעט אייראָפּעיש און מיין באַקאַנטער — אין אַ ווייסן ליילעך אַרום די היפטן, און אַ לייכטן, פורפורנעם ליילעך אַרום די אַקסלען, סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס און אַן אָפּגעדעקטער קאָפּ. די בלוי שוואַרצע האָר אויף אַהינטער פאַרקעמט.

— דאַכט מיר, איך קען דיך, סיר, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן אויף אַ ריינעם ענגליש, און האָט אַראָפּגעלאָזן די ברעמען.

— דאַכט מיר, אַז איך קען דיך אויך, האָב איך פון מיין זייט אָפּגעענטפערט.

— ניין, איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזען, — האָט ער נאָך שטילער געזאָגט — נאָר איך האָב באַמערקט, ווי דו האָסט אין ביבליאָטעק געלעזן אַ בוך פון אונזער גרויסן דיכטער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. און אַ מענטש, וואָס שפּירט זיין פּאָעזיע, דער איז אונז נאָענט. ווייסט דאָך, אַז מיר, אינדוסן, זיינען מענטשן מער פון גייסט: אונזערע נשמות האָבן אַ ווייטן גאַנג נאָך ביים לעבן.

איך האָב גאָר אַליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט אַריינגענומען מיין האַנט אין זיין ווייכער, אויסגעצערטלטער האַנט.

געוויס האָט ער ניט אויסגעזען פון די פּאַריער, פון די אַרויסגעוואָרפענע פון דער געזעלשאַפט, וואָס מיאוסן זיך ניט צו דער־נענטערן צום ווייסן מענטשן. ער איז געווען פון דער העכערער געזעל־שאַפט. ווי איך האָב מיר שפּעטער דערוואוסט, איז ער געווען אַ בראַמינער. נאָר דאָס איז שוין דער נייער פרייער גייסט, וואָס קומט אין אינדיע אויך פון אויבן.

— פיר מיך אין ערגעצן צו דיינע לייט; איך וואָלט גערן פאַר־בראַכט אַ פּאָר שעה אין אַ הויז מיט דער איצטיקער יוגנט.

אַזוי האָב איך מיר געווענדט צו אים.

ער האָט איצטער דרייסטער אַריינגעקוקט אין מיין פּנים און האָט צוגעשטימט. אינאָווענט איז ער געקומען מיך נעמען. געקומען איז ער ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן.

2

אין הויז, געמעבלירט אויפן אייראָפּעיִשן שטייגער, האָט געהערשט אַ געהויבענע שטימונג, ווען איך בין אָנגעקומען. ביי זעקס יונגעלייט פון סטודענטישן עלטער און צוויי יונגע פרויען זיינען געזעסן אַרום אַ טיש, אויף וועלכן עס איז געווען געסערווירט זיסע שפּייזן. די יונגע פרויען זיינען געווען מיט זייערע מענער.

מען האָט מיך תּחילת באַגעגנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. יעדער איינער פון די מענער האָט וואַרעם און לאַנג געדריקט מיין האַנט. די פרויען, אַ ביסל פאָרזיכטיקער, גלייך מיין האַנט וואָלט זיי געבריט, און האָבן די ברעמען אַראָפּגעלאָזן. איך האָב באַמערקט, אַז אין דער ברוינלעכער הויט פון פּנים איז קאָליר צוגעקומען. נאָכן באַגריסן זיך און נאָכדעם, ווי אַלע בליקן האָבן זיך אין מיר איינגעקעבערט, איז אָנגעשטאַנען אַ שטילקייט, וואָס איז נייטיק געווען איבערצורייסן.

איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— בין איך איצטער ביי „יונג אינדיע“ צו גאַסט?

דאָס איז זיי געפעלן געוואָרן. בכלל ווירקט דאָס וואָרט „יונג“, ווי אַ גוטער ווין אין דער געזעלשאַפט פון אוראַלטע פעלקער. יונג מיינט דאָ רעוואָלוציע. דאָ איז יונג אַ רעווערַאַנס צו דער צוקונפט. יונג מיינט אַ בליק טאָן צו אייראָפּע. און דאָ איז אָנגעשטאַנען אַ צייט, וואָס דער באַגריף אייראָפּע איז אַלט געוואָרן. ווער עס באַטראַכט אייראָפּע פאַר אַן אַלטן לייב און ווער — פאַר אַן אַלטער היענע, וואָס רופט אַרויס גיכער עקל, ווי רחמנות. „יונג-אינדיע“ איז אַ געפליגלטער באַגריף. דערוואַכונג, צערייסן קייטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם. אַ באַגריף פון אַ פאַראייניקטער אינדיע מיט אַ דריי הונדערט מיליאָניקער באַפעלקערונג. און נאָך עפּעס: יונג-אינדיע, מיינט ניט אַ פאַרייניגערונג דורך אייראָפּעיִשע מעטאָדן.

— מאַכט איר אַן אונטערשייד צווישן אייראָפּעער און אייראָפּעער, לאָמיר זאָגן, צווישן ענגלענדער און דייטש, צווישן דייטש און אַמעריקאַנער?

מיין פראַגע איז געווען אומדערוואַרט. עס איז ווידער אָנגעשטאַנען אַ שטילשווייגן. אויף דער פראַגע איז ניט אַזוי באַקוועם

צו ענטפערן אָפנהאַרציק. דער כינעזער האָט אַלע אייראָפּעער פאַראַלגעמיינט אונטער דעם נאָמען: „דער ווייסער טייוול“. אין דער טיפעניש ביים אַזיאַט קען אפשר זיין אַ קלערערער באַגריף ווי „ווייסער טייוול“. איך האָב שוין אין אַפריקע געהערט, ווי מען פאַרגלייכט דעם ווייסן מענטשן צו ווייסע מוראַשקעס, וואָס פרעסן אויף אין צעשטערן אַלץ, וואָס זיי מאַכט זיך אין וועג. דער עיקר טראָגן, פאַר דעם אַזיאַט, דעם אייראָפּעערס מעשים מער אַ צעשטערנדיקן כאַראַקטער. די גאַנצע טעכניק אונזערע האָט בלויז איין ציל: צעשטערן און צעשטערן.

פונדעסטוועגן האָט זיך איינער איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער אָרט, האָט זיך באַפרייט פון אַ שלאָס, וואָס איז אים געלעגן אויפן מויל און האָט אָנגעהויבן:

— דערווייל זיינען מיר ניט בכוח חורכצוקלייבן זיך און מאַכן אַ אונטערשייד צווישן ווייס און וויים, ווי עס איז שווער דורכצופירן אַ ליניע צווישן שלעכט און שלעכט. אונז טיילן פונאַנדער אַ סך דורות און נאָך מער פון אַלץ — מזרח און מערב! איר זייט דער מערב. אויף יענער זייט מערב לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט.

— דו האָסט דעם עיקר אַרויסגעלאָזן, — האָט איצטער גאַנץ פריי באַמערקט אַ צווייטער — וואָלסט אַזוי באַראַפּט פונאַנדערטיילן: „בעת זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אויף אַלערליי וועגן זוכן פאַרגעניגנס צו באַפרידיקן דעם גוף, זיינען מיר נאָך אַלץ דערהויבן צוליב אונזער נשמה, וואָס אין איר שפיגלען מיר אינזער לעבן“.

— ביי אַייך ווייסט איר ניט פון צאַמען די אינסטינקטן און דאָס אינדישע פאָלק האָט פון אַלע צייטן געשטרעבט צו אַזאַ שלמות, זיך אַליין צו קענען באַפעלן; שטאַרקן דעם גייסט אויפן חשבון פון גוף, און איר שטאַרקט דעם גוף אויפן חשבון פון גייסט.

איך האָב פון אַ זייט אַ בליק געוואָרפן צו די צוויי יונגע פרויען, וואָס זיינען געזעסן איינס צום אַנדערן צוגעדריקט, מיט דעם אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג אויף דער דרייסטקייט פון די מענער.

מיר איז גאָרניט אײַנגעפאַלן איצטער זיי איבערצושלאָגן. געוואוסט, פונוואַנען עס נעמט זיך ביי זיי די פאַרביטערטע באַציִונג. כאָטש בלויז עטלעכע טעג בין איך אויף אינדיעס ערד און אַליץ, וואָס איך האָב געזען ביז איצטער אין די גאַסן פון זייער לעבן, קען איך ניט אָפּשיידן פון דעם אַלגעמיינעם לעבן. בפרט, ווען אין די גאַסן שפּרייטן זיך די ברייטע מאַסן, ביי וועמען דער קאָפּ איז פאַרקלאַפּט, גאָרניט צו טראַכטן פון דער אייגענער, ביז צום שטויב דערנידעריקטער לאַגע. דערווייַלע, אין די גאַסן, אַז איך גיי אום און באַטראַכט דעם עולם, זע איך, אַז זייער גורל ליגט גאָרניט אין די הענט פון ווייסן מענטשן, ווער עס זאָל ניט זיין — ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד אָדער אַמעריקע, — וואָס איז באמת דער חילוק, ווער עס באַפעלט מיסט צו טראָגן, אַן אייגענער, צי אַ פרעמדער? און אויב דעם פאַריער איז ליבער צו פאַרנעמען אַ זידל־וואָרט, צי אַ קלאַפּ פון אַן אייגענעם, איז האָך עס אַ באַוויז, אַז קנעכטשאַפט און אונטערטעניקייט האָט נאָך אויך איר פאַלשע פילאָסאָפיע.

איך האָב פיל מאָל געהערט אין פאָלק זאָגנדיק: „פון אַן אייגענעם איז מען מחויב צו ליידן, אָבער פון אַ פרעמדן — אַזוי נידעריק בין איך נאָך ניט געפאַלן!"

דאָס האָט דער אייגענער אונטערדריקער אַרומגערינגלט זיינע מעשים מיט אַ שלייער פון אַ געוויסער טוגנד און אַזוי גייט עס נאָך יאָן אין לעבן. מיר איז גאָרניט אײַנגעפאַלן צו פאַרטיידיקן דעם איראָפּעער, וואָרעם אויף וויפיל דער מזרח־מענטש באַטראַכט דעם איראָפּעער נאָר אין דעם „ליכט", וואָס דער איראָפּעער צינדט אָן אין אַזיע — האָט ער אויף דעם די פולע רעכט.

איך האָב געזאָגט:

— ביי אונז קען מען אייער מאַהאַטמאַ גאַנדהי און דעם אופן, ווי ער וויל באַפרייען דאָס אינדישע פאָלק. און מיר קענען אויך די ווערק פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. איך גלויב, אַז דער לעצטער שטייט נענטער צו דער ווירקלעכקייט, ווען ער זוכט אַ בריק, וואָס זאָל פאַראייניקן דעם מזרח מיטן מערב, און ווייל ער דענקט, אַז די מדרגה פון קולטור, וואָס די מערב־פעלקער האָבן דערגרייכט, איז

ניט צו פאַרלײקענען. און דער עיקר, גלײב איך, אַז דעם מוט, מיט װעלכן איר קעמפט אַנטקעגן אײַערע אונטערדריקער — האָט איר אױסגעבאָרגט בײַ די אײראָפּעישע קעמפער.

זײ האָבן זיך אַלע דורכגעװאָרפן מיט בליקן. עס איז צו פשוט געװען. ענטפערן איז געװען שװער, װײל ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז באַליבט אין בענגאַליע און עס װאָלט ניט געװען טאַקטיש אים צו פאַרלײקענען אין די אױגן פון אַ פרעמדן.

מיר האָט זיך געװאָלט הערן אַ פּאָר װערטער פון די פרױען. איך האָב געפרעגט דער עלטערער, כאָטש מער װי צװאַנציק יאָר איז זי ניט געװען אַלט (אַגב האָב איך באַמערקט דעם רױטן װערמיליאָן־צײכן אױפן שטערן, איבער די אױגן):

— איך זע, אַז איר שטאַמט פון בראַמינער און, װי שטימט עס מיט אײַער איבערצײגונג צו פאַרברענגען מיט אַן אײראָפּעער און עסן מיט אים בײַ אײן טיש?

האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ענטפערס:

— מיר גײען אַנטקעגן דעם שטראָם איצטער; עס גײען די מענער און עס גײען די פרױען.

— אונזערע טאַטעס װעלן זיך אונטערגעבן.

— װײל אין אונזער אַרבעט ליגט די באַפרײונג און זײ, גלײך מיט אונז, װילן זײן נאַציאָנאַל באַפרײט. אָהאָ, זײ װעלן זיך אונטערגעבן.

— איצטער זעען זײ, אַז די יוגנט איז גערעכט.

און אײנער, דער לעצטער, האָט גאָר ניט װילנדיק אַרױסגעזאָגט:

— איך קען מיט מײן טאַטן בײַ אײן טיש ניט זיצן, ער האָט מיך דערקלערט פאַר אומרײן.

דאָ האָבן זײ זיך אַ ביסל פאַרפּלאָנטערט. און װעלנדיק פאַרבעסערן דעם אײַנדרוק, האָט אײנער פאָרגעלײגט, אַז מען זאָל פאַר מיר באַװײזן אַ בײשפּיל פון שטאַרקן װילן. עס האָט זיך אױפגעהױבן פון טיש דער קלענסטער און, װאָס האָט מיר אױסגעזען דער שװאַכסטער. ער האָט אױסגעשטרעקט זײן רעכטע האַנט און געהײסן זײַנע חברים, מען זאָל זי אים אַראָפּברענען. זײן האַנט איז געבליבן

ווי אַ שטאָלענע שטאַבּע גלייך אויסגעשטרעקט. פינף האָבּן זיך אָן דער האַנט אָנגעהאַנגען און ער איז געבּליבּן שטיין גלייך צו דער ערד צוגעשמידט.

— דאָס איז אונזער ווילן און ניט – דער ריינער פיזישער כוח. פאַרהאַן בּיי אונז אַזוינע, וואָס קענען איינהאַלטן אַן אַוטאָ־מאָבּיל פון צוואַנציק פערד קראַפט און ניט לאָזן אים זיך רירן פון אָרט. פאַרהאַן בּיי אונז אַזוינע, וואָס לייגן זיך אַנידער, דער קאָפּ אויף איין קלעצל און די פיס אויף אַן אַנדערן, און דער גאַנצער גוף בּלייבּט אין לופטן. מען לייגט אַוועק אויף אים אַ שווערן שטיין פון אַ טויזנט פונט און פיר מענטשן צעהאַקן אויף זיין קערפּער מיט שווערע האַמערס דעם שטיין.

בּיי די יונגע פרויען האָט זיך בּשעת־מעשה אָנגעצונדן אַ פייער אין פּנים, ווען דער פּרינץ זייער האָט פאַרן פרעמדן בּאַווייזן דעם שטאַרקן ווילן.

— און וואָס וועט זיין, ווען דאָס גאַנצע אינדישע פאָלק וועט אַזוי פאַרשטאַרקן דעם ווילן און וועט אויך קענען בּאַפעלן זיין ווילן?

— אָ, יעמאָלט, האָלטן מיר בּאַהערשט די גאַנצע וועלט.

איך האָבּ אַ שמייכל געטאָן און עס האָט זיך פון מויל אַרויס־געכאַפּט:

— איך ווינטש אייך ניט דאָס גרויסע גליק, צו בּאַהערשן די גאַנצע וועלט.

— אָ, ניין. מיר וואָלטן ניט געהערשט ווי דער אייראָפּעער, מיט זיין בּייזן ווילן, מיט זיין בּרוטאַלן ווילן. מיר וואָלטן יעמאָלט אַנט־וויקלט בּיי דער וועלט דעם גוטן ווילן, וואָס רירט ניט אָן קיין פליג אויפן וואַנט; דער גוטער ווילן, וואָס האָט בּיי אונז אין לאַנד דער קין אָפּגעגעבּן אַזאַ אָרט אין לעבּן און בּאַהאַנדלט זי, ווי עס בּאַהאַנדלען גוטע עלטערן זייערע ציטעריקע קינדער.

מיר איז געקומען אויפן זינען ראַבּינדראַנאַט טאַגאָרעס אַ פּאָר שורות, וואו ער זאָגט, אַז: „די מיסטעריע פון לעבּן איז אַזוי גרויס, ווי דער שאָטן פון דער נאַכט, און די אילוזיע פון ווייסן איז ווי דער נעפּל פון פרימאָרגן". און איך האָבּ געטראַכט, אַז אַפילו

יעמאָלט, ווען זיי רייסן אַראָפּ דעם שלייער פון זייער ווירקלעכ-קייט, בלייבט נאָך אַלץ איבער דער נעפּל פון פרימאָרגן. איך האָב ניט געגלויבט פריער, ווי ווייט די שאָטנס פון דער נאַכט ליגן נאָך אין אינדיע איבערן לעבן איינגעשפּרייט.

זיי האָבן מיר שפּעטער געזונגען לידער פון טאַגאָרעס גיטאַנדזשעלי. איך האָב געגלויבט דעם גוטן ווילן זייערן. און באמת איז דאָס געווען אַ פרידלעך בילד און אַ רעוואָלוציאָנער בילד פון זייער שטאַנדפּונקט, צו קענען זיך אַרויסרייסן פון טאַטנס הויז און ווענדן די בליקן מער צום וויסן, ווי צו די שטערן.

די גאָר אומגעריכטע באַגעגעניש האָט אין די ערשטע טעג פון מיין זיין אין קאַלקוטע אויפגעפּנט אַ פּאָרהאַנג פון דער נאַכט אַרויס צום פרימאָרגנדיקן לעבן.

גאָט, מענטש און פאַרזעניש

די לעצטע דורות ווייסט ניט די וועלט פון אַזאַ קלאַסן-צעטיילונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט ווי די, וואָס הערשט פון טויזנטער יאָרן אין אינדיע.

די קאַסט-סיסטעמע.

אַ פולע פאַרקריפלונג דורך אומגעלומפּטער אָרדענונג. צעשניטן איז די געזעלשאַפט לענג און ברייט. צעטיילט אויף קאָפּ, הענט און פיס. אויף אָפּפאַל און מיסט, אויף גאָט, מענטש און פאַרזעניש. און שטרענג איז די מחיצה צווישן קאַסטע און קאַסטע, מיט אַ פייערדיקער וואַנט איז די צעטיילונג. ניט אַרויס און ניט אַריין.

לאָמיר אָנרופן די פיר הויפּט-קאַסטעס:

צום ערשטן קומען די בראַמינער. די גאָר אויסדערוויילטע, פריסטער, האַלבע געטער אין מענטשן-געשטאַלט, וואָס אין דער אייגענער צייט האַלטן זיי דאָס פאָלק אין פינסטערניש. דערנאָך קומען די קשאַטריער, די אַנשי-מלחמה, די קריגער. אויפן דריטן פּלאַץ שטייען די וואַסיער, די לאַנד-אייגנטימער און סוחרים. אויפן פערטן פּלאַץ קומען די סודראַס, וואָס שליסן איין אַלע האַנטווערקער; אַלע, וואָס באַאַרבעטן יענעמס ערד, בעל-מלאכות און קונסט-טוער.

כאָטש די אַלע, וואָס גייען אַריין אין די פיר אויבנדערמאָנטע קאַסטעס, זיינען לויט טראַדיציע געבוירן געוואָרן צו צוויי מאָל, אַלע די אייגענע יחסנים, פונדעסטוועגן זיינען די בראַמינער די קרוין פון דער געזעלשאַפט. לויט דער טראַדיציע זיינען די בראַמינער געבוירן געוואָרן פון דעם גרויסן גאָט, בראַמאַס מויל. די קשאַטריער קומען אַרויס פון בראַמאַס אָרעמס, די וואַסיער — פון זיינע היפּטן און די סודראַס קומען אַרויס פון בראַמאַס פיס. נידעריק

געגט. דאָס וואָלט נאָך ניט אויסגעמאַכט, ווען אינדיע פאַרמאָגט נאָר ניט די מיליאָנען גאָר אַרויסגעשליידערטע אויסער יעדער קאַסטע: פאַריער!

די טמאים, די אומריינע, און ווי, די אַרויסגעשליידערטע, זיינען די אייביקע קנעכט ביי דער געזעלשאַפט.

אין גרונט איז נאָך יעדע קאַסטע באַזונדער צעטיילט אויף אַלערליי סעקטעס מיט אַ באַזונדערער רעליגיעזער שאַטירונג, וואָס דאָס באַשאַפט אַ גאַנץ שאַרפע פונאַנדערטיילונג. די סודראַס אַליין זיינען צעטיילט אויף אַריבער הונדערט סעקטעס. דאָס איז אַ רע־ליגיעזע צעטיילונג. נאָר יעדער פאַך און יעדע מלאכה ליגט איר שטעמפּל אויפן מענטשן פון אַלטע דורות אָן און ער קען זיך פון דעם שטעמפּל ניט אָפּזאָגן. און ניט נאָר איז די קאַסט־צעטיילונג אַ רעליגיעזע — די צעטיילונג צווישן די פאַכן אין יעדער קאַסטע באַ־זונדער איז אַ רעליגיעזע.

עס קען זיך קיינער ניט באַשעפטיקן מיט צוויי באַזונדערע מלאכות און ער קען זיך פון זיין צעך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן און טאָן עפּעס אַנדערש. קינדער, וואָס ווע־ן געבוירן פון קופּערשמידן, מוזן בלייבן אין זייער פאַך. קינדער פון סטאָליאַרעס וועלן שוין זיין סטאָליערס. קינדער פון שניידער, שוסטער און פון יעדן פאַך באַזונדער קענען זיך ניט אַרויסרייסן פון דעם פאַך, וואָס זייערע טאַטעס האָבן שוין אָנגעהאַלטן. אַזוי גייט עס שוין מער ווי דריי טויזנט יאָר. אַ פאַרכישופטער קרייז, ניט אַרויס פון אים. עס איז געגאַנגען פיל ווייטער דער אַבסורד: איין מלאכה איז מער יחוס און די אַנדערע — ווינציקער. די אַלע, וואָס אַרבעטן ביי לעדער, גאַר־בערס, שוסטערס א. ד. ג. — זיי געהערן צו איינער פון די נידעריקסטע קאַטעגאָריעס. וועשערס שטייען נאָך נידעריקער. שע־רער — נאָך נידעריקער. דערנאָך קומען די פאַריער, די אַרויסגע־שליידערטע פון דער געזעלשאַפט, וואָס זיינען פאַרמשפט אויף אייביק צו בלייבן די מיסטפירערס, די גאַסן־ריי־ניקער און די אונטער־ראַמערס פון דער געזעלשאַפט.

יעדע קאַסטע, ווי יעדער פאַך, טראָגט איר צייכן, האָט איר שפּראַך, איר באַנעמונג, און ווייַ צו דעם, וואָס וויל אַרויס פון זיין

קאַסטע אָדער אויפגעבן זיין פאַך. יעמאָלט ווערט ער אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן פון דער געזעלשאַפט. יעמאָלט איז ער אין חרם און עס בלייבט פאַר אים צו גיין אויפן מיסטבאַרג. בעטלען איז אויך פּראָפעסיאָנעל אין אינדיע. פאַראַן אַ בעטלער=קאַסטע. און אויך גנבים האָבן זייער פּראָפעסיאָנעלע קאַסטע.

קיין אַנשי=מלחמה האָט ניט אינדיע ביי היינטיקע צייטן. דעריבער איז פון זיי ניטאָ וואָס צו ריידן. נאָר די סודראַס און די פּאַריער, די מחוץ=למחניקעס, זיי זיינען אפשר אַכט צענטל פון דער געזעלשאַפט, און פונדעסטוועגן זיינען זיי בנוגע דעם בראַמינער טמאים אַלע. און די בראַמינער זיינען די, וואָס האָבן אין פינסטערניש אַיינגעוויקלט די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. זיי זיינען מיליאָנען אין אינדיע. מיליאָנען מענטשן=געטער, וואָס פראַוון חסידות און דיקטירן נאָך עד=היום דאָס גאַנצע לעבן. די בראַמינער האָבן דעם פּאַטענט אויף די הייליקע וועדאַס, די אוראַלטע שריפטן, הימנעס צו דער נאַטור און צו די געטער, וואָס מען האָט געדינט. די בראַמינער האָבן אין די וועדאַס אַיינגעטייטשט אַלע תורות פון דער וועלט. אין די וועדאַס, ווי עס ווילן האָבן די בראַמינער, האָט זיך שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געפינען דער סוד פון אַעראָפּלאַנען און אַייזנבאַנען — אַלע חכמות און דערפינדונגען. און די אַלע סודות פון דער וועלט ליגן אין די הענט פון די בראַמינער. אַלע באַפוילטע טראַדיציעס לעבן דורך די וועדאַס זייער לעבן צוליב די בראַמינער. דאָס פאָלק דינט צו זיי אונטערטעניק און יעדער בראַמינער אַליין גלייבט, אַז ער פאַרקערפּערט אין זיך אַלע געטער, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן צום גרויסן גייסט און באַשעפער בראַמאַ. אַז דער בראַמינער ברענגט קרבנות, איז דאָס צום גאָט, וואָס זיצט אין אים אַליין.

די בראַמינער האָבן קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז מענטשן, וואָס געהערן צו די אַלע אַנדערע קאַסטעס, זאָלן זיך קענען דערנענטערן צום קוואַל פון וויסנשאַפט. פאַר זיי איז געלערנטקייט געווען פאַרבאָטן. אַפילו בעת מען האָט מקריב געווען קרבנות צו די געטער, האָבן זיך די סודראַס באַדאַרפט האַלטן פונדערווייטנס. צום בראַמינער אין שטוב אַריין טאָר ניט אַריינקומען אַ מענטש פון אַ ני=

דעריקער קאַסטע, ווייל ער איז מטמא דאָס הויז. ווען דער וועשער ברענגט אָפּ די וועש, וואַשט מען עס נאָך אַמאָל. דעם שערער וואַרפט מען צו דאָס געלט אין האַנט און דערנאָך באָדט מען זיך אַליין, ווייל דער שערער האָט מטמא געמאַכט. צען טריט אָפּגעטראָטן שטייט אַ מענטש פון אַ נידעריקער קאַסטע, בעת ער רעדט מיט איינעם פון אַן העכערער מדרגה. און ווען אַ סודרא, למשל, זאָל באַדאַרפן רעדן, אָדער אָנקומען צו אַ בראַמינער, ציט ער זיך אויס מיט זיין גאַנצער לענג אויף דער ערד, אונטערטעניק, איידער ער איז זוכה נאָר צו ווייזן זיך פאַר אים.

שוין אַריבער הדיי טויזנט יאָר, אַז די בראַמינער דיקטירן דאָס לעבן ווי זיי געפעלט און ווי זיי לוינט, און האָבן אָפּגעחתמעט אין נאָמען פון די געטער יעדע פונאַנדערטיילונג פון דער געזעלשאַפט.

עס טאָרן זיך ניט משדך זיין צווישן זיך מענטשן פון פאַרשיידענע קאַסטעס און פאַרשיידענע פאַכן. אַ שניידער קען זיך ניט משדך זיין מיט קיין שוסטער, אַ סטאָליער קען זיך ניט משדך זיין מיט קיין שלאָסער, יעדער מוז בלייבן אין זיין קרייז. כסדר פאַראומרייניקט איינער דעם אַנדערן. מען עסט ניט צוזאַמען, מען זיצט ניט אינאיינעם ביי איין טיש, ווען מען איז ניט פון דער אייגענער מדרגה. ווען אַ סודרא מאַכט אַ יום-טוב פאַר אַ בראַמינער, טאָר דער באַלעבאָס ניט זיין דערביי, טאָר ניט עסן אינאיינעם מיטן גאַסט.

צווישן די בראַמינער געפינען זיך אַ סך פּראָצענטניקעס. זיי זיינען אויך פעיקע קרעמער, כאָטש לויט טראַדיציע טאָרן זיי ניט האַנדלען מיט אַלצדינג. זייער איינציקער זכות, וואָס זיי זיינען וועגעטאַריער, דער גרעסטער טייל פון זיי עסט ניט קיין פלייש, אָבער צאַפּן דאָס בלוט ביי די נידעריקע קאַסטעס — דאָס מעג מען.

וואָס פאַר אַ צרות עס האָט אויסצושטיין דער יונגער דור, וואָס וויל זיך באַפרייען פון די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע שטריק, וואָס בינדן זייערע טריט! עס איז דאָך גענוג, אַז אַ קינד פון אַ בראַמינער האָט געגעסן מיט אַ מענטשן פון ניט זיין מדרגה, — ווען מען דערוויסט זיך פון דעם, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון טאַטע-מאַמעס שטוב. ער פאַראומרייניקט די שטוב, ווען ער קומט אַריין און מוז דעריבער עסן דרויסן איינער אַליין. און דער ווייבער מענטש, דער

אייראָפּעער, איז גאָר אַ טמא זאַך. קיין בראַמינער וועט מיט אים ניט עסן ביי איין טיש. ער וועט ניט אײַנלאַדן דעם ווייסן מענטשן צו זיך אין שטוב אַרײַן. טאָמער האָט מען געמוזט עפֿענען די שטוב פֿאַר אַ ווייסן מענטשן, רייניקט מען דערנאָכדעם די שטוב און מען שמירט די פּאָדלאָגע מיט קו=מיסט. דער דורכשניטלעכער אינדוס טרינקט ניט פֿון קיין גלאָז, וואָס אַ ווייסער מענטש האָט באַנוצט. דער ווייסער מענטש אין אינדיע מוז אָנקומען צו די פּאַריער, אויב ער וויל מען זאָל אים באַדינען.

אַז מען טראַכט זיך אַרײַן אין דעם ענין, איז דאָך עס אַ אומגלייבלעכער קאָשמאַר. מען קען צײַטנווײַז געפֿינען אַ שטיקל זכות אויף דעם, וואָס איין מענטש טאָר ניט טאָן צוויי מלאכות, כּדי עס זאָל זײַן פֿאַר נאָך אַ מענטשן וואָס צו טאָן. אָבער פֿאַרוואָס טאָר אַ מענטש ניט בײַטן זײַן פֿאַך? און פֿאַרוואָס קען איינער זיך ניט אַרויסרײַסן צו עפּעס בעסערס, אויב ער האָט ענערגיע און באַלאַנג? עס ווערט דער מיסטקערער געבוירן מיטן בעזים אין האַנט, דער שערער — מיט דער שער אין האַנט. עס האָבן ביז איצטער נאָר קינדער פֿון בראַמינער געקענט שטודירן. עס איז געווען פֿאַרווערט צו לערנען קינדער פֿון אַ נידעריקער קאַסטע. די דאָזיקע מיסטקערער אין די גאַסן, אָנהייבנדיק פֿון אַכט=יאָריקע קינדער און עלטער, זײַנען די, וואָס רעדן פֿון זייער אייגענער פֿאַרמשפּטקייט און פֿון דעם גאַנצן לעבן, וואָס איז פֿאַרמשפּט דורכן טייוול.

ווען ענגלאַנד האָט אין לעצטן יאָרהונדערט אײַנגעשלאָסן אינדיע אין איר קיניגרײַך, האָט זי אָפּגעמאַכט מיט אינדיע ניט צו מישן זיך אין רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, ניט צו שטערן דעם לעבנסשטייגער און דער עיקר, ניט אָנצורירן די קאַסטע=סיסטעמע. ווער איז דען געווען די „אינדיע“, מיט וועמען ענגלאַנד האָט אָפּגעמאַכט? דאָס זײַנען דאָך געווען די פֿריערדיקע הערשער, די פּרינצן, די ראַדזשאַס און מאַהאַראַדזשאַס. סײַ פֿאַר די אַלטע הערשער און סײַ פֿאַר די איצטיקע הערשער איז דאָך נייטיק, אַז עס זאָל בלײַבן בײַם אַלטן — בײַ גאָט, מענטש און פֿאַרזעעניש. איצטער איז דאָך דאָס גאַנצע אינדישע לעבן געגליכנט צו אַ שטייגער עופֿות און אַלע זײַנען געבונדן אונטער די פֿליגל. טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט. קענסט

מיט זיי ברוקירן די גאַסן, פאַרשטאָפּן רינשטאָקן און וואַרפן אין פייער אַריין.

איב איינער מיטן אַנדערן עסט ניט ביי איין טיש צוליב דעם, וואָס דער נידעריקער איז מטמא די הויז, אָדער, ווען אַ סודראַ, למשל, קומט אַריין אין קיך פון אַ בראַמינער, באַדאַרף מען צעברעכן די ליימענע כלים, ווייל ער האָט מיט זיין בליק אומריין געמאַכט; אַז איב אַ בראַמינער איז געגאַנגען פון זיין באָד און אַנטקעגן אים איז אָנגעקומען אַ פּאַריער, אָדער אַן אַלמנה איז אים געקומען אַנטקעגן, איז ער צוריק אומריין געוואָרן; און איב אַפילו סעקטן באַזונדערע, כאָטש זיי געהערן צו דער אייגענער קאַסטע, טאָרן זיך ניט משדך זיין צווישן זיך — איז ווי אַזוי קען מען פאַראייניקן דאָס פאָלק אין צייט פון נויט? אין צייט פון אומגליק? ווי אַזוי קען מען אַלעמען אַוועקשטעלן מיטן פנים צו מזרח און אָנווייזן: זע, דער מאָרגנשטערן גייט אויף?

און די גרויסע שנאה, וואָס הערשט צווישן די איבער צוויי הונדערט מיליאָן אינדוסן און די אַכט-און-זעכציק מיליאָן מאַכמעדאַנער, זייערע אַמאָליקע הערשער — דאָס איז דער גרויסער פּירוד-לבבות, וואָס הערשט איבער דער דראָבנער און גהינומדיקער פּינאַנדערטיילונג. איצטער איז קלאָר, פאַרוואָס די „יונגע ווינטן", וואָס בלאָזן דאָ אין לאַנד, טראָגן אויף אַזויפיל שטויב, וואָס פאַרשיט די אויגן פון די באַפרייער. פונוויטן מיינט מען, אַז אינדיע צאַפּלט זיך בלויז אין די נעגל פון זייערע פרעמדע אונטערדריקער — פון ענגלאַנד. ניין, ענגלאַנד איז דער פרעמדער כּוח, וואָס בראָט קאַשטאַנעס אין אַ פרעמדן פייער, און בלאָזט אויף דעם פייער און וואַכט איבער אים, ער זאָל זיך ניט אויסלעשן אַזוי גיך.

אינדיע איז אַ לאַנד, וואו דאָס פאָלק שלאָפט מיט וואַכע נערוון און איז וואַך, ווי אַ נאַכט-וואַנדלער איז וואַך. עס וואָלט גאָר קיין שום דרויסנדיקער כּוח ניט געקענט פאַרגוואַלטיקן אַ פאָלק פון דריי הונדערט מיליאָן, ווי צעריסן עס וואָלט ניט געווען דער אינערלעכער בונד. מיר האָבן איצט פאַר זיך אַ ביישפּיל כינע. אַלע ווייסע נאַציעס האָבן נאָר שטיקלעך געפּליקט פון כינעס ברעגעס. און איצטער זעט מען, ווי איינקייט קוועלט ביים פאָלק. ווייל אין כינע קען

איך פון דער אָרעמקייט אויפקומען אַ פּירעי. דאָרטן איז יעדערער פריי צו דערהויבן זיך. ווער געראָטן, ווער מיט מאַרך, האָט געקענט אַפילו ווערן אַ מאַנדאַרין. און דאָ, אין אינדיע, איז די לינקע האַנט מטמא די רעכטע. פון צווישן שניידער טאָר ניט אַרויסקומען קיין אַרכיטעקט, פון שוסטער קען ניט אַרויסקומען קיין רופא. דאָ דינט מען נאָך צו אַלע געטער, וואָס דער פאַנאַטיזם האָט דורך אַליע דורות באַשאַפן, דאָ ברענגט מען נאָך עפּענטלעך לעבעדיקע קרבנות צו די געטער. און איבער דעם — די בראַמינער, די האַלבע געטער, וואָס האַלטן דעם סוד פון לעבן אין זייערע הענט און פאַרפינסטערן די מוחות פון די הונדערטער מיליאָנען.

ווי שוידערלעך פאַרפלאָנטערט איז דאָס לעבן דאָ, אַז מען באַטראַכט עס פון נאָענטן. שוין ניט ריידנדיק, ווי גרויס עס איז דער טרויער, צו זען אַזאַ גרויס פאָלק אונטערטעניק און כמעט אין קנעכטשאַפט ביי אַ דרויסנדיקער מלוכה. אין הור־דורותדיקער פינסטערניש לעבט נאָך דער גרעסטער טייל פון אינדישן פאָלק. און די, וואָס ווילן באַפרייען דאָס פאָלק, בלאָנדזשען אום ווי איין־און־איינציקע ליכטער אין דער דאָזיקער פינסטערניש.

אַ טאָג אין גאַס

(בלעטער פֿון מיין טאָגבוך)

קאַלקוטע, 15 דעצעמבער.

1. אַ טראָפּן האָניק.

...היינט בין איך אַרויס פֿון שטוב פּונקט אין דער צייט, ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען. דאָס ערשטע פֿרימאָרגן־ליכט איז מיט העלע פֿלעקן געפֿאַלן אויף אַ הייליקער קו, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טראָטואַר, און אויף אַ קעלבעלע, נאָך מיט ציטעריקע פֿיס, ווייזט אויס, ביינאַכט געבוירן געוואָרן, וואָס איז געשטאַנען און געזויגט מילך ביי דער מאַמעס איטער. פֿאַרבייגייענדיק, האָב איך דאָס קעלבעלע אַ גלעט געטאָן. האָט די מאַמע־קו אָפּגעווענדט דעם קאָפּ אויף מיין זייט און געוואָרפֿן אַ בליק אויף מיין האַנט, וואָס האָט געגלעט איר קינד.

אַ ביסל ווייטער זיינען געזעסן, אַראָפּגעבויגן אויף די שפּיץ פֿינגער, פֿיר אינדוסן איינגעוויקלט אין ווייסע „דאָטיס“, איבערגעבויגן פֿון טראָטואַר צום גאַס. אין דער לינקער האַנט אַ ביסל אַש און מיט דער רעכטער האַנט, מיט אַן ווייך העלצל, האָבן זיי געריבן און געשמאַק געשייערט די ווייסע ציינער; לאַנג געשייערט, מיט כּוונה און דערנאָך געשווענקט דאָס מויל מיט וואַסער, וואָס זיי האָבן געגאָסן אין האַנט פֿון אַ ריין, אויסגעשייערטן מעשענעם קריגעלע. אַז איך בין פֿאַרבייגעגאַנגען, האָבן אַלע פֿיר פֿון דער זייט געווענדט צו מיר זייערע בליקן. איך האָב זיי צוגעוואָרפֿן אַ „גוט מאָרגן“, האָבן זיך אַלע צעשמייכלט, בלאַנקענדיק מיט די אַלבאַסטער־ווייסע, אויסגעוואַשענע ציינער.

אַזוי קען זיך אָנהויבן אַ טאָג אין אַ גרויסער שטאָט נאָך אין אינדיע. פֿרידלעכע אַסאָציאַציעס קומען שפּעטער איינס נאָכן אַנ=

רעדן, ווי עס קומען אָן פֿון צווישן גראָזן אַרויס שמעטערלינגען צו פֿליען, — ווען דער טאָג צעוואַרעמט זיך. מיר האָט זיך דעריבער אויסגעוויזן, אַז צו שווער טרעט איך היינט די ערד און, אַז עס וואָלט צייט געווען אָפּצוגעוויינען מיינע טריט פֿון דער האַסטיקייט, צו וועלכער עס האָבן מיך צוגעוויינט ניו־יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז און די אַלע אַנדערע, היינטוועלטיקע שטעט און ווייטערע אײַנוואוינער, וואָס האָבן אין מיר אַריינגעזאָפּן די קוועקזילבער פֿון היינטיקן יאָרהונדערט.

פֿאַרהאַן בײַ די אינדוסן אַ מעשה, צו פֿאַרזיסן דעם שווערן לעבן:

„אַ מענטש האָט אַמאָל פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן וואַלד, ניט ווייסנדיק וואו אַיין און וואו אויס. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און, כּדי זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון ווילדע חיות, איז ער אַרויף אויף אַ הויכן בוים און זיך באַזעצט אין די געדיכטע צווייגן. אַזוי איז ער איינגעשלאָפֿן. אינדערפֿרי, ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און געוואָלט אַראָפּקריכן פֿון בוים, האָט ער פּלוצלונג דערזען, אַז אונטן, בײַם בוים, וואַרט אויף אים אַ גרויסער טיגער. האָט ער געטראַכט, ער וועט דורך די געדיכטע צווייגן זיך אַריבערקלייבן צו אַנדערע ביימער און זיך אויסבאַהאַלטן פֿון טיגער. טוט ער אַ קוק, אַז אויפֿן צווייטן בוים הענגט אַרומגעוויקלט אַ שרעקלעך לאַנגע שלאַנג און וואַרט אויף זיין דערנענטערונג. איז ער אַריינגעפֿאַלן אין יאוש. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט פֿון שפּיץ בוים געטריפֿט האָניק (דאָרטן האָבן בינען געמאַכט זייער בינשטאָק. די זון האָט געוואַרעמט און האָניק האָט געטריפֿט). האָט ער זיך דערפֿרייט און זיך גענומען קוויקן מיטן האָניק.

אויף וויפֿיל איך מאַך קיין טעות ניט, האָט די אייגענע מעשה טאָלסטאָי איבערגעמאַכט אַ ביסל און דערציילט פֿון איינעם, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון ווילדע חיות און איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ גרוב מיט גיפֿטיקע שלאַנגען. דער מוסר־השכּל איז דער אייגענער.

מיר איז דאָס געקומען אויפֿן זינען, ווען אַ ביסל ווייטער גייענדיק, בין איך צוגעקומען צו אַ ווינקל גאַס, וואו עס האָט אַ אינדוס געוויקלט אין גרינע בלעטער דעם רויטן „ביטעל“־וואָרצל,

באַשמירט מיט אַזאַ מין צעלאָזענעם קאַלך, און איינס נאָך אַנדערן זיינען געקומען קונים פון הונגעריקן און אויסגעמאָגערטן עולם, גע-געבן אים אַ מטבע און באַקומען דערפאַר אין אַ גרינעם בלאַט איינגעוויקלט דעם סטימולירנדיקן „איבערכאַפּ“.

איך האָב אויך אַרויסגענומען אַ מטבע, געוואָלט עס קויפן און פאַרזוכן און אַזוי אַ שפּיי טאָן רויט אין גאַס אַריין, ווי די אינדוסן טוען עס, נאָר אַ האַנט פון אַ בעטלער האָט זיך צו מיר אויסגעשטרעקט און געבעטן אַ נדבה (אין אינדיע איז בכבודיק צו בעטן נדבות) — האָב איך די מטבע אַריינגעלייגט אים אין האַנט אַריין, האָט ער פאַר זיך געקויפט דעם מאכל, אין גרינעם בלאַט איינגעוויקלט.

ווער האָט געלעקט אין היינטיקן פרימאָרגן פון דעם טריפנ-דיקן האָניק, ער, צי איך?

דערווייל האָבן פיר מענטשן געאײַלט מיט דער גאַס. אויף די אַקסלען ביי זיי — אַ בעטל אויסגעבונדן פון צוויי לאַנגע באַמבוק-שטאַנגען און מערערע קורצע אין דער ברייט, מיט שטריקענע שטריק צונויפגעבונדן, עס זאָל האַלטן, און אויפן בעטל — אַן איבערגע-דעקטער בר-מינן. זיי האָבן געאײַלט מיט אים צום טייך, וואו מען פאַרברענט די מתים. עס געהער אויך צום פרידלעכן פרימאָרגן פון דער גרויסער שטאָט און האָט אַ שייכות צום האָניק, וואָס טריפט צום מויל אין צייט פון יאוש.

---

2. לאַנדסלייט.

אַ סיגנאַל פון אַן אָנקומענדיקער שיף האָט מיך אַוועקגע-פירט ביז צום האַפן (פון לאַנג וואַנדערן, איז דאָס געוואָרן אַ געוויינהייט ביי מיר). און ביז איך בין אַזוי טריט ביי טריט אָנגע-קומען אין האַפן אַריין, האָט מען שוין די פּאַסאַזשירן געהאַט אַראָפּ-געלאָזט. דאָס איז געווען אַ שיף, וואָס איז אַרויס פון אַמעריקע צו מאַכן אַ רייזע אַרום דער וועלט און איצטער איז זי אָנגעקומען אין קאַלקוטער האַפן.

אַן עולם טוריסטן, ווען ער לאָזט זיך אַראָפּ פון שיף, מיט זײַן גאַנצער דאָרשטיקער נײַגעריקייט; ווער זאָגט נאָך, אַז די שיף ברענגט אַ יוגנט מיט אַ שטראָם יוגנטלעכער ענערגיע — צו אַ מזרח־ברעג, אַז אַזאַ שיף שטעלט זיך צו, איז דאָס געוויס אַ נײַע וועלט, וואָס איז אָנגעקומען צו באַגעגענען זיך. ברענגען און נעמען, מער צו נעמען, ווי צו ברענגען.

געוויס ברענגט אַזאַ שיף אַ סך בענקשאַפט און אומרויִקייט פאַר די קינדער פון ברעג. אַמאָל מער אומרויִקייט. אינדיע איז דער צוציִונגס־פונקט, וואוהין מען קומט, אַפילו אין אײַלעניש, אַ קוק צו טאָן. אַמעריקע האָט זיך איצטער אַ רודער געטאָן און שיפן פון דאָרטן, אָנגעלאָדענע מיט פּאַסאַזשירן פון אויבן ביז אַראָפּ, רירן איצטער אָן די ברעגעס פון אַלע וועלט־טיילן. איך זאָג ברעגעס, ווײַל זייער וואַנדערן איז אין אײַלעניש, פאַרקאָנטראַקטירט מיט דער שיף:

„אין אַזויפיל צייט און אַזויפיל לענדער אין — אַזויפיל וועט עס קאָסטן".

איצטער איז אויך אַזאַ פאַרקאָנטראַקטירטע שיף, מיט פאַרקאָנטראַקטירטע פּאַסאַזשירן אָנגעקומען. און וואָס פאַר אַ גערודער זיי האָבן עס אַרײַנגעבראַכט אין מײַן טאָג אַרײַן, וואָס האָט זיך אַזוי פרײדלעך אָנגעהויבן!

„אַמעריקע", אויסערהאַלב אַמעריקע, איז אַ אומגעלומפּערטע באַשעפעניש. אַ שרײַעדיקע באַשעפעניש. ממש מיט אַ ווירבלווינט קומט אָן אַמעריקע. און עס איז אַ פאַרדראָס, וואָס פון דעם גאַנצן טאַראַראַם זייערן שלאָגט אַ גרויסע מעכאַנישקייט.

איך ווייס, וואָס פאַר אַ יוגנט אַמעריקע האָט. ניטאָ אַזעלכע לעבעדיקע בחורים און מיידלעך אויף גאָר דער וועלט, ווי אין אַמעריקע. און ווען מײַן היים וואָלט ניט געווען דאָרטן, וואָלט איך איצטער, קוקנדיק אויף די טוריסטן, מיינען, אַז אַמעריקע האָט קיין יוגנט ניט. כסדר עלטערע מענטשן, שווערע, ווער מיט אַ לאַסט פון יאָרן און ווער מיט אַ לאַסט אַ היימישער, וואָס ער האָט אין אײַלעניש פאַרכאַפּט מיט זיך.

די יוגנט קען ניט באַווייזן צו רייזן איבער דער וועלט. די יוגנט האַרעוועט. די יוגנט ליגט עס אָפּ, ביז זי וועט זיך „אַרויפאַרבעטן“.

— אוי, ווי עס פאַרדריסט מיר אויף אײַך, מיינע לאַנדסלייט; איצטער זע איך אַרויס די פּראַקטיקייט אייערע! —

דאָס איינציקע יוגנטלעכע, וואָס מיינע לאַנדסלייט באַווייזן אַרויס, זאָל עס זיי ניט זיין צו קיין גנאַי, איז דאָס דער דאָלער. אָ, ווי זיי ווייסן זיין באַדייט! און זיי ווייסן, וואָס פאַר אַ ווערט ער האָט ביי דער וועלט. איצטער זע איך, אַז ניט זיי זיינען בכּוח צו מאַכן דעם ווירבלווינט אַרום זיך. דאָס טוט דער דאָלער: מענטשן טומלען זיך, צענדליקער אינדוסן, טרעגער אַרום אײַערן. אַזויפיל אַווטאָמאָבילן צונויפגעשלעפּט פון גאַנץ קאַלקוטע. אַזויפיל שטויב, רויך, טומל — וואוהין רייסט מען זיך?

אַ פּראָגראַמע פאַרן טאָג. איך, זייער לאַנדסמאַן, וואָלט וועלן מיט זיי מיטהאַלטן אַמאָל, נאָר עס קומט ניט אויס. זיי טרעטן זיך איינער דעם אַנדערן אָפּ די פיס. זיי שניידן זיך דורכן לעבן, מיט דעם גערויש און שנעלקייט פון אַווטאָמאָביל. — און איך זע, אַז אַ מיד פאָלק, אַ געעלטערט פאָלק טוט עס.

איצטער פאַרשטיי איך, פאַרוואָס מען האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט אין יאַפּאַן, צי אַמעריקע האָט עס גאָר קיין יוגנט ניט? און דאָס קומט דערפון, וואָס דער אַמעריקאַנער פאַרגינט זיך רייזן גאָר צו דער עלטער, מיט דער הילף פון יוגנטלעכן דאָלער.

וויפיל מאָל דער דאָלער האָט שוין געמאַכט, מיינע באַקן זאָלן זיך רויטלען פאַר חרפּה. אַ שלעכטן וועג האָט מען מיט זיין הילף אויסגעטראָטן איבער גאָר דער וועלט. איך מוז מיר אַמאָל באַנוצן מיט דעם אייגענעם וועג. דער אַמעריקאַנער דאָלער האָט געמאַכט, אַז מען זאָל דיך ניט באַטראַכטן ערנסט. מען זאָל דיך חנפענען אין די אויגן און אויסלאַכן אַהינטער די פּלייצעס.

איך האָב זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז איך שטיי שוין אַ צייט אויפן פּלאַץ אַנטקעגן האַפן, אין דעם שטויב, וואָס די לאַנדסלייט מיינע האָבן אָנגעמאַכט מיט זייער דורכטראָגן זיך.

אַ פּאָליסמאַן איז צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט — איב איך האָב זיך אויסגעמיטן מיט די פּאַסאַזשירן, אָדער אפשר זיינען מיינע

פעקלעך פאַרלאָרן געגאַנגען; אָדער אפשר באַדאַרף איך האָבן אַן אַוטאָמאָביל, וועט ער אים אַרויסרופן פאַר מיר הורכן טעלעפאָן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז כאָטש איך בין אַן אַמעריקאַנער, נאָר איך האָב ליב צו גיין צופוס.

האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— איך טרעף איצטער דעם ערשטן אַמעריקאַנער, וואָס גייט אַמאָל צופוס אויך. ווייטער אָבער, דאַכט זיך מיר אויס, אַז אייערע אַמע־ריקאַנער ווערן געבוירן אין אַווטאָמאָביל און דאָרטן שטאַרבן זיי.

ווען איך האָב אים געזאָגט אין שפּאַס, אַז איך בין גאָרניט קיין אַמעריקאַנער, האָט ער זיך צעשמייכלט:

— איך שטיי אויף מיין פּאָסטן, ביים האָטעל, און איך זע אַלערליי טוריסטן, וואָס קומען אָן, נאָר אַזעלכע שוטים, ווי די אַמעריקאַנער, פאַרמאָגט ניט די וועלט.

— וואו ביסטו געבוירן? — האָב איך געפרעגט.

— אין גלאַזגאָ געבוירן, סיר, — האָט ער שטאָלץ געענט־פערט.

---

3. צוליב וועמען.

ווי אַזוי בונדט מען איצטער צונויף די פעדים מיט דעם פרי־מאָרגן?

עס איז שוין געווען אַרום האַלבן טאָג, ווען איך בין אָנגע־קומען צו דער קיניגין וויקטאָריעס „מעמאָריאַל־פּאַלאַץ" פון ווייסן מירמלשטיין. ווען קיניג געאָרג איז נאָך געווען קרוין־פּרינץ, אין זעקסטן יאָר, האָט ער געלייגט דעם „ערשטן שטיין". און דער איצ־טיקער קרוינפּרינץ האָט אין איין־און־צוואַנציקסטן יאָר דעם בנין באַנייט (דאָס איז געווען אין דעם אייגענעם באַזוך, בשעת דאָס אינדישע פאָלק האָט אים אַרויסגעוויזן די גרעסטע פיינטלעכקייט און באָיקאָטירט זיין קומען). נאָר די עטלעכע מיליאָן רופּיעס, וואָס דער בנין האָט אָנגעטראָפן, הייסט עס, אַז „פּריווילעגיע האָבן זיך אויף דעם אונטערגעשריבן די פּרינצן און די פעלקער פון אינדיע."

און ווי נאַריש עס זעען אויס אָט די אַלע קליינע און גרויסע, הויכע און נידעריקע סקולפּטורן, מיט דעם אויסדרוק פון דער קיניגין וויקטאָריע! אַזוי אָן אַ חשבון זיי אָנשטעלן! און דער קיניג עדוואַרד, און איצטער דער קיניג געאָרג, מיט דער קיניגין מערי. —

סימבאָליש זעט עס מיר אויס ביז גאָר, וואָס אַלע זייערע פערזענלעכקייטן אין שטיין און אין בראָנז האָט מען צונויפגענומען אין איין בנין אין קאַלקוטע, ביים ראַנד פון לאַנד. עס איז ניט קיין סימבאָל פון לעבן, וואָס ווירקט, נאָר אַן אויסדרוק פון קאַלטער מאַכט, וואָס דריקט. צוליב־וואָס נאָך אין איין צימער וויקטאָריעס פּיאַנע און איר שרייבטיש? עס זיינען שוין לאָגישער אין לאָנדאָנער מוזעאום אירע פיין־געאייגלטע זאַכן, וואָס איך האָב געזען.

וואָס איז ווערט די אַטמאָספערע פון דעם מעמאָריאַל־זאַל פאַר דעם אינדישן פאָלק? וואָס רעדן צו די אינדוסן די דאָזיקע פּאָרטרעטן פון די אַלערליי לאָרדן און זייערע ליידיס?

שווער צו זאָגן, אין וואָס פאַר אַ פאָרם מאַכט דריקט זיך אויס. מען קען גאָרניט קלוג זיין אין צוקלערן פאָרמען. די מאַכט אַליין האָט אירע אומגעלומפּערטע אויסדרוקן.

דאָס אייגענע האָט זיך ניט ווילנדיק געטראַכט, ווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט געצויגן דורך די גאַסן פון קאַלקוטע דער גובערנאַטאָר מיט זיין סויטע, מיט די מונדירן, מיט די קיוועריס, מיט די ווייסע פערדן, מיט די שווערדן און לאַמפּאַסן און מעדאַלן, — „וואוהין און פון וואַנען? — האָב איך געטראַכט, — צוליב וועמען דער דאָזיקער גלאַנץ? צוליב די האַלב־נאַקעטע פּאַריער, וואָס פילן אָן די גאַסן? צוליב די אויפגעקלערטע און אַ ביסל בעסער איינגעוויקלטע אינדוסן?“

וואוהין און צוליב וועמען?

---

4. „דִי פּוּרדאַ“.

צוויי פרויען, ביידע אָנגעטאָן אין דער „פּורדאַ“, אין דעם דאָזיקן ווייסן קיטל, פון קאָפּ ביז די פיס און, וואָס דעקט צו דעם גאַנצן קאָפּ, בלויז לאָזנדיק צוויי לעכער פאַר די אויגן, — אַזעלכע צוויי פרויען זיינען געזעסן אויף אַ באַנק, ניט ווייט פון וויקטאָריע־זאַל, און לעבן זיי קליינע קינדער. די קינדערלעך ליי־טיש אָנגעטאָן, וואָס באַווייזט, אַז מען קומט אַרויס פון אַ פאַרמעג־לעכער היים, און אין דער דאָזיקער פאַ־מעגלעכקייט הערשט דער פאַנאַטיזם, די פרויען אין „פּורדאָס“.

אַן אָרעמאַן איז צוגעגאַנגען און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, געבעטן אַ נדבה. האָבן זיך די הענט אַרויסגערוקט פון אונטער דעם קיטל און דערלאַנגט דעם אָרעמאַן אַ מטבע. די הענט זיינען געווען באַצירט מיט אַ סך צירונג.

איך האָב שפּעטער געהערט, ווי ביידע פרויען האָבן פון עפּעס שטאַרק געלאַכט. פון אונטער דעם קיטל האָט זיך געריסן אַ גע־לעכטער. צוויי יונגע לעבנס האָבן זיך געצאַפּלט אונטער די פּור־דאָס.

און די צוויי קינדערלעך — זייערע קינדערלעך, זיינען געבוירן געוואָרן פון דער באַגעגעניש מיט אַ מאַן. די קינדערלעך וועלן די מאַ־מעס מסתּמא דורך דעם געדיכטן, ווייסן געוועב.

ווי אַזוי וויקלט זיך די ליידנשאַפט אַיין אין דער פּורדאַ?

איך האָב געזען, ווי איינע האָט אַרויסגענומען די האַנט פון אונטער דער פּורדאַ און צוגעטראָגן אַ שפּיגעלע צו די לעכער אַנט־קעגן די אויגן. דאָס איז די פרוי, וואָס ליגט אין דעם בליק פון די אויגן און אַזוי, אפשר, זעט זי זיך אינגאַנצן אַרויס.

5. אַ דיכטער.

אַ ביסל שוין מידלעך, בין איך אַריין אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק. גרויסע לייען־זאַלן. אַ סך ביכער. אַ סך לייענער. די אינדישע יוגנט, ערנסט איינגעגראָבן אין די ביכער. איך האָב

זיך דערשלאָגן צום פּאַרוואַלטער. ער האָט זײַן דירה אויפן צווייטן שטאָק.

אַן עלטערער מאַן. מאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער איז מיד פון די צענדליקער טויזנטער שטומע ביכער, וואָס רינגלען אים אַרום, און ער גאַרט זען לעבעדיקע מענטשן. אַ ענגלענדער, שוין יאָרן אין אינדיע און איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ דיכטער. דרוקט זיך, האָט אויסגעשניטענע רעצענזיעס פון לאָנדאָנער צײַטונגען. פינף מינוט זײַן איך בײַ אים און ער לייענט מיר שוין אויף אויסנווייניק זײַנע לידער. לייענט און פאַרדרייטלט זיך ווי אַן אָנפאַנגער. זײַן ווײַסע באָרד בלײַבט אַ דערשראָקענע פאַר דעם דיכטערס קינדערישקייט.

איך זאָג אים:

— איך האָב געמיינט, אַז אַ מענטש, וואָס פאַרוואַלט מיט אַ גרויסער ביבליאָטעק, באַדאַרף ניט האָבן אַליין קיין חשק צו שרײַבן.

האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ באַליידיקונג און געבליבן זיצן ווי אַ יונגער יינגל, אַ פאַרשעמטער...

פון אים האָב איך געהערט, אַז דאָס אינדישע פאָלק איז דאָס וואונדערלעכסטע פאָלק אויף דער ערד און אַז דאָס אינדישע פאָלק וועט נאָך איבערראַשן די וועלט.

און ווײַל דאָס איז געוועזן דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אַזעלכעס געהערט פון אַן עכטן ענגלענדער אין אינדיע, איז עס געוועזן פאַר מיר, ווי די טראָפּנס האָניק, וואָס האָבן אין צײַט פון נויט געטריפט צום פאַרבלאָנדזשעטן אין טיפן וואַלד....

ק ר ב נ ו ת

אינדיע איז דאָס איינציקע גרויסע לאַנד מיט אַ פֿאָלק פֿון הונדערטער מיליאָנען, וואו די פּאָרהיסטאָרישע צייטן לעבן נאָך זייער פֿולן לעבן, מיט געטער און קרבנות. געטער אָן אַ שיעור און קרבנות אַלערליי. פֿריי האָט זיך די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע אַוועקגעלאָזן נאָך די אייגענע געשאַפֿענע געטער. און זיי, די געטער, לעבט זיך נאָך גאָר גוט אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין בוזים פֿון אַזאַ גרויס פֿאָלק.

אין די אוראַלטע צייטן האָבן די אינדוסן געדינט צו די כּוחות פֿון דער נאַטור. אויף דעם זאָגן עדות די הייליקע ו ו ע ד אַ ס, וואו עס געפֿינען זיך אַלערליי הימנען צו די נאַטור־דערשיינונגען. כאָטש א י נ ד ר אַ, אַ ג נ י און ס ו ר י א — וואָס מיינען: רעגן, פֿייער און זון — זיינען געווען די הויפּט־כּוחות, וואָס האָבן דעם פּרימיטיוון געדאַנק געמאַכט אונטערטעניק. פֿון דער אונטערטעניקייט האָט זיך דער געדאַנק געפּרוּווט באַפֿרייען און האָט זיך דאָך אַוועקגעלאָזן צו די דערשיינונגען, וואָס זיינען נוצלעך אָדער צעשטעריש. זיי האָבן אין דער נאַטור פֿאַרגעטערט סיי די כּוחות, וואָס בויען און שאַפֿן, און סיי די, וואָס צעשטערן. אין דער צעשטערונג איז אויך געווען דער אָנהייב פֿון בויען. און כאָטש שפּעטער איז געווען אַ נייגונג צו אַ געאייניקטער שעפּערישער קראַפֿט: ב ר אַ ה מ אַ — פֿונדעסטוועגן האָט די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע זיך ווידער פֿריי אַוועקגעלאָזן אויף דעם וועג פֿון ווידערגעבורטן, וואו איין גאָט פֿון דעם אַנדערן איז געבוירן געוואָרן.

אַזוי קומט אויף דער גאָט ו ו י ש נ ו, וואָס היט און באַשירעמט. דער גאָט ס י ו ו אַ, וואָס האָט אַ דאָפּלטע מיסיע: ער צעשטערט און ער בויט. ער צעשטערט אַלדאָס בייז; אַלע שדים און בייזע רוחות. פֿאַרשטייט זיך, אַז די וועלט וואָלט קיין קיום ניט געהאַט, ווען סיוואַ,

דער צעשטערער, וואָלט ניט געשטאַנען אויף דער וואַך. די פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט אַלע געטער געגעבן ווייבער און קינדער. אין אַלערליי געזאַנגען ווערט פאָרגעשטעלט די אויפפירונג ביי די געטער־פאָרלעך. די אויפפירונג איז ניט אַזאַ אידעאַליסטישע. אַ סך ציניזם, אונטערגעבעט מיט סעקסועלע ליידנשאַפטן, פאַרמאָגן די לעגענדעס אין שייכות מיט די געטער־פאָרלעך.

און דווקא אין דער דאָזיקער געטער־ליידנשאַפט, געטער־תאווה, האָט זיך די פאָלקס־פאַנטאַזיע פאַרטיפט. פאַרהאַנען נאָך איצטער אין אינדיע סעקטעס, וואָס פראַווען אָרגיעס מיט נאַקעטע פרויען אַרום די טעמפלען. דאָס האָט מען זיך אָפגעלערנט פון די געטער. דאָרט, וואו די געטער דערלויבן זיך ברוטאַליטעט — מעג מען מענטשן נאָכטאָן. נאָר די ליידנשאַפט פון פראָסטן פאָלק, פון די גאָר גרויסע, גרויסע מיליאָנען האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער געטין דורגאַ, אָדער ווי זי איז מער באַקאַנט מיטן נאָמען קאַלי. זי איז סיוואַס ווייב. ניט דאָ איז דער פלאַץ צו דערציילן פון אירע מלחמות מיטן גאָט סיוואַ, איר מאַן. גענוג צו זען איר געשטאַלט, ווי אַזוי די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט זי אויסגעמאָלן. מען קען עס זען אין די טעמפלען לכבוד איר. אַ געמיש פון ברוטאַליטעט און העסלעכקייט. מען שטעלט זי פאָר מיט אַ לאַנגער, אַרויסגעשטעקטער געלער צונג און מיט אַ לאַנגן קראַנץ פון מענטשלעכע קעפ אויף איר האַלז. זי האָט פיר הענט. מיט איין האַנט בענטשט זי די פיליגרימער, די צווייטע האַנט בעט נדבות פאַר בעטלער. אין דער דריטער האַנט האַלט זי דעם שלאַכטמעסער און די פערטע האַנט האַלט דעם קאָפ פון געקעפטן קרבן. כאַראַקטעריסטיש, ווי דאָס גוטע און בייזע פלעכטן זיך צוזאַמען. צו איר שרייבט מען צו אַלערליי אייגנשאַפטן. כאָטש זי הייסט קאַלי, די גרויזאַמע, פונדעסטוועגן איז זי אויך די געטין פון שיינקייט. זי איז די געטין פון אַלצדינג, וואָס לעבט. זי איז דער קוואַל פון ליידנשאַפט. אַרום אירע טעמפלען פלאַקערט נאָך די ליידנשאַפט פון פאָלק ווי גאָר אין די אַלטע צייטן.

נאָר אויפגעקומען איז אין מיר דער גאַנצער ביבלישער שוידער אַרום אַ באַרימטן קאַלי־טעמפל אין קאַלקוטאַ, וואו מען

איז מקריב קרבנות צו דער ברוטאַלער געטין. דאָ, ווען איך האָב דערזען די טויזנט־קעפּיקע מאַסע, מענער און פרויען, איבגעשטו־רעמט פון רעליגיעזן עקסטאַז, דאָ האָבן שוין די אַלערליי צייכנס אויף די שטערנס גאָר אַנדערש געווירקט. מיטאַמאָל בין איך אַריין אין אַ אָנגעגליטער אַטמאָספערע, וואו ווילד צאַפּלט זיך מענטשלעכער אינסטינקט, ווען ער איז נידעריקער און נאַרישער ווי חיהשער. אין אַ סקרוך איז מיר אַריבער דורך מיין גאַנצן לייב ווי נאָר איך בין אַריין אין דער טעמפּל־אַטמאָספערע. דאָס פאָלק זעט ניט פאַר זיך די וועלט, פול מיט התפשטות הגשמיות, נאָר אָנגעקליידט אין אַן אַנדער גשם, וואָס שוידערט אויף.

דער טעמפּל־בנין גופא איז גרוי און צוליב דעם ריח פון פרישע בלוט, וואָס צופּט ביים נאָז, און צוליב די פאַרפּלאַמטע פּנימער פון די פּיליגרימער, צוליב די הונדערטער יונגע, שוואַרצע ציגן־בעק, וואָס מע־ע־קען און בלע־ע־קען, קען מען מיינען, אַז דאָ איז אַ גרויסער שלאַכט־הויף מיט יאַטקעס פון הייכע, זודיקע וויטלעך פלייש. אויף די שוואַרצע ציגן־בעק איז אויסגעפאַלן דער גורל צו מכפּר זיין אויף זינד און מיט הייסע בלוט, לעבנס־בלוט, טייטן אין דער־טרינקען די ליידנשאַפט פון מענטשן. אַזוי גלויבן די גלויביקע מיל־יאָנען. אָ, וואָס פאַר אַ ברוטאַלע ליידנשאַפט עס אַנטוויקלט זיך ביים טויטן און זיך די ליידנשאַפט!

דער טעמפּל געפינט זיך אין קאַלקוטע, ביים ברעג פון אַ צווייג פון הייליקן טייך גאַנגעס, און יעדער איינער, וואָס ברענגט זיין שוואַרצן ציגן־באָק פאַר אַ קרבן צו דער געטין קאַלי, גייט פריער אויסבאָדן זיין לייב אין הייליקן טייך און באָדט אין הייליקן וואַסער דעם קרבן זייגעס. וואו האָבן זיי צונויפגענומען אַזויפיל שוואַר־צע ציגן־בעק? און אַ שוואַרצקייט אַזאַ ריינע, אָן קיין שום צומיש פון פרעמדן קאָליר? דער ציגן־באָק לאָזט זיך וואַשן און האָט הנאה. ער שפּירט די צאַרטקייט, מיט וועלכער מען וואַשט אים. ווי אַן אייגן קינד, אַזוי וואַשט מען אים. אפשר מיט אַזאַ מין צערטלעכקייט האָט מען נאָך גאָרניט לאַנג געוואָרפן אין אינדיע קליינע קינדער אונטער דעם שווערן פּראָצעסיע־וואָגן, אויף וועלכן מען האָט געפירט דעם אָפּגאָט דורך די גאַסן פון לעבן.

אַנטקעגן דעם טעמפּל איז דער מזבח, אָדער די יאַטקע־קלאָץ: צוויי לאַנגע פינגער קומען פון דער קלאָץ אַרויס, פינגער־אויסגעשפּרייטע, אַז צווישן זיי זאָל קענען אַריינגיין דער האַלז פון קרבן.

עס קומט אָן פון טייך, מיט זיין אויסגעבאָדענעם ציגן־באָק אויף די הענט, דער זינדיקער. ער טראָגט אין דערהויך זיין קרבן און קומט אָן אַנטקעגן צום טעמפּל, וואו עס שטייען די פּריסטער מיט די פּויקן. דעם ציגן־באָק באַשמירט מען דעם שטערן מיט רויט, מיט ווערמיליאַן, בעת ער בלעקעט און צאַפּלט זיך. דאָ דערשמעקט ער שוין, וואָס מיט אים וועט זיין. די פּויקן ליאַרעמען, דער עולם רייכט זיך אויפן האַלז מיט ווילדע משוגענעם עקסטאַז. מען רופט, מען שרייט צו דער געטין קאַלי. מען הייבט אינדערהויך דעם ציגן־באָק און מען באַווייזט, וואָס מען ברענגט איר פאַר אַ מתנה. אין צייט פון יענעם פינסטערן געפילדער, אונטער דער ברענענדיקער זון פון האַלבן טאָג, פאַרקלעמט מען די האַלז פון קרבן צווישן די צוויי אויסגעשפּרייטע פינגער. דער קאָפּ אויף איין זייט מע—ע—קעט און דער גוף, וואָס אין די הענט פון דעם בעל־קרבן, צאַפּלט זיך פון דער אַנדערער זייט. און מיט אַ שווערן סערפּ־קרומען מעסער טוט דער כּוהן אַ האַק. און מיט איין שוואונג האַקט ער איבער די האַלז פון באָק דורך און דורך.

איך האָב געזען, ווי אינמיטן מע—ע—ע איז דער האַלז איבער־געהאַקט געוואָרן. דער קאָפּ איז אַראָפּגעפאַלן און זיך נאָך באַלעקט מיט דער אייגענער צונג. און דער געקעפּטער גוף האָט זיך געצוקט און געצאַפּלט, ווי צום אויפשפּרינגען און לויפן. מיטן בלוט האָט מען זיך געשמירט. מיטן בלוט האָט מען געוואַשן זינד. קרע־ציקע הינט האָבן דאָן זייער צוטריט צום מזבח און לעקן דאָס פאַרגאָסענע בלוט אויף דר'ערד. דער עולם קוילט זיך אַרום דעם בלוט און רייסט פון זיך שטיקערווייז דאָס מענטשלעכע געשטאַלט און טרעט עס מיט די פיס. באַלד נאָך באָק קומט צום מזבח אין כּסדר אינמיטן פון זיין פיינלעכן מע—ע—ע פליט דער קאָפּ אַראָפּ פון אונטער דעם שווערן מעסער.

אין אַן אַנדער ווינקל ברענגען ווייבער זייער אָפּפער צום גאָט סיווא. מען גיסט פאַר אים די זאַפט פון קאָקאָנים. דאָ גיסט זיך שוין ניט קיין בלוט. נאָר די פנימער פון די פרויען, די אויפגערעגטע טעמפקייט אין די אויגן, די פאַרטריקנטע ליפּן, וואָס זאָגן תפילות און זינגען לויבגעזאַנגען; דער פייער, וואָס גליט אין די ברוינע באַקן; דער ספּאַזמאַטישער ציטער אין די הענט, וואָס ברעכן די קאָקאָנים, דער קאָנוואולס פון גאַנצן קערפּער — עס פאַרטראָגט דעם געדאַנק אין אַלדי־רוחות. הונדערטער ווייבער שפּאַרן זיך צו דער געמויערטער גרוב, וואו אַ קופּערנע קאָברע שלאַנג ליגט צונויפגעדרייט מיטן קאָפּ אויפגעהויבן, און אָט, אויף דעם דאָזיקן קאָפּ גיסט מען און מען גיסט אָן איבער די זאַפט פון קאָקאָנים. פאַר דעם קופּערנעם אָפּגאָט צעברעכן זיך די געמיטער, גיסט זיך ווי אַ פרילינג־בלאָטיק וואַסער דער גייסט פון מענטשן. אַהער קומט מען אויך טויטן לײדנשאַפטן. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז דורות פאַרצייטיקע זיינען אַרויס פון אונטער דער ערד מיט אַלע זייערע פרימיטיווע אינסטינקטן, ווי עס איז פאַרצייכנט אין זכרון פון דורות.

דאָ, אַרום טעמפּל, איז אויך פאַרהאַנגען די גרויסע הייליקע מקווה, וואו עס באָדן זיך עקרות. דאָס וואַסער איז צוגעצויגן פון הייליקן טייך. אין דער בלאָטיקער מקווה באָדט זיך די פאַרצאָגטע עקרה אויס און טוט תפילה אויפגעריכט צו ווערן, אַז איר טראַכט זאָל געעפנט ווערן. פון דער מקווה'ס גרונט באַקומט זי אַ שטיינדל און ברענגט אים צום הייליקן בוים, וואָס געפינט זיך אין טעמפּל־הויף. מיט האָר פון איר אייגענעם קאָפּ בינדט זי צו דאָס שטיינדל צו אַ צווייג פון בוים. טוט תפילה דערביי און גייט אַהיים. און אַז איר תפילה איז אָנגענומען געוואָרן און זי האָט געבוירן אַ קינד, און ווען דאָס קינד איז אַלט דריי חדשים, שערט זי אָפּ זיינע האָר און ברענגט אַ מתנה צום בוים. איר שטיינדל בינדט זי אָפּ און וואַרפט אין הייליקן גאַנגעס אַריין. אומגליקלעך איז די אינדישע פרוי, ווען זי געבערט ניט קיין קינדער. אין טויזנט־פאַכיק אומגליקלעך זעט זי אויס, בעת זי בינדט מיט אירע האָר דעם שטיין צום צווייג.

דער גאָט סיווא האָט בשותפות מיט זיין ווייב קאַלי געבוירן

צווי זין. איינער פון זיי איז דער פעטער, שוואַר־בייכיקער ג ע נ ע ש, מיט אַ קאָפּ פון אַ העלפאַנט. ער גיט מזל און ברכה און הצלחה. ווי פאַרדריסלעך עס איז צו זען יונגע מענטשן, סטודענטן, וואָס ברענגען אים בלומען און בעטן אַ חסד ביי דעם דאָזיקן פאַרזעעניש.

די אַלע אָפּגעטער, זייערע געשטאַלטן — אויסגעבונדענע פעק־לעך שמאַטעס און אומגעלומפּערט באַמאָלן מיט רויטע און געלע קאָלירן — אַזאַ פאַרלאָרנקייט, אַזאַ אומגלויבלעכע פאַרבלאָנדזשעט־קייט זאָל איך זיך ריכטן צו געפינען ביי אַ פאָלק, וואָס אויף זיינע פּלייצעס בויען אידעאַליסטן נייע וועלטן.

עס קומען מיר אויפן געדאַנק מיינע חדר־יאָרן, ווען מען האָט געלערנט חומש און דער רבי האָט מיט די קינדער געקנעלט פון מזבח, פון אָפּפער און בראַנד־אָפּפער און איינגערעכנט די אַלערליי צערעמאָניעס, ווי מען האָט די קרבנות געשאָכטן: ווי מען האָט זיי געבראָטן, ווי דער כוהן האָט געשפּרענקלט דאָס בלוט. יעמאָלט האָב איך עס ווי אַלע קינדער גאַנץ מעכאַניש נאָכגעזאָגט. מיטן יונגן מוח האָב איך די זאַך ניט באַגריפן. געווען צוויי טויזנט יאָר באַלד זאָלן פאַרבייגיין און מאַכן פאַרגעסן פון אַזאַווירקלעכקייט. אמת, פאַר אונז, קינדער, איז דאָס געווען דער דאָנערשטיקער שטחיכלשטיין, צוליב וועלכן אַ רבי האָט געגעבן פעטש. (און מיין רבי האָט דעם תלמידס קאָפּ אין וואַנט געשלאָגן, אויב ער האָט ניט פאַרשטאַנען די גאַנצע פּראָצעדור פון שפּרענקלען די בלוט פון קרבן אויף די ווינקלען פון מזבח). און יום־כיפור אין שול, ווען דאַוונער פאַתגיסן טרערן, זאָגנדיק דאָרט, וואו עס מאָלט זיך די גרויסקייט פון דער עבודה אין בית־המקדש, דער איפן, ווי דער כוהן האָט זיך מיטן קרבן געעסקט און ווי ער האָט זיך מיטן בלוט נוהג־געווען — איך צווייפל, צי די דאַוונער גיבן זיך אָפּ חשבון, וואָס אַזוינס אַרום בית־המקדש האָט זיך אָפּגעטאָן אין יענע צייטן, ווען מען האָט געבראַכט קרבנות; ווען מען האָט די אָקסן, די קעלבער, די ציגן און די שעפּסן און טויבן געקוילעט און מיט זייער בלוט זיך געשפּילט.

עס פאַרדריסט, וואָס דאָס קומט מיר אַנטקעגן אויף מיינע ערשטע וועגן און שטעגן אין אינדיע, וואוהין איך בין געקומען מיינע אי־

דעאַלן לייטערן. עס פֿאַרדריסט מיר, וואָס דאָס האָב איך געטראָפֿן אין דער שטאָט קאַלקוטע, וואו עס לעבט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. ער, וואָס קומט צום מערב מיט גייסטיקע שליחותן און מוסרט דעם אייראָפּעער פֿאַר זיין מאַטעריאַליזם און ברוטאַליטעט. און וואָס זאָל איך איצטער טראַכטן, ווען איך שטיי פֿאַר'ן טעמפּל פֿון דער גע־טין קאַלי און ווער פֿאַרטויבט פֿון די ווילדע אויסגעשרייען און קאָרטשע זיך אין דער אַטמאָספֿערע, וואו קעפּ פֿון ציגן־בעק פֿאַלן ווי הויפֿטלעך קרויט אָפּגעהאַקטע, וואו מען שמירט זיך מיט הייס בלוט צו טויטן ליידנשאַפֿטן?

און אין האַרצן באַרעכטיק איך אונזער צוויי טויזנט־יאָריקן גלות, וואָס האָט אונז געלייטערט און באַפֿרייט פֿון מזבח, כוהנים און קרבנות.

דער אײביקער װעג

בײַ די אַלטע עגיפּטער האָט מען באַלזאַמירט דעם קערפּער פֿון אַ געשטאָרבענעם, כּדי די נשמה זאָל האָבן וואוהין זיך אומצוקערן. די אויסגראָבונגען באַווײַזן, אַז מען האָט דעם געשטאָרבענעם מיטגעגעבן מיט זיך אין קבֿר אַרײַן אַלע זאַכן זײַנע, צו װעלכע ער איז געװען צוגעװױנט. אין די קבֿרים פֿון די מלכים געפֿינט מען אוצרות גאַנצע און אויך אַלערלײ קלײניקײטן, צו וועלכע אַ מענטשלעכע נאַטור קען זיך בײַם לעבן צוגעװױנען. געבליבן זײַנען גרױסע מאָנומענטן פֿון די מלכים מיט אויפֿשריפֿטן פֿון היסטאָרישן װערט.

בײַ די כינעזער באַלזאַמירט מען ניט דעם קערפּער פֿון געשטאָרבענעם, נאָר מורא האָט מען פֿאַר דער נשמה פֿון געשטאָרבענעם, מען היט זיך ניט אַײַנצורײַסן מיט איר. האָט מען אין די אַלטע צײַטן אויך מיטגעגעבן דעם טויטן אַ גאַנצן פֿאַרמעגן.

איצטער איז דער כינעזער פּראַקטישער. ער גיט מיט דעם בר־מינן אַ פֿיקטיוון פֿאַרמעגן. ניט קײן אמתע הײַזער און גערטנער גיט מען מיט דעם געשטאָרבענעם, נאָר כּלומרשטע. נאָך אַ לוויה פֿון אַ פֿאַרמעגלעכן מענטשן גײט נאָך אַ גאַנצע אַרמײ מיט טעאַטראַליש־פֿאַרמאַסקירטע גאַסן־ייִנגלעך, וואָס טראָגן „אַ גרויס פֿאַרמעגן": פּאַפּירענע הײַזער, פּאַפּירענע סעדער און גערטנער, פּאַפּירענע עופֿות און פּאַפּירענע פֿערד און קי. דער כינעזער באַגראָבט ניט דעם אָרון אין דער ערד, נאָר ער שטעלט אים אַנידער אויף דער ערד, ערגעץ הינטערן שטוב. איך האָב געזען אָרונס, וואָס אויף זײ האָט מען צוגעגרײט פֿאַר דער נשמה אַ טשײניק און אַ טעפּעלע, טײ צו טרינקען.

די מאַאָריס אין ניי־זעעלאַנד פֿלעגן ביז ניט לאַנג מאַכן אַ פּראַקטישן נוצן פֿון געשטאָרבענעם. מען האָט זיך גאַנץ מיושבֿדיק אַרומגעזעצט אַרום אים, מיט אַ רויִקן ניגולע באַגלײט, האָט

בײַן דאָס פֿלייש אַרומגעשיילט פֿון די ביינער. פֿון די ביינער האָט מען אויסגעאַרבעט אַלערליי שטיקלעך געצייג. פֿיינע נאָדלען און שפּילקעס האָט מען געמאַכט פֿון די מענטשלעכע ביינער.

מיט מצבֿות האָבן קולטורעלע פֿעלקער באַצירט גאַנץ אייראָפּע. און מען האַלט נאָך אין פֿאַרשפּרייטן בית־עולמס ביז היינטיקן טאָג. די לוויות זאָגן עדות אויף דער איבערגעגעבנקייט צו די, וואָס גייען אַוועק אויף זייער אייביקן וועג.

ביי די אינדוסן, ווי נאָר די נשמה האָט זיך באַפֿרייט פֿון גוף, הייבט זיך אָן אירע וואָגלענישן. אירע גילגולים זיינען פֿון אייביקייט צו אייביקייט. בודאַ איז דער ניינצנטער גילגול פֿון גרויסן באַשעפֿער בראַמאַ. אירע גילגולים איז ניט מקנא צו זיין. דער פֿריערדיקער גוף איז גאָרניט ווערט אָן דער נשמה. בלויז צוליב דער נשמה האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן. ווען די נשמה איז אַחים, צי זי האָט דערגרייכט נירוואַנאַ, צי זי באַדאַרף נאָך ווידער אין עמעצן צי אין עפּעס מגולגל ווערן — מיט דעם פֿריערדיקן גוף צעשיידט זי זיך אויף אייביק.

ווי ווייט דער אינדוס האָט מורא פֿאַר זיין ווידערגעבורט, זאָגט עדות די דאָזיקע תּפֿילה צו דער געטין קאַלי, וואָס הייבט זיך אָן:

אָ, מוטער, ווי לאַנג נאָך וועסטו מיך טרייבן
„אַרום דעם ראָד פֿון „ווידערזיין“,
„פּונקט, ווי מען טרייבט אַרום־און־אַרום
„דעם אָקס מיט פֿאַרבונדענע אויגן,
„צו שלאָגן דעם אייל פֿון איילקערנער?!“

דעריבער האָט ביים אינדוס דער מענטש אַ שטיקל ווערט נאָר ביים לעבן. ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט מיט אַן אויג, ראַמט מען אים וואָס שנעלער אָפּ. כּדי דעם זינדיקן גוף איינגאַנצן אומברענגען, פֿאַרברענט מען די טויטע. און כּמעט אַ וואַרעמען נאָך ברענגט מען דעם געשטאָרבענעם צום פֿאַרברענען.

ביי די בראַמינער ווערט טמא די שטוב, וואו איינער איז געשטאָרבן. אַלע קרובים ווערן אומריין און באַדאַרפֿן זיך באָדן. ווען אַ בראַמינער האָט דערהאַלטן אַ ידיעה פֿון אַן אַנדער געגנט, אַז

אַ קְרוֹב איז געשטאָרבן, ווערט ער טמא און באַדאַרף טאָן אַלע מגולות, כדי צו ווערן ווידער ריין. עס טרעפט זייער אָפט, אַז מען ברענגט צום אָרט, וואו מען פאַרברענט די מתים, אַ חולה, וואָס זשיפּעט גאָך. שוין אין גסיסה־מאָמענט איז ער אַ געשטאָרבענער.

מען פאַרברענט געוויינטלעך די מתים ביים ברעג פון אַ היי־ליקן טייך, אָדער אַ הייליקער אָזערע. פאַרהאַן עטלעכע הייליקע טייכן אין לאַנד, נאָר די גאַנגעס האָט אין אַלע צייטן פאַרנומען די גרעסטע צאָל מתים, וואָס מען האָט געשליידערט אין טייך אַריין, אָדער פאַרברענט ביי אירע ברעגעס. איצטער וואַרפט מען נאָך אויך אָפט מתים אין הייליקן טייך אַריין, כאָטש דאָס איז שוין פאַרבאָטן.

קאַלקוטע האָט עטלעכע צווייגן פון גאַנגעס און דווקא ביים שמאָלסטן צווייג איז דער ברען־אָרט. מיר האָט אַ אינדוס איינגע־רעדט, אַז דער שמאָלער פּאַס וואַסער איז אַמאָל געווען דער עיקר גאַנגעס, נאָר מיט דער צייט, צוליב מענטשנס זינד, איז ער שמאָל געוואָרן. דער גרויסער טייך האָט זיך ווי בכיוון אַזוי צעשפּאָלטן און צעשפּליטערט, שוין נאָענט צום בענגאַלישן ים־אויסגוס, כדי די הייליקייט זיינע זאָל זיך וואָס מער פאַרשפּרייטן. מען האָט אויס־גערעכנט ווען עס קומט פאַרברענט צו ווערן ביים סאַמע ברעג, און ווער עס האָט ניט אַזאַ זכיה, פון אַ נידעריקערער קאַסטע — אים דערווייטערט מען פון ברעג.

און וויל מען זען דעם כאַראַקטער פון אינדוס און זיין באַ־ציונג צום לעבן און טויט, קען מען עס זען ביים ברעג טייך, וואו מען פאַרברענט מתים. דאָ איז ניט פאַרהאַן קיין מאָדערנע איינריכ־טונגען, כדי צו פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון ברענען. עס קומט פּאָר אַזוי פּשוט, ווי מען קען זיך עס נאָר פאָרשטעלן: אויף אַ שייטער פון לאַנגע, טרוקענע און גראָבע צעשפּאָלטענע קלע־צער, איינגעלייגט איבער אַ גראָבן, כדי אונטער אים זאָל אויסקומען ווי אַן אויוון, — אויף דעם דאָזיקן שייטער לייגט מען אַנידער דעם געשטאָרבענעם. אויפן טויטן לייגט מען אָן ווידער גראָבע העלצער און אַזוי צינדט מען אונטער דעם שייטער מיט לאַנגע, טריקענע טשערעטן. לאַנגזאַם פאַרנעמט זיך דער פייער, פּאַמעלעך ברענט ער זיך פונאַנדער — עטלעכע שעה געדויערט, ביז דער מענטש

ווערט פֿאַרבּרענט. מיט דער גאַנצער אַרבעט פֿאַרנעמען זיך קרובים. קינדער בּרענען די עלטערן, בּרידער פֿאַרבּרענען בּרידער, אָדער שוועסטער. מאַן פֿאַרבּרענט זיין ווייב. נאָר מענער טוען די דאָזיקע אַרבעט. ווייבער זיינען ניט גענוג וויכטיק.

איך בין אָנגעקומען צום בּרעג הייליקן טייך אַרום האַלבן טאָג. די הייך פֿון אינדיעס זון איז דאָ פֿאַרטאָפּלט געוואָרן צוליב די לאַנגע פֿייערן, אין וועלכע עס האָבן זיך דערבּרענט מענטשלעכע גופֿים. דער ריח פֿון געבּראָטן פֿלייש און פֿאַרבּרענטע האָר האָט די לופֿט געמאַכט פֿעט און געדיכט. אַרום יעדן פֿייער באַזונדער האָבן זיך געעפּקט מקורבים און געזעצן, אַז דאָס פֿייער זאָל גוט בּרענען. איך האָב אָנגעהויבן צו זוכן דעם אויסדרוק פֿון טרויער אויף די פּנימער, געוואָלט שפּירן די טראַגעדיע פֿון מענטשנס לעבן אויף דעם דאָזיקן בּית-עולם, וואָס איז פֿול מיט גרויל, כאָטש באַלויכטן פֿון העלן טאָג. און איך האָב גאָרניט געפֿונען אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט דעם טרויער, וואָס מיר באַגרייפֿן. די געדיכטע טרויעריקע שטימונג, וואָס דריקט אַזוי אָפֿט אונזער האַלז בּיז ספּאַזמעס — איך האָב יענע שטימונג געפּרוּווט אַרי־בערבּרענגען אַהער, צווישן די פֿייערן, און ניט געקענט. אַזוי סיסטע־מאַטיש און רויִק האָט זיך דער עולם בּרענגער אָפּגעגעבן מיטן פֿאַר־בּרענען מענטשן און זיך באַמיט, אַז פֿון מענטשן זאָל גאָרניט בּלייבן.

איינער זוכט אין אַש, צו געפֿינען שיריים פֿון זיין טאַטן. געפֿינט אַ פֿאַרבּרענט ביינדל אַזוי גרויס, ווי אַ פֿינגער, באַטראַכט עס גוטמוטיק, וויל דערגיין פֿון וואָס פֿאַר אַ טייל קערפּער עס איז. האָט דאָס ביינדל אַריינגעלייגט אין אַ קעסטעלע פֿון שוועבע־לעך און באַהאַלטן אין קעשענע. דערנאָכדעם, ווען דער גוף איז שוין אינגאַנצן פֿאַרבּרענט, בּרענגט מען אין ערדענע קריג וואַסער פֿון דעם הייליקן טייך און מען באַגיסט דעם פֿייער. אין די פֿרי־ערדיקע צייטן האָט מען דעם אַש געשאָטן אין טייך אַריין. איצ־טער איז דאָס פֿאַרווערט. באַגיסט מען דעם אַש מיט וואַסער פֿון גאַנגעס און שפּעטער צעבּרעכט מען די קריג איבערן אַש. אָפּגע־טאָן די מלאכה, באָדט מען זיך אויס אין הייליקן טייך און מען גייט אַהיים.

אין דער צייט, וואָס איך האָב דאָרט געזאַמט, האָט מען געבראַכט צו טראָגן אויף אַ באַמבוקענעם טראָגבעט אַ יונגע פרוי. איר פנים איז געווען אַזוי פריש, גלייך ווי זי וואָלט איצטער איינגעשלאָפן. איינגעוויקלט אין אירע בעסערע טיכער, איז זי געלעגן אויפן בעט, דאָס פנים אָפּגעדעקט, בעת דער מאַן און אירע ברידער האָבן זיך פאַרנומען מיט איינאָרדנען דעם שייטער. כסדר יונגע מענטשן, וואָס האָבן געווים באַדאַרפט אַרויסווייזן אַ יוגנטלעכן סענטימענט מיט דעם יונגן טרויער־פאַרב. איך האָב זיך אויף דעם סענטימענט ניט געקענט דערוואַרטן.

אין געדאַנק האָב איך אָנגעהויבן מסכים צו זיין מיט זיי. מסכים געווען ביי זיך, אַז אין דעם ענין פון שיידן זיך אויף אייביק מיט אייגענע, נאָנטע, האָבן זיי זיך דערהויבן איבער אונזער פסיכאָלאָגיע. מאַכט ניט אויס, וואָס דער אופן פון פאַרברענען איז פּרימיטיוו און מאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָ איז אַ פאַרזאַמלונג פון קאַניבאַלן און מען בראָט מענטשן פאַר אַ סעודה וועגן — מיט דער צייט וועלן זיי געווים האָבן מאָדערנע קרעמאַטאָריעס. ווייל, ווער עס האָט אַ געזונטע באַציִונג צום לעבן, מוז אויך האָבן אַ געזונטע באַציִונג צום טויט.

נאָר ביי די דאָזיקע געדאַנקען איז אָנגעקומען אַ פאָטאָגראַפער אַראָפּצונעמען אַ בילד פון דער טויטער פרוי אינאיינעם מיט די מקורבים, וואָס האָבן זי באַגלייט. מען האָט חשק געהאַט צו מאַכן די פאָטאָגראַפיע וואָס שענער. אפשר אַ שעה צייט האָט געדויערט, ביז די פּאָזע איז פאַרטיק געוואָרן. דווקא געוואָלט, אַז די טויטע פרוי זאָל האַלטן אָפן די אויגן. פריקרע איבערצוגעבן, וואָס מען האָט געטאָן מיט די אויגן און מיט די אַנדערע טיילן גוף, אַז ער זאָל זיך האַלטן אין אַ האַלב־זיצנדיקער פּאָזע, מיט די הענט פאַרלייגט אויפן ברוסט.

אַז מען האָט אַזאַ פּאָזע אַרויסגעקראָגן ביים בר־מינן, האָבן זיך די לעבעדיקע גענומען אויסזעצן. דער מאַן פון דער פאַרשטאָרבענער האָט זיך זיבן מאָל איבערגעזעצט און געביטן זיין פּאָזע. ער, אַ מענטש פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק, און זי, אפשר פופצן יאָר אַלט געווען — שווער געווען צו קוקן אויף דער סצענע. אין

די אויגן פון די מענער האָט געפעלט דער מינדסטער שטריך פון דערהויבנקייט. אויף זיי איז געלעגן טעמפּקייט און געפּיללאָזיקייט. טרויער, טרויער ביז גאָר האָט מיך אַליין אַרומגענומען. און מיין אייגנעם וועזן האָט אָנגעפילט דער ריח פון געבראָטענע מענטשן־פלייש.

עס ווילט זיך אויף דעם ניט רעאַגירן און ניט שטאַרק קריטיקירן. וואָרעם פאַר די יאָרן, וואָס איך באַרייז די וועלט און קום פון איין לעבנסשטייגער צו אַן אַנדערן, צווישן גלויבנס און אָבערגלויבנס, צווישן שטרעבונגען און אַנטוישונגען פון אַלערליי מענטשן און זייערע וועגן און הינטערוועגן — איך האָב טיילווייז אַליין אָנגעוואָרן דעם פאָדים, וואָס טיילט אונז פונאַנדער, אונז לעבעדיקע — פון די טויטע.

זי איז נאָך געוועזן גאָר יונג און קיין קינדער ניט געהאַט. וואָרעם די ווילן פון אירע פיס זיינען געווען אָפּגעפאַרבט טונקל־רויט. באָרוועסע טריט, כאָטש יונגע, נאָר מען האָט דערקענט, אַז גאָר אַ סך האָבן זיי געטראָטן אין לעבן. אַזוינע קליינע הענט האָבן די אינדוסן, אַזוינע דינע פיס, און אירע פיס זיינען געווען געבוירן ווי צום לויפן. דער טויט האָט פון זיי דאָס לעבן ניט צוגענומען. די אייגענע מענער, וואָס האָבן זיך מיט איר נאָר וואָס געפּאָטאָגראַפירט, האָבן זי איצטער אַנידערגעלייגט אויפן שייטער־האַלץ. די בעסערע טיכער האָט מען פון איר אַראָפּגענומען. געלאָזן זי אין אַ איינפאַכער, ווייסער אָרעמער סאַרי. „אַ זאָגער“ האָט געזופט אינדערהייך אַ תפילה און די מקורבים האָבן נאָכגעזאָגט.

אין יענער צייט זיינען פון טייך אַרויסגעקומען אַ גרופּע פרויען, מיט קופּערנע קריגלעך הייליקע וואַסער. זיי האָבן זיך אויסגעבאָדן און זיינען אָנגעקומען אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט געמאַכט די הכנות צו פאַרברענען זייערע אַ יונגע שוועסטער. אין זייערע פנימער האָט זיך באַוויזן אַ שרעק פאַרן טויט. ווי צעשראָקענע פייגל, האָבן זיך די אַכט פרויען געטולייעט איינס צום אַנדערן און נאָכגעקוקט צו דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך די נייטיקע שטימונג און די פאַרשפּרייט צווישן די פייערן.

נאָר צו מיין גרעסטער איבעראַשונג, האָט מען זיי דורכגעטריבן. עס טאָרן ווייבער ניט זיין דערביי. זיי האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ און גענומען אַוועקגיין. נאָר איינער, אַ זייטיקער אינדוס, וואָס איז געקומען צום פּלאַץ אויס נייגעריקייט, האָט איבערגעהויבן אַ געשריי און געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע, געפאָדערט די פרויען זאָלן בלייבן. עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ מחלוקת צווישן די אבלים און דעם זייטיקן מענטשן. איינע פון די פרויען האָט זיך אויך אָנגענומען מיט כוח און געשריען אויפן הויכן קול. מען האָט זיך אָבער ניט גענומען צו פאַרברענען, ביז די פרויען האָבן געמוזט אַוועקגיין. אַ גרעסערע וואָכעדיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום שייטער־האָלץ.

נאָכדעם, ווי מען האָט איר פּנים באַשמירט מיט אייל און מיט אַש פון פאַרברענטע קו־מיסט, האָט מען אַוועקגעלייגט אַ שווערן האָלץ אויף איר ברוסט און מיט קירצערע העלצער באַדעקט איר גאַנצן גוף. עס האָבן נאָר אַרויסגעהאַנגען די לאַנגע, שוואַרצע האָר פון איין עק שייטער, און פון אַנדערן עק שייטער — אירע באָרוועסע פיס ביזן קנעכל, און די זוילן, הויט אָפּגעפאַרבט.

מען האָט אָנגעצונדן אַ בונט טרוקענע טראָסטענעס און מיטן פייער עטלעכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום שייטער, און שפּעטער האָט מען די אָנגעצונדענע טראָסטענעס אַרונטערגעלייגט אונטערן שייטער. דאָס האָט געטאָן דער מאַן. נאָך אים האָבן עס געטאָן די ברידער. גאַנץ פּאַמעלעך האָט זיך דאָס פייער דורכגעקליבן און אָנגעהויבן צו לעקן די לאַנגע העלצער. די שוואַרצע האָר האָבן זיך אָנגעצונדן און דער ריח האָט געצופּט אין נאָז.

איך בין פון פּלאַץ אַוועק, ווען דער גאַנצער שייטער איז געווען אין פלאַמען, נאָר די רויטע טריט האָבן אַרויסגעשטעקט פון עק שייטער.

נאָך שווערער איז געווען צו קוקן, ווי מען וואַרפט קליינע קינדער אין פייער אַריין און ווי די יונגע קעפּערלעך, כאָטש טויטע, קאָרטשען זיי זיך אין די פלאַמען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך וועלן

אומקערן צום לעבן, נאָך די פלאַמען שלינגען אין פאַרשלינגען יעדן שפור פון לעבן.

אַזוי ליגט מען אין אינדיע אַוועק דעם מענטשן שלאָפן דעם „גרויסן און לעצטן שלאָף“.

אַזוי פירט מען אים אַרויס צו זיין „אייביקן וועג“.

דער יאָגי

עס בלאָזט מיט אַ היימישן ווינטל, אַז מען דערנענטערט זיך צום גאַנץ גרויסן עולם בטלנים, פּרושים, גלות-אָפּריכטער, וואָס ציִען מיט די שטויביקע וועגן פֿון אינדיע. איך בין חושד, אַז אונזער פֿאַנאַטיזם און, נאָך איצטער באַזונגענער מיסטיציזם, איז אָנגעווייט פֿון אינדיע. דורך וואָס פֿאַר אַ וועגן האָט ער זיך צו אונז אַריבערגעטראָגן, איז ניט דאָ דער אָרט צו באַווייזן. גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָ איז די היים פֿון די בעלי-מקובלים אויף אַ אינדישן שטייגער, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט צרופים און שמות און קערן מיט דעם אַ וועלט. די גלות-אָפּריכטער זיינען אין פֿיל אופֿנים ענלעך צו די בטלנים, וואָס איך האָב אין די יונגע יאָרן באַגעגנט אין אונזערע קלויזן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די סיגופֿים און עינויים, די חרמות און פֿאַרשווערונגען, וואָס אונזערע מקובלים האָבן אויף זיך אָנגעלייגט, איז ווי אַ שפּילכל אין פֿאַרגלייך מיט די פּלאָגענישן, וואָס אַ אינדישער יאָגי, אָדער סאַניאַסי נעמט אויף זיך.

אַ יונגער אויפֿגעקלערטער אינדוס, וואָס האָט מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז דער ענין פֿון פּייניקן דעם גוף איז ניט אַזוי גרינג צו באַגרייפֿן, ווען מען גלויבט ניט אין דעם — האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

— כדי אונז צו פֿאַרשטיין, באַדאַרף מען זיך דערנענטערן צו אונזער נשמה און מען באַדאַרף אויך קענען אַריינדרינגען אין דער וועלט, וואו אונזערער אַ מענטש ווערט געלייטערט.

האָב איך אים געפֿרעגט:

— וואו איז די וועלט, וואו אַייערער אַ מענטש ווערט געלייטערט. אַוודאי ניט ביים טעמפּל פֿון דער געטין קאַלי, וואו איר ברענגט קרבנות און שמירט זיך מיט בלוט?

מיט מײנע װערטער האָב איך אים צופיל אָנגעגריפן. גלײך װי איך װאָלט אומגעריכט פון אים אַראָפּגעריסן די קלײדער און געלאָזן אים שטײן אַ נאַקעטן פאַר דער גאָרער װעלט. ער האָט זיך אָבער גענומען אַרױסראַטעװען פון דער לאַגע:

— זעסטו, האָט ער מיך געכאַפּט בײם האַנט, — דאָס איז אײך אַ ענין, װאָס דער אײראָפּעער װעט ניט מסיג זײן. דער מענטש איז פון זײן געבױרן־טאָג אָן פול מיט אומנײטיקע און שעדלעכע לײדנשאַפטן. דער אױפגעקלערטער אינדוס פאַרשטײט װי אַזױ צו טױטן אין זיך די דאָזיקע לײדנשאַפטן. אָבער דאָס פאָלק, די ברײטע מאַסן — זײ באַגרײפן עס ניט. דאָס פאָלק לײטערט זיך דערי־בער דורך קרבנות־ברענגען: אָפּהאַקנדיק דעם קאָפּ פון ציגנבאָק, אָדער בופלאַקס, הרגעט ער אַװעק די לײדנשאַפט, װאָס אין זיך.

— און װאו איז די װעלט, װאו אַ אײערער אַ מענטש װערט געלײטערט? — בין איך צוגעשטאַנען.

— אומעטום, כיר, קען זײן די דאָזיקע װעלט, מען ברענט אױס גענוג דעם אָרט, ביז דער אָרט װערט רײן געלײטערט, צו קענען דאָרט לײטערן דאָס לעבן.

דאָס איז „קלאָר“ אַרױסגעבראַכט געװאָרן. געװיס קען מען די גאַנצע ערד פאַרװאַנדלען אין דעם דאָזיקן אױסגעברענטן און „דורכגעלײטערטן אָרט“. נאָר צו לעבן װעט ניט זײן מעגלעך אױף אַזאַ געלײטערטן אָרט.

דעם ערשטן אָרט אין לעבן, װאו אַ גוף האָט זיך געפּײניקט און אַ נשמה געלײטערט, האָב איך געזען אױף מאָרגן נאָך דעם אײבנדערמאָנטן שמועס, אין דער רעװאָלוציאָנערער בענגאַליע, אױפן װעג צום קאַליגהאַט־טעמפּל, אין קאַלקוטע:

אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, לאַנגע האָר אױפן קאָפּ, אַ לאַנגע באָרד, לאַנגע נעגל, דער גוף זעט אױס װי אױסגעשמירט מיט אַש פון קאָפּ־מיסט, כמעט אינגאַנצן נאַקעט, בלױז מיט אַ גאַרטל אַרום די טײלן פון קערפּער, װאָס זײנען פאַרמשפּט צו זײן צוגעדעקט אַפילו אין אינדיע — זײער בהרחבהדיק איז ער געזעסן אונטער אַן

אַלטן מאַגאַ־בוים, אויף אַ קאַפּע מיט געדיכט־אָנגעשטעקטע שפּיציקע משהעקעס, עטלעכע צאָל די לענג. אַזוי איז ער זיך געזעסן אָנגעלענט, באַקוועם מיט דער פּלייצע אויף די אייזערנע שפּיצן.

— אַ יאָגי!

אויגן ברייטע, אָפענע — צוויי שוואַרצע פייערן. אַ ברייטער בודאַיסטישער שמייכל אַרום די ליפּן, — ממש דער גליקלעכסטער אויף דער ערד. דער איין־און־איינציקער באַרויקטער, מיט פרידן אַרומגערינגלטער, צווישן די הונדערטער און טויזנטער, וואָס ציען דאָ פאַרביי מיטן וועג הין און צוריק, פון טעמפּל אין צום טעמפּל. גוים וואַרפט איעדער איינער אַ בליק פאַרבייגייענדיק און בענטשט אים אין האַרצן.

אַנטקעגן אים, אויף דער ערד, אין האַלבן קרייז, זיינען געזעסן ביי אַ צענדליק יונגעלייט, געקוקט אים גלייך אין מויל אַריין, גרייט געוועזן צו הערן תורה פון אים.

לעבן אים, אויף אַ באַנאַנע־בלאַט, איז געלעגן אַ הייפל געבראָטענע רייז, אַ מעשן קריגעלע מיט וואַסער איז געשטאַנען בייזייט און אַ עטלעכע מטבעות זיינען געלעגן דערביי.

—איז דאָס דער אָרט, וואו מען לייטערט דאָס לעבן?

דער ענין פון פאַרטראַגן זיך אין איין פינטל אַריין, דאָס שטרעבן צו פאַריאָגן די נשמה פון חומר אַרויס — אונז איז דאָס וואויל באַקאַנט. אויף צו לייטערן די נשמה דורך פאַרפייניקן דעם גוף האָט פאַנאַטיזם אָנגעוויזן אַלערליי דרכים. אין אינדיע איז דאָס גרעסטע פעלד, וואו עס פיטערן זיך נאַקעטע נשמות, וואָס דער גוף איז פאַר זיי ענג געוואָרן.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד, צווישן די יונגעלייט, אַנטקעגן דעם יאָגי. אויף אים האָט עס קיין באַזונדערן איינדרוק ניט געמאַכט. זיינע תלמידים האָבן עס אויך אָנגענומען פאַר נאַטירלעך.

איצטער האָב איך באַמערקט, אַז זיין פּנים איז שוין לאַנג ניט געוואַשן. זיינע לויטערע, גרויסע אויגן האָבן געשטראַלט פון אַ אומריינעם פּנים אַרויס. עס האָט אויסגעזען, אַז דורך אַ צופאַל זיצן די שיינע אויגן אין דעם דאָזיקן פּנים. און אויב די אויגן

זיינען „די פענסטער פון דער נשמה“ — ווי די פאָלקס־וויזהייט זאָגט, — איז דאָס אַ גוטער סימן. נאָר אויב דער גוף איז די צייטווייליקע היים פון דער נשמה, — ווי אַזוי פאַרבלאָטיקט מען עס אַזוי אַ צייטווייליקע היים?

און פאַרוואָס זיינען די אָדערן אויף זיינע האָריקע פיס אַזוי בלוי אָנגעקוואָלן? עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד פּלאַצן זיי, די אָדערן, און אַזאַ בלוילעכע בלוט וועט אַ שפּאַר טאָן און אַנטלויפן פון זיין פאַרפּייניקטן גוף.

איך שטעל מיר פאָר, ווי די גאַנצע מענטשהייט טוט זיך אויס נאַקעט און דעקט צו בלויז די „שאַנד“ מיט אַ גאַרטל, שמירט זיך אויס אין אַש פון קו־מיסט און זעצט זיך אַנידער מיט אַ נאַקעטן לייב אויף אַ בעט פון שאַרפע, שטאָלענע טשוועקעס געדיכט אָנגעשטעקט... האַ, וואָס נאָך פעלט דער מענטשהייט?

איך ווייס, אַז דאָס זיצן מיט נאַקעטן לייב אויף שאַרפע, אייזערנע שפּיצן, איז נאָך ניט דאָס איינציקע, וואָס אַ מענטש נעמט אויף זיך דאָ אין לאַנד. ניט קיין נאָווינע, אַז מען זאָל מיט אַ הייסן אייזן זיך אויסברענען וואונדן אין לייב און ניט לאָזן, אַז די וואונדן זאָלן זיך פאַרהיילן. צו פאַרקריפּלען געוויסע גלידער איז אַ געוויינטלעכע זאַך אין אינדיע.

אַרום דעם טעמפּל צו דער געטין מאַרי־אָמאָ איז ביז היינט נאָך פאַרהאַן דער סלופּ פון דער הוידע און דער אייזערנער, שאַרפער האָקן, מיט וועלכן מען פאַרכאַפּט די מוסקלען אויפן פּלייצע פון פאַנאַטיקער, און אַזוי שטעכט מען דורך דעם שאַרפן האָקן דורך זיין לייב, און אַזוי הוידעט ער זיך אַ צייט אין לופטן, ביז ער האָקן רייסט זיין לייב.

אָדער צו פאַרברענען אַ לאַנגן קאָכטער האָלץ און שפּעטער שפּאַצירן מיט די באָרוועסע פיס איבער די ברענענדיקע קוילן. עס רייסן זיך פון האַלז די געשרייען פון ווייי און עקסטאַז. מען שלינגט דעם ווייטאָג, מען וואַרגט זיך מיטן ווייטאָג. מען פאַרקוועטשט די פויסטן און מען פאַרשטשירעט די ציין — און ס׳איז „גוט“, ס׳איז „וואויל!“

אָט האָב איך געזען אַ יאָגי אין באַגלייטונג פון יונגע תלמידים, וואָס האָבן נאָכגעטראָגן אַ עמערל הייסע קוילן און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט „איבערבינדן“ זיינע אויסגעברענטע וואונדן אויף די פיס און דאָס איבערבינדן איז באַשטאַנען אין ווייטערדיקן ברענען די וואונדן.

איך ווייס ניט, אויב נאָך אַ פאָלק אויף דער וועלט קען צו־פרידנשטעלן דעם גוף מיט אַזוי ווייניק און פונדעסטוועגן איז דער גוף איבעריק ביים אינדוס. צו דער נשמה אַליין קען מען זיך ניט דערקלייבן צו שלאָגן אין איר אַריין טשוועקעס, — שלאָגט מען טשוועקעס אין גוף אַריין.

דער יאָגי האָט אָפּגעווענדט זיינע ברייטע בליקן פון די תלמידים און זיי געווענדט צו מיר. איך האָב זיך ניט געקענט דער־וואַרטן, ער זאָל אָנהייבן רעדן צו מיר, — האָב איך אים געפרעגט:

— ווי אַזוי האָסטו אָפּגעטיילט די נשמה פון גוף?

ער האָט זיך נאָך ברייטער צעשמייכלט און געזאָגט:

— ביי דיר לעבט נאָך דער באַגריף „גוף“. איך האָב זיך באַ־פרייט פון אַזאַ באַגריף, און דעריבער איז מיר אַלץ איינס, אויף וואָס איך זיץ. די שפּיציקע אייזנס שפּירט מיין לייב ניט.

— אויב אַזוי, קענסטו דאָך זיצן אויף דער ווייכער ערד, אין שאָטן פון דעם דאָזיקן בוים, אויב דיר איז אַלץ איינס?

— ביסט ניט גערעכט, — האָט ער געענטפערט — דער הומור וואָלט גענומען די איבערהאַנט, ער וואָלט די נשמה מיטגעשלעפּט.

האָב איך געזאָגט:

— ווען מען זינדיקט דורך אויסגעלאַסנקייט, אָדער מען באַ־גייט אַ קרימינעלן פאַרברעכן און, עס טרעפט אַמאָל, אַז הרוך אַ אומגליקלעכער ליבע צו אַ פרוי — אָט אַזעלכע סיבות קענען דאָך אַמאָל פירן צו פאַראַכטן דעם גוף און לייטערן די נשמה...

ער האָט צונויפגעצויגן זיינע ליפּן. דער בודאַיסטישער שמייכל איז פאַרשוואונדן פון אַרום זיין מויל. אויף זיינע תלמידים האָבן מיינע רייד געמאַכט ניט גאָר קיין גוטן איינדרוק. זיי האָבן זיך

דורכגעוואָרפן מיט שטומע בליקן און שפּעטער זיך אַלע געזעגנט צום יאָגי, געוואַרט, וואָס וועט ער מיר ענטפערן.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ ווײַלע פון אַ אומבאַקוועמען שטיל־שווײַגן. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זײַנע ברעמען און איצטער, אָן דעם שײַן פון זײַנע אויגן, איז דאָס פּנים באמת געווען אומרײַן. עס האָט געגעבן, אַז עמעצער זאָל מיט געוואַלט אַ נעם טאָן אָט דעם מענטשן פאַר די לאַנגע האָר און אָוועקפירן צו הוגלי־טײַך דער־בײַ, און אויסבאָדן אים אין אַרומוואַשן אים, ווי מען וואַשט דאָרטן די ציגעלעך, איידער מען ברענגט זיי אַ קרבן צו דער געטין קאַלי.

ער האָט זיך צונויפגענומען מיט פרישן מוט. כאָטש דער שמייכל איז שוין מער ניט אויפגעקומען אויף זײַן פּנים, האָט אַ פרעג געטאָן, קורץ און שאַרף:

— ביסט אַ פרעמדער?

— איך האָב מיט זיך געבראַכט גענוג, איך זאָל ניט שפּירן דאָ די פרעמד.

— ביסט אַ אייראָפּעער?

— דאָס יאָ.

— ווי קומט צו דיר אַ ווײַטער בליק?

— געירשנט בײַם לעבן.

— פאַרברענט איר ניט אײַערע זינד?

— מיר האָבן זיי צופיל.

האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ קינדישן געלעכטער, וואָס האָט זיך גאָרניט געפּאַסט, ניט צו זײַן גוף אויף די טשוועקעס און ניט פאַר זײַן באַוואַקסענעם קאָפּ.

— דו ביסט אַ יאָגי, האָב איך געזאָגט, און אפשר אַ סאַני־אַסי. דו האָסט דאָך לאַנג, לאַנג געקוקט אין אַ בלאַנקן חלל אַרײַן, ביז סיווואַ האָט זיך צו דיר באַוויזן; דורך די פײַערדיקע רינגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעטיילט פון דײַנע אָנגעשטרענגטע און מידע אויגן, — האָסטו אים געזען?

— יאָ, יאָ, אמת, אַלץ אמת — האָט ער מיט חידוש צוגעגעבן.

— און סוואַ איז דאָך דער סימבאָל פון בויען און צעשטערונג — האָט ער זיך צו דיר באַוויזן אויף אַזאַ שטערכעדיקער קאָנאָפּע זיצנ־דיק?

האָבן זיך די תלמידים צעהודערט און איינס נאָכן אַנדערן מיר פאָרגעהאַרפן:

— דו פאַרשטייסט אים ניט.

— ער איז אַ יאָגי, ביי אונז איז ער אַ הייליקער.

— ער איז ביי אונז אַ געלייטערטער.

— צו אים רעדן מיר ניט אַזוי.

— ביי אונז איז אַ גרויסע זינד אַזוי צו רעדן צו אַ יאָגי.

— ער איז מער פון אַ יאָגי.

ער האָט צו זיי געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט, זיי זאָלן ניט רעדן. אָבער ער אַליין האָט אויך געשוויגן אַ צייט. מיר איז גע־ווען אומבאַקוועם אויפצושטיין און אַוועקגיין, האָב איך איבערגע־ריסן די שטילקייט און האָב אים געפרעגט:

— מאָל דיר אויס, ווען דאָס גאַנצע אינדישע פאָלק טוט נאָך דיין ביישפּיל און באַזעצט זיך אויף שאַרפע, שפּיציקע אייזנס אַזוי־נע, — ווי מאָלסטו זיך דאָס אויס?

האָט זיך ווידער זיין פּנים צעשמייכלט. אויף אים קוקנדיק האָבן געשמייכלט זיינע תלמידים. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אַ פאָלק קען ניט. אַ פאָלק וועצט דעם יחיד אַוועק. טיילט אים אויס פון זיך. ער איינער, פאַר אַלע...

ביי דעם האָב איך אים געלאָזט צורו און אַוועקגעגאַנגען.

שפּעטער, אין די צענטראַלע פּראָווינצן, האָב איך באַגעגנט אַ יאָגי, וואָס איז געגאַנגען מיטן שטויביקן וועג, אַ צעשויבער־טער, אַ פון־דער־וועלט אַרויסגעטאָנענער. ער איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט און נאָך אים אַ שורה יונגלייט. זייער גאַנצער מאַרש האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן פון לעבעדיקן לעבן. איך האָב זיי כמעט ווי פאַרשטעלט דעם וועג, האָבן זיי מיך אויסגע־מיטן און אַוועק, מיט די בליקן געווענדט אין זיך אַריין.

יאָגי שטאַמט פון וואָרט יאָגאַס, מעדיטירן. דאָס אַריינבליקן אין זיך אַריין איז וויניק. מען באַדאַרף מיט די אייגענע נעגל אַריינוואַקסן אין דער נשמה אַריין, — דאָס איז די מהלכה פון אמתן מעדיטירן אין אינדיע.

איך האָב שפּעטער געטראַכט: און וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען דער יאָגי, נאָך דעם, ווי איך האָב איראָניזירט איבער זיין פאָלק, וואָס זיצט אויף טשוועקעס, ווען ער טוט אַ פרעג:

— און דיין וועלט-מלחמה, בעת איין טייל פון דיין מענטשהייט האָט געפוילט אין טראַנשייען און די אַנדערע העלפט פון דיין מענטשהייט האָט געשיקט גראַנאַטן, וואָס האָבן זיך געריסן איבער זייערע קעפּ, און געשפּריצט גיפטיקע גאַזן, וואָס האָבן אויסגעריבן די לונגען, — נו, איז דען ניט בעסער צו זיצן אויף אַזאַ מין קאַנאַפּע, ווי איך, און מעדיטירן?

עס האָבן מיר פּשוטע מענטשן און ניט קיין יאָגים אַזעלכעס געפרעגט אין אינדיע ניט איינמאָל. און זייער אָפט זיינען זיי געווען גערעכט...

אין די וויקעלעך

דער פרוי אין אינדיע זיינען ניט באַקאַנט די מיידלשע געפילן פון אונזער מערב-פרוי. שוין פון קינדוויז אָן איז די פרוי אין אינדיע פאַרהייראַט און אײַנגעפלאָכטן אין אַ נעץ פון טרוקענע טראַדיציעס, וואָס דער מאַן האָט מיט דער הילף פון רעליגיע געפלאָכטן נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק. דער רעוואָלוציאָנערער דור, וואָס זוכט צו באַפרייען אינדיע פון דרויסנדיקן יאָך, האָט אין זיין פּראָגראַמע אויך אין זינען די באַפרייונג פון דער פרוי. נאָר מיר איז ניט קלאָר גענוג, צי דער רעוואָלוציאָנערער עולם באַגרייפט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע אַ העלפט פון פאָלק לעבט.

אַז איך האָב געפרעגט אַן אויפגעקלערטן, יונגן אינדוס, פאַר-וואָס אין אינדיע האָט מען די פרוי אַזוי דערנידערט און באַרויבט פון מענטשלעכן געשטאַלט? — האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַר-וואונדערטע אויגן און בײַ מיר אַ פרעג געטאָן:

„צי ווייסטו ניט, אַז בײַ אונז איז די פרוי פאַרגעטערט?...“

פאַר מיר איז דאָס געווען אַ חידוש צו הערן. באַזונדערע באַ-גריפן. ווייל ערשט איצטער באַמוען זיך די אייגענע רעוואָלוציאָ-נערן, אַז די רעליגיע זאָל דערלויבן דער יונגער אַלמנה, וואָס איז געבליבן אין איר מיידלשאַפט, זי זאָל מעגן חתונה האָבן נאָכאַמאָל. און דאָ דעקט זיך אָפּ אַ פינסטערער ווינקל פון אינדישער טראַ-דיציע:

ווי דער שטייגער, קלייבט מען צו דעם שידוך פאַר קינדער, טאַקע נאָך יעמאָלט, ווען זיי זיינען קליינע קינדער. דער חתן איז געוויינלעך עלטער, אָבער די כלה איז אָפטמאָל פינף, זעקס יאָר אַלט, מען פּראַוועט אַ חתונה מיט אַלע קליפּערלעך. און נאָך דער חתונה קערט זיך די כלה אום צוריק צו אירע עלטערן אין דאָרטן בלייבט

זי ביז זי ווערט ראוי צו זיין אַ ווייב. יעמאָלט קומט דער מאַן און נעמט זי מיט גרויס פּאַראַד צו זיינע עלטערן. אין צו צען, צוועלף יאָר הייבט זי אָן געבערן קינדער. אַן אַלמנה טאָר מער ניט חתונה האָבן. מיטן טויט פון איר מאַן האָט זיך איר לעבן געענדיקט. אין די אַלטע צייטן איז איר חוב געווען צו לייגן זיך אין קבר מיטן מאַן, אָדער לאָזן זיך מיט אים פאַרברענען נאָך זיין טויט. ווען עס טרעפט, אַז איר „מאַן" שטאַרבט יעמאָלט, ווען זי איז נאָך ביי אירע עלטערן, אַ קינד פון אונטער צען יאָר, ווערט זי שוין פאַררעכנט פאַר אַ אייביקער אַלמנה. ווי אָפט טרעפט, אַז אַן עלטערער מאַן האָט חתונה מיט אַ קליין קינד און ביז זי וואַקסט אונטער שטאַרבט ער אַוועק און זי בלייבט אויף אייביק אַן אַלמנה.

און אויף דעם האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן דער פראָגרעס־ווער־געדאַנק און וויל אויספירן, אַז דאָס קינד, וואָס דער מאַן איז ביי איר געשטאָרבן איידער זי איז געוואָרן רייף, זאָל מעגן נאָך אַמאָל חתונה האָבן.

די אַלמנה איז דאָ ווי אַ קללה, וואָס פלאָנטערט זיך אין לעבן, ווי אומנייטיקע שטיינער אונטער די פיס. איר בליק איז שעדלעך. אַ באַגעגעניש מיט אַן אַלמנה איז אַן אומגליק. די אַלמנה בלייבט אויף אייביק ביי שוויגער־און־שוויגער און ווערט פאַררעכנט נאָך ערגער פון אַ פּאַריאַ. יעדע שווערע און אומריינע אַרבעט באַדאַרף זי טאָן. עס ווערט אויסגעלאָשן יעדער פונק רחמנות צו איר. זי טאָר מער ניט אָנטאָן איר צירונג, אירע שיינע קליידער. איר קאָפּ איז אָפּגעגאָלט און צוגעדעקט. ווען אַ בראַמינער באַגעגנט זיך מיט אַן אַלמנה בעת ער גייט פון זיין טבילה, ווערט ער אומריין. ער קערט זיך אום צוריק צום טייך, געווים מיט אַ קללה אויף די ליפּן.

אויך ביי אונז, יידן, האָט די פרוי געלעבט צוליבן זכות פון מאַן און געהאָפט צו זיין אַ פוסבענקעלע פאַר איר מאַן, ווען זי וועט נאָר זוכה זיין צו דערגרייכן צו אים אין הימל. ווייסן מיר דאָך ניט פון דעם, אַז די פרוי טאָר זיך ניט צורירן צו די כלים, בעת עס קאָכט זיך, ווייל מיט איר באַרירונג וועט זי אומריין מאַכן די שפּייז. ביי די בראַמינער קאָכט ער אַליין, העכסטנס מעג זי וואַשן די טעפּלעך דערנאָכדעם.

דאָ עקסיסטירט ניט די פרוי אין געגנוואַרט פון מאַן. זי טאָר אים ניט אָנרופן בײַ זיין נאָמען: „מיין האַר", אָדער „מיין גאָט" — אַזוי באַדאַרף זי זיך ווענדן צו איר מאַן. אויך אין אַ שמועס מיט עמעצן טאָר זי ניט אַרויסבריינגען אויף אירע ליפּן דעם נאָמען פון איר מאַן, ווייל דאָס הייסט פאַרשוועכונג.

געווים איז אויסערלעך דאָס בילד גאָרניט אַזוי חושכדיק פאַר דעם, וואָס וויל עס ניט זען. אין די גאַסן פון לעבן גייט אַרום די שוואַרצגעווידיקע פרוי מיט אַ געוויסער מאָס צופרידנקייט אין איר אויסדרוק. די פרוי פון פאָלק איז באַהאַנגען מיט צירונג, סיידן שוין די, וואָס וואַלגערט זיך אויפן מיסט-הויפן. הורכשניטלעך טראָגט יעדע פרוי פון פאָלק עטלעכע אויריגלעך, אַ נאָזבאַנד, אָרעמבענדער און זילבערנע רינגען אויף די פיס, איבערן קנעכל. איר פאַרמעגן איז צירונג. מען זעט איר באַפרידיקונג אין דעם אַלעמען. מיט אַ פולער מאָס צופרידנקייט נעמט זי אויף פון קינדווייז אָן דעם פלאָד קינדער. און אויב זי געבערט געגוג יינגלעך, איז איר גליק גאָר אָן אַ סוף. וואָרעם ווי צו דער פרוי — וואָס געבערט נאָר מיידלעך. יעמאָלט זוכט זי אַליין אַ צווייטע פרוי פאַרן מאַן און גיט זיך איבער איר שיקזאַל. ווען מען זעט אַ פרוי פון אַ יאָר צוואַנציק און שוין איז זי אַרומגערינגלט מיט אַ פינף קינדער — ווערט פריקרע און שווער זיך אַריינצוטראַכטן אין דער פסיכאָלאָגיע פון גאַנצן פאָלק.

אין דעם זינען לאָזן זיך הערן אין לאַנד אָפטער די שטימען פון דערוואַכטע פרויען, וואָס פּראָטעסטירן אַנטקעגן דעם אומרעכט, וואָס דער מאַן טוט צו דער פרוי אין אינדיע. ווי אַזוי קען די פרוי קריגן אַ דערציִונג, אָדער בילדונג, אַז נאָך איידער זי האָט אויפגעעפנט אירע אויגן צו דער וועלט און לעבן, זיינען אירע פאַרלאַנגען געבונדן געוואָרן? אין אַ גאַנץ פרעמדער ריכטונג ווערט אָפּגעווענדט די גאַנצע פסיכאָלאָגיע פון דער פרוי. און קראַנק פיזיאָלאָגיש איז די גאַנצע אומה. וואָס עלטער דער מאַן — אַלץ יינגער די ווייב. סעקסועל אומנאָרמאַל. ברוטאַל און הינטערשטעליק איז די דערשיינונג פון אַ נאָרמאַלן שטאַנדפּונקט, אַז זקנים זאָלן קינדלען מיט צען, צוועלף-יאָריקע ווייבער. דאָ איז מעגלעך געוואָרן, אַז

מען זאָל קליינע קינדער פּאַקיפּן, אָדער אַוועקשענקען צו די טעמפּלען, זיי זאָלן באַדינען די געטער מיט טאַנץ און געזאַנג. אינאמתן פּאַרקויפט מען, אָדער מען שענקט אַוועק די מינדעריאָריקע מיידלעך צו פּראָסטיטוציע, וואָס הערשט אַרום די טעמפּלען.

ביי אַ גרויסן טייל פון פאָלק הייבט די פרוי אָן צו טראָגן די „פורדאַ“ גלייך נאָך דער חתונה: דאָס איז ניט בלויז קיין שלייער איבערן פנים — דאָס איז אַ לאַנגער קיטל, וואָס טוט זיך אָן איבערן קאָפּ און גרייכט ביז צו די טריט. אַרום און אַרום איז דער קיטל פאַרמאַכט און דעקט איין דעם גאַנצן קאָפּ. נאָר פאַר די אויגן זיינען אויסגעשניטן צוויי קיילעכדיקע לעכער און פאַרשטעלט מיט דורכזיכטיקן גאַז. אַנדערש טאָר זיך די פרוי ניט באַווייזן אין דער עפנטלעכקייט. אַפילו אין שטוב פאַר פרעמדע מענטשן. אַז איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען די דאָזיקע פאַרשטעלטע געשטאַלטן, אין דעם לאַנגן, ווייסן קיטל, מיט די טונקעלע לעכער אַנטקעגן די אויגן, האָב איך געמיינט, אַז דאָס זיינען מצורעים, וואָס פאַרשטעלן דעם קרעציקן פנים. נאָר צופיל אַזעלכע געשטאַלטן האָבן מיר זיך געוואָרפן אין די אויגן. ממש אַ שוידער כאַפּט אַרום, ווען מען מאָלט זיך אויס די אמתע געשטאַלט פון דער פרוי, וואָס אונטער דער דאָזיקער פורדאַ — ווי איר גאַנצער מהות ווערט אַזוי פאַרוועלקט!

די פורדאַ קומט פון די פריערדיקע הורות. אין צייט פון מלחמות צווישן שבטים, כדי די יונגע פרויען זאָלן ניט אַריינפאַלן צום שונא, האָט מען אַלע פרויען באַפוילן אָנצוטאָן דעם לאַנגן בגד איבערן קאָפּ, כדי מען זאָל ניט דערקענען צווישן אַלט און יונג. ווייל אַראָפּצונעמען מיט גוואַלד די פורדאַ איז געווען אַ רעליגיעזע פאַרשוועכונג. און אַזוי איז די פרוי געבליבן אין איר פורדאַ ביז אויפן היינטיקן טאָג.

פון די פרעמדע רעליגיעס, וואָס האָבן זיך אַהער אַריינגעקליבן, האָט קאַטאָליציזם דעם גרעסטן דערפאָלג. די פּראָווינץ מאַדראַס איז כמעט אינגאַנצן קאַטויליש. און דאָס איז אַ צווייטע שאַטירונג פון פינסטערניש אַרום דער פרוי. אויך דאָ איז איר קיין ליכטיקער וועג אין לעבן ניט אָנגעוויזן.

דאָס אינדישע פאָלק, וואָס האַלט זיך אין איין גריבלען, אויסצוגעפינען דעם תוך פון לעבן און האָט שוין ניט איין מאָל דורכגענומען אַ העלפאַנט דורכן לעכל פון אַ נאָדל, איז אין פיל אופנים עגאָיסטיש, ווען עס קומט אויס זיך אָפּצוזאָגן פון עולם-הזה. בנוגע דער פרוי איז הייט ניט דער חשבון אויף איר זייט. און עס מאַכט ניט אויס, וואָס מען האָט אָפּגעשאַפט די סוטטי, וואָס מיינט, אַז די פרוי באַדאַרף זיך וואַרפן אין פייער און לעבעדיקערהייט זיך פאַרברענען מיט איר טויטן מאַן. אין דער פסיכאָלאָגיע פון פאָלק, וואָס דינט נאָך צו אַזויפיל ברוטאַלע געטער, איז נאָך ערגעץ פאַרהאַן דער פאַרלאַנג, אַז נאָך זיין טויט זאָל די ווייב ניט האָבן דאָס רעכט מער צו לעבן אויף דער ערד.

איך גיב דאָ איבער עטלעכע שטעלן פון די הייליקע פוראַנאַס, ווי די פרוי באַדאַרף זיך אויפפירן. די איבערזעצונג האָט געמאַכט דער פראַנצויזישער טעאָלאָג דובאוי. דאָס פאָלק לעבט נאָך מיט די דאָזיקע הייליקע ספרים. די בראַמינער דיקטירן זיי אַריין אין לעבן. דאָס אינדישע פאָלק איז נאָך אונטערטעניק די בראַמינער און די הייליקע פוראַנאַס. און איך זע, אַז בנוגע דער פרוי ווערט עס צום גרעסטן טייל אָפּגעהיט. אָט וואָס מען זאָגט איר אָן אין די הייליקע ספרים:

„....זאָל אַפילו איר מאַן זיין אַ קריפּל, געעלטערט, מיט ברוטאַלע מאַנירן, אַ שיכור, אוממאָראַליש, אַ קאָרטנשפּילער, לויפט אום מיט אַנדערע פרויען, זאָל ער אַפילו זיין טויב, בלינד — מיט איין וואָרט, זאָל ער האָבן אין זיך אַלע פינסטערע אָנשיקענישן — זאָל אַלץ די ווייב אים באַטראַכטן פאַר איר גאָט. איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט זאָל זיין נאָר צו אים. ניט טאָן קיין שום זאַך, וואָס זאָל אים זיין דערווידער“.

„....די פרוי איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין אונטערטעניק אין יעדער סטאַדיע פון איר לעבן: ווען אַ טאָכטער — צו פאָלגן טאַטע-מאַמע. אַלס ווייב — צו זיין אונטערטעניק איר מאַן און שווער-און-שוויגער. ווען אַלמנה — זאָל זי פאָלגן אירע זין. אין קיין שום פעריאָד פון איר לעבן קען זי זיך ניט באַטראַכטן אַלס הערשערין איבער זיך אַליין...“

...אויב צו איר מאַן איז געקומען אַ פרעמדער מענטש, באַדאַרף זי פאַרלאָזן איר פלאַץ מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מאָן איר אַרבעט און אירע מחשבות ניט שיקן אין דער זייט פון פרעמדן. אירע געדאַנקען זאָלן זיין געווענדט נאָר צו איר מאַן אַליין...“

...„אויב איר מאַן לאַכט — זאָל זי אויך לאַכן. אויב ער איז טרויעריק — זאָל זי אויך זיין טרויעריק. אויב ער וויינט — מוז זי אויך מיטוויינען“.

...„אַ ווייב מעג עסן נאָר דענסטמאָל, ווען דער מאַן האָט זיך אָנגעגעסן צוזאַט. אויב ער פאַסט — זאָל זי פאַסטן. אויב ער רירט ניט אָן זיין שפייז — זאָל זי אויך אַזוי...“

...„זי זאָל זיך באָדן יעדן טאָג, אָנרייבן דאָס לייב מיט זאַפרען און די ברעמען פאַרבן מיט אַנטימאָניע און דעם שטערן אָרנאַמענטירן רויט. אַז איר מאַן איז אַוועקגעפאָרן פון דער היים, — זאָל זי ניט פאַרלאָזן די שטוב אַזוי לאַנג ווי ער איז ניט געקומען צוריק. אין דער דאָזיקער צייט זאָל זי זיך ניט באָדן, דאָס לייב ניט זאַלבן, דעם קאָפּ ניט שמירן, די ציין ניט וואַשן, די נעגל ניט שניידן, זאָל עסן בלויז איינמאָל אַ טאָג און ניט ליגן אויפן בעט, זאָל ניט אָנטאָן קיין נייע קליידער...“

...„אויב דער מאַן איז אַריין אין גרימצאָרן און באַליידיקט זי גראָב, ווען אַפילו ער שלאָגט זי — זאָל זי אים ניט אָפּענטפערן גראָב. אָנשטאָט צו אַנטלויפן פון שטוב — זאָל זי אים קושן די הענט און בעטן ביי אים, ער זאָל איר מוחל זיין...“

...„אין פאַל איר מאַן שטאַרבט — באַדאַרף זי באַוויליקן צו שטאַרבן מיט אים און גליקלעך וועט זי לעבן אין דער וועלט, וואו דער מאַן וועט זי פירן נאָכן טויט...“

...„אַ ווייב קען ניט געניסן פון דער פולער מאָס גליק, סיידן זי קריגט עס דורך איר מאַן, ווייל ער איז דער, וואָס גיט איר קינדער, גיט איר אַלע באַקוועמלעכקייטן. גיט איר קליידער, צירונג און אַלע גוטע זאַכן אין לעבן...“

די פרוי ווערט פון קינדווייז אָן אַזוי אויפגעבראַכט און איך צווייפל, צי מיט די ווייטערדיקע יאָרן ווערט אין איר רייף וועלכער עס איז פּראָטעסט. דער קלימאַט, וואָס ווירקט צו פאַרשלעפּערן ביז צו אַ געוויסן גראַד און לאָזט די חושים אין אַ האַלב־וואַכן און האַלב־פאַרחלומטן מצב, איז געוויס גורם, אַז די פרוי זאָל אָנהייבן צו חלומען נאָך ביי דער מאַמען אין שטוב. נאָך קינדווייז פירט מען זי אַריין אין דער וועלט פון אויריינגל, נאָזבאַנד, צי שיינער סאַרי אַיינצוויקלען דעם קינדערשן גוף — דאָס איז די וועלט פון קינד און ווייב. פון די וויקלעך אָן הייבט זיך אָן איר אונטערטעניקער גאַנג און אַזוי בלייבט זי אין די וויקלעך אַ גאַנצן לעבן.

ווי אין אַלע לענדער, אַזוי אויך אין מזרח, האָט נישט און אָרעמקייט דערוועקט די פרוי צו זעלבשטענדיקייט אינאיינעם מיט יעדן אונטערדריקטן. דאָס האָב איך געקענט באַמערקן אין יאַפּאַן, אין כינע און אַפילו אין די קאַטוילישע לענדער ביי די לאַטייניש פעלקער. דאָ, אין אינדיע, איז שווער דורכצופירן אַ ליניע, וואו עס ענדיקט זיך נישט און וואו עס הייבט זיך אָן רחבות. ביי דער אָרעמקייט באַנוצט זיך דער פאָטער מיט דער גאַנצער משפּחה, די זאָל גיין פאַרדינען. אין די טיי־גערטנער שטייען שוין צוויי־יאָריקע קינדער ביים בוימעלע און רייסן די טיי־בלעטער פון די צווייגן. אָבער אויך אין דער אָרעמקייט קומט אַהיים די פרוי מיט איר נאָזהרינג איבער דער אייבערשטער ליפּ, אָדער ביים זייט נאָז. אויך די אָרעמע טריט טרעטן מיט רינגען אויף די פיס. פאַרהאַנען אויגן, וואָס קוקן נאָך אַזאַ פרוי אויך. און יעדע האַנט, וואָס וועט אויסציען צו די עלטערן און בעטן דאָס קינד פאַר אַ ווייב, באַצאָלן דערפאַר — און זאָל עס אַפילו זיין די האַנט פון אַן אַכציקער — וועט דער פאָטער זיין קינד צום זקן אַוועקגעבן.

אין דעם פּרט גייען זיך צונויף מאַכמעדאַנער מיט אינדוסן. כאָטש זייערע רעליגיעס קריגן זיך שטאַרק דאָ אין לאַנד. נאָר די איבער צוויי הונדערט מיליאָן אינדוסן און די גענויע זיבעציק מיליאָן מאַכמעדאַנער, זיי האָבן גאָרנישט איינער אַנטקעגן אַנדערן בנוגע דער פרויס טראַגישער לאַגע. די מאַכמעדאַנער דערלויבן זיך גרינגער אָנ־

צופילן דעם האַרעם מיט מינדעריאָריקע קינדער. דער מאַכמעדאַנער פאַרשטאַרקט זײַן גן־עדן אויף דער ערד, בשעת דער אינדוס איז פאַרטראָגן אין װײַטע עולמות. די לאַגע פון דער פרוי איז די אײגענע.

בנוגע דער פרוי אין אינדיע װעלן די באַפרײַער מוזן אָנװענדן אַנדערע מעטאָדן; דעם סאָציאַלן בליק פון דעם מערב־מענטשן. װײַל אין אַ לאַנד, װוּ דורך לאַנגע דורות איז די פרוי אַ װײַב פון צען יאָר אָן, דאָרט איז די גאַנצע אומנאַטוראַלע לאַגע סעקסועל־פאַרפּלאָנטערט.

און װען מען זאָל װעלן דורכפירן אַ פּאַראַלעל צװישן יאַפּאַן און כינע פון אײן זײט און — אינדיע פון דער אַנדערער זײט, צװינגט אונדז די לאַגע פון דער אינדישער פרוי צו שטעלן אינדיע קולטורעל אויף אַ פיל־נידעריקער מדרגה. אַז מען קוקט אַרײַן אין לעבן פון דער אינדישער פרוי, זעט מען בולט אַרױס די פּסיכאָלאָגיע פון גאַנצן פאָלק און מען קען באַגרײַפן, װי אַזױ אַ הײפל אײראָפּעער הערשט איבער אַ פאָלק פון אַריבער דרײַ הונדערט מיליאָן. װײַל דער מאַן, װאָס קען נעמען פאַר זײַן װײַב אַ מינדעריאָריק קינד, איז מיט דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע מינדעריאָריק.

ליגט ער אינאײנעם מיט זײַן װײַב אין די װיקעלעך.

אין זוניקן שטויב

1

עס טרעפט, אַז די זון רייסט זיך אַריין מיט אַ קרומען זייל שטראַלן דורך אַ שויב אין שטוב אַריין און נעמט אויף דעם שטויב און מישט אים און באַלייכט אים און וויקלט אים אין אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן.

קינדער האָבן ליב אַזאַ שטויב איפצורודערן און זאָלן זיך די שטראַלן האָבן מיט וועמען צו שפּילן. און מען זאָגט, אַז די זונענשטראַלן האָבן זיך ליב צו שפּילן אין שטויב; נאָך בעסער, ווי אין טוי־טראָפּנס. דאָס איז די מיסטעריע, וואָס וויקלט איין דעם רעאַלן אינהאַלט פון לעבן פאַר די, וואָס קענען דעם נאַקעטן רעאַליזם ניט פאַרטראָגן.

געוויס האָט דער אָריענט זיך צוממיינסטן געשפּילט אין דעם זוניקן שטויב. אַנטקעגן אים איז שוין דער אָקסידענט נאַקעט־רעאַליסטיש, כאָטש דער אָקסידענט האָט זיין צייט־ציילונג פון דעם טאָג, זינט אַ מענטשנקינד איז געבוירן געוואָרן פון „הייליקן גייסט“ (דער הייליקער גייסט איז געווען אַזוי הילפלאָז ניט צו קענען דעם וואונדער באַווייזן, אַז דעם דאָזיקן מענטשן זאָל די מוטער ניט באַדאַרפן טראָגן קיין גאַנצע ניין חדשים).

דאָס קומט אויך פון דער ליבע צו קוקן אין זוניקן שטויב. און איבער דאָס שיסן פון אַ זעכצן־צאָליקן האַרמאַט איז דורכאויס רעאַליטעט און איבער אַהעקלייגן אין איין־איינציקער מלחמה אַריבער צוואַנציק מיליאָן מענטשן איז אויך כמעט רעאַליטעט, איז נאָך אַלץ פינדעסטוועגן מיסטיש דאָס באַשלאָפן צום ערשטן מאָל די געוועזענע כלה, כדי צו מאַכן זי פאַר אַ ווייב, וואָס זאָל קענען דעם מאַן אָנטאָן און אויסטאָן די שיך, ווי דאָס איז נאָך דאָ און

דאָרטן אײַנגעפירט בײַ פעלקער פון מערב, אָדער נאָכגײן דעם מאַן, ווען ער גײט אויף זײַן „באַדערפעניש“, ווי דאָס איז נאָך דער מנהג בײַ געוויסע סעקטעס, ערגעץ אין אינדיע.

נאָר ווײַל און ווײ צו אַ לעבעדיק פאָלק, וואָס האָט אַזאַ ווילדן זכרון און רעכנט זײַן היסטאָריע אין איין די היסטאָריע פון דער וועלט אויף גאַנצע מיליאָנען יאָרן.

בײַ ייִדן האָט מען די היסטאָריע אָפּגעקירצט. בסך־הכל פינף טויזנט און עטלעכע הונדערט יאָר, זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. און פון זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט מען זיי בסך־הכל עטלעכע מאָל געטריבן: צוויי מאָל פון פאַלעסטינע, אַ עטלעכע מאָל פון לענדער אין לענדער. און פון איין מאָל טרײַבן ביז צום צווייטן מאָל — אַ קלייניקייט, אַ קינד קען עס אויף די פינגער אויסרעכענען. דער עיקר, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אין זעקס טעג. אויפן זיבעטן טאָג האָט דער באַשעפער שוין גערוט. פון יעמאָלט אָן האָט ער שוין נישט וואָס צו טאָן. אין אַלע שווערע ענינים, אַפילו פון גרויסע מלחמות, מישט ער זיך נישט אַרײַן. ער דרעמלט.

אַנדערש איז בײַ די אינדוסן. די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט גענויע פיר מיליאָן יאָר צוריק, צעטיילט אויף עטלעכע פעריאָדן, אָדער יוגאַס. איצטער גייט די פינסטערע, די אומגליקלעכע פעריאָדע, אָדער קאַלי־יוגאַ, וואָס וועט דויערן פיר הונדערט צוויי און דרײַסיק טויזנט יאָר. אַ גענויער האַלבער מיליאָן יאָר. און בסך־הכל לעבט די וועלט אין דער דאָזיקער פינסטערער יוגאַ פינף טויזנט יאָר. שוין פינף טויזנט יאָר, אַז אויף דעם מענטשן שיטן זיך אַלערליי פורעניותן, אַלערליי פּלאָגן און פינסטערנישן.

אַ שיינע פערספעקטיווע, צו וואַרטן נאָך הונדערטער טויזנטער יאָרן, ביז אונזער וועלט וועט זיך אַמאָל אויסלײַטערן. וואָס טוט מען אָבער אין דעם דאָזיקן פינסטערן פעריאָד, וואָס הייסט קאַלי־יוגאַ, אויב נישט צו פאַרקוקן זיך און פאַרשפּילן זיך אין זוניקן שטויב און טראַכטן, אַז יעדעס שטיבעלע איז אַ וועלט אַ גאַנצע, אַ באַר אַ גרויסער און, אַזוי זשאָנגלירן די זונענשטראַלן מיט די דאָזיקע וועלטן?

נאָך אַ מענטש איז פונדעסטוועגן אַ מענטש. אַזוי לאַנג ווי ער לעבט, האָט ער נאָך אַ שיין ביסל פונקציעס אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס איבערצוטראָגן. און די ווייב, וואָס האָט מיט דער הילף פון אַ הייליקן גייסט געקענט געבוירן דעם מענטשן, פון וועמעס געבורטס־טאָג דער ניכטערער אַקסידענט ציילט די טעג פון זיין לעבן, און אויך קאַלי, אָדער דורגאַ, די ווייב, וואָס האָט אַזוי געפייניקט דעם גרויסן סיוואַ, ביז די געטער האָבן זיך באַדאַרפט צונויפנעמען און די צעהאַקן און צעפּערטלען אויף פיין־פּיצלעך (אַן עדות איז דער קאַלי־טעמפּל אין קאַלקוטע, וואָס שטייט אויף דעם אָרט, וואו קאַלים אַן אָפּגעהאַקטער פינגער איז געפאַלן) — די אייגענע ווייב האָב איך טאָג־איין, טאָג־אויס געזען אין אינדיע, ווי מיט די הוילע הענט און מיט אַ סך ליבשאַפט און איבערגעבנקייט, מיט אַ סך כוונה און מיט פרומקייט אין פּנים, קלייבט זי די מיסט פון די הייליקע קי און קנעט עס און טריקנט עס. אין דעם צעריבענעם און טרוקענעם שטויב פון קו־מיסט קען אויך די זון אַ קער טאָן מיט אַ שטראַליקן בעזים און עס זאָל זיין אַ וועלט פון כל־טוב.

דעריבער, ווען מיין יונגער פריינט, סאַוואַטי, אַ פּראָפעסאָר פון סאַנסקריט, האָט מיך גענומען און אַריינגעפירט אין אַ זוניקן שטויב און געהייסן אין אים קוקן און זיך פאַרטראַכטן, מיט דער פולער איבערצייגונג, אַז איך וועל דאָרטן זען זיינע וועלטן און אויך מיינע, שיין־באַלויכטענע — האָט ער אינגאַנצן ניט געמאַכט קיין טעות.

2

ער איז אַלט געווען דריי־און־דרייסיק יאָר און זיין ווייב — צוועלף און דרייצנטן יאָר און זי איז שוין געוועזן ע״ב אַ מאַמע צו ווערן. אין זיין שטוב, וואָס איז ענלעך אויף אַ סך אינדישע הייזער — אַ גרויסער פאָדער־זאַל פון פאָרנט און פון אים עטלעכע פינסטערע, אינעווייניקסטע חדרים, — האָט מיט אים געלעבט זיין אַלטע מאַמע, וואָס די שוואַרצע, שאַרפע אויגן אירע האָבן פאַרנומען דעם וועזן אירן. צוליב די אויגן האָט מען שוין דעם רעשט פון איר אויסגעטריקנטן גוף ניט אַרויסגעזען. נאָר זיין ווייב, די צוועלפיאָריקע,

וואָס האָט באַדאַרפט ווערן אַ מוטער, האָט זיך געקליבן אַוועקצו־פאָרן צו אירע עלטערן. דאָס איז דער מנהג, אַז דאָס יונגע קינד און ווייב גייט צו איר מאַמען אַהיים געבוירן דאָס ערשטע קינד. ער איז געווען זייער פאַרעסקט יעמאָלט; ער האָט זיך געקליבן זי באַגלייטן אין אַ נאָענטן דאָרף אַריין, ביים ברעג פון ב׳אַמאַפּוטראַ, אין בענגאַליע, און געבעטן, איך זאָל זיך קומען מיט אים זען, ווען ער וועט זיך אומקערן.

איך ווייס ניט, מען זאָגט, אַז די אינדיזן פאַרגעסן שנעל אַ טובה, וואָס מען האָט זיי געטאָן. און מען רעכנט עס צו צום הויפּט־חסרון אין זייער כאַראַקטער. מען קען אָבער ניט פאַרלייקענען דעם אופן, ווי זיי נעמען אויף אַ גאַסט. עס ווערט געטאָן מיט אַ כּך וואַרעמער טראַדיציע. מיין פריינט סאַוואַאטי האָט פאַר־מאָגט ביידע מעלות, סיי פון אויפנעמען וואַרעם אַ גאַסט און סיי פון געדענקען, ווען עמעצער האָט אים געטאָן אַ טובה.

נאָר אַז איך בין געקומען צום צווייטן מאָל, האָב איך אים ניט געטראָפן. באַגעגנט האָבן מיך די צוויי אויגן פון זיין מאַמען און מיר איז געווען שווער צו באַשטימען, צי די אויגן בענטשן מיין קומען און פאַרלאַנגען, איך זאָל זיך פאַרהאַלטן אין שטוב, אָדער די אויגן פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל גיין פונוואַנען איך בין געקומען.

זי האָט מיך מכבד געווען מיט דעם טראַדיציאָנעלן כבוד, מיט דעם רויטן וואָרצל, „ביטל". כאָטש איך בין ניט געווען קיין גרוי־סער ליבהאָבער פון דעם, האָב איך עס גענומען, געקייט און גע־שפּירט, ווי איך פאַרב מיר מיין מויל און אפשר מיינע געדערים רויט. זי האָט ניט פאַרצויגן מיט מיר קיין שמועס און איך ווידער, האָב ניט געוואוסט, פון וואָס אָנצוהייבן. ווייל עס איז פאַרדאַן אַ באַשטימטע עטיקעט, ווי אַזוי צו באַגעגענען אַ מענטשן און וואָס צו זאָגן ביים באַגעגענען זיך. ביי אונז, למשל, אַז מען באַגעגנט אַ מענטשן און מען וויל אים אָנטאָן אַ נחת־רוח, זאָגט מען אים: „אָ, ווי שיין איר זעט אויס!" אָדער: „זינט איך האָב אַייך געזען צום לעצטן מאָל, זייט איר אפשר אויף צען יאָר יינגער געוואָרן".

אין אינדיע איז דאָס אַ באַליידיקונג, גאָר ניט אָפּצוּװעגן װי שװער. עס שמעקט מיט אַ ביזן װילן ניט צו פֿאַרגינען. אַדרבא, אַז מען באַגעגנט זיך, באַדאַרף מען זאָגן: „אױ, װי שלעכט דו זעסט אױס, ניט אַנדערש דו ביסט געװען קראַנק". אָדער: „זינט איך האָב דיך געזען צום לעצטן מאָל, ביסטו שטאַרק געעלטערט געװאָרן און ביסט ממש הױט און ביין!" דעריבער בין איך געװען אַ ביסל אומגעדולדיק.

אַז איך האָב זי געפֿרעגט, צי איר זון איז געקומען, האָב איך באַמערקט אין אירע אױגן אַ געװיסע אומרויִקייט, װי זי װאָלט בכלל ניט װעלן, איך זאָל זיך נאָכפֿרעגן. האָב איך, צוליגנדיק בײדע הענט צום שטערן, זיך העפֿלעך פֿאַרנייגט און אַװעקגעגאַנגען.

3

מײַן פֿרײַנט, סאַװראַטי, האָט זיך דעם אײגענעם טאָג אומגעקערט אַהײם און דערװיסנדיק זיך, אַז איך האָב אים באַזוכט, איז ער צו מיר געקומען. ער איז באמת געװאָרן מיט צען יאָר עלטע־ און װען איך האָב אים דערזען, האָב איך קײן מוט ניט געהאַט אים אױסצופֿרעגן. ער איז אַ גאַנצע לאַנגע צײַט געזעסן און געשװיגן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט מיט אים געטראָפֿן. איך האָב פֿונדעסטװעגן געפֿונען פֿאַר נייטיק אים צו פֿרעגן, צי ער איז בשלום אָנגעקומען צו זײַנע שװיגערעלטערן און צי איז זײַן װײַב געזונט. כאָטש איך מוז מיר מודה זײַן, אַז שװערער פֿון אַלץ איז מיר געװען צו רעדן מיט אים פֿון זײַן װײַב. אַ סך מאָל בין איך גערן געװען צו פֿאַרציען מיט אים אַ שמועס װעגן זײַן הײַב און אָפּדעקן אַ פּאָר פּסיכאָלאָגישע שטריכן פֿון זײער צוזאַמענלעבן זיך, װײַל זי האָט שטענדיק אױסגעזען אין מײַנע אױגן װי אַ קינד פֿון אַכט יאָר. און כאָטש זי איז געװען אין די אומשטענדן (פֿאַרשטײט זיך, אַז ער האָט געהערט שױן צו „היינטיקער װעלט" און דעריבער האָט זיך זײַן װײַב באַװיזן פֿאַר אַ פֿרעמדן, אין צײַט פֿון שװאַנגערשאַפֿט), פֿונדעסטװעגן האָט זי נאָך אַלץ געהאַט איר קינדישן אױסזען. איך האָב קײנמאָל ניט געהאַט, פֿון װאָס מיט איר

צו רעדן. אַגב האָט שטענדיק זיין מוטער, איר שוויגער, מיט איר׳ע שאַרפע אויגן זי אַוועקגעצויגן אין אַ זייטיקן צימער און זי איז מער שוין ניט אַרויסגעקומען, ביז איך בין אַוועקגעגאַנגען.

4

עס טרעפט, אַז די זון רייסט זיך אַריין מיט אַ קרומען זייל שטראַלן דורך אַ שויב אין שטוב און נעמט אויף דעם שטויב און מישט אים און באַלויכט אים און וויקלט אים אין אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן. עס קריגט יעמאָלט דער שטויב זיין באַדייט.

מיין פריינט, פּראָפעסאָר סאַזהראַטי, האָט אַליין געזוכט אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי די זון אַריינצוברענגען אין זיין ענגן לעבן אַריין, וואוהין עס האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעקליבן די פינסטערניש פון קאַלי־יוגאַ. ער אַליין האָט, גאָר אומגעריכט, אָנגעהייבן צו שמועסן פון דעם ענין, צו וועלכן איך האָב ניט געהאַט קיין דרייסטקייט צו רעדן מיט אים. פּלוצלונג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

– איך ווייס, אַז איר פאַרמשפּט דעם אינדישן פאָלק, ביי וועמען מען מאַכט חתונה אַזוי יונג די קינדער. און דער עיקר, קריטיקירט איר אונז פאַר דער יונגער פרוי, וואָס שוין צו צוועלף יאָר ווערט זי אַ מוטער. און פאַרוואָס קלייבט איר זיך ניט אַריין אין דער שרעקלעכער יוגאַ, אין וועלכער עס לעבט די מענטשהייט, ווי מיר טוען עס? אונז איז די וועלט אָפן דורך די פיל סאַנסקריטישע שריפטן. דאָס איז אַ וועלט, וואָס איר באַגרייפט זי ניט.

און מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זיינען אין דעם מאָמענט ענלעך געווען אויף זיין מוטערס אויגן, האָט ער זיך אין מיר איינגעגעסן, ווען ער האָט ווייטער גערעדט:

– וואָס איז דער מאַן ווערט אין דעם טאָג, ווען ער איז צייטיק געוואָרן און איז בכוח צו ווערן אַליין אַ באַשעפער? איך פרעג דיר, פאַרוואָס גיט איר זיך ניט אָפּ קיין חשבון, אַז אַ מאַן פון דעם טאָג אָן, וואָס ער איז פעיק געוואָרן צו מאַכן, אַז אַ פרוי זאָל פון אים געבוירן אַ קינד און ער טוט עס ניט —

איז ער געגליכנט צו דעם גאָט, וואָס מאַכט חרוב וועלטן און בויט ניט קיין נייע.

— האָסטו חתונה געהאַט צו פערצן, פופצן יאָר? — האָב איך אים געפרעגט.

— אָ, ניין. איך האָב עס ניט געטאָן. און דערפאַר צאָל איך. אַ גרויסער טייל פון אינדישן פאָלק באַצאָלט איצטער כסדר דעם צינז. איך האָב חתונה געהאַט צו אַכט־און־צוואַנציק יאָר און איצטער צאָל איך צינזן.

— נו, און די פרוי טראָגט אויך אַזאַ פליכט אויף זיך?

— ניין, די פרוי איז בלויז ווי די מאַמע ערד, וואָס מען טאָר די קיין שום סעזאָן ניט פאַרלאָזן. זי האָט ניט קיין פליכט, ווייל זי איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר קיינעם, אויסער פאַרן מאַן. און ביי אונזער פאָלק, ווען נאָר זי האָט די רייפקייט צו קענען געבוירן קינדער, ווערט זי שוין אַליין אויס קינד. יעמאָלט באַדאַרף זי זיך גרייטן צו באַגעגענען דעם מאַן, וואָס וועט באַרעכטפאַרטיקן איר זיין...

דאָ בין איך שוין אַריבער די גרעניץ פון העפלעכקייט און אים געפרעגט:

— דו ביסט אַ געלערנטער מאַן, כאָטש דיינע געדאַנקען האָבן זיך אַנטוויקלט אויף דיינע אַלטע ספרים; דו האָסט מער אמונה אין אַ מיטָ, ווי אין דער רעאַליטעט פון לעבן, — זאָג מיר פונדעסטוועגן, וואָס איז פאַר דיר, דערוואַקסענער, געלערנטער און אויפגעקלערטער מאַן, דאָס קינד פון צוועלף יאָר?

— דו האָסט געזאָגט „אויפגעקלערטער“, און מיט דעם האָסטו אַליין פאַרענטפערט דיין פראַגע. אַ פרוי ווערט געבוירן אַ פול־שטענדיקע פרוי. אַ מאַן ניט. האָסטו געזען, אַז אַ יינגל וועט זיך שפּילן מיט וואָס דו ווילסט, נאָר ניט מיט קיין זאַך, וואָס זאָל אים דערמאָנען, אַז ער איז אַ מאַן; אַ פרוי, ווען זי הייבט נאָר אָן צו רעדן און צו גיין, זוכט זי שוין שפּילצייג אַזעלכע, וואָס איר זאָגט שוין אונטער די צוקונפטיקע מוטער. זי האָט שוין ליב פּופּעס און זי מאַכט פאַר זיי סאַרים און וויקלט זיי, און דערציט זיי, — דעריבער פאַרשטייען מיר, אַז ווי נאָר זי איז צייטיק געוואָרן, מוז

זי איבערגיין איבצופילן איר פונקציע. דעריבער איז ביי אונז אַיינגעפירט, אַז ווען זי קריגט צום ערשטן מאָל איהרע רעגלען — איז אַ יום־טוב. זי בלייבט איר צייט אָפּגעשיידט פון די אַרומיקע און ווי נאָך זי איז ריין געוואָרן, באַדאַרף זי זיך איבערגעבן צו איר מאַן, וואָס וואַרט אויף איר.

— ווי אַלט איז דיין ווייב?

— מיין ווייב איז געווען צוועלף יאָר, ווען זי איז געשטאָרבן.

און ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

מיר האָט זיך עפּעס פאַרטונקלט אין מיין אייגענעם מוח נאָך דעם שמועס, וואָס האָט פּלוצלונג אַזאַ אָפּריס געהאַט. זי, דאָס קליינע, באָרוועסע קינד, דאָס אַיינגעוויקלטע אין אַ בלוילעכער כאַרי, וואָס האָט אַ פּאָר מאָל בלויז זיך געוויזן פאַר מיינע אויגן, — איך האָב מיר אַזוי דייטלעך דערמאָנט דעם אופן, ווי זי פלעגט באַלייגן די הענט אויפן האַרצן און זיך פאַרנייגן. ווען ער האָט גערעדט, האָב איך זי מיר פאָרגעשטעלט און געוואָלט אויסמאָלן אין איר געשטאַלט די גרויסע מוטער־ערד, וואָס וואַרט אויף דעם אַקערער און זייער, וואָס זאָל קומען טאָן צו איר איר רעכט, — און דאָ, אַזוי גאָר — געפירט זי צו איר מוטער. זי איז געשטאָרבן און ער זיצט ביי מיר אין צימער און פילאָסאָפירט.

איך האָב מיר שוין ווייטער דאָס בילד אַליין געמאָלן, ווי מען האָט זי געטראָגן אויפן באַמבוקענעם בעטל, מיט שטרויענע שטריק צונויפגעבונדן, ווי מען האָט זי געבראַכט צום ברעג פון דער בראַמאַפּוטראַ און אַזוי האָט מען זי אַנידערגעלייגט אויף אַ שייטער, און דער דאָזיקער מענטש, וואָס זיצט איצטער ביי מיר, האָט אַליין אונטערגעצונדן דעם שייטער און זי פאַרברענט. און איצטער איז ער שוין אפשר גרייט, אַז „מאַמע־ערד“ זאָל זיך אים ווידער איבערגעבן, ער זאָל מיט איר טאָן איר רעכט.

ער האָט אָבער אין דער אייגענער צייט זיך דורכגעקליבן אין דעם זוניקן שטויב און געזען האָט ער עפּעס אַנדערש.

די ליבע, וואָס צייטיקט ביי אונזערן אַ מענטשן, ווען ער באַגעגנט זיין ווייב, ווען זי איז אַכצן, צוואַנציק יאָר אַלט, — לעבן זיי איבער זייער אינערלעכן לעבן אָן ווערטער. און די ווערטער ווערן

אויסגענוצט, ווי ביי וועמען: אַמאָל וועגן וועלט־פּאָליטיק, אַמאָל וועגן פּאַרטייִשקייט, אַמאָל וועגן אַ שטוב בויען אין אַ צוקונפטיקע היים, אַמאָל וועגן שטודיום און צוקונפטיקע באַשעפטיקונגען ביי דער געזעלשאַפט. דאָ, אין אינדיע, קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן אַזעלכע אינהאַלטן. ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל געזען, האָט זי פון אַ ווינקל אויף אים געקוקט און נאָענט ביי זיין זייט — האָט זי געהאַט פאַרכט און אָפּשיי פאַר אים. איר אונטערטעניקייט האָט געוויס דערשטיקט אַלע געפילן און דורך איר לייב איז געגאַנגען זיין ליבע, ווי עס גייט דורך דער ערשטער פרילינג־ווינט דורך די דינע, נאַקעטע ברעזע־צווייגן.

לאָזט זיך אויס, אַז זיינע איז זי געווען מער ווי אַ ווייב צו אים. זי האָט געהאַט אַ קאַפּריז, וואָס האָט אים, דעם אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקן מאַן, געהאַלטן אונטערטעניק:

די איז געווען ווי אַ יונגע לעמפּערטין, וואָס פון ערשטן טאָג אָן ווייסט זי וועמען זי געהער און וועט אויסהאַפּען די אויגן איעדן לעמפּערט־ער, וואָס וועט איר ניט געפעלן. זי האָט אים ליב געהאַט מיט דער צייטיקער און דערוואַקסענער ליבע, וואָס רייסט זיך אַריין מיט גאָר דער זוניקייט אין אַ לעבן תּל אַיין. אין דעריבער האָט זי פון אים פאַרלאַנגט אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט ניט געקענט באַגרייפן. ער האָט געמיינט, אַז איר צוקונפטיקע מוטערשאַפט וועט זי באַפרידיקן, אָבער זי האָט געוואָלט, אַז אויף איר זאָלן שטענדיק זיינע בליקן זיין געווענדט. און ווייל ער האָט זי אַנדערש ניט געקענט באַהאַנדלען ווי אַ קינד און אַ פרוי, איז זי עטלעכע מאָל אַנטלאָפן צו אירע עלטערן. אין אינדיע איז דער מנהג, ווען אַפילו זי איז אומגערעכט, פונדעסטוועגן מוז אַלץ דער מאַן גיין צו איר אַהיים און זי איבערבעטן און זי ברענגען צוריק צו זיך.

— איך האָב דאָס מיר דערקלערט, — האָט ער דערציילט, אַז דאָס פרווט זי אויס מיין איבערגעגעבנקייט. זי האָט ליב געהאַט, אַז איך זאָל זי קומען אָפּנעמען. אַ גאַנצן וועג צוריק האָט זי זיך כּסדר געוואָרפן צו מיינע פיס און געגלעט מיינע טריט. עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין איבערקלער פון וועלכן עס איז

פאַרדראָס צו מיר און איך ניט פון מיין זייט צו איר. ווייזט אויס, צו־יונג איז זי געווען צו געבוירן מיין קינד.

און שווייגנדיק אַ ווילע האָט ער צוגעגעבן:

— יאָ, דאָס אינדישע פאָלק האָט פאַרבונדן לעבן מיט טויט דורך דעם ווידערגעבורט. קיין קינד האָט זי מיר ניט געלאָזן. זי האָט דאָס קינד געבוירן ניט פאַרן לעבן. ווען איך האָב זייער ביידנס גליענדיקן אַש באַגאָסן מיטן וואַסער פון דער בראַמאַפוטראַ, דער ערדענעם קרוג צעבראָכן און די פאַרע מיט דעם אַש אינאיינעם האָט אַ שאָס געטאָן אינדערהויך, — האָט די זון מיט אַ גאַנצן גאַרב שטראַלן זיך אין דעם אַריינגעקליבן און אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן האָב איך אין דעם געזען. פאַר מיר האָט זיך באַוויזן דער זינען פון לעבן אויפסניי...

דאָס איז פאַר מיר געווען ניט דער ערשטער באַווייז, ווי עס איז גרינג צו לעבן, בעת מען קען זען אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן אפילו אין זוניקן שטויב.

גאַנדהי

1. די טראַגעדיע פֿון אַ גרויס פֿאָלק.

שווער דורכצופֿירן אַ פּאַראַלעל צווישן אינדיע און די אַנדערע גרויסע פֿעלקער פֿון וויטן מזרח. יאַפּאַן שטייט פֿאַר אונז פּאָליטיש באַפֿרייט פֿון אייראָפּע און אַמעריקע. יאַפּאַן האָט אַ דירעקטן חלק אין אייראָפּעישער פּאָליטיק. קיין טעריטאָריע האָט קיינער בײַ יאַפּאַן ניט פֿאַרנומען; פֿאַרקערט, יאַפּאַן איז איצטער שטאַרק אימפּעריאַליסטיש און אַליין גענייגט צו פֿאַרכאַפּן פֿרעמדע לענדער. און בנוגע מערבֿ־ציוויליזאַציע, שטייט יאַפּאַן מיטן פֿולן באַוואוסטזיין געווענדט צו אייראָפּע און אַמעריקע און וואָס מען קען איבערברענגען צו זיך און אָנווענדן עס פּראַקטיש אין לעבן — טוט מען עס פּלאַנמעסיק און אָרגאַניזירט.

כינע איז פּאָליטיש אײַנגעפּלאָנטערט מיט דרויסנדיקע מלוכות, אָבער כמעט דאָס גאַנצע לאַנד, מיט אַן אויסנאַם פֿון אַ טייל מאַנדזשוריע, אָדער קליינע שטיקלעך טעריטאָריע אין די האַפֿן־שטעט, געהער צום כינעזישן פֿאָלק. איצטער איז אין כינע אַ בירגער־קריג, אין דער טיף באַוועגט זיך אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע — אָבער כינע האָט די מעגלעכקייט מיט אייגענע כּוחות אויפֿצושטעלן איך אַ סאָציאַלע אָרדענונג. און יעמאָלט וועלן די דרויסנדיקע מלוכות, אייראָפּע און אַמעריקע, בלײַבן פֿונדרויסן, און בנוגע מערבֿ־ציוויליזאַציע, כאָטש די כינעזער שרײַען, אַז זייער קולטור איז די העכסטע און צו דער דרויסנדיקער וועלט באַדאַרפֿן זיי ניט אָנקומען, פֿונדעסטוועגן זעט מען, אַז די פֿרײַהייטס־באַוועגונג אין כינע גייט אויף דעם דרך, ווי עס איז אויסגעלייגט געוואָרן דורך דעם מוח פֿון דעם מערבֿ־מענטשן.

אַנדערש איז די לאַגע מיט דער גרויסער אינדיע, מיט אַ פֿאָלק פֿון דרײ הונדערט מיליאָן נפֿשות. כמעט דאָס גאַנצע לאַנד ווערט באַהערשט פֿון אַ פֿרעמדער מלוכה: ענגלאַנד באַהערשט אינדיע. דאָס איז געטאָן געוואָרן ווי אין די אַלטע ביבלישע צײטן: גענומען, פֿאַרנומען און געוואָרן באַלעבאָס! און ווען מען זאָל באַטראַכטן, אַז ענגלאַנד האָט דאָ אײנגאַנצן אַריבער הונדערט מיזנט מענטשן, קומט עס אויס אין פֿאַרגלײך מיט די דרײ הונדערט מיליאָן אינדוסן און מאַכמעדאַנער, אַז איך זײ איז מקוים געוואָרן די קללה, אַז „אַ קינד זאָל איבער זײ געוועלטיקן“.

ענגלאַנד קליגט זיך דאָ צו באַהערשן אינדיע מיט אינדישע הענט. איך וואָלט די לאַגע באַטראַכט פֿיל גינסטיקער פֿאַר דער באַפֿרײונג, ווען ענגלאַנד זאָל הערשן מיט אײגענע הענט דורכאויס. יעמאָלט וואָלט מען די הענט דערקענט. יעמאָלט וואָלט מען דורכאויס געשפּירט די פֿרעמדע מאַכט, צו וועלכער ס׳איז ניט פֿאַראַן קײן בעשטימענט און ניט קײן מיטלײד אין דער שעה פֿון משפּט.

ענגלאַנד האָט געלאָזן גרויסע פּראָווינצן אין די הענט פֿון ראַזשאַס און מאַהאַראַזשאַס, פֿירשטן און מלכים פֿון אינדישן בלוט; אונטער זײער ברוטאַלער הערשאַפֿט ליגן אויסגעצײגן בײ דער ערד מיליאָנען, מיליאָנען נפֿשות. דער דרוק פֿון די אײגענע הערשער איז פֿיל שווערער, ווי פֿון דער פֿרעמדער הערשאַפֿט. נאָר ליבער איז דאָס בײם פֿאָלק:

— אײגן בלוט — זאָל עס הערשן. אַ סימן פֿון אַלטער גרויסקײט.

אַפֿילו די אײגענע באַגרײפֿן ניט, אַז מאַהאַראַזשאַס און ענגלאַנד איז אײנס, און פֿאַר בײדן איז באַקוועם, אַז אינדיע זאָל בלײבן בײם אַלטן. וואָרעם זאָל מאַהאַראַזשאַ ווידערשפּעניקן צו ענגלאַנד — וועט קומען אַ סוף צו זײן הערשאַפֿט. איז די קײט אַ דאָפּלט־געשלאָסענע; איז די שטריק אַ פֿילפֿאַך־געדרײטע; איז דאָס פֿאָלק אונטער אַ דאָפּלטן יאָך און עס הוכט אײסצוגעפֿינען וועמעס יאָך איז אַ שווערערער.

יאַפּאַן און כינע זײנען מאַטעריאַליסטיש. וואַך און בוחריש. אינדיע איז דאָס ניט. גלײכע אידעאַלן, צו קרומע — דאָס פֿאָלק

איז אידעאַליסטיש דורך און דורך. די אידעאַלן שלעפּן אַרויס פון פּראַקטישן לעבן. די אידעאַלן האָבן זיך באַזעצט אין די וואָלקנס; פון ערדישער הערשאַפט האָבן זיך אָפּגעזאָגט ברייטע שיכטן פון פאָלק. דער גוף איז נאַקעט, דער מאָגן ליידיק און דער רעיון בלאָנדזשעט אין די שטערן.

און אויב אין די צוויי איבערגעמאָטע לענדער הערשט פיינד־שאַפט צו דעם „ווייסן מענטשן", ווי צו איינעם, וואָס האָט רויבערישע פאַרלאַנגען, איז אין אינדיע די פאַראַכטונג אויסגעמישט מיט אַ רעליגיעזן עקל. גרינג תופס צו זיין דעם אינדיערס דאָפּלטן דראַנג אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די פרעמדע מאַכט, וואָס באַהערשט, עקס־פּלואַטירט און הענגט אָן זיין אייגענע קולטור ניט געבעטענערהייט. דער פרעמדער האָט זיך מיט זיינע נעגל איינגעגעסן אין פאָלקס גוף און נשמה.

נאָכדעם, ווי אַ אינדישער סטודענט האָט פאַר מיר געמאָלן די פּערספּעקטיוון פון אינדיעס באַפרייונג; נאָכדעם, ווי ער האָט מיט ליידנשאַפט פאַרגעשטעלט זיין פאָלקס ליידן, צוליב דער פרעמדער מאַכט — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי מאָלסטו זיך אויס דיין לאַנד און דיין פאָלק, יעמאָלט, ווען ענגלאַנד וועט פאַרלאָזן אינדיע, מיט גוטן, צי מיט בייזן; ווי וואָלט דיין לעבן אויסגעזען?

זיינע באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געשפּיזלט מיט פייער:

— אָ, וואָלסט אונזער לאַנד ניט דערקענט, ווייל אַ לויטערער שמייכל וואָלט גערוט איבערן פּנים פון אונזער פאָלק און לאַנד!

אַזוי האָט ער מיר געענטפערט און צוגעמאַכט אַ ווילע די אויגן, ווי ער וואָלט זיך געמאָלן אין געדאַנק דאָס באַפרייטע לאַנד.

איך אַליין האָב מיר בשום אופן ניט געקענט אויסמאָלן דעם „לויטערן שמייכל". ווייל פאַר מיינע אויגן שפּרייטן זיך די גרויסע, גרויע און נאַקעטע פאָלקס־מאַסן, נאַקעטע אַפילו לויטן אינדישן באַגריף; קנעכט אונטערטעניקע, וואָס זייער לאַגע איז גיט פאַרענ־דערט געוואָרן צום ערגערן דורך אַ פרעמדער ממשלה. פאַרקערט, אַרום די הונדערט מיליאָנען אייראָפּעער, אָדער „ווייסע מענטשן" דער־

נערן זיך די, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן פון קאַסטע, די, וואָס בייזייערע איגענע האָבן זיי די ווערט פון קרעציקע הינט. נאָר ער, געבנדיק דעם ענטפער, האָט געוויס ניט געהאַט אין זינען די ברייטע מאַסן, וואָס זייער באַפרייונג הענגט ניט אָפּ פון ענגלאַנד, נאָר פון דעם אינערלכן פאַרקריפּלטן לעבן מיט דער משונהדיקער קאַסטע־פונאַנדערטיילונג. זייער שטרענגע און בייזע רעליגיע, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דאָס פאָלק אין שטערן פון הימל און אין שטיינער, וואָס וואַלגערן זיך אונטער די פיס — ביז אַזאַ באַגריף וועט ניט ווערן אויסגעמעקט, וועט דאָס פאָלק ניט ווערן דערלייזט; ביז טיפע קוואַלן וועלן ניט אַ שלאָג טאָן אינדערהויך און ריינקן פאַלשע באַגריפן — ביז יענער צייט וועט אַ קינד איבער זיי הערשן.

איך האָב מיין סטודענט פונאַנדערגעוויקלט מיינע געדאַנקען, איז ער געוואָרן אומעטיק און שפּעטער געזאָגט, שוין אַ ביסל מיט אַ געפאַלענעם טאָן:

— דו וואָלסט נענטער באַדאַרפט דערקענען די לערע פון מאַהאַטמאַ גאַנדהי, יעמאָלט וואָלסטו אַנדערש באַגריפן אונזער שטרעבן און אונזער באַגריף פון פרייהייט.

האָב איך געזאָגט:

— דאַכט מיר, אַז גאַנדהי פאַרענדיקט איצטער אַ לענגערן טערמין פון פאַסטן, צוליב דער מלחמה, וואָס האָט ניט לאַנג איבערגעבראָכן צווישן אינדוסן און מאַכמעדאַנער?

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב עס געזאָגט מיט אַ לייכטער איראָניע, און האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח דאָס אָפּצושלאָגן:

— אָ, די סוואַראַזשיס, געפירט פון אונזער גרויסן מאַהאַטמאַ גאַנדהי! ניין, „גרויסער פירער" איז קיין באַגריף ניט, איך וואָלט זאָגן: איידעלער פירער, ביי אים און זיין פאַרטייליגט דער קערן פון אינדיעס באַפרייונגס־אידעאַלן.

און דאָ האָט ער געפונען דעם פלאַץ מיט מיר זיך אָפּצורעכענען פאַר מיין פריערדיקער לייכטער איראָניע; ער האָט צוגעגעבן:

— מיר זעען דעם פולן באַנקראָט פון אייער מערב־ציוויליזאַציע. גאַנדהי האָט עס אייך אַריינגעשריען אויפן הויכן קול. איר האָט פרייוויליק פאַרקויפט אייער בלוט און נשמה צו אומנייטיקע באַ־

דערפעניישן. איר זייט איצטער אַזוי אומגליקלעך, ווי אונזער פאָלק איז געווען מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק, אין צייט פון גאָטאַמאַ בודאַ. ווען מיר שטרעבן צו באַפרייען זיך פון ענגלאַנד — מיינט עס אַ פולע באַפרייונג, סיי פון פּאָליטישן יאָך און סיי פון גאַנצן ברוטאַלן רעזשים, וואָס ענגלאַנד האָט אַהער אַריינגעבראַכט — די מערב-אידעאָלאָגיע, וואָס מען צווינגט אויף אונז אַרויף. מיר זעען אַרויס אייער גאַנצע פאַלשע אידעאָלאָגיע דורך דעם ענגלענדערס אָנגעבלאָזענעם לעבנס-שטייגער, וואָס דריקט אַזוי שטאַרק אויף דעם טבטעלן גוף פון אינדיע.

דער דאָזיקער סטודענט, ווי אַנדערע צענדליקער טויזנטער אין זיין גלייכן, טראָגן גאַנדהיס תורה אויף זייערע ליפּן. ווען גאַנדהי האָט צונויפגעבונדן די פּאָליטישע באַפרייונג פון אינדיע אינאיינעם מיט דעם מאָראַלישן איינפלוס, וואָס מערב-אייראָפּע האָט איבער אינדיע דורך ענגלאַנד — האָט ער עס געטאָן ווי איינער, אין וועמעס אָדערן עס ריזלט עכט אינדיש בלוט. ווען ער פאַרלאַנגט, אַז די אינדישע אינטעליגענץ, ווי אויך די אונטערטעניקע מאַסן זאָלן זיך ניט קאָאָפּערירן מיט די ענגלישע הערשער, — דאָס וואָלט ניט טראָגן אין זיך די הויפּט-אויפגאַבע, ווען ער וואָלט אין דער אייגענער צייט ניט איינגעשטעלט קיין פּראָגראַם פאַרן אינדישן פאָלק, ווי אַזוי מען זאָל לעבן און ווי אַזוי מען זאָל זיך לערנען צו באַגנוגענען מיט קליינינקייטן. דאָס איז די אַלטע בודאַיסטישע תורה, מיט אַ צוגאָב פון טאָלסטאָיס אָנווייזונגען. גאַנדהי ווייזט אָן, ווי אַזוי דאָס פאָלק זאָל זיך קליידן, אָדער בעסער געזאָגט — ווי אַזוי זיך „ניט צו קליידן".

דער אינדוס, וואָס איז שוין דורות-לאַנג דער הונגעריקסטער צווישן מענטשן אויף דער ערד, האָט געהאַט גענוג צייט זיך צו לערנען ביי דער מאַמע-נויט אַליין. ער באַגרייפט, ווי אַזוי מען קען אויסקומען מיט אַ קליינינקייט. דער קלימאַט דערלויבט אים אַרומצוגיין נאַקעט און באָרוועס. און אויב יאָ פאַרדעקן דעם גוף, באַדאַרף מען צוליב דעם ניט האָבן קיין שניידער און ניט קיין פאַריזער, צי לאָנדאָנער מאָדעס. גענוג צוויי פּשוטע טיכער. מיט איינער אַרומגעוויקלט די היפטן און די בריסט דורכגענומען צווישן די פיס

אין פאַרבונדן — האָט ער הײזן, אין די אַנדערע טוך אַרום די אַקסלען — דאָס איז אַלץ. קיין הוט אויפן קאָפּ באַדאַרף ער אויך ניט. וואָס פאַר אַ באַטײַט האָט אַזאַ קליידונג, אויב מען שפּינט אַליין דעם פאָדים, ווען זייט איז פאַראַן, מען פאַרבט אים אין מען וועבט שפּעטער אַליין דאָס געוועב?

ווען מען זאָל באמת דערגרייכן די מדרגה, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך אין גוטע צייטן קענען באַנוגענען מיט אַזויפיל, וויפיל עס האָט באַדאַרפט אין צייט פון גרויסער נויט און אינאיינעם מיט דעם זאָל אָנקומען אַ צייט פון דערלייזונג — מענטש זאָל מענטש דערקענען ווי זיין גלייכן; עס זאָל ניט מעגלעך זיין די איצטיקע פייערדיקע צעטיילונג צווישן קאַסטע און קאַסטע — צווישן מענטש און מענטש.— וואָלט דאָך אין אינדיע געוועזן אַ מוסטער פון אַ באַפרייט פאָלק. קיין אינדיע וואָלט מען יעמאָלט באַדאַרפט קומען אין שפּירן דעם טעם פון אָטעמען פריי. דערווייל ווערט מען דערשטיקט אין דער רעליגיעזער פינסטערניש. דער ווילן ווערט אָרגאַניזירט צו קענען קוקן אין בלאַנקן חלל אַריין. ווי אַזוי קען מען צונויפבינדן דאָס פאָלק אינאיינעם און טרייבן עס צו באַפרייונג, אַז דער מענטש פון אַ העכערער קאַסטע וועט ניט זיצן ביי איין טיש מיט אַ מענטשן פון אַ נידעריקערער קאַסטע? ווען די רעליגיע דערלויבט ניט דעם פשוטן פון פאָלק צו דערהייבן זיך דורך זיינע פעיקייטן צו אַ העכערער מדרגה — וואו איז דערווייל דער אויסוועג, אַז דאָס לעבן זאָל „שמייכלען?“

ביי אַ טויזנט יאָר — ביז צום פולשטענדיקן אָנקומען פון די ענגלענדער אין לעצטן יאָרהונדערט — האָבן אין אינדיע געהערשט די מאַכמעדאַנער. די תורה פון מאַכמעד און די באַגריפן פון הינ- דויזם זיינען אַזוי נאָענט איינס מיטן אַנדערן, ווי פייער מיט וואַסער. די מאַכמעדאַנער זיינען אָנגעקומען מיט שווערד און פייער. ווי זייער שטייגער, און זייער הערשאַפט האָט זיך געצויגן דור נאָך דור. אַז מען קוקט איבער די היסטאָריע פון אינדיע אין די צייטן, ווען די מאַכמעדאַנער האָבן געהערשט, אַז מען קלייבט זיך דורך איבער- הויפּט דורך דער מאָגול-דינאַסטיע, וואָס ציט זיך פון פופצנטן יאָרהונדערט, ביז זייער פולשטענדיקן אונטערגאַנג אין לעצטן יאָר- הונדערט, זעט מען, אַז דאָס אינדישע פאָלק איז געוועזן פאַרמוטשט

און האָט שטענדיק געוואַרט אויף נסים. אין דעם זין פון וואַרטן אויף דערלייזערס — איז דאָס אינדישע פאָלק אַ סך געראָטן אין יידישן פאָלק. די אינדוסן זיינען אַ מוסטער פון קענען בייגן דעם קאָפּ. סיי־ווי לעבט מען אין אַ היר פון חשכות, וואָס הערשט שוין פינף טויזנט יאָר, וואָס־זשע איז די פעולה פון ווערן זיך? דאָ טרוימט מען אויך פון אַ גאולה שלמה, ניט נאָר אַ דערלייזונג פאַר זיך, נאָר אַ דערלייזונג פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אין דעם דאָזיקן ווירוואַר פונדעסטוועגן, ווער עס האָט זיך אויפגעבויט זיין טראָן, האָט געלעבט ווי נאָר עס לעבן עולם־הזהניקעס אין מזרח. אַט לעבן דאָך איצט אויך אַ גענוגנדיקע צאָל פּרינצן מיט ענגלאַנדס חסד, וואָס ווייסן אַליין ניט, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג דעם לוקסוס און איבערגעלאַסנקייט צו טרייבן. מען פאָרט אַרויס אין געשפּאַנען, וואו די פערד זיינען באַהאַנגען מיט פערל און שמאַראַגדן. מען פאָרט אַרויס אויף העלפאַנטן באַהאַנגענע מיט צירונג. מען ווייסט אַליין ניט, וואָס פאַר אַ קאָלירן אויף זיך צו שלעפּן. און מען לעבט נאָך איצטער אין דעם לוקסוס פון אונזער שלמה המלך.

רעדט מען מיט די נידעריקע פון פאָלק אַפילו, זעט מען, אַז מען האָט הנאה, וואָס ערגעץ־וואו גיסט זיך נאָך דער אינדישער מאַיעסטעטישער גייסט, ווי אין די אַלטע לעגענדאַרע צייטן. עס האָט ליב דער אינדוס דעם איבערגעטריבענעם גלאַנץ; זאָל עס זיין אַפילו ניט ביי אים; זאָל עס זיין אַפילו, ווען דאָס ווערט געטאָן אויף זיין חשבון — „אַבי ביי אונז שיינט נאָך ערגעץ אַ רובין אין שטערן פון אַ אייגענעם פּרינץ!"

און די מאַכמעדאַנער, כאָטש זיי זיינען בלויז ביי אַ זיבעציק מיליאָן פון די דריי הונדערט מיליאָן — פונדעסטוועגן זיינען זיי די, וועמעס טעמפּעראַמענט עס לאָזט זיך שפּירן אין לעבן. דער מאַכמעדאַנער חלומט נאָך גאַנץ קלאָר און זעט זיינע מלכים זיצנדיק אויף אינדיעס טראָן, און בכלל שפּאַרט זיך דער מאַכמעדאַנער מיט זיין שווערן גוף אין פאָרגרונד. פאַנאַטיזם פעלט אים אויך ניט. ווען אַ אינדישע פּראָצעסיע, מיט פּויקן און גלעקלעך, ציט פאַרביי אַ מאַכמעדאַנישע מאָשע אין צייט פון גאָטעסדינסט, יעמאָלט לאָזט זיך אַרויס דער גאַנצער עולם און עס ווערט אַ מלחמה, מען לאָזט מע=

מערס און שפּיזן אין גאַנג. רעוואָלווערן אַפילו באַווייזן זיך אין קיין שטיינער פון ברוק פעלן אויך ניט.

דאָס פּאַסירט אין אינדיע גאַנץ אָפט. די ענגלישע רעגירונג מישט זיך אַריין און מאַכט שלום, אָדער משפּט און זעט, אַז ביידע צדדים זאָלן ניט ווערן באַשטראָפט. און מען זעט אין דער איגענער צייט, אַז עס זאָל חלילה צו קיין אמתן שלום ניט קומען. די אינדוסן טרויען די מאַכמעדאַנער ניט. און זיי האָבן אויף דעם רעכט. ענגלאַנד ווייסט עס ווי אָפּצושאַצן. אין דער אַרמיי שטעלט מען צונויף אַ רעגימענט, אַז ער זאָל באַשטיין פון העלפט אינדוסן און פון העלפט מאַכמעדאַנער, יעמאָלט איז מען שוין זיכער מיט אַזאַ רעגימענט. טאָמער פאַרטראַכטן אַ מרידהלע די מאַכמעדאַנער, וועלן די אינדוסן דערטראָגן און, ווען פאַרקערט, וועלן די מאַכמעדאַנער מודיע זיין אין צייט.

די אינדישע מאַסן האָט מען איינגעוויגט אין זייער גלויבן, אַז צורו וועט מען זיי ניט לאָזן: זאָל ענגלאַנד אַוועקגיין, וועט עמעצער אַנדערש קומען. ביים געדאַנק פון זעלבשטענדיקער נאַציאָנאַלער פרייהייט, הייבט אָן צו שווינדלען אין קאָפּ, מיט הימען פון די סוואַראַזשי־לייט איך האָב ניט גערעדט. און ווען איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— מיינט איר טאַקע, אינגאַנצן זיך באַפרייען פון ענגלאַנד?

— אינגאַנצן האָבן מיר מורא. פאַר אונז וואָלט פּאָרלויפיק געווען אַ גרויסע סכנה, ווען ענגלאַנד נעמט און לאָזט אונז אינגאַנצן איבער אַליין. מען וואָלט אָנגעפאַלן אויף אונז. און מיר זיינען דאָך אַזוי הילפלאָז אין פאַרגלייך מיט די מיליטאַריסטישע פעלקער.

און דאָ ליגט די טראַגעדיע פון אַ גרויס פאָלק, ווען אַפילו צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג, צו וועלכער עס האָט געפּרווט פירן גאַנדהי, איז מען אויך ניט געגאַנגען מיט זיכערע טריט.

די רעוואָלוציאָנערן באַגרייפן דעם תהום, וואָס עס ליגט צווישן די אינדוסן און די מאַכמעדאַנער, און זוכן מיט אַלע מיטלען אַן אויסוועג, ווי אַזוי צו פאַראייניקן די באַזונדערע און דערווייטערטע צווישן זיך מחנות. דער מאַכמעדאַנער איז אַ פלייש־עסער מיט קריגערייש

בלוט. דער אינדוס איז פּאַסיוו און טרעט מיט דעם טראָט פון דער הייליקער קו, וועמען ער באַשיצט מער ווי זיין פרייהייט.

גענוג צו דערמאָנען, אַז אין דער צייט פון מיין באַזוך אין אינדיע איז פאָרגעקומען דער קאָנגרעס פון די נאַציאָנאַלע רעוואָ-לוציאָנערן; מען האָט זיך געגרייט אויף דעם קאָנגרעס, וואו מען האָט באַדאַרפט געפינען אַן אויסוועג, ווי די מאַכמעדאַנער און די אינדוסן זאָלן זיך קענען געבן די הענט און גיין אינאיינעם אין קאַמף אַנטקעגן די איצטיקע אונטערדריקער — איז פונקט אין דעם איי-גענעם טאָג, ווען דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט, האָט אַ מאַכ-מעדאַנער דערשאָסן איינעם פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע פי-רער, אַן אינדוס. גאַנדהי אַליין האָט געדאַרפט אַרויסגעבן אַ מאַניפעסט, כדי צו פאַרווישן דעם טראַגישן פאַל. ער האָט גערעדט מיט הויכער מליצה, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט וועט העלפן צו ברענ-גען שלום צווישן די מאַכמעדאַנער און אינדוסן.

איך צווייפל, צי פאַרגאָסן בלוט איז אַזוי פּראָדוקטיוו פאַר שלום. אין ערגעץ איז דאָס ניט קיין ברכה פאַר דעם אָרט, וואו דאָס בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, און נאָך מער ווערט ניט פאַרגעסן קיין פאַר-גאָסן בלוט אין מזרח, וואו עס לעבט דער נקמה-געפיל. און בפרט אין אינדיע, וואו עס איז פאַרהאַן די האַנט, וואָס וועט זען, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט זאָל רופן און מאָנען קריג און ניט קיין שלום.

מאַהאַטמאַ גאַנדהי האָט דאָס אינדישע פאָלק געוואָלט באַפרייען פון דער פרעמדער מאַכט און ער האָט געהאַט דעם היפּנאָטישן כוח צו ווירקן אויף די ברייטע מאַסן פון די הונדערטער מיליאָנען. ער האָט זיי היפּנאָטיזירט און געפירט צו דער באַפרייונג. טראַגיש האָט זיך אויסגעוויקלט דער רעזולטאַט סיי פאַר אים, און סיי פאַר די, וואָס האָבן אין אים געגלויבט און גלויבן נאָך איצטער.

ווער איז ער, דער דערלייזער?

2. מאַהאַטמאַ גאַנדהי.

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך אָנגעשלאָגן אויף זיין וועג אין דרום-אַפריקע, אין אָנהייב איין-און-צוואַנציקסטן יאָר. דאָרטן האָט גאַנדהי מיט אַ צייט פריער געלעבט, ווי אַ יוריסט, און האָט כסדר אײַנגעריסן מיט דער אָרטיקער רעגירונג, פאָדערנדיק רעכט פאַר די אינדוסן און מאַלאַיער, וואָס לעבן אין אַפריקע און וואָס ווערן דאָרט עקספּלואַטירט כמעט ווי די קאַפירס.

אָבער ניט נאָר צו באַפרייען די אינדוסן פון אַפריקע איז געווען זיין הויפּטגעדאַנק. דאָרטן, אין דרום-אַפריקע, איז אים קלאָר געוואָרן די לאַגע פון זיין גאַנצן פאָלק; די לאַגע פון די הונדערטער מיליאָנען, וואָס גאַרן און וואַרטן אויף אַ דערלייזער. אין דרום-אַפריקע האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזן אַ נאָמען, ווי פון איינעם, וואָס לעבט אַ געלייטערטן לעבן. פאַר זיך האָט ער גאָרניט באַדאַרפט. אין אַפריקע האָט ער אַ טיפן רושם איבערגעלאָזן אויך אין די קרייזן פון אייראָפּעער, און אַז ער איז אַוועק קיין אינדיע, האָבן זיך די אינדוסן צוגעהערט צו זיינע טריט פון ווייטן:

— ער איז אַוועק פון אונז מיט אַ גרויסער מיסיע. יעמאָלט, ווען ער וועט באַפרייען אינדיע, וועלן מיר זיך אַהין אומקערן.

מען האָט געגלויבט אין זיין גרויסן גייסט און אַז ער איז געבוירן געוואָרן מיט דעם באַזונדערן כוח אין זיך, צו קענען ווירקן סיי אויף הערשער און סיי אויף באַהערשטע. און מען מוז פאַרמאָגן גענוג אמונה אין זיך און אין אייגענעם גייסט, כדי די דאָזיקע מיסיע אין לעבן אַוועקצוטראָגן צו זיך אַהיים. עס פאַרשטייט זיך, אַז די וועלט-מלחמה, וואָס האָט אין אייראָפּע זיך פאַרמאָכטן מיט אַלע דערגרייכונגען פון דער טעכניק און פון דער וויסנשאַפט אין פאַרלויף פון פיר יאָר כסדר, מיט די שווערסטע האַרמאַטן אָפּצושיסן די קרוינען און צווייגן פון ביימער און אויך קעפּ פון מענטשן; פאַרסמען אַזויפיל אינזעקטן און מייז אין די פעלדער און פאַרכמען אַזויפיל מענטשן בתוכם — — פונדערווייטנס, אַז מען האָט געקוקט אויף דעם, צי פון דרום-אַפריקע, צי פון אינדיע, האָט עס געקענט אויסזען, אַז דער אייראָפּעער איז אַראָפּ פון זינען און אַז משוגע האָבן אים געמאַכט זיינע אייגענע דערפינדונגען און דערגרייכונגען.

יעמאָלט איז גרינג געווען אָנצווייזן צום מערב און זאָגן:

— אָט זעט איר דעם רויך, וואָס הייבט זיך אויף פון זייערע פעלדער און ציט זיך איבער זייערע שטעט — דאָס איז דער יום־הדין פון דעם ווייסן מענטשן. ער ווערט געמשפט פאַר זיינע גרויסע זינד און רויבערישע אינסטינקטן און ער אַליין פירט אויף זיך אויס די שטראָף.

די גרויסע מעכטיקע דייטשלאַנד האָט מען איינגעמאַטערט, אַני־דערגעלייגט זי אויף די לאָפּאַטקעס, אָנגעזעצט זיך אויפן קאָפּ, הענט און פיס און אויף דעם איינגעפאַלענעם בויך האָבן די זיגער זיך אַנידערגעזעצט ציילן געלט און זיך קריגן. אוי, ווי קאָמיש דאָס האָט אויסגעזען פונדערווייטנס! ווי משונהדיק דאָס האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט גאָר אינגאַנצן ניט דעם חוש פאַר מלחמה.

טאָלסטאָי האָט פאַר גאַנדהין קלאָר געמאַכט דעם באַנקראָט פון דער ציוויליזאַציע. אינערגעץ האָט טאָלסטאָיס תורה ניט געפונען דעם צוגעגרייטן פעלד, ווי אין אינדיע. וואָרעם וואָס פאַר אַ פּנים האָבן געהאַט די „הוכאָבאָרן“, וואָס זיינען אַוועק קיין קאַנאַדע און זיך באַזעצט אויף די סטעפּעס און געלייטערט דאָרטן זייער גייסט? וואָרעם אַז ווען אויף זיי איז געקומען דער גייסט צו וויזן דער ציוויליזאַציע איר נישטיקייט און, ווען נאַקעטערהייט זיינען זיי געקומען אין שטאָט אַריין באַווייזן דער „מענטשהייט“, אַז דער מענטש און זיין לעבן געפינט זיך נאָר אונטער די קליידער — יעמאָלט האָט ממש די קאַנאַדער ערד אַ ציטער געטאָן. די מענטשהייט האָט שנעל אויף זייער נאַקעטקייט אָנגעטאָן פעקלעך און אַרויסגעפירט פון שטאָט אַרויס.

אין אַמעריקע, צי אין קאַנאַדע, האָט שוין אַריינגעזונגען דער צייט־גייסט זיין מעטאַלענעם ניגון; ווער קוקט זיך אויף דעם אום, ווען די עלעקטרע דעקט בײ־ווי אָפּ צופיל נאַקעטקייט פון לעבן. פון רוסלאַנד האָט מען אויך געיאָגט די „מאָלאָקאַנעס“ און די „הוכאָבאָרן“. זיי וואָלטן באַדאַרפט ציען קיין אינדיע, דאָרטן וואָלטן זיי געפונען זייער היים. דער פּאַציפיזם, וואָס לעבט אין באַיאַק־

טער פון אינדישן פאָלק, איז פאַר גאַנדהין געווען דער פּרווּשטיין פון טאָלסטאָים תּורה:

„וויפיל באַדאַרף האָבן אַ מענטש?“

אין אינדיע זעט מען, אַז אַ מענטש באַדאַרף האָבן ווינציג. טאָלסטאָי האָט עס געזען ביים רוסישן פּויער, וואָס האָט געלעבט אין קנעכטשאַפט. זיין לעבן האָט ניט געהערט צו אים און דערביי האָט ער ווינציק באַדאַרפט. ניט נאָר האָט דער פּויער געקענט אויסקומען מיט אַ פּאָר קאַרטאָפל, אָדער מיט אַ פאַרשימלט שטיקל ברויט און וואַסער — דער פּויער האָט איך פאַרנומען שמיץ, ווי אַ ברכה פון גאָט, און עס איז אים דערפון צוגעקומען אַ שטיק געזונט. געוויס האָט מען אַזאַ מעאָריע איך געקענט באַפעסטיקן אויף דעם אויסגעמאַטערטן לייב פון פּויער.

און אין אינדיע בעט זיך אַזאַ מעאָריע אַליין פון זיך. אָט גייט דורך די גאַסן פון קאַלקוטאַ, אַגראַ, דעלהי, אָדער באָמביי, זעט די האַלב־נאַקעטע מאַסן, צופרידענע, וואָס באַגנוגענען זיך מיט גאָרניט, וואָס באַדאַרפן צומאָל קיין ווייכן געלעגער פאַר זיך אויך ניט; וואָס געפינען זייער רו־אָרט ביים זייט גאַס, אָדער אַפילו אינמיטן גאַס אויך. — און זייער שלאָף איז אַ געבענטשטער. געווים קען אַזאַ איינער מקנא זיין אַ מאַהאַראַדשאַ, אַזאַ רויקן שלאָף האָט דער ענגלישער מלך אויך געקענט מקנא זיין דעם פאַקיער, וואָס ליגט אין שטויב און קוקט אין הימל אַריין, מיט דעם געפיל, אַז דער הימל און די ערד — ביידע זיינען זיינע.

איך בין אָבער זיכער, אַז דער, מיטן לײדיקן מאָגן, וואָס האָרעמט זיינע אויסגעשמאַרצטע ריפּן אין דער זון, חלומט אַמאָל אויך אָפּצועסן צוזאַמען, ווי יענער, וואָס האָט פיל זיינע שפּייכלערס. און יעדע תּורה, וואָס לערנט דעם מענטשן צו באַנוגענען זיך מיט ווינציק, אויב די תּורה קומט פון אַ איבערגעזעטיקטן מאָגן, וועט זי האָבן אַ האַלבע ווירקונג. עס וועט יעדער הונגעריקער וועלן פריער פּרווון דעם טעם פון זאַט זיין; און יעדער איינער, וועמען דער עולם־הזהניק האָט אים פאַרמשפּט אויף עולם־הבא, וועט כאָטש איינמאָל וועלן פאַרזוכן אַ טראָפּעלע עולם־הזה.

טאָלסטאָיס תורה איז געווען אָנגענומען פאַר די איבערגעזעטיקטע, וואָס האָבן געזוכט אַ ווינקל אין לעבן, כדי זיך צו באַפרייען פון איבעריקן יאָך פון איבערגעלאָדענע באַדערפענישן. די בריטישע פויערים־מאַכן, ביי וועמען ער האָט געלערנט, אַז מען קען אויסקומען מיט גאָרניט און אַז מען קען אײַנקויפֿן אָן שניט־קראָמען, ווען מען וועבט פאַר זיך אַליין אַ געוועב; מען קען אויסקומען אָן אַ שוסטער, ווען מען לערנט זיך אויס אַליין נייען שטיוול — די אַלע, וועלן ביי דער ערשטער געלעגנהייט קויפן אַ פאַבריקע געוועב און געבן דעם שוסטער נייען אַ פאָר שטיוול. דעם פויערס פּאַטשעלעס האָבן אונז נאָר באַוויזן, אַז ווינטער, אין שטאַרקן פראָסט, האָט מען אָניצעס אויף אָניצעס געוויקלט און שפּעטער זיי געטריקנט ביים הייסן אויוון און פאַרשטינקען די שטוב.

די פאָר שטיוול, וואָס טאָלסטאָי האָט אַליין פאַר זיך גענייט, זיינען געבליבן אַ מוזיי־אַרטיקל. און די שטיוול, וואָס שוסטער נייען, די געוועבן, וואָס די מיליאָנען פויערטעס האָבן אין די ווינטער־טעג אין נעכט געוועבט, — האָבן ניט קיין באַזונדערן ווערט.

פאַרשטייט זיך, אַז בודאַ איז געקומען צום אינדישן פאָלק מיט צוויי טויזנט דריי הונדערט איין־און־ניינציק יאָר פריער איידער טאָלסטאָי איז געבוירן געוואָרן. בודאַס תורה פון טויטן אין זיך אַלע פאַרלאַנגען און באַנוגענען זיך מיט גאָרניט, ניט צו פאַרגיסן קיין בלוט פון וועמען עס זאָל ניט זיין, — טרעפט זיך זייער צונויף מיט טאָלסטאָיען. כאָטש בודאַ איז געווען אַ זון פון אַ הערשער און די תורה זיינע איז ביי אים רייף געוואָרן אונטער דעם לאַסט פון אומנייטיקע באַדערפענישן — נאָר יעמאָלט איז דאָך געווען אַ צייט, ווען רעליגיעס האָבן געבליט. און ווי ראַציאָנעל בודאַ איז ניט געווען אין זיין אַרט דענקען, און כאָטש ער אַליין האָט ניט געוואָלט רעדן פון גאָט, ווייל ער האָט אים קיינמאָל ניט געזען, האָבן די דורות אַליין בודאַן געהייליקט פאַר אַ גאָט און צוגעשריבן זיין ווידערגעבורט אויך פון בראַהמאַ אַליין.

גאַנדהי איז אויך אַ בראַמינער און אין דער יוגנט האָט ער געהאַט אָפּצועסן צוזאַט, פונדעסטוועגן האָט זיין דערשיינונג העלער

געשיינט צו די אינדישע פאַרהונגערטע מאַסן, ווי טאָלסטאָי — צו די רוסישע פויערים.

אין אינדיע, וואו מען וואַרט כּסדר אויף ניסים, וואו מען גלייבט, אַז בודאַ איז שוין אין די שפּעטערדיקע דורות ווידער אַמאָל געבוירן געוואָרן, און אַז אַ בודאַ מאַיטרעיאַ וועט נאָך אויפקומען צו דערלייזן די וועלט, — איז קיין חידוש ניט, וואָס אַרום גאַנדהין האָבן זיך אַזויפיל לעגענדעס צונויפגעקליבן אין פאָלק.

גאַנדהי איז אַ מיסטיקער און ער האַסט די ציוויליזאַציע, ווייל זי איז ניט מיסטיש און איז אַנטירעליגיעז. אין ביי אים אין לאַנד, אַפילו אין דעם געדיכטן מיסטיציזם, איז ניט שווער אָפּצושיידן די שטריכן פון דער מערב־ציוויליזאַציע, וואָס איז דורך דעם מיסטיציזם אַריינגעדרונגען אין די הייזער פון דער פאַרמעגלעכער געזעלשאַפט. און איך גלויב, אַז ווען דער אָרעמער אינדוס ליגט אויפן טראָטואַר מיטן פּנים צום הימל און קוקט נאָך דעם אַעראָפּלאַן, וואָס טראָגט זיך העט־ווייט, אינדערהויך אָט דער שטאָלענער פויגל, ווען אַפילו ער רופט ביי אים ניט אַרויס קיין וואונדער, ווייל ער גלויבט, אַז מיט צען טויזנט יאָר צוריק האָט שוין אינדיע פאַרמאָגט אַעראָפּלאַנען, — פונדעסטוועגן לאָזט דער גערויש פון פּראָפּעלער עפּעס איבער אין זיינע אויערן.

דער יאָגי, וואָס זיצט מיט זיין נאַקעטן לייב אויף אַ שטול מיט שאַרפע טשוועקעס, וואָס קריכן אין זיין לייב אַריין — ער וועט געוויס ניט זיין מער קיין ביישפּיל פאַר די אָרעמע מאַסן, ווי אָרעם זיי זאָלן ניט זיין, און ווי רעליגיעז זיי זאָלן ניט זיין. אַ יעדנס פאַרלאַנג איז אויפצוקומען פון דער נידער אַ ביסעלע העכער, ווי עס טרעפט אַמאָל, אַז דער, וואָס האָט דערגרייכט צום כאַמע שפּיץ פון זיינע פאַרלאַנגען — זאָל וועלן גיין אַ פּאָר טרעפּלעך נידעריקער.

די מיליאָנען פויערים אין אינדיע שפּינען סיי־ווי אַליין דעם פּאָדים און וועבן סיי־ווי אַליין זייערע געוועבן אין צייט, ווען דאָס פעלד מאָנט ניט די הענט. גאַנדהי האָט געווירקט אויף די טויזנטער פון דער אינטעליגענץ, וואָס איז שוין טיילווייז אַריינגעקראָכן אין אינערע

קליידער אַריין. ער האָט געווירקט, זיי זאָלן אָנטאָן צוריק די „דאָטי״; געווירקט, אַז זיי זאָלן זיך הײקלען אין די צוויי ווייסע ליילעכער, און אויך געפועלט, אַז די אינטעליגענץ זאָל אַוועקשטעלן ביי זיך אין זאַל אַ פרימיטיוון וועבשטול און וועבן די „קאָדר״, די גראָבע געוועבן אַרומצוּוויקלען דעם גוף. אַ גאַנדהי־יאַרמולקע פון ווייסן ליוונט האָט מען דערפונדן, וואָס גיט ניט צו קיין חן דעם שיינעם שוואַרצהאָריקן קאָפּ.

אָבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר. דאָס זיינען נאָר געווען די סימנים פון דערליידזונג פון דער מערב־ציוויליזאַציע. און די דערליידזונג פון ענגלאַנדס הערשאַפט, וואָס דריקט, עקספלואַטירט און קאָרמעט מיט גוואַלד מיט מערב־ציוויליזאַציע, — אַרום דעם האָט זיך קאָנצענטרירט די הויפט־אָנשטרענגונג.

די אַייזנבאַנען, וואָס ענגלאַנד האָט אַריינגעבראַכט, טעלעפאָן און טעלעגראַף — פאַרלייקנט גאַנדהי. דאָס פאָלק איז געווען גליקלעכער פריער, ווען עס איז געגאַנגען צופוס און האָט זיך ניט באַנוצט מיט טעלעגראַף און טעלעפאָן. אמת, אַז די ברייטע מאַסן באַנוצן זיך איצטער אויך ניט מיט די אייבנדערמאָנטע גוטע זאַכן, צוליב זייער פאַרנעניגן ווע״ן. אפשר איז פאַרהאַן אַ קערנדל אמת, ווען ער זאָגט, אַז די אַייזנבאַנען האָבן פאַראָרעמט און אַראָפּגעפירט פון וועג דעם פויער און ער באַווייזט עס אַזוי:

אין אַמאָליקע צייטן האָט דער אינדישער פויער, וואָס באַשטייט פון אַ פינף־און־אַכציק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, יעמאָלט, איידער אַייזנבאַנען זיינען געווען, יעמאָלט האָט ער רויק געאַקערט און געזייט זיין פעלד און געגעבן זיין אייגענעם, שווער פאַרהאָרעוועטן ברויט, אָדער רייז. אין דער פרייער צייט האָט מען געדרייט דעם פאָדים פון ליינען, אָדער וואָל און מען האָט געוועבט די נייטיקע געוועבן. קיין געלט האָט דער פויער ניט באַדאַרפט. און איצטער, זינט די אַייזנבאַנען זיינען אין לאַנד, האָט מען אַריינגעבראַכט דעם דלות און אומרויקייט צום פויער. מיטן באַן קומען אָן סוחרים, ברענגען געלט און קויפן אויס די תבואה. דערנאָכדעם ברענגט מען ביליקע פאַרטיקע סחורה געמאַכט אין ענגלאַנד און אַזוי נאַרט מען שפעטער פאַר די סחורה אויס דעם ברויט

ביים פויער. מען האָט דעם פויער באַרויבט און מען האָט אים אויסגעלערנט זיך צו פוילן אין זיין פרייער צייט.

די מעדיצין, וואָס גאַנדהי, האָט חרוב געמאַכט דעם אָרגאַניזם פון ווייסן מענטשן אין די מערב־לענדער, און די דאָזיקע סם־המוות ברענגט מען אַריין קיין אינדיע, צו פאַרסמען דעם גוף פון ריינבלוטיקן אינדוס. ער אָנערקענט נאָך כאַנטאַרישע דערגרייכונגען, וואָס האָבן אין אינדיע פאַרקלענערט די צאָל קרבנות בעת מגפות ברעכן אויס.

אַזוי האָט ער צונויפגעבונדן די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַפרייונג מיט דער גייסטיקער באַפרייונג, פון דער מערב־ציוויליזאַציע.

זיינע רייד זיינען פשוטע. זיינע רייד זיינען כמעט פרימיטיווע, אָבער דאָס פאָלק האָט אים פאַרשטאַנען; ווי דאָס אינדישע פאָלק איז געוווינט צו פאַרשטיין אַפילו זאַכן, וואָס זיינען שלא־כדרך הטבע.

און ניט נאָר אינדוסן, — פרומע קריסטן און גלחים באַטראַכטן גאַנדהין, כמעט ווי אַ צווייטן קריסטוס, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד אויסצולייזן זינדיקע נשמות.

— ווען איך זאָל נאָר גלויבן אין ווידערגעבורט פון קריסטוסן — זאָגט צו מיר אַ קריסט, וואָלט איך מיט אַ גרינג האַרץ געגלויבט, אַז ער איז ווידער אויפגעקומען צו דערלייזן די וועלט, און געקומען איז ער אין געשטאַלט פון מאַהאַטמאַ גאַנדהי.

דאָס אינדישע פאָלק, וואָס גלויבט, אַז די וועלט לעבט איצטער אין א דור פון חשכות און וואַרט, אַז אַ דערלייזער זאָל קומען די פינסטערניש צו פאַרטרייבן, אַז מאַהאַטמאַ גאַנדהי האָט זיך באַוויזן צווישן די גערודפטע, באַשפּיגעלטע פאָלקס־מאַסן, צווישן פילפאַך־אונטערדריקטע, סיי פון אייגענע און סיי פון פרעמדע און ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו די „פאַריער", צו די „טמאים" און אויסגערופן: ברידער מיינע! —

אָ, יעמאָלט, האָט מען אים מוחל געווען, וואָס ער איז אַ בראַמינער. מען האָט אים גלייך דערקענט. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז דער ווידערגעבורט פון סיווא. אַנדערע — אַז ער איז דער לאַנג־דערוואַרטעטער, נייער ווידערגעבוירענער בודאַ. לעגענדעס

האָבן זיך פאַרשפּרייט אַרום גאַנדהיס נאָמען, ווי אין די אַלטע צייטן אַרום „גאָטס קינדער“.

ער הייסט מאַהאַטמאַ גאַנדהי. מאַהאַטמאַ איז ניט זיין נאָמען. דאָס איז דער צונאָמען. עס קען מיינען: די גרויסע נשמה, דער פירער, דערלייזער, דער גרויסער לערער. דאָס אַלין קען מען אַריינלייגן אין דעם וואָרט „מאַהאַטמאַ“.

און מען דערציילט:

„איינמאָל, ווען גאַנדהי האָט אין אַ געוויסער פּראָווינץ געפּרעדיקט צו אַן עולם און ווען איינער פון עולם איז אַרויסגעטראָטן אַנטקעגן אים און אויסגעלאַכט זיינע רייד, איז ער גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חזיר“.

מען דערציילט:

„אויף אַ באַנקעט לכבוד גאַנדהין, ווען אַ פּאָר פון די מכבדים האָבן געוואַגט רעדן אַנטקעגן אים, זיינען די שפּייזן פון גרינציג, וואָס זיינען געווען אויפן טיש געגרייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט“.

און מען דערציילט:

„צוויי מענטשן האָבן זיך געקריגט אונטער אַ מאַנגאָ־בוים איבער גאַנדהיס גרויסקייט. האָט איינער אויסגערופן: אויב עס איז טאַקע אמת, אַז גאַנדהי איז דער, וואָס קען אַזוינע וואונדער באַווייזן, איז וויל איך, אַז איצטער אין באַלד זאָלן זיך באַווייזן מאַנגאָ־פרוכט אויף די צווייגן — און אַזוי איז געווען. דער בוים האָט תיכף אָנגעהויבן צו בליען און מאַנגאָ־פרוכט זיינען צייטיק געוואָרן“.

אַפילו אויף יענער זייט פון די הימאַלאַיער בערג דערציילט מען אַלערליי מעשיות איבער די גרויסע נסים, וואָס גאַנדהי באַווייזט: מען האָט אויף אים געשאָסן פון האַרמאַטן — אים האָט עס ניט געשאַדט. מען האָט אים אַנידערגעלייגט אויף די רעלסן אין אַ עקספּרעס־צוג איז איבער אים אַריבער — און ער איז געבליבן אומבאַשעדיקט.

דאָס איז געווען מיט אַ אַכט, ניין יאָר צוריק. יעמאָלט איז גאַנדהיס נאָמען אויפגעגאַנגען ווי אַ לויטערער פרימאָרגן איבערן לעבן פון אינדישן פאָלק. אויף אַ ווילע איז אַפילו ענגלאַנד פאַר־

בּלענדט געוואָרן און ניט געוואוּסט, וואָס צו טאָן. זיינע רייד זיינען געווען פּשוטע און דער וועג צו דערלייזונג — אַ נייער, אַ אומגע־ווינטלעכער. ניט צו קיין רעוואָלוציע האָט ער גערופן דאָס אינדישע פאָלק, נאָר פאַרקערט: אומקערן זיך מיטן פּלייצע צו די אונטער־דריקער און צו דער גאַנצער מערב־וועלט, וואָס שיקט קיין אינדיע די קללה פון ציוויליזאַציע.

פּאַסיווער ווידערשטאַנד!

ניט גיין האַנט אין האַנט מיטן ווייסן ברוט, וואָס האָט פאַר־כאַפּט דאָס לאַנד, ניט פאַרנעמען ביי אים קיין שטעלע, ניט עסן פון זיין ברויט. אַרויס פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטן! אַרויס פון יעדן ווינקל, וואו דער אינדוס העלפט דער מער־בדיקער ציוויליזאַציע און שטאַרקט דערמיט די האַנט פון אונטערדריקער!

ווען האָט עס געקענט באַפרידיקן? אפשר דעם הייפל אינ־טעליגענץ, וואָס פאַר זיי וואָלט געווים געלוינט צו באַפרייען זיך פון אַ פרעמדער קולטור און פון אַ פרעמדער דיקטאַטור. געווים פאַרלאַנגט עס דער נאַציאָנאַלער געפיל.

וואָס אָבער האָט גאַנדהי געהאַט פאַר די ברייטע מיליאָנען פון די פאָלקס־מאַסן, אָרעמע פּויערים, וואָס באַאַרבעטן פאַר הונ־גער־לוין יענעמס פעלד? וואָס האָט ער געהאַט פאַר די מיליאָנען פאַריער, וואָס זייער פאָטערלאַנד איז דער רינשטאָק? האָט ער צו־געגרייט ברייטע רעפאָרמעס פאַרן פאָלק? האָט מען אים צוגעזאָגט פון די בראַמינישע קרייזן, אַז די קאַסט־סיסטעמע וועט גלייך אָפּ־געשאַפט ווערן, ווי נאָר ענגלאַנד וועט אַוועק? האָט ער געקענט צוזאָגן די אָרעמע פּויערים, אַז זיי וועלן קריגן גענוג ערד? און פאַר די אָרעמע אַרבעטער אין די פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אונטער די שווער־סטע באַדינגונגען — האָט ער געהאַט אַ פאַרזיכערונג, אַז זייער לאַגע וועט זיך אויסבעסערן? און צי האָט ער געהאַט אַן אויסזיכט, אַז די אַלע טויזנטער פאַמיליעס, וואָס אַרבעטן אין די טיי־פעלדער פאַר אייגענע, און פאַר פרעמדע, און וואו שוין קינדער פון דריי יאָר ווערן פאַרדינערס ביים רייסן די טיי־בלעטלעך פון די קוסטעס, און אייב זיי פאַרחלומען קריגן זיי מיט אַ רוט — צי האָט ער

געווען אַ נאָרמאַלן אויסגאַנג פאַר אַזאַ פאַרדאָרבענער עקספּלואַטאַציע?

ער האָט איבערגענומען פולשטענדיק טאָלסטאָיס תורה, אַז מען טאָר ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד די שלעכציקייטן אויף דער ערד. מען באַדאַרף וואַרטן ביז דער מיטוויליקער וועט ווערן פול מיט יושר און דער ברוט וועט ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ באַרימהאַרציקער מאַמע...

וויפיל הוחות באַדאַרף די מענטשהייט אויף דעם וואַרטן, ביז ביי דעם עקספּלואַטאַטאָר וועט קראַנק ווערן זיין געוויסן? וואו און אין וואָס פאַר אַ לאַנד זיינען די אַרבעטער דערגאַנגען צו אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג אָן אַ כּבודדיקן קאַמף! וואו און אין וואָס פאַר אַ לאַנד האָט מען דעם אָרעמען צוגעטיילט אַ שטיקל ערד, צונעמענדיק ביי די, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט פון גענוג? האָט ערגעץ־וואו אַנדערש עמעצער צעטיילט זיין פאַרמעגן פאַר זיינע מיטמענשן, זיי זאָלן קענען לעבן אַ בעסער לעבן? אויף וועמעס געהילד בויט מען אַזעלכע טעאָריעס פון אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד?

נאָר אין אינדיע האָט געקענט אַזעלכעס פּאַסירן. אַז די אַלע פּאַריער, וואָס האָבן בלויז ביים אייראָפּעער די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין שטוב אַריין און באַדינען; וואָס נאָר ביים פרעמדן אונטערדריקער איז אָפן די שטוב פאַר אַ צענדליק „טמאים“, וואָס קריגן זייער אָרעמען לוין און אַמאָל אַ בגד און אָפּצועסן אויך — און דווקא אויף זיי האָט גאַנדהי גאָר אַ סך געבויט.

דער פאַרלאַנג צו באַפרייען זיך פון ענגלאַנד האָט אַלעמען באַרבלענדט. אַ גרויסער גם האָט זיך דערנענטערט. אַהינטער אַ נעפּל זיינען איינגעגאַנגען אַלערליי זונען, נאָר אויף זייער רעאַליטעט האָט מען ניט געקענט לייגן קיין סך געוויכט, ווי די צייט האָט עס אַרויסגעוויזן.

גאַנדהיס רוף האָט תּחילת געווירקט ווי אַ צויבער־ווינט, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן פון עק ביז עק לאַנד. ווי ער האָט באַפוילן — אַזוי האָט מען געפאָלגט. די באַנען האָט מען ניט באַדינט — האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. פּאָליציי איז געבליבן אָן פּאָליציאַנטן; הויז — אָן דינער; גאָרטן — אָן גערטנער.

געוועלבער האָבן זיך געשלאָסן. דער רוף גיט צו טראָגן קיין קליידער פון פרעמדן שטאָף האָט געווירקט. מען האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אייראָפּעישע קליידער און זיך געוויקלט אין פּשוטע ליילעכער; אויפן קאָפּ האָט זיך געבלייכט די ווייסע גאַנדהי־יאַרמולקע. מען האָט צונויפגעטראָגן אויפן מאַרק אַלע פרעמדע סחורות און עפנטלעך פאַרברענט. מען האָט אייראָפּעישע קליידער פון זיך געריסן און געוואָרפן אין פייער אַריין. אַלע אויסערלעכע סימנים פון מערב־ציוויליזאַציע האָט מען אַראָפּגעראַמט פון לעבן, ווי אַ געפערלעכע פּעסט. אַ רגע האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גרויסער וואונדער איז געשען. יעדער איינער, רייך צי אָרעם, האָט זיך גענומען פאַרן פּרימיטיוון שפּינדל, פּרימיטיוון וועבשטול און אַליין פאַר זיך גענומען וועבן אַ געוועב. מאַמע ענגלאַנד האָט געציטערט. אַ סך טעקסטיל־פאַבריקן אין מאַנטשעסטער, וואו מען וועבט פאַר אינדיע די פאַבאַלע געוועב — האָבן זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן.

דעמאָלט איז געווען די גרויסע צייט. דער נס איז אויפגעקומען, ווי אַ פייערווערק מיט פולן אימפעט, און געשניטן מיט אַ פייף די לופט. איצטער אָבער איז די שיין פאַרטונקלט, לעשן זיך די פונקען.

ווייל ניט קיין ניסים באַדאַרף די צייט. ניט דורך ניסים וועט אויסגעלייזט ווערן אַפילו דאָס אינדישע פאָלק, וואָס לעבט ניט מיט דער צייט און לאָזט זיך ניט באַאיינפלוסן פון היינטיקן יאָרהונדערט, ווי דאָס איז דער פאַל מיט אַנדערע מזרח־פעלקער.

די ענגלישע רעגירונג, וואָס האָט זיך תחילת פאַרלאָרן, האָט פלינק אויסגעזוכט דעם פאַרפוילטן אָרט אין פאָלקס־אָרגאַניזם, וואו מען קען ווערים אויספּיקן. עס איז געווען אַ גרויסער איינשטעל גאַנדהין צו אַרעסטירן, נאָר אין דער ריכטיקער שעה האָט מען עס געטאָן; יעמאָלט, ווען אין פאָלק האָט דער יאוש אָנגעהויבן אויפצוקומען. גאַנדהין האָט מען אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף זעקס יאָר טורמע.

און ווייל קיין ערדציטערניש האָט דער אַרעסט ניט אַרויסגערופן, ווייל די זון האָט זיך ניט אויסגעלאָשן יעמאָלט, ווען מען האָט אין תפיסה אַריינגעזעצט אינדיעס איידלסטן זון; די הייליקע

טייכן האָבן ווי דער שטייגער געשטראָמט צום ים — האָט דעריבער דאָס פאָלק ווידער זיך געלאָזט פאַרשלעפּן.

— אָ, וואָס פאַר אַ שוידערלעכע צייט יעמאָלט איז געווען — דערציילן ענגלישע אַיינוואוינער נאָך איצטער מיט פּחד — מען האָט אונז געשפּיגן אין פּנים אַריין און מיר האָבן געמוזט אָפּווישן דאָס פּנים און שווייגן. וואָס האָט דען געקענט טאָן איינער אַנטקעגן הונדערט טויזנט? אַזוי זיינען מיר דאָך געווען אין צאָל יעמאָלט. דאָס ביסל מיליטער, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז דאָך געווען אָפּגעצויגן פון לאַנד צוליב דער וועלט־מלחמה. אייגענע דינער, וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי געשטאַנען אויף די קני פאַר אונז — היינט האָבן זיי מיך באַשפּיגן. ווען דאָס האַלט אָן נאָך אַ פּאָר חדשים אַזוי, וואָלטן אונזערע ביז איינעם באַדאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַנד...

„מען האָט געשפּיגן אין פּנים אַריין און מיר האָבן געמוזט אָפּווישן דאָס פּנים און שווייגן".

דאָס איז דאָך געווען יעמאָלט די איינציקע וואָפן ביים פאָלק. און מען מוז זאָגן, אַז אַפילו די דאָזיקע וואָפן האָבן זיי ניט אויסגענוצט ווי געהעריק איז. דאָס דריי הונדערט מיליאָניקע פאָלק האָט דאָך מיט דעם אמתן שפּיי געקענט אַרויסשווענקען די פרעמדע הערשאַפט פון פאָלק און דאָס איז ניט געשען.

דער אינדוס קייט זיין „ביטעל", אָט דעם דאָזיקן רויטן וואָרצל, וואָס סטימולירט אים זיין ליידיקן מאָגן און וואו ער גייט און וואו ער שטייט שפּייט ער און פאַרבט רויט. אָט אַזוי האָבן די וועשער אויסגעלאָזן יעמאָלט זייער כעס צו די וועש פון די ענגלענדער, באַשפּיגן מיטן רויטן שפּיי די בלאַנק־ווייסע וועש פון אונטערהדריקער. צו די וועש האָבן זיי אויסגעלאָזט דעם כעס זייערן און די אינערלעכע ביטערניש.

עס האָט מיר דערציילט אַן אויפזעער פון אַ טיי־גאָרטן, וואָס אונטער זיין האַנט געפינען זיך ביי אַ טויזנט משפּחות, וואָס אַרבעטן אין די טיי־פּלאַנטאַציעס אינאיינעם מיט זייערע קליינע קינדער. ער האָט דערציילט גאַנץ אויפריכטיק און אָפנהאַרציק:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַז די אינדוסן זיינען אומגערעכט? איך וועל ניט גיין ווייט. אָט ביי מיר, אין די טיי־גערטנער עקספּלואַטיר

איך זײ ווי בהמות. זײ ווײסן ניט בעסער. בײ מיר אַרבעטן שוין דרײ=יאָריקע קינדער. איך לערן זײ אױס ווי צו רײסן די טײ=בלעטלעך פֿון די קוסטעס און זײ באַקומען עפּעס דערפֿאַר. פֿאַרשטײט זיך, װען מיר זאָלן ניט האָבן דעם האַלב=אומזיסטיקן עולם, וואָס פֿאַרדינגט זיך אײנגאַנצן — וואָלט מען ניט געקענט פּראָפּיטירן פֿון דער טײ=אינדוסטרי. איך בין ניט צו שלעכט צו זײ. קענסט זײ ניט. זײ זײנען דאָך ווי קלײנע קינדער, קומט אַמאָל אױס צו געבן אַ קלאַפּ איך. דערלאַנג מיטן פּרוט. זײ באַדאַרף מען געבן צו פֿילן די איבערהאַנט. נאָר בכלל האָבן זײ צו מיר גאָרניט. וואָס עס קומט זײ — קומט זײ. און וואָס עס קומט מיר — קומט. איך בין ניט ווי יענע אױפֿזעער אין די טײ=פּלאַנטאַציעס, וואָס האָבן אַ צוטריט צו אַלע שענערע און יינגערע פֿרויען, וואָס אַרבעטן בײ אונז. נאָר אין יענער צײט האָבן מײנע אויך אַזעלכע געוואָרפֿן די אַרבעט. אמת, איך האָב צו אַ פּאָר פֿון זײ אויסגעלאָזן אַלע בײזע חלומות.

אײן פֿרימאָרגן — דערצײלט ער — איך הער אַ גערודער און אַ געשרײ, אַ גאַנצער שטראָם מענטשן ציט זיך צו מיר און מען איז באַוואָפֿנט מיט רידלעס, מיט גראָבאַײזנס און מיט שטעקענער. עטלעכע הונדערט זײנען זײ געווען, מײנע לײט, וואָס אַרבעטן בײ מיר. נו, וואָס האָב איך באַדאַרפֿט טאָן? ניט געווען קײן פּעולה צו נעמען דעם רעוואָלווער. וואָס וואָלט איך געקאָנט אויפֿטאָן מיט אַ רעוואָלווער אַנטקעגן אַ מחנה פֿון עטלעכע הונדערט? פֿינדעסטוועגן בין איך אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זײ און מיט אַ גלײכער בהכמה זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן זײ און געוואַרט וואָס וועט דאָ אַרויסקומען. געוואַרט, אַז אָט וועט מען מיך באַלד צערײסן אויף שטיקער, מיט די רידלעס צעפּיצלען — און זעסטו, איך בין לעבן געבליבן.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָב איך נײגעריק געפֿרעגט.

— איך? וואָס האָב איך געהאַט דען צו טאָן אין יענעם מאָמענט? נאָר זײ האָבן מיך איבערראַשט: האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קרײז אַרום מיר, ווי אַ סטײע וועלף, וואָס האָט מורא זיך נאָענט צו דערנענטערן. האָבן געפּאָכט מיט די אײזנס, מיט די רידלעס און פֿלעקענער. האָבן געשריען, געוואָרנט און געזידלט זיך. האָבן מיר

אויסגערעכנט אַלע חטאים, וואָס איך בין ווען עס איז באַגאַנגען אַנט־קעגן זיי. געפילדערט און איינער דעם אַנדערן איבערגעשריען. אין מיטאַמאָל, האָט מען אויסגעשפּיגן אין מיין זייט, און דאָס איז אַלץ. אמת, מען האָט מיך גוט באַשפּיגן — נאָר מיט דעם האָט מען אויסגעדריקט דעם גאַנצן כעס. — — —

און אַז די צייט איז געקומען; עס איז ניט געווען, וואָס צו עסן און מען האָט באַדאַרפט גיין ווידער צו דער אַרבעט, איז מען געקומען און מען האָט איבערגעבעטן, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרניט געווען. מען איז צוריק שלום געוואָרן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך צו מיר אָנגעהויבן צו באַציען מיט מער אַכט.

אַ פשוטע דערציילונג.

און דאָס איז אַ קליינער ביישפּיל, אָבער דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון ביטערניש און פאַרצווייפלונג. דער סוף איז דאָך געווען אַ קלאָרער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי זיך מוזן אומקערן מיט ווייב און קינד צוריק צו דער אַרבעט. פאַר זיי האָט קיינער גאָרניט צוגעגרייט. מאַהאַטמאַ גאַנדהי האָט געוויס גאָרניט געהאַט אין זיין פּראָגראַם פאַר זיי, אויסער דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד. אפשר איז דאָס שפּייען אויך אַנטקעגן זיינע אָנווייזונגען. דעם ווייטערדיקן טריט וואָלט ער ניט געהייסן מאַכן: מען זאָל צונעמען דאָס פעלד פון דעם איינעם און צעטיילן פאַר די הונדערטער, ווי עס איז ניט געווען אין זיין פּראָגראַם, אַז די אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויס אין שטרייק, אַז אויסער דעם שטרייק האָבן זיי נאָך עפּעס וואָס צו פאַרלאַנגען.

איך מאָל מיר גאָרניט אויס, אַז נאָכדעם ווי די ענגלענדער וואָלטן פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אַז יעמאָלט וואָלט אויך צוניץ געקומען דער „פּאַסיווער ווידערשטאַנד“. פון אַ גאָר נייעם צד וואָלט זיך אָנגעהויבן די אַקטיוויטעט. עס וואָלטן געוויס די מאַהאַראַדזשאַס גלייך פאַרפירט אַ מלחמה צווישן זיך, ווער עס זאָל מער פאַרכאַפּן פון דער איבערגעלאָזענער מאַכט. עס וואָלט יעדער איינער געשאַט וואָס מער קנעכט צו זיך און וואָס מער פון נאַציאָנאַלן פאַרמעגן צו זיך.

עס וואָלטן די מאַכטהאַבער אויך געפּרוווט נאָך אַמאָל רעס־טאַווירן דאָס, וואָס האָט זיך פון זיי אַרויסגעגליטשט און אַנ־

הייב פון לעצטן יאָרהונדערט. און ווייער מעגלעך, אַז גאַנדהי אַליין וואָלט די האַנט פון „אייגענע אַלמעכטיקע“ גאָרניט באַמערקט. אפשר וואָלט ער קענען איר ניט אָנגעווענדט אַפילו קיין פאַסיוון ווידערשטאַנד אויך ניט.

גאַנדהיס זיצן אין תפיסה האָט פסיכאָלאָגיש געווירקט אויפן פאָלק. אַגב האָט מען „אָנגעוויזן“ די פרימיטיווע מאַסן אויף גאַנדהיס נאַרישקייטן און אין געוויסע קרייזן באַשאַפן פאַר אים דעם נאָמען פון אַן אַוואַנטוריסט, כאָטש דאָס איז געווען איבעריק. גאַנדהין האָט מען דערנאָך אַרויסגעלאָזן פון תפיסה אַ קראַנקן, אַן אויסגעמאַטערטן און מיט אַן אָנהייב פון יאוש. אים אַליין האָבן די פאָרשטייער פון דער ענגלישער רעגירונג טיילווייז איבערגעצייגט, אַז דאָס אינדישע פאָלק איז נאָך ניט גרייט איבערצונעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט. ער אַליין האָט זיך אפשר איבערצייגט, אַז ער האָט ניט אין זיין פראַקטישן פאַרמעגן קיין ממשותדיקע הילף פאַר די הונגעריקע און געיאָגטע. ערשט איצטער זעט ער אַרויס, אַז די קאַסטע־סיסטעמע האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. זיין שפּראַך איז אַן אידעלע. ניט נאָר מיט קיין קאַלטן, אָדער הייסן געווער טאָר מען ניט פאַרגיסן קיין בלוט — נאָר אַפילו מיט שאַרפע רייד טאָר מען ניט אָנרירן דעם פאַנאַטיזם פון זיין פאָלק. גאַנדהי איז איצטער די שטילע טויב. ער פאַסט תעניתים און רעדט פון רעליגיע, כאָטש ער זאָגט, אַז דער חוב צו זיין פאָלק איז ביי אים די העכסטע רעליגיע.

דאָס פאָלק רופט אים נאָך איצטער אויך „מאַהאַטמאַ“, דאָס פאָלק באַגרייפט אים נאָך איצטער אויך ווי אַ הייליקן. צו אים קומט מען און מען רירט אָן דעם שטויב פון זיינע פיס און מען לייגט צו די אויגן. פאַר אים ציען זיך די שורות גלויביקע, ווי פאַר איינעם, וואָס קען וואונדער באַווייזן. און אין דעם ליגט זיין טראַגעדיע, וואָס טרייבט אים אַלץ ווייטער צו מיסטיציזם און רעליגיעזיטעט.

איך בין געזעסן אין אַן אָנגעזעענער הויז אין בענגאַליע. צוגאַסט ביי לייט, וואָס געהערן צו גאַנדהיס „רעוואָלוציאָנערן“ לאַ-

גער. אַ פֿאַרמעגלעך הויז, און אַלע מענער זיינען געגאַנגען אין גראָבן לייוונט איינגעוויקלט. אין אַ ווינקל פון שטוב איז געשטאַנען אַ פּרימיטיווע וועבשטול מיט אַ געוועב האַלב־פֿאַרענדיקט. איך האָב געפֿרעגט, ווער עס וועבט אין שטוב? האָט מען מיר געענטפֿערט:

— אַלע ביי אונז קענען וועבן. אָט דאָס, וואָס דו זעסט אויף אונז, איז אייגענע אַרבעט. דאָס טוען אונזערע מענער אויך.

— גלויבט איר אין דעם? — האָב איך געפֿרעגט.

— דאָס איז ניט אַלץ. דאָס איז נאָר אַ סימבאָל פון דעם, וואָס עס באַדאַרף זיין ביי אונז. דאָס לעבן באַדאַרף גיין נאָך דער ליניע, ווי גאַנדהי האָט אָנגעצייכנט.

פֿרעג איך:

— וואָס פֿעלט דעם פּויער אין אַמעריקע, וואָס באַאַרבעט דאָס פֿעלד, און געוועב פֿאַר זיינע קליידער מאַכט עמעצער אַנדערש?

— אָ, דאָס איז דאָך די פֿאַרשאָלטענע ציוויליזאַציע, אַנטקעגן וועלכער מיר פֿירן אונזער קאַמף! — איז געווען דער ענטפֿער.

און כאָטש גאַנדהיס איינפֿלוס איז גרויס אין פֿאָלק, פֿונדעסטוועגן אַלץ אָפטער און אָפטער טרעט מען אַנטקעגן אים אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט. די אָרגאַניזירטע פֿאַבריק־אַרבעטער און אויך פּויערים, וואָס באַאַרבעטן פֿרעמדע פֿעלדער, באַקלאָגן זיך, אַז זינט גאַנדהיס אידעען פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין פֿאָלק, איז זייער לאַגע פיל ערגער געוואָרן. עס איז אוממעגלעך אַרויסצורופֿן אַ שטרייק, ווייל אַלע, וואָס ווערן אַזוי ביטער עקספּלואַטירט, זאָלן זיך אין שטרייק אָנשליסן. די ערד־אייגנטימער צאָלן איצטער נאָך ווייניקער פֿאַר דער אַרבעט אין פֿעלד, זינט גאַנדהי האָט באַאיינפֿלוסט די מאַסן, אַז מען טאָר זיך ניט ווידערשטעלן אַנטקעגן דאָס בייז, ווייל הלילה צוליב אַ שטרייק קען בלוט פֿאַרגאָסן ווערן.

די איבערקערעניש אין רוסלאַנד, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין כינע האָט אין אינדיע געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג צווישן די אַרבעטער־מאַסן און צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. עמעצער רופֿט צו דער יוגנט, וואָס האָט די אויגן איבערגעעפֿנט און זעט די ווירק־

לעכקייט. אַקטיווע כּוחות וואַכן אויף. אין דער טיפעניש פון אינדיע רירט זיך אַ נייע רעוואָלוציע:

מיר באַדאַרפן צוגרייטן אַ נייעם דור, וואָס זאָל זיין גרייט אַוועקצוגעבן זיין בלוט, ווען די צייט וועט קומען!

אָ, ווי דרייסט עס איז פאַר אינדיע דאָס צו זאָגן אויפן הויכן קול. און דאָס זאָגט מען איצטער אָפט. דאָס זאָגט מען איצטער מוטיק. ניט פון גאַנדהיס לאַגער קומט אַזאַ מין רוף. ער פּריידיקט נאָך אַלץ, אַז ראַטעווען וועט דאָס פאָלק די שבועה ניט צו טראָגן אויף זיך קיין בגד, וואָס קומט פון דער פּרעמד. עס איז מעגלעך, אַז צענדליקער טויזנטער פאָלגן אים באַוואוסטזיניק און וועבן די גראָבע „קאָדר"־געוועב — איז דאָס אַלץ?

די קאָמוניסטן טרעטן אַרויס קעגן אים אין דער עפנטלעכקייט, אָבער מען איז העפלעך מיט די אויסדרוקן. מען באַשולדיקט אים, אַז ער דינט דעם קאַפּיטאַל נאָר אומבאַוואוסטזיניק; ער וויגט איין די פאָלקסמאַסן, וואָס גלויבן אין אים און ווערן זיך ניט, ווען מען עקספּלואַטירט זיי. גאַנדהי וויל ניט, אַז דאָס פאָלק זאָל צופיל פאַרדינען, אָבער עמעצער פאַרדינט וויפיל זיין האַרץ גלוסט מיט די דאָזיקע הענט, „וואָס ווילן ניט פאַרדינען צופיל".

גאַנדהי זאָגט, אַז נאָר מיט ליבע און מיט געדולד וועט מען איבערציִען די אונטערדריקער און ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די מאַכמעדאַנער און די אינדוסן און אַ עטלעכע מענטשן זיינען געפאַלן פון ביידע צדדים — האָט גאַנדהי געפאַסט איין־און־צוואַנציק טעג און האָט תּפילה געטאָן. אַ גרויסער שטריך פון קריסטלעכן שטאַנדפּונקט. און עס איז אייך אָנגענעם איבער דעם זיך צו וויצלען. ווייל ניט מיט מוסר וועט מען ווירקן אויף די נערוון פון פאַרזשאַווערטן דראָט, וואָס קאַפּיטאַל האָט פאַרצויגן איבער גאָר דער וועלט און נאָך מער — אין די מזרח־לענדער. קינדיש צו פאַסטן תּעניתים, בעת ברוטאַליטעט לאָזט אַפילו ניט אַראָפּ די אויגן פאַר שאַנד. דער קאַפּיטאַל אין די מזרח־לענדער, וואָס וועט זיך באַנוצן אַפילו מיטן שחיטה פון דריי־יאָריקע קינדער און פון שוואַנגערע פרויען, קוקט פאַר געלעכטער אין היפּנאָז, ווען צו דיינע אויערן דערטראָגט זיך גאַנדהיס רייד פון ליבע און גוטער באַנעמונג.

פון די קאָמוניסטישע רייען וויל מען אָפּשוואַכן זיין רעליגיעזן און מיסטישן אײַנפלוס. מען פאָדערט פון אים, ער זאָל ניט דערלויבן, מען זאָל אים רופן „מאַהאַטמאַ" און מיט דעם האַלטן דעם נאָמען פאַרהייליקט אין פאָלק; מען זאָל זיך ניט בוקן פאַר אים און ניט אָנרירן זיינע טריט און לייגן דעם שטויב צו די אויגן, ווי אַ צייכן פון פאַרהייליקונג.

גאַנדהי האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע ד׳ אַמות. סוואַראַזשי, דערלייזונג, דערלייזונג פון ענגלישן יאָך — דאָס האַלט ער איצטער, איז נאָך צו פרי. ווייל עס איז גאָר קיין כוח ניטאָ צו די בייזע נעצן, אין וועלכע עס פּלאָנטערט זיך דאָס פאָלק. דאָס פאָלק טרינקט סמעדיקע געטראַנקען. קליינע קינדער גיט מען אָפּיום, כדי זיי זאָלן איינשלאָפן, ווען די מאַמע לאָזט זיי איבער און גייט אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג צו דער אַרבעט. נאָר דאָ וועלן קיין תעניתים אויך ניט העלפן צו דערוועקן יושר ביי די, וואָס מאַכן געלט דורך דעם אָפּיום־פאַרקויף.

מיר איז שווער צו באַגרייפן, אויב גאַנדהי, ווען ער רעדט אַזויפיל אַנטקעגן דעם מערב־מענטשן און זאָגט: „אינדיעס הינטערשטעליקייט איז אינדיעס גרויסקייט" — מיר איז שווער צו באַגרייפן, אויב ער זעט די סאָציאַלע וואונדן אין פאָלק דורך און דורך. און בשעת ער זאָגט, אַז ציוויליזאַציע איז ניט מיסטיש און איז אַנטירעליגיעז — בין איך דאָך דער, וואָס שרייבט די דאָזיקע ווערטער ניט אין איראָפּע, אָדער אַמעריקע, נאָר אין זיין לאַנד, וואו אַזויפיל איז דער וויגעשריי בשעת מען גייט אום צווישן די דערנידעריקטע פאָלקסמאַסן, וואָס נאָר הינדויזם און מיסטיציזם האָט זיי געבונדן ווי שאָף און ווער עס וויל קומט און שערט; ווער עס וויל קומט און שינדט.

איצטער שינדן פרעמדע בשותפות מיט אייגענע. וועט מען די פרעמדע פאַריאָגן, וועלן די אייגענע שערן און שינדן.

גאַנדהי פאַסט תעניתים און צערט זיין גוף. זיין גוטסקייט איז אָן אַ גרענעץ, זיין ליבע איז אַן אויפריכטיקע. נאָר זיין פאָלק האָט ער ניט דערלייזט.

אין די הימאַלאַיער בערג

1

דער וואַנדער-וועג האָט מיך דערפֿירט צו די הימאַלאַיער בערג, וווּ דער אײביקער ווינטער לעבט אַנטקעגן מיינע זוניקע טעג; אַנטקעגן די אומפֿאַריינדלעכע און ניט-דערגרייכטע הימאַלאַיער בערג. דער עווערעסט, גענויע דרייסיק טויזנט פֿוס הייך, איז פֿאַרשטעלט אָן אַ זייט. נאָך אַנטקעגן מיינע פֿענצטער איז קינטשינדזשאַנגאַ, אַכט-און-צוואַנציק טויזנט פֿוס הייך, און ביים זייט, זשאַנאָ, פֿינף-און-צוואַנציק טויזנט פֿוס הייך. קינטשינדזשאַנגאַ איז שווער, מאַסיוו, פֿון ביידע זייטן שורות גידעריקערע, באַווינטערטע פֿעלזן-שפּיצן. זשאַנאָ — ווי אַ שנייִקער אָדלער מיט צוויי פֿליגלען אויסגעשפּרייט, ווי גרייט צו פֿליִען!

ווען אויפֿן הימל איז קיין וואָלקנדל ניטאָ און די בלויקייט לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער, יעמאָלט ווערן די בערג אי נאָענט, אי ווייט. כּמעט, ווי דו דערגרייכסט זיי מיט דיין השגה און אין דער אייגענער צייט, שטויסן זיי אָפּ פֿון זיך מיט זייער קאַלטקייט. גענוג קאַלט און שטרענג זיינען די פֿעלזן-בערג פֿון מערב-קאַנאַדע, פֿונדעסטוועגן קענסטו זיך דערנענטערן צו זיי. און דאָ, זייער אָפּט דאַכט מיר, אַז די הימאַלאַיער בערג האָבן זיך געווענדט מיט דער קאַלטער פּלייצע צו מיר.

ווען אַ שטורעם טראָגט זיך פֿון זייערע קאַלטע שניי-פֿעלדער און וואָלקן צעפֿליקן זיך איבער זייערע שפּיצן — דורכן וואָלקן-גאַנג הייבט זיך אָן צו באַוועגן די גאַנצע שורה. ווי דערהויבן זיינען די הימאַלאַיער בערג אין באַגינען, ווען אין טאָל ליגט נאָך די נאַכט איינגעקנוילט און טוליעט זיך אונטער אַלבאַסטער-ווייסע וואָלקן און די העכסטע שפּיצן האָבן זיך אַ צי געטאָן צו די

ערשטע שטראַלן פון דער זון; מיינסט צייטנווייז, אַז ניט אין דער מיף זיינען זייערע פונדאַמענטן, נאָר דער פרימאָרגן האָט זיי גע־בויט. אינגאַנצן, צונטער אָנגעגליטע, צעשמאָלצענער גאָלד מיט דעם גלי, וואָס חיכעזשו נאָך און וואָס איצטער קילן זיי זיך אָפּ. פון אונטן הייבן אָן די פאַרשלאָפענע וואָלקנס צו קריכן אַנטקעגן דער זון און פון אויבן אַראָפּ גיסט זיך די גליטיקייט איבער די אייביקע שנייען.

וויפיל באַגיינענס זיינען די בעת אַרויסגעקומען אַנטקעגן דער זון מיט יונגן כוח! זייער געזאַנג האָבן די באַגינען־ווינטן צעטראָגן אין חיים. דאָ באַווייזט די ערד איר גרויזאַמקייט און קאַפּריז: — „דאָ וויל איך ניט, זאָלסט מיך אַקערן. דאָ וויל איך ניט, זאָלסט דיין באַלעבאַטישקייט אויסלייגן. דאָ וועלן דיינע לוגען אומזיסט פּאַמ־פּען לופט. דאָ וועט דיין האַרץ ווערן אַ שפּילכל און דיינע פיס וועלן זיך אונטערברעכן“.

די בערג־מענטשן האָבן אמונה, אַז די געטער לעבן נאָך אין די הימאַלאַיער בערג און נאָר זיי, די געטער, היטן די אַלע פאַר־באָרגענישן און סודות פון די בערג. און ווי צום מענטשן, וואָס וויל זיך אַוועקלאָזן אין זייערע אַוואַנטורעס, אויפצודעקן יענע סודות! זיי גלייבן, אַז ניט גוט האָבן דעריבער אָפּגעשניטן די עקשנים, וואָס האָבן געוואָלט דערגרייכן צום שפּיץ פון העכסטן באַרג. עס היטן די טיבעטיאַנער און די אַלע שבטים אַרום, ווי אַזוי די גע־טער האָבן באַשטראָפט פאַראַיאָרן די „ווייסע עקשנים“ און ווי אַזוי די געטער האָבן אַרויסגעשיקט אַ שניי־שטורעם אַראָפּצוטראָגן אין אָפּגרונט יענע שאַלקהאַפטיקע ווייסע מענטשן, וואָס האָבן מיט די געטער געוואָלט קאָנקורירן און דערגרייכן דעם עווערעסט־שפּיץ.

אויף אַ הייך פון צען טויזנט פיס, וואו אין די קאָלאָראַדער בערג, אָדער קאָרדילערן איז כמעט נאַקעט, גרוי — דאָ איז גע־דיכט באַוועלדערט. די אַלע גרינע טאָלן אויף אַזאַ הויך און די טראָפּישקייט, וואָס שפּילט זיך מיט וואָלקן אין די טאָלן און די קאַפּריזנע ווינטן פון אָנהייב פרילינג, האַלטן אָן די שטענדיקע באַ־וועגונג אין דער אַטמאָספערע. די וואַנדערנדיקע ווינטן, וואָס קו־מען אָן פון אַלערליי זייטן, טראָגן די אומרויִקייט אין דער געגנט

אַריין. וואָלקן ציען אונטן, פון מזרח קיין מערב; וואָלקן ציען אויבן, פון מערב צו מזרח. בערג־שפּיצן פאַרשווינדן און דערשיינען, לעשן זיך אויס און צינדן זיך אָן. מיטאַמאָל, דער גרין פון טאָל — ווי אַ גרינער ים דעקט זיך אויף און עס דאַכט זיך, דער טאָל הייבט זיך אויף און די בערג נידערן אַראָפּ טיפער, טיפער; אָט באַלד וועלן זיי זיך אַריבערדעקן מיט דער אייביקער גרינקייט.

קומען אָן די אָוונטן, ווען די נאַכט הייבט אָן אַראָפּצוציען די וואָלקן צום טאָל, יעמאָלט רייסן זיך העכער ווי שטענדיק פון דער טיפעניש די שורה הימאַלאַיען. דורך טאָג האָבן זיי אײַנגאַנצן דיך באַצוואונגען און איצטער קומט די דערוויטערונג. אין שפּיל פון ליכט און שאָטן הייבט זיך אָן זייער וואַנדערונג אונטערן הימל. אויף דאָס ניי קערט זיך איבער די ערד. אויף דאָס ניי בייט זי אירע פאָרמען: מיינסט אַ נייע וועלט קומט אויף און פאָרמירט זיך. גרין און פורפור איז דער מערב. בלוי דער מזרח, ראָזיק דער שניי. די חן האָט זיך ערגעץ אינגאַנצן צעשמאָלצן אַהינטערן האָריזאָנט און איבערגעבליבענע ליכט האָבן די העכסטע בערג־שפּיצן פאַר זיך גענומען; באָדן זיך צום לעצטן מאָל אין צעשמאָלצענער זוניקייט; קליידן זיך צום לעצטן מאָל אָן אין בין־השמשות. די שפּיצן־בערג אַנטלויפן מיט דעם ליכטיקן אוצר פון דער טיף, אָט וועלן זיי דורכשטעכן דעם בלויען הימל. אָט וועלן זיי זיך צעשמעלצן אינאיינעם מיט די שנייען אין פאַרנאַכטיקן גלויט און שטראָמען אין פאַרטראָגן דעם גאַנצן טאָל!

צו יענער צייט הייבן זיך אויף טויזנטער אָדלער פון דער נידער און צירקלען אַליץ העכער און העכער און ווילן אויך צום לעצטן מאָל זייערע פליגלען צינדן אין פאַרנאַכטיקן גלי. פליגלען באַוועגן זיך ניט; זיי צירקלען און דערהויבן זיך אַליץ העכער. אויך זייער באַוועגונג צערייצט דעם בין־השמשות אין קלעמט דאָס געמיט. עמעצער שרייט פון טאָל אַרויס צו די שפּיצן־בערג: „האַלט דאָס ליכט, לאָזט ניט אָפּ די זוניקייט, ביז מיר וועלן זיך דערהויבן צו אײַערע שפּיצן, אין דער פאַרנאַכטיקער לויטערקייט די קעפּ באָדן!“ אָבער די נאַכט קלעטערט אויך אַליץ העכער. קלעטערט שנעל, ווי נאָר אין די טראָפּישע לענדער, אוןווישט אָפּ דעם פאַר־

נאַכט. קינטשינדזשאַנגאַ, אַנטקעגן מײַנע פֿענסטער, איז דער לעצטער, וואָס לאָזט זיך פֿון דער נאַכט פֿאַרגוואַלטיקן.

די נעכט זײַנען טיפֿע און וואַכע.

2

אין אַזאַ נאַכט בין איך אַוועק מיט דרײַ טיבעטיאַנער, טיפֿער און העכער אין די בערג אַרײַן, נענטער צום עווערעסט, באַגעגענען דעם זונאויפֿגאַנג. האַלבע נאַכט אַרום אין דרויסן און אָנגעהויבן צו קלעטערן העכער, העכער. דער סקריפּ פֿון שניי און די פּראָסטיקייט האָט באַגעגנט. דער גײַאָמער פֿון שאַקאַלן און געלעכטער פֿון היענעס האָבן זיך אויפֿן שניי־סקריפּ אָפּגערופֿן. גוט איז אַמאָל צו פֿילן דאָס אייגענע האַרץ, ווען עס האַמערט אין דער עכאָ קלינגט אָפּ אין די אויערן, ווען איך אַ הייך פֿון צען טויזנט פֿוס קומט עס צוהילף מיט פֿאַרבאָרגענע כּוחות און ביז ווייטאָג קלאַפּט עס אין די ווענט פֿון ברוסט.

— וואָס זעסטו אין דער נאַכט? — פֿרעג איך מײַן באַגלייטער.

— איך זע די געטער פֿון די בערג, ווי זיי גייען אום אין טאָל, ענטפֿערט איינער, זיי זײַנען ברוגז פֿאַר אונזערע טריט, וואָס קלאַפּן אַזוי און שטערן זייער רו.

די לבֿנה האָט זיך אַרויסגעגליטשט פֿון אַהינטער אַ וואָלקן און מיטאַמאָל אָפּגעדעקט די שורה פֿאַרשנייטע בערג בײַם האָריזאָנט, וואָס מיט אַ עטלעכע שעה צוריק האָבן זיי זיך געטיילט מיט דעם פֿײַערפֿונעם פֿאַרנאַכט. אַזוי ווײַט זײַנען זיי איצטער געווען. אַ שאַקאַל האָט זיך צעיאָמערט ערגעץ פֿון אַהינטער אַ שטיין און דער ווידערקול האָט געענטפֿערט פֿון אַלע זײַטן. קומט אָן אַ פֿײַכטער ווינט און מיט איין פֿליגל טוט ער אַ פּאַטש אין פּנים און טראָגט דורך זײַן צווייטן פֿליגל דורך די ביימער, וואָס ענטפֿערן מיט אַ טרוקענעם גערויש. סקריפּ־סקריפּ, סקריפּעט דער שניי אונטער די פֿיס, און בײַם זײַט — מײַנע פֿרעמדע באַגלייטער מיט די צעפֿלעך זייערע, וואָס באָמבלען זיך אויפֿן פּלייצע.

— זעסט, די בערג, ווי ווייט און קאַלט, — ברוגזט זיך איינער, — דיינע מענטשן ווילן נאָר אויף זיי אַרויפקלעטערן. אַלײן װעלן זיי קענען, נאָר ניט אויפן עווערעסט, דעם שטאָלצן. דאָרט וואַרט אויף זיי אונזער גאָט, און מיט אַ שטורעם ביים זייט וואַרט ער. און זאָלן זיי נאָר ווידער קומען, — ווי ער קערט אַראָפּ בלעטער פון האַרבסטיקן בוים, אַזוי וועט ער זיי ווידער אַראָפּקערן. כאַ—כאַ—כאַ!

די נאַכט איז אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיקע און הערט זיך איין צו די קאַלטע רייד פון מיין באַגלייטער. ער צעלאַכט זיך אין דער נאַכט אַריין און עס ענטפערן אים אָפּ די צוויי חברים זיינע, וואָס פירן דעם ווייסן מענטשן איצטער צו באַגעגענען דעם באַגינען. דאַכט מיר, אַז די נאַכט האָט זיך אויך צעלאַכט.

און איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז די דאָזיקע קאַלטע מענטשן, מיינע באַגלייטער, קענען זינגען יענעם ניגון, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף, וואָס הייבט זיך אָן, ווי אַ מיטן, אַן אַרויסגעכאַפּטער פון אַ פאַרנאַכט אַרויס אין אַ בערגיקער געגנט; אָדער פון יענע מדבריות, וואו שטענדיק וויכערט זיך דער זאַמד און בלאָנדזשעט אין זיילן ביז צו די וואָלקן. ניגונים, וואָס האָבן אַמאָל די גאַנצע ערד אַרומגעגאַרטלט, זיינען ניט ליכטיק, ניט פינסטער — זיינען בין־השמשותדיק, אַמאָל באַגינענדיק, אַמאָל פאַרנאַכטיק. אין איצטיקער קאַלטער און וואַכער נאַכט איז דער ניגון, פּונקט ווי די אָטעמס פון אָקטאָפּוס, וואָס ציען זיך און זויגן זיך איין מיט די קרומע נעדעלעך און וועלן אַזוי גרינג ניט אָפּלאָזן.

עס פאַלט אַ שטערן אין מערב־זייט און לאָזט נאָך זיך אַ בלאַסן פּאַס. דער מזרח הייבט אָן צו בלייכן. אַ ציטעריקע בלייכקייט. דער ווינט ווערט שטאַרקער, זאָגט אָן, אַז ער קומט פון די אייביקע שניייען. די נאַכט ווערט אומרויִקער, ווען פון מזרח רייסט זיך אַריין אין איר דער בלאַסער ציטער. צעגליט זיך דער מאָרגנשטערן, ווען איך דערנענטער זיך צום העכסטן פּונקט, פונוואַנען עס דערשיינט דער גאַנצער האָריזאָנט אויסגעבויגן. מזרח און מערב קוקן זיך אַריבער איבער דער בערגיקער קייט.

שלאָפן אין טאָל אַזוי־פיל וואָלקן מיט אַ וואַכן שלאָף. זעסט, זיי ריִרן זיך, קערן זיך, הוקן זיך איבער. דאָס האַרץ האַמערט ניט מער אַזוי הויך. דער מזרח פּאַטשט מיט ליכטיקע פליגל פון דער טיף און טרייבט אָפּ אָן אַ זייט די נאַכט. לייכטער פּורפּור מיט אַ העלן גרין צעררייסן דעם וואָלקן, וואָס ליגט אין דער טיף אין מזרח=זייט. צווישן צפון=מערב וואַכן אויף די הימאַלאַיער בערג. האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי פון שלאָף אויפגעוואַכט. אַ צי געטאָן זיך העכער און אַריבערגעקוקט צום מזרח=טאָל. דער הימל פאַרנעמט די שטערן איינס נאָכן אַנדערן און באַהאַלט זיי אין זיין טיף. צווישן מזרח און מערב באַוועגט זיך די גרינקייט פון טאָל ווי אַ טיפער ים, און די ווייסע וואָלקן — אַ פאַרגליווערטער אָקעאַן אויפן ים.

די ערשטע שטראַלן פון דער זון שטעכן זיך אַרויס העכער פון מזרח=זייט און דערלאַנגען ווייטער, העכער. אַ וואָלקנדל האָט זיך אָנגעצונדן אַריבער די בערג: ער האָט דער ערשטער אויפגעכאַפּט דעם פרימאָרגן און נאָך אים האָבן זיך די העכסטע שפּיצן אָנגעצונדן. — פון דער טיפעניש, אין מזרח=זייט, איז אויפגעקומען די זון ווי אַ טיף=רויטער, אָנגעגליטער דיסק, ווי אויפן וועג צו אויסלעשן זיך, אַרומגערינגלט מיט בלוילעכע טומאַנען, און די גאַנצע בערגיקע וועלט האָט זיך אַ הוידע געטאָן. מיט דאָרשטיקייט, מיט קאַלטן הונגער האָבן די הימאַלאַיען געריסן צו זיך דעם באַגינען. דער ערשטער האָט זיך דער עווערעסט אָנגעצונדן.

מיינע באַגלייטער האָבן אָנגעהויבן צו זינגען אויף אַ מאָוויימדיקן באַס, מיט אַזאַ אימפּעט און ווילדן טעמפּאָ אַז איך האָב דערשפּירט די קעלט, וואָס האָט מיך דורכגעדרונגען. און ווען זייערע ברוין=גרויע פיגורן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד צו בוקן — האָט די זון געקלאַפּט אויף זייערע פּלייצעס. זיי האָבן געוויס געשפּירט דעם גאַנג פון זייערע געטער איבער די פּלייצעס. דערנאָך האָבן זיי אָנגעצונדן שמעקעדיקע גראָז און די לופט איז פול געוואָרן מיט דעם ווייַרויך. האָבן אויף אַ שטריק אָנגעצויגן פּאַפּירלעך, מיט אָנגעשריבענע תּפילות, און די תּפילות אַוועקגעלאָזן מיטן ווינט אַנטקעגן דער זון. און איך האָב געקוקט צום נייעם פרימאָרגן, וואָס

באַגעגנט זיך דאָ מיט די אומפריינדלעכע, ניט־דערגרייכטע בערג. איצטער זיינען זיי געווען נאָך ווייטער, נאָך העכער.

די זון האָט אָנגעהויבן פונאַנדערצוטרייבן די וואָלקן פון די טאָלן, וואָס האָבן הינטער זיך נאָך געטוליעט די נאַכט און אינאיינעם מיט די אָנגעצונדענע וואָלקן איז אַרויפגעקומען דאָס אייביקע פרימאָרגן־געזאַנג, דאָס געזאַנג, וואָס איז אָן אַ אָנהייב און אָן אַ סוף...

ביים שוועל פון טיבעט

1

די העכסטע שורה פעלזן=בערג אויף דער ערד, די הימאַלאַיען, טיילט אָפּ אינדיע פון טיבעט. פאַר דער ווייטער וועלט איז נאָך טיבעט אַ מיסטעריע, ווי יאַפּאַן אָדער כינע זיינען געווען ביז נאָך גאָרניט לאַנג. טיבעט איז אַ פאַרבאָטן לאַנד, וואו בודאַיזם איז אַ פאַרקריפּלטער פאָרמע הערשט איבערן פאָלק; וואו דער דאַלַי לאַמאַ, דער כּוהן=גדול, איז פאַר די טיבעטיאַנער דאָס, וואָס דער פּויפּסט איז פאַר די קאַטאָליקן.

נאָר די הויכע בערג זיינען ניט קיין געניגנדיקער באַריער. כאָטש איצטער, מיט ענגלאַנדס הילף, איז טיבעט נאָך אַלץ אָפּגעשלאָסן פאַר דעם אייראָפּעער, אָבער טיבעט אַליין שטראָמט אַריבער די בערג, שטופּט זיך צו דרום=זייט. אויף אַ הייך פון פופצן ביז צוואַנציק טויזנט פוס געפינען זיך די דורכגאַנגען אין די בערג; דורכגאַנגען, וואָס דינען פאַר דעם הויזטיקן שליאַך צווישן שבטים.

אַז מען לעבט אין סיקים, אויף דער דרומדיקער זייט בערג, אָטעמט מען מיט טיבעטער אַטמאָספערע. ביי די טיבעטיאַנער פעלט דאָס אָדלערשע, וואָס מען באַגעגנט ביי אַנדערע קינדער פון די בערג. דאָ זיינען זיי שווער, רוי געפורעמט און גיכער ענלעך אויפן בופלאַקס, אָדער טיבעטיאַנער יאַק.

דער מאָנגאָלישער טיפּ, מיט די ברייטע געזיכט=שטריכן — אין דעם רויען קלימאַט אויף אַ הייך פון אַ צען, צוועלף טויזנט פוס — מאַכט עס ביי אים אויסזען דאָס פּנים, ווי אַ מאַסקע, אָפּגעגאָסן פון ביליקן בראָנז, גרין=פאַרזשאַווערט. מאַן, און אַזוי פרוי,ביידע פיזיש שטאַרק. און דאַכט מיר, אַז די פרוי איז מער גיבור פון מאַן אין די הימאַלאַיער בערג. די סיקימער, די פּוטהאַנער,

די גורקאַס און אַ טייל פֿון די נעפּאַלער — אין האַרץ פֿון די הימאַלאַיער בערג, זיינען זיי פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן. אין די ווינטערדיקע פֿרעסט, ווען שניי באַדעקט די ערד, זעט מען אַ סך פֿון זיי, אַלט און יונג, שפּרייזנדיק באָרוועס. די באָרוועסע פֿיס, וואָס זיינען אויסגעפּרוווט צו די רויע וועגן, צו די שפּיציקע שאַרפֿע שטיינער, זיינען ווי פֿון טשוהון געגאָסן. און אַזוי די שווערע, ניט געוואַשענע הענט. דער טיבעטיאַנער האָט איבערגענומען פֿון כינע ביז היינט דעם צאָפּ און כאָטש אין כינע איז שוין באַלד אינגאַנצן אויסגעקומען דער צאָפּ אונטער דעם דרוק פֿון דער נייער צייט — בײַ די טיבעטיאַנער באַמבלט זיך נאָך דער בלאָנטיקער צאָפּ אויפֿן פּלייצע.

די קאַלטע לופֿט האָט זיי אויסגעלערנט ניט צו וואַשן זיך און שווער צו געפֿינען צווישן מענטשן אַזאַ בלאָטיקייט אויף די טיילן לייב, וואָס זיינען אָפּגעדעקט. עס שיילן זיך די סלויען פּעטע בלאָטע פֿון פּנים אַראָפּ. צוליב אַ סגולה וועגן, שמירן זיך אַנדערע פֿרויען דאָס פּנים מיט חזיר־בלוט. אַזוינע פֿאַרשווינגען דרייען זיך אַרום און מאַכן זיס דאָס לעבן. פֿונדעסטוועגן האָט זיך צירונג צוגעקלעפּט צו דער פֿרוי. געגנות לויטערע און פֿרישע קאָלירן אין די קליידער, אָדער שמאַטעס, וואָס וויקלען איין דעם קערפּער.

די פֿרוי אין די הימאַלאַיען וואַרפֿט פּשוט אָן אַ פּחד מיט איר גבורה און מיט די משאות, וואָס זי טראָגט אויף זיך. ווי אין די גאָר אַלטע צייטן, אַזוי נאָך איצטער, ציען זיך די שטעגן, וואָס גאַרטלען אַרום יעדן באַרג און בערגל. און ניט אויף קיין וואָגן קען מען טראַנספּאָרטירן משאות. אויף דעם רוקן פֿון פֿערד העגט מען אָן די משא, צעטיילט אויף בײדע זייטן. אָדער אויפֿן פּלייצע פֿון מענטשן. מענטש טראָגט מער משא פֿון פֿערד. און די פֿרוי — מער פֿון מאַן. דער אופֿן, ווי מען טראָגט די לאַסט, איז אייגנאַרטיק:

די משא לאָדט מען אויפֿן פּלייצע, צוזאַמענגעזאַמלט אין אַ טיפֿן, געדיכט־געפֿלאָכטענעם קויש, שמעלער אונטן ווי אויבן. פֿון קויש ציט זיך אַ ברייטער רימען, אָדער אַ געפֿלאָכטענער פּאַס און אַריבערגעהאַנגען איבער שטערן. פּאַקטיש הענגט די גאַנצע משא אויפֿן קאָפּ, געלענט אויפֿן נאַקן. אַזוי שלעפּן ווײַבער שווערע שטיינער

פאַר מיילן צום אָרט, וואו מען מויערט אַ בנין, אָדער צום אָרט, וואו מען פאַרריכט וועגן. אַזוי וואַנדערט מען איבער פון געגנט צו געגנט מיטן גאַנצן פאַרמעגן אָנגעהאַנגען איבערן קאָפּ. אַ משא, וואָס איז שווער פאַר דעם שטאַרקסטן מאַן, טראָגן עס פרויען זינגענדיק. קליינע מיידלעך פון צען יאָר אַלט טראָגן שוין שווערע משׂאות אויף דעם אייגענעם אופן.

כאָטש בכלל זיינען די בערג־מענטשן פריינדלעך, פונדעסטוועגן וואַרפן זיי אָן אַ אומהיימלעכקייט מיט דער רויקייט אין אויסזען און מיט דעם אופן פון לעבן. יעדער איינער גייט אום מיטן „קוקערי־מעסער“ אין רימען. עס איז ניט קיין איינפאַכער מעסער, נאָר כמעט אַ קורצע, קרומע שווערד פון בעסטן שטאָל. מיט דעם מעסער טוט ער אַלץ: האַקט האָלץ און פאַרטיידיקט זיך אין אַ געשלעג, ווען עס איז נייטיק. די אָרעמקייט איז אַ גרויזאַמע. מיט די בערגיקע שטעגן זעסטו אָפטמאָל גאַנצע פאַמיליעס, איבערציענדיק פון פלאַץ צו פלאַץ און אַ קלאַסישע שמאַטעדיקייט וויקלט איין די וואַנדערער. אַזאַ לייזיקייט ביי מענטשן איז צו זוכן. מען לויזט זיך גייענדיק און שטייענדיק. אַבי די זון טוט אַ שיין, דערלויבט מען זיך דעם פאַרגעניגן פאַר דער גאָרער וועלט.

אָבערגלויבן איז אין פאָלק שטאַרק, ווי נאָר אין אַזעלכע הויכע בערג, און ווי נאָר צווישן שבטים, וואָס לאָזן זיך פאַרפירן פון פאַנאַטיזם: רוחות, שדים איינער איבער אַנדערן. פון אויף יענער זייט בערג, פון טיבעט, קומט דער לאַמאַיזם, דער פאַרדאָרבענער בודאַיזם. פון די טאָלן קומט הינדויזם און מען דינט אַלע געטער אינאיינעם. בערגלעך, וואו אין שכניש שטייט אַ לאַמאַ־מזבח און אַ אינדישער טעמפּל. דער גאַנצער לאַמאַיזם דאָ באַשטייט פון דרייען אויף אַ שטעקעלע דעם זילבערנעם, מעשענעם, אָדער הילצערנעם צילינדערל, אינעווייניק מיט אַ תפילה אויף אַ מגילה, זאָגנדיק כסדר איינע און די זעלבע פראַזע:

„אָם מאָני פּאַדמע, הום“ („זאָל זיין געגרייסט די צירונג פון לאָטאָס־בלום“), מיינענדיק אַ טיבעטיאַנער גאָט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַן אָפענער לאָטאָס־בלום.

דרײען זיך אַרום לאַמאָס, האַלבע װילדאַקעס, כּוהנים צום גרױסן בודאַ, אין זײערע בלאַטיק-רױטע סױטענעס, אַ לאַטע אױף אַ לאַטע. און װי אין טיבעט, אַזױ אױך דאָ, זײנען זײ די פּאַראַזיטן אױפן פאָלקס-אָרגאַניזם. מען קען זיך ניט פאָרשטעלן קײן גרעסערע און טיפערע פיזישע שמוץ װי די, װאָס ליגט אױף אַ טיבעטאַנער לאַמאַ. אױף אים זאָגט מען, אַז ער װאַשט זיך קײנמאָל ניט. אַזױ גײט ער אום און דרײט מיט זײן צילינדער אױפן שטעקל און חזרט די פראַזע: „אָם מאָני פּאַדמע, הום". די בעטלער-לאַמאַס נעמען ניט אַבי װאָס מען גיט. אױף די מערק לאָזן זײ ניט דורך קײן אײן מאַרק-זיצערקע און בײ יעדערער רײסט מען עפּעס אַרױס. מען דינגט זיך און מען קריגט װאָס עס געפעלט. דאָס פאָלק גלױבט, אַז אַ לאַמאַ טאָר מען ניט אָפּזאָגן, אױב ער פאָדערט עפּעס. אַז ניט, דערגײען ניט די תּפילות װאוהין מען שיקט זײ. דער לאַמאַ קען זיך שטעלן אין װעג און ניט דערלאָזן, אַז די תּפילות זאָלן דערגײן צו זײער ציל.

און די תּפילות שיקט מען אױף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן: מען שרײבט זײ אָן אױף פּאַסן פּאַפּיר, אָדער לײװנט, און מען הענגט זײ אױף אַ הױכן באַמבוק-שטעקן, און אַזױ פלאַטערט זיך די שמאַטע אָדער פּאַפּיר אין לופט אין דער װינט טראָגט שױן אַװעק די תּפילה װאוהין מען באַדאַרף. אַרום אַ לאַמאַ-מזבח שטײען צענדליקער באַבוק-פלעקענער און אױף זײ די לײװנטענע פּאַסן מיט די תּפילות.

צו די לאַמאַ-מזבחות, אָדער טעמפּלען, קומט דאָס פאָלק און ברענגט געלט בלומען-מתּנות. דער בלאָטיקער לאַמאַ בענטשט און באַשמירט די מתפּללים מיט װערמיליאָן דעם שטערן. דערנאָך הײבט ער אָן אױסצולײדיקן די קעשענעס בײ די עולה-רגלניקעס. קומען װײבער מיט דער פולער צעשראָקנקײט אין פּנים, גײען אַרום זיבן מאָל אַרום מזבח און קניען פאַר בלאָטיקן לאַמאַ. דערנאָך הײבט זיך אָן די פּראָצעדור פון אַרױסציען געלט. קײן קיפּערלעך נעמט ער ניט. — „גיב נאָך, גיב נאָך!" און די פרױ ציטערט און גיט.

פאַראַן יונגע לאַמאַס, צען יאָריקע ײנגלעך מיט פּנימער פון דערפאַרענע שװינדלער, פּראַװען די עבודה װי גרױסע — און אַלטע לײט, מענער און פרױען פאָלגן זיך. ער לײדיקט אױס די קעשענעס

ביים עולם נאָך פלינקער ווי די אַלטע לאַמאַס. די צענדליקער באַמבוק-פלעקענער מיט די פלאַטערדיקע תפילות כאַפּן אַרום דעם פרימיטיוון אינסטינקט. דאָס פּנים ביים פרימיטיוון עולם פלאַמט, ווען מען קריגט פון לאַמאַ אַ שמיר מיט דעם רויטן פלעק איבערן שטערן, און „באַגליכטע" לאָזן זיך די באָרוועסע טריט באַרג-אַראָפּ פון טעמפּל אַראָפּ.

2

די ביזן הימל אויפגעטורעמטע געגנט אין די הימאַלאַיער בערג, וואָס האָט געשמידט און פאַרהאַרטעוועט דעם כאַראַקטער פון די בערג-איינוואוינער, האָט פונדעסטוועגן איבערגעלאָזט אין זייער וועזן די נאַטירלעכע נייגונגען צו שפּיל און טאַנץ. אינעווייניק ברויזט די ענערגיע, ווי ביי יעדן פרימיטיוון מענטשן. ניטאָ דער טאָג, וואָס מיט די קרומע שטעגן זאָלן ניט דורכציען יום-טובדיקע פּראָצעסיעס, פאָלקסטימלעכע, באַגלייט מיט אַזאַ ווילדער, גווינטיקער מוזיק. פויקן און פייקלעך, צימבלען און גלעקעלעך, אינדערהייך פון אַכט, צען טויזנט פוס, צעשאַלט זיך עס און שלאָגט זיך אָפּ מיט ווידערקולות. טענצער טאַנצן אויף דעם הייען וועג: ניט קיין קלייניקייט, מען טראָגט בלומען אַ מתנה צו אַ טעמפּל, אָדער מען טראָגט אַ לאַנגן באַמבוק-פלאָקן מיט די תפילה-פאָנען.

טרעפט, מען טראָגט אין אַ „האַמאַק" דעם חתן צו דער כלה, ווען ער ציט צו פאַרנעמען דער כלה צו זיך אַהיים. אָדער אויפן וועג צוריק, ווען די כלה ווערט שוין געטראָגן און דער חתן פוסט נאָך פון הינטן אויף אַ שקאַפּע, אַרומגערינגלט מיט רייטנדיקע באַגלייטער. עס איז די פולע מאָס פרייליקייט, וואָס שוימט צווישן עולם. דעם ניגון איז כמעט שווער אַרויסצובאַקומען פון די מוזיקער, נאָר די פויקן ברענגען אַריין אַ טאַקט און די טענצער מאַכן עס פולער מיטן ריטמישן טאַנץ.

באַווייזט זיך אַ סך קאָליר אין דער קליידונג. די טיבעטיאַנער, אין טונקעלע סוועטערס מיט לאַנגע אַרבל, וואָס קומען אַרויס פון אונטערשטן בגד: — רויט, געל, גרין. די לאַנגע אַרבל זיינען פאַרקאַשערט. דאָס האָט אַ טראַדיציע הינטער זיך:

„עס האבן אמאל צווי פיינטלעכע שבטים געפירט צווישן זיך מלחמה. שפעטער, ווען עס איז באשלאסן געווארן צו זוכן א שלום, האבן ביידע צדדים ארויסגעשיקט פרידנס-שלוחים. לאזט זיך אויס, אז איינער פון די שלוחים האט אין לאנגן ארבל געטראגן א שפיז און האט דערהרגעט דעם שליח פון שונאס לאגער. עס איז געווען א מאראלישער פארברעכן. און מען האט איינגעפירט, אז די לאנגע ארבל, וואס דערגרייכן אמאל א אייל לענגער פון האנט, זאלן זיין פארקאשערט, כדי די האנט זאל זיך ארויסזען".

די ווייבער הענגען אן אויפן האלז ברייטע, פירעקיקע קמיעות פון גאלד, אויסגעזעצט מיט טורקיזן. די נעפאלער פרויען טראגן אויירינגען, זיינען עס גאנצע דיסקן גאלדענע, וואס פארדעקן די אויערן. נאזרינגען, ביי דער זייט א דיסק, ווי א גרויסע מטבע. די שווערע זילבערנע רינגען אויף די פיס איז איבערגענומען בירושה פון אינדיע. די מענער טראגן אין רעכטן אויער א גרויסן אוירינג מיט א שווערן טורקיז. און בשעת עס ברויזט אויף, ווי א שטראם, די ענערגיע, דורך מוזיק און קליידער-פארביקייט, אז עס באוועגט זיך צווישן די בערג א יום-טובדיקע פראצעסיע — טראגט זיך אוועק דער געדאנק אין א וואלד פון ווייטע דורות.

א חידוש, ווי קומט אזא ווארעמקייט אין מענטשנס כאראקטער אין דער דאזיקער בערגיקער וועלט. מען מוז אבער לעבן אין די הימאלאיען און פארטראגן ווערן מיט דער זוניקייט פון די לויטערע טעג, ווען די בערג ווערן אליין יינגער און באוועגלעכער. מען באדארף דא אריינלעבן אין פרילינג אריין, ווען אויף דעם פאן פון די פארשנייטע בערג הייבן אן צו בליען טראפישע ביימער, פייגל קומען פון ווארעמען טאל און מאכן פול די לופט מיט זייער קאליר און געזאנג — יעמאלט איז באגרייפלעך, פארוואס די אנגעכמורעטע בערג-מענטשן ווערן מיטאמאל גרינג אויף די פיס און לאזן זיך אוועק אין א הפקר-טאנץ, רייסן זיך אויפן האלז און פילן אן די לופט מיט ווילדע מעלאדיעס. די פרויען מיט די שווערע משאות אויפן פלייצע, אפילו די צעניאריקע קינדער מיט די קוישן שטיינער אויפן פלייצע, גייען זינגענדיק זייער וועג.

איך אָהער האָט ענגלאַנדס לאַנגע האַנט דערגרייכט. עפּעס זוכט זי דאָ, די דאָזיקע האַנט; עפּעס טאַפּט זי, עפּעס שאַרט זי אַרום צו זיך. מיסיאָנערן פון אַלע קריסטלעכע וועלטן זיצן דאָ און זשאַווערן אין די בערג און שטאָפּן אין די בערג־מענטשן אַריין קריסטנטום, לערנען זיי די אויסגעוויקטע קריסטלעכע ניגונים. קאַ־טאָליציזם לערנט די בערג־מענטשן ווי צו קומען און מתוודה זיין אויף זינד. און דער באַרג־מענטש פאַרשטייט ניט, אויף וואָס ער האָט זיך צו מתוודה זיין. וואָס פאַר אַ זינד? ניטאָ קיין שטאַרקער באַ־גריף פון זינד. קיין מענטשן ניט געהרגעט — איז קיין זינד ניטאָ. צוליב וואָס זיך מתוודה זיין?

די ציוויליזאַציע ווערט דאָ געשטרויכלט, ווי אומעטום ביים פּרימיטיוון מענטשן. די קאַלטע הימאַלאַיער שליידערן זי אָפּ פון זיך. די מאָנגאָלישע שבטים זיינען מער צו דער שורה בע״ג געווענדט.

ווען עס קומט אָן די נאַכט און שלינגט איין די גאַנצע געגנט מיט אירע איינוואוינער, ווען הורך דער לופט שניידט דער גע־יאָמער פון שאַקאַלן, אָדער סאָוועס קרעכצן — יעמאָלט דאַכט זיך מיר זייער אָפּט אויס, אַז איך בין נאָך אין אַ וועלט, וואָס האַלט זיך אין פאָרמירן, לעב איך אַליין איבער דעם געפיל פון פּרי־מיטיוון מענטשן.

בלעטער פון מיין טאָגבוך

דאַרזשילינג, 28 יאַנואַר.

שוין אַ חודש, אַז איך לעב אין די הימאַלאַיער בערג. זייער אָנבליק האָט מיך צוגעשמידט צו דער דאָזיקער הייך, וואו צייטנווייז פעלט אויס אָטעם. די מענטשן, וואָס דאָ איז זייער געבורט=פּלאַץ און וואָס פאַרן טאָל האָבן זיי מורא — אין זיי איז פאַרקערפּערט די פאַרהאַרטעוועטע גבורה פון די בערג. אַליין ווייסן זיי עס ניט, ווי זייער פּנים האָט אָנגענומען דעם קאָליר פון די בערג=ריפּן, וואָס האָבן פון זיך דעם שניי אַראָפּגעטרייסלט.

דער צענטראַלער באַרג אַנטקעגן מיינע פענסטער איז קינטשינדזשאַנגאַ, אַריבער אַכט=און=צוואַנציק טויזנט פוס הייך. ביז ניט לאַנג האָט מען אים גערעכנט פאַר דעם העכסטן באַרג. עווערעסט שטייגט אים איבער מיט אַ טויזנט פוס. דערפאַר איז קינטשינדזשאַנגאַ פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אַ שורה בערג, רעכטס און לינקס. צו מערב=זייט אָטעמט אַרויס קאַברו, פיר=און=צוואַנציק טויזנט פוס הייך. אַ ביסל טיפער שפּרייט זיינע פליגל אויס זשאַנאָ, פינף=און=צוואַנציק טויזנט פוס הייך. צו מזרח=זייט איז ער געשלאָסן מיט פּאַנדים, צוויי=און=צוואַנציק טויזנט פוס, און סיניאָלטשו, צוויי=און=צוואַנציק טויזנט פוס הייך.

היינט בין איך אַרויסגעגאַנגען אין אַ פּראָסטיקן פרימאָרגן און זיך געצויגן צו די זון=פלעקן ביים זייט וועג, וואו עס איז וואַרעמער געווען. הויך אין די בערג, דאַכט זיך, אַז דאָס לייב איז ווי אַ זיפּ שיטער געוואָרן און די לופט זיפּט זיך דורך.

דאַרזשילינג איז אַ קליין שטעטל, וואָס לעבט אָפּ נאָר אין פרילינג און אין די ערשטע זומער=חדשים. דאָ איז אויך די זומער=רעזידענץ פון בענגאַלער גענעראַל=גובערנאַטאָר. ווינטער איז דאָ שטיל=

זוניק און קאַלט. מיין גאַס ציט זיך ביים זייט פון אַ באַרג=אַרויף און יעדן אינדערפרי טרעף איך שוין די יונגע צוועלפיאָריקע מיסט=קערער, אינדוסן, פּאַריאַס. אויך אַהער דערגרייכן זיי. עס פטייעט פּאַריאַס, אַפילו פאַר די הימאַלאַיער בערג, וואו נאָר מענטשן מיס=טיקן. וואָס פאַר אַ אויגן ביי זיי, און ווי פיין און איידל זייערע געזיכט=שטריכן! שלאַנק=געבויטע קינדער. עס מאַכט דעם אַיינדרוק, אַז ציטוויליק האָט מען זיי אָנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון מיסט=קערער און רינשטאָק=רייניקער. איך באַגריס זיי, און זיי זיינען ניט געניג דרייסט צו ענטפערן. בלייבן נאָר שטיין מיט די בעזימער אין האַנט. פריער קוקן זיי זיך ביידע דורך מיט פאַרוואונדערונג און שפעטער קוקן זיי מיך נאָך:

— אַ חידוש, אַ ווייסער מאַן זאָל באַגריסן.

איך זאָג זיי יעדעס מאָל אין מיין געדאַנק:

„אַייער צייט קומט...“

1טן פעברואַר.

היינט אינדערפרי, ווען איך בין געגאַנגען מיט מיין גאַס אַרויס=צו צום קיילעכדיקן פּלאַץ, וואו עס שטייט אַ קאַזינאָ און אַ פּאָר בענק צום זיצן און וואו די זון שיינט צום וואַרעמסטן, גייענדיק אַהין, האָב איך באַמערקט, ווי אַ פויגל פאַלט פון אַ גאַנץ גרויסער הייך און אַ אָדלער לאָזט זיך נאָך דעם פאַלנדיקן פויגל. עטלעכע מאָל האָט דער אָדלער דעם פויגל אונטערגעכאַפּט, אָבער ניט גאָר געשיקט, נידעריק, האָט ער מורא געהאַט צו ריזיקירן און גע=לאָזן דעם פויגל פאַלן אויף דער ערד.

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז געווען אַ געוויינטלעכע שוואַרצע הון, וואָס דער אָדלער האָט ערגעץ פון אַרום אַ שטוב געכאַפּט און האָט ניט גאָר שטאַרק די נעגל אַריינגעשטאָכן אין איר לייב, איז זי אַראָפּגעפאַלן. כאָטש עס איז געווען אַ חידוש, ווייל אָדלער האָבן אַ טבע שוין אין פלי צו רייסן שטיקער פון זייער געפאַנג, און דאָ איז די הון ניט געווען שטאַרק פאַרוואונדעט; אויסער ביי די זייטן, דאָרט, וואו די פליגל וואַקסן אַרויס, איז געווען קענטיק

די צייכנס פֿון אָדלערס נעגל און בלוט־קרעלן. און נאָך מער וואונדער, וואָס פֿאַלנדיק פֿון אַזאַ הייך, איז די הון נאָך געבליבן אַ ווײלע לעבעדיק. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגל, ווי צום פֿליען, און באַלד צוריק געפֿאַלן און אָנגעמאַכט, טויט.

ווייזט אויס, אַז פֿאַרברענגענדיק אין דער ליפֿטן, כאָטש אין אָדלערס נעגל, האָט זי געקראָגן דעם אימפּעט צו פֿליען.

3טער פֿעברואַר.

מיין צימער קומט אַריס מיט די מזרח־פֿענסטער צו די בערג און די דרום־פֿענסטער קוקן אַריבער אַ גאַס, צו אַ דערהויבונג, ביים צופֿוסנס פֿון אַ באַרג, וואו עס לעבט אַ פֿאַמיליע סיקימער און טיבעטיאַנער.

די בערג, אין מזרח־פֿענסטער, זיינען פֿון מיר אַ הייטיק, פֿערציק ענגלישע מייל. צווישן מיר און זיי, — אַ ברייטע געגנט מיט דזשונגל און פֿעלזן; בערג־כוואַליעס און גרינע פֿלעקן פֿון טייפּלאַנטאַציעס. דורך די דאָזיקע פֿענסטער זע איך דעם טאָג, ווי ער קומט אָן און פֿאַרגייט. איך זע די וואָלקן, וואָס ציען פֿון טיבעט און פֿאַרטשעפּען זיך אויפֿן שפּיץ קינטשינדזשאַנגאַ, אָדער דזשאַנאָ. דורך דעם מזרח־פֿענסטער דערטראָגט זיך אויך צו מיר דער רוף פֿון „מולאַ“ אינדערפֿרי, וואָס רופֿט די עטלעכע מאַכמעדאַנער פֿון דער געגנט אין קליינעם מאָשע אַריין, דאָרטן, אונטן, אין טאָל.

און דאָ, אַנטקעגן מיין דרום־פֿענסטער, שפּילט זיך פֿאַר מיר אָפּ דאָס לעבן פֿון דער קליינער פֿאַמיליע. איין מאַן זע איך און אַ דריי ווייבער, אַ צוויי מיידלעך, און אַ דריי, פֿיר קלענערע קינדער, יינגלעך און מיידלעך. יעדן אינדערפֿרי, ווען עס איז פֿראָסטיק, שלעפּן די קינדער צונויף צוויגלעך, בלעטער און פּאַפּיר און מאַכן אַ פֿייערל צו דערוואַרעמען זיך. היינט האָט דאָס לעבן זיך באַוויזן אויף אַ אייגנאַרטיקן אופֿן:

אין דער זון, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט מיט אַ לאַנגן פּאַס פֿאַרן שטוב, איז די ערשטע געזעסן די עלטסטע פֿרוי; אַהינטער

איר — די יינגערע; אַהינטער די יינגערע — נאָך אַ יינגערע, און דערנאָך די צוויי מיידלעך, אין דעם אייגענעם סדר. און אַזוי זיינען געווען פאַרנומען די הענט, איינע ביי דער אַנדערער אין קאָפּ: די הינטערשטע האָט געלויזט די פאָדערשטע, ביז צו דער עלטסטער. די פאָדערשטע האָט געלויזט דאָס יינגסטע קינד.

גאַנץ לאַנג האָט מען זיך געטאָן די דאָזיקע מלאכה. איך האָב צווישן מאַלפּעס ניט געזען קיין בעסערע איבערגעגעבנקייט. עס וואָלט נאָך אַלעמען ניט געווען אַזוי קאָמיש די זאַך צו זען. אַזעלכעס זעט מען נאָך אויף דער וועלט. נאָר דאָ לייגט מען די אומפלייט אין מויל אַריין, ווי עס טוען די מאַלפּעס (אַגב, טוען עס די אינדיאַנער אין דרום־אַמעריקע און באָליוויע. און די כינעזער, צו קיין גנאַי זאָל זיי ניט זיין, טוען עס אויך).

דערנאָכדעם, אַז מען האָט פאַרענדיקט מיטן לויזן זיך, האָבן די עלטערע ווייבער גענומען זיך אָנשמירן די באַקן מיט תויר־בלוט. אַ סגולה צו שיינקייט.

דאָס האָט מיר ניט געשטערט שפּעטער זיך ווענדן צום פענסטער, אין מזרח־זייט, און זען די שורה בערג, וואָס האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם מינדסטן וואָלקן און שאָטן און אין דער אייביקער פאַרטראַכטקייט זייערער האָב איך דערקענט, אַז ניט ווייט זיינען מיר פונדעסטוועגן מיט אונזער מהות פון יענע גרויסע דערשיינונגען אין דער נאַטור. כאָטש איך ווייס ניט, איבער עס איז נייטיק געווען צו אַיינשטעלן דאָס האַרץ און די לונגען און קלעטערן, און דווקא דערקלעטערן צום העכסטן שפּיץ פון די הימאַלאַיער בערג און פליען אַראָפּ אין כף־הקלע אַריין, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט דער לעצטער עקספּעדיציע.

שפּעטער האָט מיר אַ טיבעטיאַנער דערציילט פון דער קאַטאַסטראָפע און צוגעגעבן מיט קלוגשאַפט: —

— דאָס האָבן זיך די געטער פון די בערג אָפּגערעכנט מיט דעם מענטשן, פאַר זיין פאַרלאַנג צו דערגרייכן זייערע סודות. און ער האָט צוגעגעבן:

— קיינמאָל וועט מען צום שפּיץ פון עווערעסט ניט דערגרייכן.

עס איז ניט אינגאַנצן ווי ער מיינט. עס איז נאָר געהענדט דורך וואָס פאַר אַ פענסטער מען קוקט, ווי היינט האָט עס מיט מיר געטראָפן. און נאָך איינס מוז איך פאַרצייכענען, אַז דער דרום-פענסטער ציט מיין אויפמערקזאַמקייט ניט מער, ווי דער מזרח-פענסטער. עס איז כמעט געוואָרן אַ נייטיקייט צו זען יעדן אינדערפרי, ווי קינדער לייגן אָן אַ פייער און וואַרעמען זיך ביי אים, ביז די זון קלעטערט אַריבער די בערג און צעוואַרעמט זייערע דורכגעפראָרענע גלידער.

10טן פעברואַר.

...מיט אַזאַ פאַרדאַכט בלאָזן די ווינטן אין די בערג. נאָר אומגעריכט קומען זיי אָן און אַזוי פאַרשווינדן זיי. נאָר אומגעריכט צעיאָמערט זיך אַ ווינט הינטערן סאַמע מזרח-פענסטער, כאָטש קיין איין וואָלקנדל איז דרויסן ניטאָ. די בערג שניידן מיט זייערע שנייען די בלויקייט פון די הימלען און דער ווינט יאָמערט.

פון דער ערשטער נאַכט אָן, זינט איך בין דאָ, פאַרפעלן ניט די שאַקאַלן צו קומען אַנטקעגן די פענסטער און פאַרגייען זיך מיט ווילדער וואָיען. מחנותווייז קומען זיי אַרויס פון דער נידער און גיבן צו וויסן פון זיך. פאַרשאָלטענע הינט. פונוואַנען קומט צו זיי אַזאַ דערשראָקנקייט? אַזאַ מין האַלטן זיך נידעריק ביי דער ערד און דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פאַרן טאָג? די נאַכט איז זייערע. דערנענטערן זיך צו די הייזער. איינער הייבט אָן וואָיען און אַ סך ענטפערן. מען ענטפערט פון אַלע זייטן: אוי, אוי, אוי—האַ—האַ—האַ—האַ—הו—האַ—הו — — —

היינט ביינאַכט, נאָכדעם ווי די שאַקאַלן האָבן געענדיקט זייער פּזמון און נאָכדעם ווי דער ווינט האָט פון זיין זייט אָפּגעשפּילט אויף זיין פלייט, איז מיט שטילע טריט אַריינגעקומען, אַ באָרוועסער, איינער פון די באַדינער אין הויז, וואָס איז אויך מיין באַדינער. עס איז די מאָדע, ער זאָל גיין אין אַ ווייסן כאַלאַט, אַ ווייסן טורבין אויפן קאָפּ און באָרוועס. דרויסן איז היינט פראָסטיק און ער גייט אַרום באָרוועס. ער איז אַריינגעקומען און זיך אַנידערגעזעצט אויף

דער ערד. איך קען זיך מיט אים צונויפריידן אויף ענגליש. אין די שפּראַך, ווי ער באַנוצט זי, און זיין יוניפאָרם און זיינע שוואַרצע, פון קעלט צעפּלאַצטע באָרוועסע פיס, און זיין אַיינגעצויגנקייט אין זיך אַליין, — דאָס אַלץ מאַכט אים אויסזען ניט דערוואַקסן, כאָטש ער איז שוין אַוודאי אַלט אַ יאָר פערציק.

— וואָס וועסטו זאָגן גוטס? — פרעג איך אים.

— זאָגן האָב איך גאָרניט, באָס, איך וויל אַזוי קוקן אויף דיר, און זען, וואָס דו טוסט.

— האָט דיך עמעצער געהייסן, דו זאָלסט אַכטונג געבן אויף מיר, כדי צו וויסן, וואָס איך טו?

שווייגט ער.

— נו, אפשר ווילסטו ביי מיר עפּעס פרעגן? — פרעג, שעם זיך ניט.

— דו ביסט פון אַ ווייט לאַנד, יאָ, ביסט פון אַמעריקע?

— יאָ, איך בין פון אַמעריקע.

— דאָרט גייען אַזוינע ווי איך אַרום באָרוועס ביים באָס אין הויז?

— זיי טוען, ווי זיי ווילן. אַז זיי ווילן, קענען זיי גיין באָרוועס, אויב עס איז נאָר וואַרעם, נאָר ווען עס איז קאַלט, טוען זיי אָן שיך.

— און ביים באָס אין שטוב אויך?

— נו, געוויס, ביים באָס אין שטוב אויך.

איך האָב אים באַטראַכט, ווי ער איז געזעסן אינמיטן שטוב, די פיס אונטער זיך. צי איז דאָס טאַקע אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט ביי מיר פרעגן? איז עס דאָס איינציקע, וואָס אים דריקט טאַקע, נאָר זיין אומגיין באָרוועס אין דער קעלט?

נעמט ער אַרויס אַן אַמעריקאַנער פינף־דאָלער־אַסיגנאַציע און באַווייזט מיר:

— איינער אַ מענטש האָט מיר דאָס איבערגעלאָזן מיט אַ חודש צוריק. אפשר קענסטו אים?

— מסתמא, ווען איך וואָלט אים געזען, וואָלט איך אים אַוודאי געקענט. איך מוז אים אָפּריער זען, כדי אים צו קענען, —

באָר זאָג מיר בעסער, ווער שיקט אַהער די שאַקאַלן, אַז זיי זאָלן נאַכט אין נאַכט וואָיען אַהינטער די פענסטער?

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט ער זיך צעלאַכט, — די שאַקאַלן, באָס, ווייסט ווער זיי זיינען?

— שאַקאַלן זיינען הינט אַזעלכע, בלאָטיקע און שרעקעדיקע הינט, וואָס בייטאָג באַהאַלטן זיי זיך און ביינאַכט קומען זיי אַרויס.

— ניין, באָס, ניט קיין הונט איז אַ שאַקאַל. ניט אַלע הינט וואָיען אין לבנה־נעכט. און שאַקאַלן וואָיען אין לבנה־נעכט. דו האָסט, באָס, ניט געזען, ווי זיי זעצן זיך אַנידער אַנטקעגן דער לבנה, מיט דער הינטערשטער פיס דראַפען זיי זיך אונטער דער פאָדערשטער פוס, קוקן צו דער לבנה און וואָיען. הינט טוען עס ניט.

— ווער־זשע זיינען די שאַקאַלן, קענסטו מיר ניט זאָגן?

— איך האָב מורא, באָס, דיר צו דערציילן, דאָס איז שלעכט צו זאָגן אַ ניט־אונזעריקן.

און אַזוי בין איך דאָסמאָל ביי אים ניט דערגאַנגען, פונוואַנען די שאַקאַלן קומען אַרויס. איך האָב שוין דעם גאַנצן אָוונט אַליין מיט מיין פאַנטאַזיע ספעקולירט און געוואָלט דערגיין, פונוואַנען די שאַקאַלן קומען אַרויס און וועמען באַקלאָגן זיי. און זיינען עס, אפשר, לויט מיין באַדינערס ידיעות און זיין גלייכן, די נשמות פון אומגעקומענע ווייסע מענטשן, וואָס האָבן דאָ אין אַלערליי ציטן זיך געריסן אויף די גלייכע ווענט צו שלינגען און איינצושלינגען, וואו אַ שבט און וואו אַ שטיקל פאָלק, וואָס קאָלאָטשעט זיך אין די בערג?...

אין דער אייגענער צייט איז אַרויפגעקומען מיין ווירטין, ביי וועמען איך וואוין (מיין דירה איז אין הויז פון אַן אַלמנה. געווען די ווייב פון אַ ענגלישן פאָליציי־לייטענאַנט. אַליין, מיט איר זיבעצן־יאָריקער טאָכטער, האַלט זי אויף אַ קליינעם פאַנסיאָן אין די בערג). זי איז אַריינגעקומען און דערציילט, אַז מיט אַ שעה צוריק האָט מען געזען אַ גרויסן לעמפערט, ניט ווייט פון אונזער הויז און אַז ס'איז אַ מורא אַרויסצוגיין.

מיין דינער האָט זיך געשפירט אומבאַקוועם, וואָס זי האָט אים געטראָפן ביים באָס אין צימער אַזוי פריי זיצנדיק אויף דער

ערד. ביי איר וועט ער זיך ניט דערלויבן אַריינצוקומען אין שטיב אַריין יעמאָלט, ווען ער האָט ניט נייטיק עפּעס צו טאָן אין שטוב. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, האָט זי נאָכגעקוקט זיינע באָרוועסע פיס און באַמערקט:

— זיי פאָרזיכטיק מיט זיי. דיין גוטסקייט ווערט באַטראַכט פאַר דיין שוואַכקייט. די אַמעריקאַנער האָבן נאָך ניט באַהערשט קיין „ווילדע פעלקער“, און דעריבער ווייסן זיי ניט, ווי אַזוי זיך אויפצופירן, ווען זיי קומען צו אונז. די היגע לייט, ווידער, דערשפירן שוין צו וועמען זיי קענען זיך צולאָזן. אָבער דאָס טאָר מען ניט טאָן. אַזוי מאַכט מען קאַליע אַ ראַסע, וואָס גיט אונז גוטע דינערשאַפט. אָפּנים, נאָר דאָס ענגלישע פאָלק ווייסט, ווי אַזוי צו דערציען ווילדע פעלקער.

זי האָט זיך אין די שפּעטערדיקע באַגעגענישן אַרויסגעוויזן פאַר פיל קליגער און דעמאָקראַטישער; נאָר דאָסמאָל האָט פון איר אַרויסגערעדט דאָס בריטישע בלוט, וואָס האָט זיך געוואָלט אויפפּיינען אין געגנוואַרט פון אַן אַמעריקאַנער.

מיר פערזענלעך איז היינטיקן אָוונט אין זינען געלעגן דער סוד פון דעם שאַקאַלן-געיאָמער, וואָס דער סקימער האָט באַהאַלטן פון מיר.

15טן פעבּרואַר.

מיט רעליגיע איז פאָרגעקומען דאָס אייגענע, וואָס מיט ווין, ווען ער יערט אויף זיינע הייזן. דער ווין האָט זיך אויסגעוועבט, אויסגערונען און געבליבן איז געדיכטע, בלאָטיקע הייזן מיט אַ זויערן ריח.

צו דער דאָזיקער מדרגה האָבן שוין דערגרייכט אַלע רעליגיעס. מער ווי הייזן האָט זיך ניט אָפּגעזעצט אין לעבן פון די פעלקער, וואָס האַלטן זיך ביי דער, אָדער יענער רעליגיע. צום קלאָרסטן זעט מען עס אַרויס אין לאַמאַיזם — די פאַרקריפּלונג פון בודאַיזם, — וואָס האָט געלאָזן אַ פרייען וועג פאַר אַן אַ סוף אָבערגלויבנס, רוחות און שדים, וואָס מאַכן אונטערטעניק דעם וועזן פון פרימי-

טיווע שבטים. דאָ שטראָמט אַריבער דער לאַמאַיזם אַריבער די הי=
מאַלאַיער בערג אינאיינעם מיט די טיבעטיאַנער, וואָס קאַלאַטשען זיך
אין דער געגנט און וואָס טרייבן דעם האַנדל פון טיבעט אַהער דורך
די בערג=דורכגאַנגען.

די בערג=מענטשן, וואָס לעבן אויף אַ הייך פון צען, ביז פופצן
טויזנט פוס, וואו די קעלט איז אַ רייע, דער ווינטער אַ שמאַרקער—
דאָרטן לעבט גאָרניט דער פאַרלאַנג זיך צו וואַשן; פאַרקערט, וואָס
מער פעטע בלאָטע עס איז אָנגעזעצט אויף דער הויט, אַלץ וואַרעמער
האַלט עס דעם גוף. די לאַמאַס, די גייסטיקע פאָרשטייער, האָבן
אויף זיך אָנגענומען דעם פיזישן שמוץ, ווי אַ מיסטער פאַר די
גלויביקע אין לאַמאַיזם. אַרומוואַשן די דאָזיקע מענטשן אין אַ הי=
סער באָד, אַראָפּבריען פון זיי די צענפאַכיקע פלאַסטן בלאָטע, —
ווערן זיי אויס גלויביקע. ביי זיי וואוינען די שדים אין דער הויט.

שפּאַצירנדיק יעדן טאָג באַרג=אַרויף, דערקלייב איך מיר צו
אַ קליינעם לאַמאַ=טעמפּל, וואָס באַשטייט פון אַ עטלעכע שטיינער,
באַפּאַרבטע מיט ווערמיליאָן, אַרומגערינגלט מיט אַ הונדערט באַמ=
בוק=שטעקנס, אַריינגעשטעקט אין דער ערד. צו די שטעקנס זיינען
צוגעטשעפּעט פּאַפּיר=פּאַסן אָדער שמאַטקעס לעגלעכע מיט אָנ=
געשריבענע תפילות. און ווינט פלאַטערן די פּאַפּירן און די שמאַט=
קעלעך מיט די אויפשריפטן — „די בערג קוקן אויס, ווי צו זיי
טראָגן זיך די תפילות פון די בערג=מענטשן".

דאָס פאָלק ציט זיך אַהער מיט אַלע שטעגן, וואָס פירן פון
סיקימער זייט, פון נעפּאַלער זייט; קומען נעפּאַלער פרויען מיט נאָז=
רינגען און דיסקאַרטיקע אויריגען; קומען שווערע, געזונטע פרויען, —
אַזש די ערד קרישלט זיך אונטער זייערע באָרוועסע פיס, און ברענ=
גען געלע בלומען און מתנות דעם לאַמאַ=פריסטער, וואָס וואַכט
ביי דעם דאָזיקן טעמפּל.

היינט האָב איך צופעליק אַכטונג געגעבן, ווי עס איז גע=
קומען אַ שיינע פרוי, מיט בלויע און רויטע סטענגעס אַרום און
אַרום באַהאַנגען און געבראַכט מיט זיך צוויי ווייסע טויבן און אַ
גרויסן בונט געלע בלומען. דער אַלטער לאַמאַ איז ניט געווען. נאָר
איינגעוויקלט אין אַלטנס ברוין=רויטער סוויטענע, האָט דעם אָרט פאַר=

גומען אַ יונגער יינגל פון אַ יאָר צוועלף, אַן אָנגעפּאַשעטער, מיט רויטע באַקן (יונגע לאַמאַס האָבן שוין דאָס רעדל, ווי די אַלטע). ער האָט פריער גענומען זאָגן די תפילות און זי האָט אים נאָכגעזאָגט. נאָר די פרוי, מיט איר פרישן, געזונטן אויסזען האָט אים אַראָפּגעשלאָגן פון טאָלק און ער האָט זיך פאַרלאָרן. דאָס אייגענע האָט געטראָפן מיט איר אויך. זיין יונגער און געזונטער אויסזען, זיצנדיק אויפן שטיין, לעבן די פיס אַ באַרג געלע בלומען — דאָס איז געווען איבער אירע כוחות. נאָך די תפילות, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים מיט די טויבן, ער זאָל מיט ווערמיליאָן אָנרירן זייערע קעפּלעך און דערנאָכדעם, ווען זי האָט געבויגן איר קאָפּ צו אים, ער זאָל אָנרירן מיט ווערמיליאָן איר שטערן, — האָט זי זיך פאַרלאָרן און אַריינגעפאַלן מיט איר קאָפּ אין זיינע אָרעמס. — — —

— — — ווען איך האָב אין דער יוגנט געלערנט תנך אין חדר, האָט דער רבי מיט אונז איינגעלערנט די מעשה מיט עלי הכהן און זיינע זין, ווי אַזוי דער נביא שמואל האָט אים אויסגעוואָרפן, אַז ער מאַכט זיך ניט זעענדיק, בעת די פרויען קומען צום געצעלט מיט זייערע קרבנות פאַר גאָט — איז יעמאָלט גאָר נעמען זייערע זין און באַשלאָפן די פרויען.

די ביבלישע דערציילונג האָט דאָ אויפגעלעבט אין דער אָבערגלויבערישער און ביז צום שימל אויסגעעירטער רעליגיע. וואָס מיר מיסטעריע — אַלץ מער ממשלה אויף די פרויען. דעריבער האָט קאַטאָליציזם די גרעסטע ממשלה איבער פרויען.

25טן פעברואַר.

היינט דעם גאַנצן טאָג זיינען די הימאַלאַיער געווען שווייגנדיקער ווי שטענדיק. נאָך אַ שאַרפן מזרח=צפון=ווינט, וואָס האָט קאַלט געבלאָזן, האָט זיך אויסגעלייטערט אַ שטקעגן פאַרנאַכט. די זון, ווי שטענדיק, האָט היינט צום לעצטן זיך אויף אַ ווילע אַראָפּגעזעצט אויף קינטשינדזשאַנגאַ, — נאָר די פּאָסט האָט צו מיר היינט געבראַכט פון וויט, איבער אַזויפיל ימען, אַ טיפן, שניידנדיקן טרויער און אַנטקעגן נאַכט נאָך מער אים פאַרשאַרפט.

אסתּר שומיאַטשער מיין באַגלייטערין, האָט היינט אַ סך מאָל אויסבאַהאַלטן פון מיר די טרערן, נאָך אַנטקעגן אונדז, ווען מיר זיינען, ווי דער שטייגער, אַרויסגעגאַנגען אויף דעם שפּאַציר אַרום באַנג, אין צענטער פון דאַרזשילינג, ווען מיר זיינען אַרויסגעקומען אַנטקעגן דעם פּאַרנאַכט, וואָס האָט רעפלעקטירט אויף דער שורה הימאַלאַיען, האָט זי זיך צעוויינט אויפן הויכן קול.

דער שטח, וואָס שפּרייט זיך פון מיר ביז מיין דיכטער־משפּחה אינדערהיים, דאָס הייסט, פון ניו־יאָרק ביז אַהער, אין די הימאַלאַיען, וואָס האָט מיר שטענדיק אויסגעוויזן אַזוי ווייט און אָפּטמאָל פאַרנעפּלט, האָט איצטער זיך צונויפגעשרומפּן און געוויקלט אין דעם אייגענעם טרויער. און צום טויזנטסטן מאָל האָט זיך מיר היינט ווידער אויסגעדאַכט, אַז אונדזערע יידישע דיכטער אין ניו־יאָרק, אין דער זיבן־מיליאָניקער באַפעלקערונג, צווישן צוויי מיליאָן אייגענע, זיינען געגליכן צו די גראָזן, וואָס קומען אויף ביי די ווענט פון די וואָלקנקראַצער. ביים לעבן באַגרייפט מען עס ניט. ביים לעבן העלפט מען בויען ניו־יאָרק. אָבער נאָכדעם, ווי מען פירט אַוועק דעם אָדער יענעם דיכטער צו זיין אייביקער רו, אויף יענער זייט מזרח־טייך, ערגעץ הינטער ברוקלין, וואו עס ציען זיך די מייל־לאַנגע בית־עולמס, — יעמאָלט, די באַגלייטער, וואָס פאָרן נאָך דער קבורה צוריק אין דער גרויסער, זיבנמיליאָניקער באַפעלקערונג און צו די צוויי מיליאָנען אייגענע — יעמאָלט...

אפשר שפּירן זיי אויך דאָס אייגענע, וואָס איך האָב געשפּירט עטלעכע טעג פאַר מיין פאַרלאָזן ניו־יאָרק מיט גענויע צוויי יאָר צוריק, ווען איך בין אין אַ רעגנדיקן טאָג געפאָרן צוריק, זייט ביי זייט מיט יהואָשן, פון ספּעקטאָרס לוויה.

יעמאָלט האָט ער, יהואָש, ווי זיין שטייגער, נאָך אַלץ גערעדט פון זיין יידישער איבערזעצונג פון תּנ״ך און היינט, אַז די פּאָכט האָט מיר געבראַכט די, אַזוי פאַרשפּעטיקטע ידיעה, אַז מען האָט שוין אַוועקגעפירט צו זיין אייביקער רו פון דער זיבנמיליאָניקער באַפעלקערונג און פון די צוויי מיליאָן אייגענע, אויך אים, דעם אין זיין דיכטונג פאַרליבטן גרויסן יהואָשן, האָבן שוין דעם גאַנצן

טאָג די הימאַלאַיען געשווינגן און מיין וואַנדערנדיקע דיכטערין האָט געוויינט אויפן הויכן קול.

איז נאָך געבליבן די ווייטקייט, וואָס האָט צו מיר היינט נאָך מער גערעדט מיט אַ שפּראַך, וואָס קומט אַרויס פון טויזנטער מייִלער און ניו־יאָרק אַליין האָט זיך צו מיר איִף אַ רגע באַוויזן, ווינגדיק אין דער בלויער לופט די שפּיצן פון אירע וואָלקנקראַצער.

יוֹאָש האָט זיינע אַלע יאָרן געהאַט קראַנקע לונגען און זיינע אַלע יאָרן געשריבן לידער און איבערגעזעצט די ביבל. פון דער ביבל האָט ער גערעדט מער, ווי פון זיינע לידער, כאָטש יעדע ליד האָט ער באַדאַרפט אויסדיכטן און די ביבל האָט ער זיך געשטאַרקט איבערצודיכטן און מיט דעם אונטערצושטעלן אַ פונדאַמענט דער, איִף זאַמד־אויפגעטורעמטער, ייִדישער שפּראַך אין ליטעראַטור. אין די לעצטע יאָרן איז אים טאָפּלט גוט געגאַנגען. זיינע לידער האָבן דערגרייכט די הויכע מדרגה פון מייסטערשאַפט און די ביבל־איבערזעצונג האָט זיך צום לעצטן מאָל איבערגעשלייפט און יהואָש האָט שוין געקענט זאָגן:

„מיין ביבל וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיין פאַרטיק“.

איך האָב אים זעלטן באַגעגנט. נאָר זיין אָרט אין די בראָנקס האָב איך געקענט. זיין גאַס האָב איך ליב געהאַט אַמאָל דורכגיין. און וואָס פאַר אַ צייט עס זאָל ניט זיין, שפּעט, צי פרי, האָב איך געוואוסט, אַז אין יענעם הויז זיצט אַ דיכטער, וואָס זיין גאַנץ לעבן זיינען אים טריי זיינע לונגען, כאָטש גאַנצע אינוואַלידן. און ער, יהואָש, איז זיין גאַנץ לעבן זיין שרייבטיש טריי, כאָטש אַליין אַ אינוואַליד, — נאָר מיט דער אייביקייט האָט ער געקניפּט זיינע רגעס.

איצטער, איז אינדיע לעבעדיק, און גאָר ניט לאַנג ווען איך האָב געלעזן זיינע צוויי קורצע לידער, האָב איך געטראַכט: — „ניט אומזיסט דיכטעט יהואָש איבער די ביבל, ווייל ער אַליין האָט באַדאַרפט זיצן אין אַ מזרח־לאַנד. צו אַ מזרח־פאָלק געהערט ער דאָך“.

אין איצטער, ווען דורך מיין טרויער וויגן זיך די שפּיצן פון די ניו-יאָרקער וואָלקנקראַצער, זע איך יהואָשן ניט קיין געשטאָרבענעם. דאַכט זיך מיר: עס איז אַ פאַרנאַכט, אַ ווינטערדיקער איבער ניו-יאָרק. און יהואָש האָט איבערגעלאָזן זיין שרייבטיש גאַנץ פרי און זיך געלאָזן צום דעלענסי-בריק און ער וויל אַזוי צופוס אַוועקגיין צו יענעם בית-עולם, אַהינטער ברוקלין, וואו עס ליגן אין איין שורה אַלע אונזערע דיכטער, וואָס האָבן אומגעבלאָנדזשעט צווישן די זיבן מיליאָן ניו-יאָרקער און צווישן די צוויי מיליאָן אונזערע אייגענע, אין דער שטאָט ניו-יאָרק. געוואָלט האָט ער באַטראַכטן זייער רו-אָרט, ווייל זיין ביבל האָט ער שוין איבערגעדיכטעט. נאָר קומענדיק אויפן בריק אין שעה פון שקיעה און דערזעענדיק, ווי עס שפּילט דאָס פאַרנאַכטיקע זונענליכט אין די טויזנטער פענסטער פון דער משפּחה וואָלקנקראַצער, ביים ראַנד ניו-יאָרק, — האָט ער זיך געכאַפּט, אַז צו לאַנג איז ער געזעסן ביי דער ביבל און ניט באַמערקט, ווי אין דער שטאָט ניו-יאָרק זיינען געוואַקסן מויערן אַזוי ווי די סעקוואָיאַ-ביימער אין קאַליפאָרניע, וואָס לעבן און אָטעמען און רירן די וואָלקן מיט זייערע קרוינען.

לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען און געטראַכט, אַז צו-פרי האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שרייבטיש. ער וועט גיין צוריק און פאַרצייכענען, אַז ער לעבט אין אַ שטאָט פון אַ זיבנמיליאָניקער באַפעלקערונג און צוויי מיליאָן אייגענע. און אַז ער איז געוואַקסן ווי אַ גראָז, שטיל ביים וואַנט פון אַ פופציק-שטאָקיקן מויער; געוואַקסן האַרט ביים וואַנט, כדי ניט ווערן צעטראָטן פון די פיס פון דער זיבנמיליאָניקער באַפעלקערונג און צוויי מיליאָן אייגענע.

די נאַכט איז היינט פריער ווי שטענדיק צוגעפאַלן און פריער ווי שטענדיק האָבן זיך די שאַקאַלן דערנענטערט מיט זייער געוואָי צו מיינע פענסטער.

6טן מערץ.

די לעצטע טעג האָט זיך פאַרמערט אין דער געגנט דאָס געזאַנג פון פייגל. דער פרילינג שלאָגט זיך באַרג-אַרויף פון טאָל און מיט אים זיינען אָנגעקומען אַלערליי קאָלירטע זינגפייגל, וואָס

האָבן אויפן ווינטער פון די הימאַלאַיען אַוועקגעצויגן. די לעצטע נאַכט האָבן זיך געטראָגן פון דער הייך די קולות פון ווילדע קאַטשקעס, וואָס ציען מחנותווייז קיין טיבעט, וואו אויף די אָזערעס האָט שוין דער אייז געלאָזן און וואו זיי וועלן לייגן אייער און אויסוואַרעמען אומגעשטערט די קליינוואַרג.

די מאַגנאָליע און די ראָדעדאָדראָן־ביימער האָבן זיך אַזוי ליידנשאַפטלעך פונאַנדערגעבליט מיט זייערע גרויסע בלומען, רויטע, ווייסע און ראָזע, און דאָס פּאָלק אין די בערג האָט זיך אויך אָנגעטאָן אין לויטערע קאָלירן: רויט און בלוי און גרין. פרויען ציען צו די לאַמאַ־טעמפּלען מיט בינט געלע בלומען. דער שניי אויף די הימאַלאַיען ווערט דערווייל ניט געמינערט, נאָר שטאַרקער גליען זיי איצטער, אין דער זון פון האַלבן טאָג. די אײַנוואוינער אַנטקעגן מיין פענסטער, אין דרום־זייט, האָבן אויפגעהערט אָנצולייגן פייערלעך יעדן אינדערפרי, צו דערוואַרעמען די הירכנעפּרווירענע ביינער.

צווישן די געסט, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון טאָל צוריק, אין די בערג צו זומערן, זיינען אויך אַ גאַנץ גרויסער עולם מאַלפּעס, ווייס־פּנימדיקע און ברוינע פון אַ גאַנץ גרויסן מין און היינט, אויף מיין געוויינטלעכן שפּאַציר אַרום אַ באַרג, וואָס ברענגט מיך אַרום נאָענט צו דער שורה הימאַלאַיען, פון וואַנען איך קען זיי באַטראַכטן אומגעשטערט, האָבן די מאַלפּעס אַרויסגעוויזן, אַז זיי קענען זיין אייפערזיכטיק און אַריינמישן זיך אין ענינים, וואָס געהערן ניט צו זיי.

דער שטעג האָט זיך געצויגן אַרום באַרג. פון דער רעכטער זייט — אַ טיפער, ווייטער טאָל און צו דער לינקער האַנט — באַרגאַרויף, געדיכט באַוועלדערט. זייט ביי זייט מיט מיר איז געגאַנגען אסתר שומיאַטשער. און אויבן, צו דער לינקער זייט, האָבן געשפּרונגען פון בוים צו בוים און געהאַלטן זיך פּאַראַלעל מיט אונז — אַ גאַנץ גרויסע מאַלפּע־פּאָר־פּאָלק. זי פאָרויס און ער, אַ סך אַ שווערער פון איר, האָט זיך געהאַלטן פון הינטן.

מיר האָט זיך גאָרניט געגלויבט, אַז אַ מאַלפּע זאָל קענען אַריבערטראָגן איר אייפערזוכט אויף אַ מענטשן. די „זי" האָט ניט פאַרגונען מיין באַגלייטערין, פאַרוואָס זי גייט מיט אַ מאַן, און האָט

דעריבער אַרויסגעוויזן איר ווילדן כעס. זי האָט געשריען און געשפּיגן אויף מיין באַגלייטערינס זייט. אַלעמאָל געבליבן אויף אַ צווייג אַראָפּגעבויגן און מיט אַ פויכט געוואָרנט, ממש גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פון בוים און זיך וואַרפן אויף אַ יידישער דיכטערין. צו מיר האָט זי קיין שום שנאה ניט אַרויסגעוויזן.

דער „ער" האָט זיך אין דער דאָזיקער אייפערזוכט־סצענע דירעקט ניט באַטייליקט. ער האָט אָבער אַכטונג געגעבן, אַז מען זאָל פון אונזער זייט „זיינער" ניט אָנגרייפן. אַז איך האָב זיך צו איר פאַרמאָסטן מיט אַ שטעקן, אַפילו יעמאָלט, האָט זי איר כעס אויף מיין זייט ניט אַריבערגעטראָגן. און ווייל איך האָב נאָך גיט געהאַט קיין דערפאַרונג, צו וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן ס׳קען פירן די אייפערזוכט פון אַ מאַלפּע, האָב איך זיך אומגעקערט צוריק און אַראָפּגעניגט פון וועג. זי האָט נאָך אַ צייט געוואָרנט מיטן פויכט אויף אונזער זייט און נאָכגעשריען.

אַזוי האָב איך מיר באַקאַנט נענטער מיט אונזער שייכות צו מאַלפּעס. אסתּר שומיאַטשער האָט אומדערוואַרט, אין די הימאַלאַיען גאָר, דערשפּירט דעם בליק און די שטים פון אייפערזוכט.

8טן מערץ.

איך האָב מיר פיל מאָל געחידושט, וואו נעמט ענגלאַנד אַזוי פיל נאַראָנים, וואָס זאָלן זיך וועלן באַגראָבן אויף אַ גאַנץ לעבן אין די טראָפּישע געגנטן און דאָרטן, מיט די „הוילע הענט", אײַנהאַלטן די לייצעס, וואָס צאַמען די, פון דער ציוויליזאַציע אָפּגעשטאַנענע פעלקער.

אַזויפיל אינוואַלידן האָב איך באַגעגנט, וואָס האָבן זייער בלוט אַוועקגעגעבן צו די מאַלאַריע־מאָסקיטן און מיט אײַנגעפאַלענע אויגן און מיט שיטערע בלוט אין די אָדערן „געשטאַנען אויף דער וואַך", אָפּצוהיטן די אינטערעסן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און קאַפּיטאַל. דאָס זיינען מענטשן, וואָס האָבן זיך באַגראָבן אויף אַ גאַנץ לעבן. ווען זיי קומען אַמאָל אַהיים צו מאַמע־ענגלאַנד, קוקט מען אויף זיי, ווי אויף יאָלדן, וואָס זיינען געוואָרן אויסגעטאָן פון דער וועלט. אמת, די מאַמע ענגלאַנד גופא קען ניט באַזאָרגן ביי זיך אין דער היים

אַלע טויגעניכצן, וואָס זי האָט — שיקט זי זיי אַוועק קיין אינדיע, קיין בירמאַ, אויף די מאַלאַיער אינזלען, קיין סינגאַפּור, אין זיי, די אויסגעשוויצטע חכמים, אַז איר רעדט מיט זיי, האָט איר דעם אײַנדרוק, אַז דאָס רעדט איר מיט די פאָרשטייער פון דער ענגלישער פּסיכאָלאָגיע און פאָרשטייער פון דער בריטישער מאַכט.

עמעצער זאָגט, אַז אויף צו באַקומען די מאַכט, באַדאַרף מען גאָר קיין שכל ניט האָבן. די אירלענדער, וואָס האַלטן זיך פאַר קליגער פון די ענגלענדער און וואָס פאַרמאָגן אַ בערנאַרד שאָו, אַ סינדו, אַ יעיטס, — זיי זיינען אַ גוטער באַווייז, אַז די אויבנדערמאָנטע טעאָריע איז ריכטיק. און היינט ביינאַכט האָב איך זיך אויך איבערגעצייגט אין דעם, אַז עס איז ניט נייטיק צו זיין קיין חכם, אַבי מען איז אַ בריטישער פון דער ריינסטער פּראָבע:

פון די מאַלאַיער אינזלען איז געקומען אַ ריכטער אין די מיטעלע יאָרן, געקומען זיך אָפּרוען אין די בערג און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיין פּאַנסיאָן. אַ מענטש, וואָס האָט געענדיקט אָקספאָרד און באַנוצט אַ געשליפענע שפּראַך ביים רעדן, האָט ניט געקענט באַהאַלטן זיין אייפערזוכט, אַלס בריטישער, צו די אויפגעקומענע פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. און נאָך אין דעם ערשטן אָוונט, איידער ער האָט זיך אויסגערוט ווי געהעריק, האָט ער שוין געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אויסצוטענהן מיט מיר, הלמאי אַמעריקע, „וואָס ווערט איצטער ממש געשוואָלן פון עשירות, וואָס זי האָט אין צייט פון מלחמה אָנגעשאַרט, האָט זיך איצטער פאַרנומען צו פאַרשוואַרצן ענגלאַנד דאָס פּנים און שטערן אירע אינטערעסן אויפן ווייטן מזרח“.

— ווער דען, אויב ניט ענגלאַנד, — טענהט ער צו מיר, — וואָלט בכוח געווען אויפצוהאַלטן די אַלע הונדערטער מיליאָנען? צי דען באַדאַרף עס ענגלאַנד? צי דען באַדאַרף איך זיצן ביים עקוואַטאָר און אויסשוויצן מיינע טעג אין נעכט? צי דען וואָלט איך אין דער היים ניט געפונען, וואָס בעסער צו טאָן? איך בין אַ ריכטער. איך האָב געענדיקט אָקספאָרד — באַדאַרף איך דאָ זיצן?

— איך מיין, אַז דאָס איז טאַקע פאַר דיר ניט קיין עסק, — האָב איך געזאָגט.

— וואָס דען, אָפּטרעטן און לאָזן, אַז די גאָלד-דאָרשטיקע אַמעריקע זאָל אונזער פּלאַץ פאַרנעמען?

— איך פאַרטיידיק ניט אַמעריקע איצטער, — האָב איך געזאָגט— אָבער ניט אַמעריקע האָט אויסגעשפּרייט די ממשלה איבער קאַנאַדע, ניי-זעעלאַנד, אויסטראַליע, דרום- און מזרח-אַפריקע, אינדיע, עגיפּטן, אַראַביע און נאָך פיל אַנדערע געגנטן...

האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּנים און איינן, גלייך ווי איך וואָלט אויף זיין מאַמע-ענגלאַנד, און אפשר אויף אים פּערזענלעך, איינגעטראַכט דעם גרעסטן בלבול. ער איז בלאַס און רויט געוואָרן און ווידער בלאַס געוואָרן און דורך די ציינער הירכגעזייט:

— מיר ווייסן, אַז אַמעריקע איז איצטער אונזער גרעסטער שונא. אָ, פאַרוואָס האָט ענגלאַנד אַהיינגעוויזן יעמאָלט אַזאַ שוואַכקייט און אַרויסגעלאָזן אַמעריקע פון אירע הענט!

— ווען יעמאָלט? — האָב איך געפרעגט.

— יעמאָלט, אין סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען זי האָט געלאָזן פאַראייביקן דעם נאָמען פון דעם גענעראַל מיטן ווייבערשן פּנים, — אַייער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן!

און אַזוי האָט ער אין ערשטן אָוונט געבראַכט דערצו, אַז מיר זאָלן זיך שוין מער ניט באַגריסן. ווייזט אויס, אין מיין געשטאַלט האָט ער געזען דעם „אָנקל סעם“, וואָס גייט פאַרנעמען זיין קיניגרייך.

שניי-ווייס

פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב געלעבט אין די הימאַלאַיער בערג, אין דעם ראַיאָן, וואו עס קומט זיך צונויף סיקים און נעפּאַל און די בערג-וועגן, וואָס פירן אַריבער קיין טיבעט, איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען דעם דאָזיקן כאַראַ מעטש, וואָס דער ווינט האָט אים געטראָגן פון ערגעץ, מיט דער דעה אין כּף-הקלע אַריינצושליידערן.

מען באַגעגנט זיי אין אַלע בערג; די דאָזיקע אַלפּינער, וואָס האָבן זיך אַריינגענומען אין זינען דווקא צו דערקלעטערן צום העכסטן שפּיץ. געוויס, דאָרטן, וואו אַלע היכן זיינען שוין דערגרייכט געוואָרן, אַלע סודות אַנטדעקט געוואָרן, דאָרטן פעלט שוין דער מיסטעריעזער קוק פון די בערג-קלעטערער.

די הימאַלאַיען, אָט די „באַשעפער פון בליץ און דונער", זיי האָבן געוויס ניט איינעם שוין אַראָפּגעפירט פון זינען מיט זייער אײַז-קאַלטן אָטעם. איך האָב באַגעגנט אַזעלכע, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט קוראַזש פון פאַרשיידענע לענדער, געקוסטן גרינג ווי אַ פעדדל גרייט צו פליען. נאָר איבערזיצנדיק אַ געוויסע צייט אַנטקעגן דער שורה בערג, וואָס שפּאַרן זיך אַרויס פון מזרח-זייט מיט אַזאַ אײַז-קאַלטער ברוסט אַרויס, — האָט עס אין זיי אויסגעלאָשן דעם פייער אין די אויגן. אַנדערע האָבן נאָך געמאַכט הכנות צום ווייטערדיקן וועג; אויף די ליפּן האָט אויפגעבליט: „עווערעסט", און אַזוי איז דער נאָמען פאַרוועלקט געוואָרן. מען האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווען דער מענטש איז נעלם געוואָרן.

איך האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות פון גרויסע איינשטעלער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג, מיט אַ גאַנצן עולם טיבעטיאַנער, אָדער סיקימער, וואָס טראָגן נאָך דעם באַגאַזש אויף די פּלייצעס, אָנגעלאָדן און מיט אַ רימען אַרום קאָפּ אַרומגענומען.

נאָר שפּעטער האָט מען דערציילט, אַז אַזאַ און אַזאַ האָט תּרטה געהאַט, אינמיטן וועג פונאַנדערגעצאָלט זיך מיט די טרעגער און מיט אַ זייטיקן וועג איז ער אַרויסגעפאָרן פון דעם בערג־ראַיאָן.

פאַרקערט, דערציילט מען פון דעם, אָדער יענעם, וואָס האָט אַוועקגעקלעטערט צום עווערעסט, און עפּעס האָט מיט אַם געטראָפן: אינמיטן פון קלעטערן איז ער אַראָפּגעפאַלן און די ביינער זיינען צעשאָטן געוואָרן...

און ניט נאָר מענער לאָזן זיך אַוועק אין דעם ריזיקאַלישן וועג. פאַרהאַן געווען פרויען, וואָס קומען אָן מיט אַ מך קוראַזש און מיט דעם פאַרלאַנג צו ריזיקירן מיטן לעבן, אַבי צו דערקלעטערן צו אַזאַ פונקט, פונוואַנען מען זאָל קענען זען די גרענעץ פון לעבן און טויט. אָדער אַליין דערגרייכן די דאָזיקע גרענעץ. פרויען קומען אָן מיט מער איפּערגונג און צערהדערטקייט. מענער טוען עס קאַלטבלוטיקער, אויסגערעכנטער. אַ מאַן זעט דעם דורכפאַל אַרויס שווערער, דערפאַר, ווייל ער האָט מורא פאַר דורכפאַלן. פרויען דערשפּירן אים גרינגער און טראָגן אים איבער גרינגער.

איך האָב געטראָפן אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען מיט דער דעה צו קלעטערן אויפן עווערעסט און האָבן אַזוי זיך געקליבן, געקליבן און יוצא געווען מיט דעם פאַרלאַנג. געבליבן וואַינען אין די בערג און שטענדיק, ביי דער געלעגנהייט, האָבן זיי ליב צו דערציילן, אַז אַזויפיל מאָל האָבן זיי זיך געגרייט, אַלע פּלענער געמאַכט, כמעט מיט דער פולער זיכערקייט צו דערגרייכן; אַזוי האָבן זיך אַריינגעמישט אַלערליי שטרויכלונגען, ממש פון די בערג־גייסטער אַליין אונטערגעלייגטע און — עס איז ניט געלונגען... ביי אַזעלכע דערקענט איר אין די אויגן, אַז אַ פרעמד פייערל ברענט דאָרטן; דאָס אייגענע פייערל, וואָס ברענט ביי מענטשן מיט גרויסוואַן.

אַז איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען, שטייענדיק מיטן פּנים צו די הימאַלאַיען, ביים ראַנד, וואָס פירט אַראָפּ פון דאַרדזשילינג קיין סיקים, איז זי אויסגעקומען מיט דער פּלייצע צו מיר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן וואָלענעם אָנצוג, ווי בכיוון אָפּצושוואַכן דעם שניי־ווייס פון איר האָר.

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז זי איז אַן עלטערע פרוי, כאָטש די שמאָלע און גלייכע פלייצע אירע, וואָס האָט זיך אָפּגעצייכנט דורך אירע קליידער, איז געווען אַ יוגנטלעכע אין דער־צווייטער שניי־ווייס פון אירע האָר האָט ניט אויסגעזען, אַז ער איז געקומען דורך אַ פּאַמעלעכן עלטער־פּראָצעס. ווען זי איז אַזוי געשטאַנען מיטן פּנים צו די בערג, האָט עס אויסגעזען, אַז מען האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון דעם אייגענעם קאַלטן שניי־ווייס, וואָס דעקט צו די הימאַלאַיען, און באַדעקט איר קאָפּ. איך האָב מיר געפּרוווט אויסמאָלן אַ פּנים, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין אַזאַ שניי־ווייס.

ווי פאַרוואונדערט בין איך געוואָרן, ווען זי האָט אומגעזענדט איר קאָפּ און איך האָב דערזען נאָך גאָר אַ יונגן, כמעט קינדישן פּנים. אירע אויגן האָבן געהאַט דעם קאָליר פון גאַנץ העלן טורקיז, מיט אַ מאַטן גרין אין זיך. ווינציקער פון אַלץ האָב איך נאָך געוואַרט צו טרעפן אַזעלכע אויגן אין אַ קאָפּ, וואָס טראָגט אַזאַ שניי־ווייס אויף זיך.

איך האָב מיט זיך געהאַט מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, האָב איך זיך אַנטשולדיקט און געבעטן, זי זאָל פּאָזירן פאַר מיר, איך וועל זי פּרווון נעמען אויף דעם פאָן פון די פאַרשנייטע הימאַלאַיען.

תחילת האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, גרייט צו אַנטלויפן. אַ פּאָר טריט האָט זי בלויז געמאַכט און געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. דערנאָכדעם האָט זי דערקענט, אַז איך פיל מיר ניט באַקוועם פון איר פּלוצלונגער באַוועגונג, האָט זי געמאַכט אַ בריט נענטער צו מיר און געזאָגט:

— ניין, ניין, איך בעט דיך, פאָטאָגראַפיר מיך ניט, אַז איך זאָל אויסקומען מיט די בערג אינאיינעם.. יעדער איינער, וואָס האָט אַן אַפּאַראַט, וויל מיך פאָטאָגראַפירן — און איך בין מיד פון דעם.

האָב איך זיך אַנטשולדיקט פאַר מיין באַאומרויִקן זי און האָב דעם אַפּאַראַט צוגעמאַכט און געוואָלט אַוועקגיין. האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי זי בעט ביי מיר דעם אַפּאַראַט. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל, נאָר איך בין איר גערן אַנטקעגנגעגאַנגען.

זי האָט גענומען בײַ מיר דעם אַפּאַראַט, האָט אים געעפנט, אַרײַנגעקוקט אין שײַבל, וואָס ווײַזט אָן דעם געגנשטאַנד, וואָס מען וויל פאָטאָגראַפירן, און אָנגעשטעלט אַנטקעגן די הימאַלאַיען. לאַנג געקוקט. איך האָב געמיינט, זי וועט פאָטאָגראַפירן, נאָר זי האָט עס ניט געטאָן. זי האָט אָבער דעם אַפּאַראַט מיר ניט אומגעקערט, געטראַכט, געטראַכט און שפּעטער געזאָגט:

— פאַרקויף מיר אים.

— איך האָב דאָ ניט וואו צו קויפן קיין אַנדערן און אַגב, בין איך שוין צו אים געוווינט.

— איך וועל דיר גוט באַצאָלן פאַר אים.

— עס האַנדלט זיך ניט אין געלט. איך וואָלט דיר דעם אַפּאַראַט אַוועקגעשענקט, אויב עס גייט דיר אַזוי אין לעבן אַרײַן. נו, גוט, — האָב איך צוגעגעבן — לאָמיר זיך בײַטן, איך וועל אים דיר אַוועקגעבן און דו דערצייל מיר דעם סוד פון דײַנע שניי־ווײַסע האָר.

האָט זי צוגעדריקט צו זיך דעם אַפּאַראַט ווי אַן אבן־טוב און אירע מאַט־בלויע אויגן האָבן אַ גלי געטאָן, מיט דעם פאַרבאָרגענעם פײַער, וואָס אַן אָפּאַל באַווײַזט, ווען אין אים רעפלעקטירט ליכט.

— איך פאָר מאָרגן אַוועק פונדאַנען, און אפשר וועל איך נאָך גאָרניט פאָרן, — אָ, הימאַלאַיען, די הימאַלאַיען!

און איר יונגער פנים האָט זיך צעקנייטשט ווי צום וויינען. זי האָט ניט געוויינט, נאָר אַ פלוצלונגע פאַרענדערונג איז פאָרגעקומען אין איר פנים; אָט ווי עס ווערט פאַרענדערט אַ לאַנדשאַפט דאָ, אין די בערג, ווען נאָך אַ פאַרפלייצונג פון זוניקייט טוט פלוצלונג אַ לויף אַ וואָלקן און פאַרוויקלט אים אין טונקלעניש.

— ניין, דאָס איז דאָך אַזוי שווער צו דערציילן. און וואָס ווידער קען מען דערציילן פון אַ אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט, וואָס איז אַזוי ניט באַשטימט און איז ניט באַגרענעצט? אָט זעסטו, דאָרט רעכטס, אָן אַ זייט פון באַרג קינטשינדזשאַנגאַ און קאָברו, איז פאַרהאַן אַ דורכגאַנג קיין טיבעט, דער „דזעלעפ־לאַ־דורכגאַנג", פערצן

טויזנט פוס הייך. אָט דאָרטן בין איך געווען. דאָרטן איז דער שניי אַזוי ווייס, ווי מיינע האָר, — — יאָ, אָט אַזוי גלייך, אַז מען קוקט צו מזרח־צפון־זייט, דאָרט איז „להאַסאַ“. אַהין האָב איך זיך מיט אים געלאָזט. אַ העלפט האָט זיך פון מיר אָפּגעריסן און געבליבן אויף יענער זייט בערג....

שפּעטער האָט מען געקענט מיינען, אַז זי איז אַליין גערן צו דערציילן די סיבה, וואָס אירע האָר זיינען איר אַזוי פרי ווייס געוואָרן, מיט דער ווייסקייט פון די פאַרשנייטע בערג. אַליין איז זי פון שאָטלאַנד, אַ טאָכטער פון אַ רייכן גוטבאַזיצער. אַ איין־און־איינציקע. קינדווייז האָבן זי די עלטערן גענומען אויף אַ רייזע קיין אינדיע און איר איז געבליבן אין זכרון דער אָנבליק פון די הימאַלאַיער בערג. זי האָט עס קיינעם ניט דערציילט, אַז אינאיינעם מיט איר וואוקס זיינען אַלץ רייפער געוואָרן אין איר וועזן די הימאַלאַיען. ביסלעכווייז האָט עס פאַרנומען אַלע אירע געדאַנקען. אין שול, ווען עס איז פאָרגעקומען די לעקציע איבער געאָגראַפיע, האָט איר אינטערעסירט נאָר די מאַפּע, דער וועלט־טייל, וואו די הימאַלאַיער בערג האָבן זיך געפונען.

— זעסט מיינע האָר, — האָט זי זיך אַ נייג געטאָן צו מיר, — אַנו טרעף, וואָס פאַר אַ קאָליר זיי האָבן געהאַט? מיינסט אַוודאי, בלאָנדע? יאָ, ניין — כמעט שוואַרצע, — און אויגן דווקא טונקל־בלויע, יאָ, אַלע מיינען, אַז מיינע האָר זיינען געווען בלאָנדע... אים האָב איך באַגעגנט אין מיטל־שול. מיט מיר אין איין שורה איז ער געזעסן. איך האָב אים כסדר צוגעוואָרפן אין דער שטיל: „איין וועלט פאַרהאַן — די הימאַלאַיער בערג! די וועלט גיב מיר, נאָר די וועלט גיב מיר“. ער האָט מיך ליב געהאַט. און איך האָב אים געזאָגט: „וועסטו מיט מיר קלעטערן אויף יענע בערג — יעמאָלט, וועל איך. יעמאָלט בין איך גרייט מיט דיר צו גיין אַפילו אין פייער און וואַסער“ — ער האָט מיר צוגעזאָגט. ער איז געווען מיט איין יאָר עלטער אינגאַנצן פון מיר.

און ווייטער האָט זי דערציילט, ווי זי האָט מיט אים אָפּגעמאַכט אינדערשטיל, אַז נאָכדעם, ווי זיי וועלן ענדיקן, ווען זיי וועלן אַלט ווערן, ער איין־און־צוואַנציק יאָר און זי — צוואַנציק, זאָלן זיי

אַרויסגעפֿאָרן מיט באַזונדערע וועגן. ער — דורך יאַפּאַן און כינע, און זי — דורך עגיפּטע און באָמביי. און דאָ וועלן זיי זיך טרעפֿן, וועלן ביידע קומען איינגעמען די דאָזיקע בערג. עתּגעץ אין יענע בערג וועלן זיי זיך פֿאַרקנסן. — — —

— און אפשר האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מיר וועלן אַרויפֿ־קלעטערן אויפֿן עווערעסט, — האָט זי צוגעגעבן.

איך האָב באַמערקט, אַז אין לויף פֿון איר דערציילונג האָט זיך איר פּנים געביטן, ווי איינע, וואָס לעבט איבער נאָך אַמאָל אַ גרויס גליק. — — —

— זאָגט זעסטו, צו דער רעכטער זייט, וואו עס זעט זיך דער דזשעלעפּ־לאַ־דורכגאַנג, דאָרטן — דאָרטן — האָט ער זיך פֿון מיינע אָרעמס אַרויסגעגליטשט און געפֿאַלן... דער שניי האָט אים איינגע־שלונגען. — — אָ, פֿון יעמאָלט — די בערג לעבן אין מיר. אין ער מיט די בערג, מיט די הימאַלאַיען — לעבט ער אין מיר. אָט דאָס איז דער שניי אויף מיין קאָפּ. ניט קיין האָר — און מער באַדאַרף איך ניט. איידער וויל מיך פֿאָטאָגראַפֿירן אויפֿן פּאָן פֿון די הימאַלאַיען, כּדי מיין קאָפּ זאָל זיך צונויפֿגיסן מיט יענע שנייען, — איך נייטיק זיך ניט אין דעם. — איידן יאָר, אין דער צייט, קום איך אַהער — — כאַ—כאַ—כאַ.

און זי האָט זיך צעלאַכט אויפֿן קול, דריקנדיק צו זיך מיין פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט.

עס איז ניט שווער געווען אַרויסצוטיילן די פֿאַקטן פֿון איר אייגענער פֿאַנטאַזיע, ווייל דער שניי־ווייס אויף איר קאָפּ איז געווען אַ פֿאַקט, ווי עס איז אַ פֿאַקט דער אייביקער שניי אויף די שפּיצן פֿון די הימאַלאַיען. דער מאַטער בלוי אין אירע אויגן, וואָס האָט צייטנווייז געגליט ווי אַן אָפּאַל, ווען ער רעפֿלעקטירט אין זיך ליכט, — איז אויך געווען פֿאַרשטענדלעך... די ליבע צו אַ מאַן, אָדער די ליבע צו די הימאַלאַיער בערג, קענען ביידע זיין גע־פֿערלעך.

מיר האָט נאָר געוואונדערט, ווי אַזוי זי האָט מיך שפּעטער נאָכגעקוקט, ווען איך האָב זיך מיט איר געזעגנט. האָט, חוץ

אויס, נאָכגעשפּירט, וואו איך וואוין. ווייל אינאָוונט האָט זי אָנגעקלאַפּט בּיי מיר אין טיר און האָט זיך אַנטשולדיקט:

זי האָט מיר אָפּגעבּראַכט צוריק מיין פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און דערקלערט, אַז צוליב דעם איז זי געבּליבּן דאָ דעם גאַנצן טאָג, ווייל זי האָט בּאמת מיין אַפּאַראַט ניט בּאַדאַרפט, נאָר זי האָט חושד געווען, אַז איך האָב זי פאָטאָגראַפירט, ווען זי איז געשטאַנען מיטן פּנים צו די בּערג, האָט זי געגעבּן צו אַ פאָטאָגראַפער צו אַנטוויקלען דעם נעגאַטיוו און זיך איבּערצייגט, אַז דאָס לעצטע בּילד איז גאָר געווען פון אַן אַלטן לאַמאַ-פּריסטער. זי האָט זיך נאָך אַמאָל אַנטשולדיקט דערפאַר, וואָס זי האָט נאָכגעפאָרשט וועמען איך פאָטאָגראַפיר, און האָט מיר אין אַ קאָנווערט איבּערגעגעבּן דעם אַנטוויקלטן נעגאַטיוו.

אין הויז, וואו איך האָבּ געוואוינט, האָבּ איך זיך נאָכגעפרעגט אויף איר, האָט קיינער פון איר קיין אַנונג ניט געהאַט. נאָר אַז איך האָבּ אויפגעעפנט דעם קאָנווערט צו בּאַטראַכטן דעם נעגאַטיוו, האָבּ איך געפונען אַ צעטעלע מיט איין שורה:

„ניט גלויבּט, וואָס מענטשן דערציילן אַייך אין די הימאַלאַיער בּערג".

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

1

עס זיינען פאַרגאַנגען באַלד צוואַנציק יאָר, זינט יענער ווייטער און נאָנטער ווינט האָט געצויגן דורך מיין גאַנצן וועזן. יעמאָלט איז דער נאָמען ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע אָנגעקומען פון מזרח קיין מערב. שווער געווען צו באַגרייפן, פון וואָס פאַר אַ ווייטקייט דער נאָמען קומט. אינדיע איז גענוג ווייט פאַר אונזער באַגריף און טאַגאָרעס לידער, מיט דער שטימונג, וואָס האָט פון זיי געצויגן, האָט דאָס לאַנד ניט קיין סך דערנענטערט. פון צווישן די שורות האָט זיך אויפגעהויבן אַ טוי, ווי עס הייבט זיך אויף דער פאַרנאַכטיקער טוי צווישן ביידע ברעגעס פון אַ גרויסן טייך און פאַרשטעלט דעם איבערפלאַך פון וואַסער. נאָך ביז איצטער ניט געקומען דער פרימאָרגן-ווינט און באַגינען-זון, וואָס זאָלן דעם נעפל צונעמען. די צייט האָט אונז מיט אינדיע נאָך ניט דערנענטערט. איצטער איז טאַגאָרעס געזאַנג פאַר גאָר אַ סך דער ווינט צווישן גראָזן, אין שפעטן פרילינג און שווער איז, אין דעם נאָך מלחמה-פעריאָד, דעם ווינט צו פאַרנעמען.

די נאָנטקייט, וואָס איך האָב יעמאָלט פערזענלעך דערשפירט צו אים, האָט געהאַט צו טאָן מיט מיינע שטימונגען. נאָך מיט פינף יאָר פריער האָב איך פאַרעפנטלעכט מיינע „וואַנדערער-טרוימען“ און אַנדערע לידער אין פראָזע — און געוואָרן אויסגעהוזקט פון קריטיקער:

— „מיר באַדאַרפן האָבן ברויט און ניט קיין בלומען!“

ניט אַלץ האָט זיך געביטן פאַר דער צייט. קוואַלן זיינען נאָך ניט אויסגעשעפט געוואָרן און טייכן לויפן נאָך אַלץ צום ים אַראָפ. און עס האָט זיך אויך ניט איבערגעריסן דער פאָדים, וואָס ציט זיך

אַוועק, העט־ווייט, ביז צו יענעם לאַנד, וואו עס זינגט אַזאַ פרייד־
טרויעריקער דיכטער די געזאַנגען פון זיין פאָלק.

כמעט אין דער יוגנט האָט ער געטראָגן דעם ערנסט פון יאָרן:

— „מען האָט מיך איינגעלאַדן צו וועלטס גרויסן יום־טוב,
און אַזוי איז מיין לעבן געבענטשט. מיינע אויגן האָבן געזען און
מיינע אויערן האָבן געהערט".

— „אויף מיין טייל איז אויסגעקומען צו שפּילן אויף מיין
אינסטרומענט, און אַלץ, וואָס איך האָב געקענט, האָב איך גע־
טאָן".

— „איצטער פרעג איך: צי איז שוין געקומען די צייט, אַז
איך זאָל גיין און דיך זען און דיך באַגריסן מיט מיין שטילשווייגן?"

וויפיל ער האָט פאַר אונז ניט געמאָלן זיין לאַנד און זיין
פאָלק; וויפיל ער האָט זיך ניט באַמיט צו דערנענטערן אונז מיט
זיין פאָלק און לאַנד, — איז דאָס אים ניט געלונגען, ווייל דורך
זיין שווייגן האָט ער עס געטאָן. ווי קלאָר ער האָט זיך ניט אויס־
געדריקט (און ניט אַ סך ווי ער אין דער וועלט־ליטעראַטור האָבן
האָבן אַזוי קלאָר געלייטערט זייער וואָרט און ליד), פונדעסטוועגן איז
טאַגאָרען ניט געלונגען צו עפענען פאַר אונז דעם פאָרהאַנג, אַז
מיר זאָלן קענען זען פון ווייטן זיין אייגענעם לעבן.

איך האָב אים שפּעטער געהערט אין ניו־יאָרק רעדן עפנטלעך,
אין אַ גרויסן זאַל פאַר אַ גרויסן עולם. ער האָט געקריטיקירט דעם
מערב־נאַציאָנאַליזם און שטאַרק אָנגעגריפן די דערוואַכטע יאַפּאַנער.
און מיר האָט אַלץ געקלונגען אַ שירה פון זיינס אַ ליד:

„איך בין ווי אַ רעשטל וואָלקן אויפן האַרבסטיקן הימל. אָ,
מיין לויטערע זון האָט זיך נאָך ניט איינגעזויגן אין מיר, צו פאַר־
וואַנדלען מיך אין ליכט..."

עס איז געווען שוין אין רעכטן פלאַקער פון וועלט־מלחמה.
אים האָט אונטערגעשטיצט עמעצנס אַ האַנט: „רעד העכער, ווייל
מען וועט דיך ניט דערהערן".

זיין גאַנצער שטרעבן איצטער צו פאַראייניקן אידעיש מזרח מיט
מערב — איז זיין חלום און אפשר אויך די לעצטע אַנטוישונג זיינע.
וואָרעם ניט נאָר ווייטע ימען טיילן פונאַנדער מזרח און מערב;

און טײלן פונאַנדער די פעלקער פון די בײדע װעלט־טײלן. עס
עס װאָלט די װײטקײט ניט געװען קײן גרױסע שטערונג. דער מערב
האָט פאַרנענטערט די שטרעקע דורך שיפן און לופטשיפן; דורך
ים־קאַבעלן און דראָטלאָזן טעלעגראַף און — די דערנענטערונג קומט
ניט. מערב װיל קײנעם אױסער זיך ניט קענען. מערב װיל הערן
נאָר זײן אײגענע שטימע און דער מערב פאַרשרײט זײן אײגענע שטימע.

איך האָב זײן װײטאָג פאַרשטאַנען, װײל ער איז דאָך פון
די אײנציקע געלײטערטע, װאָס טראָגן ניט קײן בײז צו קײנעם.
און אפשר זעט ער ניט די גאַנצע בײז, װאָס עס טוט זיך אונטערן
הימל. ער זאָגט דאָך:

„די רעגנטראָפּנס קושן די ערד און שעפּטשען צו איר אין דער
שטיל: אָט זײנען מיר, דײנע טרױעריקע קינדער, װאָס קערן זיך צו
דיר אום פון הימל".

אָדער:

„די שפּינװעבס זעט אױס גלײך, װי זי װאָלט געװען אָנגעצױגן,
איבערצוקלײבן די טױ־טראָפּנס".

אָדער װען ער פרעגט:

„אָ, װאָס איז דאָס, װאָס דריקט אַזױ מײן האַרץ?" — און
ענטפערט: „עס איז מײן נשמה, װאָס װיל אַרױס צו דער אומענדלעכ־
קײט, און אפשר גאָר די נשמה פון דער װעלט, װאָס װיל אַרײן
אין מײן האַרץ" —

אפשר איז ער פאַרבלענדט פון אינדיעס זון און זעט ניט דאָס
שלעכטס, װאָס טוט זיך אונטער דער זון. איצטער איז אים שװער.
ער קלאָגט זיך, אַז צופיל איז ער באַלאָדן מיט יאָרן און כבוד. ער
בענקט נאָך דער פרײער יוגנט זײנער. געװיס איז ער געװען אין
זײן יוגנט פרײ, אױף װיפיל ער האָט זיך אַלײן דערקענט אין דער
נאַטור און האָט זיך פאַרבריידערט מיט זײן בענגאַלישער נאַטור
און אירע קאַפּריזן. זײן יוגנט איז קײנמאָל ניט אַרױס פון די קינ־
דערשע גרענעצן. ער װיל עס נאָך עד־היום ניט מודה זײן.

„אַלע מיר זײנען קינדער און שפּילן זיך בײם ברעג ים מיט שטײנד־
לעך. און אַפילו דאָס, װאָס איז פאַר דערװאַקסענע װערטפול, —
פאַר קינדער איז קײן חילוק ניט".

זיין פאָלק האָט אים ליב. זיין בענגאַליע. די בענגאַלישע שפּראַך, וואָס ער האָט צום לעבן דערנענטערט דורך זיין געזאַנג, — די שפּראַך רוישט אים איצטער אין די אויערן ווי דער באַגינען־ווינט צווישן די מאַנגאָ־ביימער.

2

מיר האָט פאַרדראָסן, וואָס ער איז פונקט געווען אין אייראָפּע, בעת איך בין אָנגעקומען קיין בענגאַליע. און נאָך טיפער האָט מיר וויי געטאָן, וואָס דאָס ווייט־אויסגעחלומטע לאַנד האָט פאַר מיר אויפגעדעקט די קראַנקע אָריענטאַלישע חייקלעכקייט. כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז קאַלקוטע, די גרויסע שטאָט, איז ניט דאָס פעלד, וואו צווישן די ביימער גייט אום טאַגאָר־עס ליבע מיט שטילע טריט. אויך ניט אין קאַלקוטע זיינען די „פאַרבלאָנדזשעטע פייגל“, די מחשבות זיינע. אויב מחשבות — זיינען זיי אין קאַלקוטע ביטערע. איך האָב מיר דערוואוסט, אַז טאַגאָר־עס אמתע היים איז גאָרניט אין קאַלקוטע, וואו עס שטייט זיין הויז אין מאַנגאָ־געסל, נאָר אַ הונדערט מייל אַוועק, אין ווייטן פעלד, ערגעץ אין דער שטילער וועלט האָט ער זיין היים, וואו שוין מער ווי דרייסיק יאָר דערציט ער אַ יוגנט און לערנט זי צו גיין אין זיינע וועגן. דאָס בענגאַלישע פאָלק רופט אים: דער פּאָעט. מען ווייסט וועמען דאָס פאָלק מיינט. דאָס פאָלק האַלט אים פאַר אַ הייליקן, פאַר אַן אויסדערוויילטן. נאָר וואו איז די ווירקונג זיינע אין לאַנד? צווישן די, וואָס זינגען געלייטערטע לידער?

ניט פון זיין לאַגער אַרויס קומט דער גרויסער פּראָטעסט צו אינדיעס אונטערדריקער. דער פּראָטעסט קומט פון גאַנדהיס לאַגער, פון יענעם לאַגער שליידערט מען שטיינער דער מערב־ציוויליזאַציע און פון דאָרטן קומט דער רוף:

„זאָל דער מערב לאָזן אינדיע אומגיין נאַקעט און זיך פאַרטיפן אין דער אייגענער נשמה!“

אַ בעל־חלומות אַ גרעסערער איז טאַגאָר־ע, וואָס חלומט, אַז מזרח און מערב וועלן זיך באַגעגענען און מענטש וועט מענטש דער־קענען.

קיין אינדיע האב איך געבראכט מיין אייגענעם חלום און געזוכט אים אויסצובאדן אין אינדיעס פרידלעכן לעבן. און איך קען ניט זאגן ווי טאגארע:

„מיינע מחשבות ציען ווי מחנות פייגל אונטערן הימל, און איך פארנעם זייערע פליגל...“

איך האב שוין גיכער מיטגעפילט מיט אים, ווען ער זאגט:

„די צעווייטאגטע וועלט קושט מיין נשמה און פארלאנגט, איך זאל דעם ווייטאג פארוואנדלען אין געזאנגען“.

ווי האט מיך געדריקט די לאגע פון די אינדישע מאסן, די הונגעריקע און אויסגעווייטאגטע, וואס דינען צו אלע געטער און אפגעטער און ברענגען קרבנות, האנדיק קעפ פון ציגן־בעק און בופלאקסן! א דויטער געפל האט זיך א צייט געשפרייט פאר מיינע אויגן, נאכדעם ווי איך האב עס צוגעזען. איך האב געמוזט איבעררייסן מיין שוין צעשטערטן ניגון און אוועק אין די הימאלאיער בערג. א גרויסע בענקשאפט האט מיך ארומגעכאפט דא, אין אינדיע, ווי נאך קיינמאל ניט. און דווקא דערפאר, וואס פון אינדיע קומט ער ארויס, דער אזויפיל געלייטערטער טאגארע. אויך איצטער, ווען איך האב זיך געוואַרעמט אונטער זיין זון און זיך געקילט אין שאטן פון זיינע מאנגא־ביימער — קען איך אליין קיין באשייד ניט געפינען צו מיינע, אין טהייער־פארנעפלטע שטימונגען.

3

לעבנדיק שפעטער אין די הימאלאיער בערג, ביי דער טיבעטיאנער גרענעץ, צווישן פרימיטיווע שבטים, וואס זיינען קולטורעל הינטערשטעליק דעם אינדישן פאלק, דארטן האב איך געהאט א געלעגנהייט א סך איבערצוטראכטן. דארטן, אויף א הייך פון צען טויזנט פוס, איז מיר גרינגער געווען אריבערצוווארפן מיטן געדאנק א בריק צווישן מזרח און מערב און אליין פרווון איבער איר אריבערגיין.

מיר איז פונדערווייטנס קלערער געווארן ראבינדראנאט טאגארע, וואס לעבט מיט זיין מהות גאר א סך אין דער מערב־וועלט. גלייך

ווי די אויסדערוויילטע פון די מערב-מענטשן, וואָס מזרח און מערב ווערט ביי זיי פאַרבונדן דורך איין זון און איין לויטע־ן טאָג.

שטראָמען מעכטיקע ציען דורכן לאַנד און פאָלק און איצטער דאָס, וואָס רעגט דעם מערב, רעגט דעם מזרח. און וואָס בלייבט איצטער פאַר אונזער יאָרהונדערט, אויב ניט צו בינדן פאָלק מיט פאָלק און מענטש מיט מענטש? די אויסשטרעקטע הענט ציען זיך דאָך איינס צום אַנדערן; די הענט קומען פון דער טיף, פון צווישן די דערנידעריקטע מאַסן; זיינען דאָך אין אינדיע אויך פאַראַן די דאָזיקע הענט, — כאָטש גאַנדהי שעפטשעט אין דער שטיל: „מזרח, מזרח איז אַייער וועלט". טאַגאָרע און גאַנדהי — צוויי באַזונדערע וועלטן.

ווען טאַגאָרע האָט זיך אומגעקערט פון איראָפּע, בין איך געפאָרן צו אים אויפן לאַנד. און דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי איך האָב זיך שוין באַקאַנט מיט זיין לאַנד און מיט זיין פאָלק, ווען ליכט און שאָטן פון אינדיעס ווירקלעכקייט האָבן זיך קאַליידאָסקאָפּיש געמישט פאַר די אויגן. וויפיל מאָל האָב איך זיך געחידושט, ווי אַזוי פון אַזאַ פאַרקריפּלט לעבן קענען אַרויסקומען טאַגאָרע-דערשיינונגען. און אַ סך מאָל בין איך אַליין אין אינדיע אומגעגאַנגען אין אַ יום-טובדיקער וועלט, די אויגן האָבן ניט באַמערקט, ניט די אָרעמקייט, ניט דעם פאַנאַטיזם, ניט די פאַרשמירטע און געצייכנטע פּנימער, און ניט די פרויען פון פאָלק, אַרומגערינגלטע מיט די מחנות קליינע, אָפּגעריסענע און אויסגעהונגערטע קינדער.

פאָרנדיק צו אים מיטן באַן פון קאַלקוטע, איז מיט מיר אין קופּע געזעסן אַ מיטליאָריקער אינדיס, וואָס האָט, נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן מיך, זיך געווענדט צו מיר:

— דו פאָרסט אַוודאי צו אונזער גרויסן דיכטער?

— ווי אַזוי האָסטו עס דערקענט?

— ווייל מיט דער באַן, אַז אַן אויסלענדער פאָרט, איז דאָס געוויס צו ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע. ער האָט אַ סך באַזוכער פון צווישן אויסלענדער. זעט אויס, אַז אין אויסלאַנד לעזט מען זיינע ווערק מער ווי דאָ, ביי אונז.

איך האָב מיר דערוואוסט, אַז דער אייגענער מאַן האָט געהאַט אַ קינד ביי טאַגאָרען אין שול און ער האָט עס שפּעטער אָפּגענומען. איך האָב געוואָלט וויסן, פֿאַרוואָס ער האָט עס געטאָן. האָט ער מיר דערקלערט:

— מיר, נאַציאָנאַליסטן, גייען זיך פֿונאַנדער מיט זיינע אידעען. מעגלעך, אַז מיר קענען אין אַייערע אויגן אויסזען פֿאַנאַטיש. אָבער מען באַדאַרף אונז פֿאַרשטיין. אפשר איז מאַהאַטמאַ גאַנדהי אויך ניט גערעכט אינגאַנצן, ווען ער פֿאַרוואַרפֿט אָן אַ זייט, ווי עפּעס שעדלעכס און אומריינס, די מערבֿ-קולטור און ציוויליזאַציע, — אָבער דאָס איז נייטיק. אַנדערש וועט זיך אונזער פֿאָלק ניט באַפֿרייען. אַנדערש וועט עס ניט ווערן וואַך צו די אייגענע באַדערפֿענישן. טאַגאָרע ווידער, איז באַאיינפֿלוסט פֿון מערבֿ-אייראָפּע. ער וויל אונז מאַכן גלייבן, אַז פֿון דאָרטן קומט חכמה און פּראַקטישקייט, קולטור און אויך עטיק. — אין אַזוי לאַנג, ווי ענגלאַנד באַהערשט אונז; אַזוי לאַנג, ווי ענגלאַנד האָט דאָ דעם שול-וועזן אונטער איר קאָנטראָל, די שפּראַך איז ענגליש — אַנטקעגן וועלכער מיר קעמפֿן, כּדי זי זאָל ניט נעמען די איבערהאַנט איבער אונזער שפּראַך — יעמאָלט איז טאַגאָרעס לערע פֿאַר אונז שעדלעך. ער וואָלט אונז גערן געקענט באַאיינפֿלוסן, אַז מיר זאָלן זיך אָנהייבן צו באַציען סימפּאַטיש צו אַלץ, וואָס ענגלאַנד האָט אַהער אַריינגעבראַכט. ווייל יעמאָלט, אויב אייראָפּעישע קולטור איז דאָס העכסטע, טאָ צוליב וואָס פֿאַרטרייבן די ענגלענדער? האָבן מיר דאָך די בעסטע געלעגנהייט איצטער. וואָס וואָלט ענגלאַנד ניט פֿאַרפֿלאַנצט, ווען מיר לאָזן זיך? כאָטש מיר, בענגאַליער, ווייסן ווער טאַגאָרע איז. מיר פֿאַרגעטערן אים פּשוט. וואָרעם וואָס איז אונזער שפּראַך געווען ביז ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע איז אויפֿגעקומען? אַ לעבעדיקער און קרעפֿטיקער דיאַלעקט, אָבער ווייט פֿון דער הייך, וואָס די שפּראַך האָט דערגרייכט אַ דאַנק אים. זיינע לידער זיינען אויף די ליפּן פֿון בענגאַלישן פֿאָלק.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע באָלפּור, פֿון וואַנען מען פֿאָרט אַ עטלעכע מייל ביז ווישוואַ באַראַטי, טאַגאָרעס רעזידענץ, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. מיטן אַוטאָ-

בּיז בּין איך געפֿאָרן דורך אַ אומבּאַקאַנטן סטעפּ צו דעם, אַזוי ווײַטן און נאָענטן מענטשן. צו שפּעט בּין איך אָנגעקומען, און ער איז שוין געשלאָפֿן.

מיר האָט מען אויסגעבעט אַ געלעגער אין שטוב. אויפֿן טישל, לעבן מײַן געלעגער, זײַנען געלעגן אַ פּאָר פֿון טאַגאָרעס לירישע זאַכן. איך האָב געבּלעטערט זײַנע שריפֿטן און דורך מײַן געמיט האָט געצויגן יענע צײַט, ווען איך האָב זיך מיט זײַנע געלייטערטע, לירישע לידער בּאַקענט צום ערשטן מאָל.

די אויגן האָבן זיך אָנגעשלאָגן אויף די ערשטע שורות פֿון אַ לירישער זאַמלונג:

„האַרבּסטיקע פֿייגל פֿאַרבּלאָנדזשעטע ציִען פֿאַרבּײַ מײַן פֿענסטער און זינגען, זינגען — — —

און האַרבּסטיקע, בּלעטער פֿאַרגעלטע, וואָס קענען ניט זינגען, זיפֿצנדיק פֿאַלן זיי און פֿאַלן...“

פֿון ערגעץ האָבן זיך געטראָגן טענער פֿון דער ווינע און אַ לײַכטער, אײַנזאַמער בּום... בּום... פֿון אַ פּויק. איך בּין שלעכט געשלאָפֿן די נאַכט.

4

זעקס־און־זעכציק יאָר איז ער אַלט. זײַן שטימע שוואַך. אין אַזוי זעלטן הייבּט ער אויף די אויגן, בּעת ער רעדט. און ווען ער עפֿנט די אויגן, איז זײַן בּליק אַזוי בּרייט, אַזוי בּאַלויכטן. און זײַנע צוויי הענט, ווייכע, צאַרטע הענט, ווען זיי האָבן אַרײַנגענומען מײַן האַנט, האָב איך אין זיי געשפּירט אינדיעס הייסן און מידן זומער.

זײַן וועלט. אַליין פֿאַר זיך האָט ער בּאַשאַפֿן אַ וועלט: שווער ליגן אויף זײַנע אַקסלען די יאָרן און נאָך מער — די לאַסט פֿון כּבֿוד. אַזוי אָפֿט דערמאָנט ער איצטער דעם סוף פֿון זײַנע יאָרן:

„און אַז דער טויט וועט קומען און מיר אײַנראָמען אַ
סוד: דײַן שעה איז געקומען, — וועל איך אים זאָגן:
— איך האָב געלעבּט און געליבּט.

ווּעט ער ווידער פרעגן: — צי ווילן דיינע לידער נאָך דיר איבערבלייבן? וועל איך ענטפערן: — ניין איך ווייס ניט. נאָר איינס ווייס איך, אַז אָפט, ווען איך האָב געזונגען, האָב איך די אייביקייט געשפירט. — — —"

זיינע גרויסע שטרעקעס לאַנד האָט ער פאַרוואַנדלט אין לאַנד פון פרידן און אייביקן פרילינג. כאָטש די זון האָט געגליט איבער זיין לאַנד, ווען איך בין ביי אים געווען — נאָר ווי שיין האָט געלעבט דער פרילינג צווישן זיינע צעבליטע ביימער:

זיינע צוויי הונדערט תלמידים, בחורים און מיידלעך, זיינען כיתות־וויַיז געזעסן מיט זייערע לערער אין שאָטן פון צעבליטע ביימער, האָבן געשפילט און געלערנט.

וויפיל זון אַרום זיינע פענסטער! די נידעריק־געמויערטע, ברייטע שטוב אין פעלד מיט דעם אָפענעם דורכגאַנג אינמיטן און רעכטס, זיין באַשיידענער שרייב־צימער, מיט פענסטער פון אַלע זייטן. די רויטע ערד אַרום האָט זיך געגליט אין דער באַגינענדיקער זון. און ער — מיט זיין פעדער אין האַנט, ריינער, ווייסער פּאַפּיר פאַר די אויגן, און די שווערע ברעמען אַראָפּגעלאָזן — — —

נעכטיקנדיק ביי אים, האָב איך איבערגעלעבט דאָס אייגענע, וואָס מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איך האָב די ערשטע נאַכט געשלאָפן ביי יצחק לייב פרץ, אין וואַרשע, לעבן זיין שרייבטיש. יעמאָלט, זיצנדיק לעבן מיר, אין זיין לאַנגער נאַכטהעמד, אין אַ הייסער זומער־נאַכט (ער האָט געקוקט צום באַגינען, וואָס האָט זיך געגרייט אין פענסטער). ער האָט זיך באַמיט מיר איינצווייזן אויף די שטילע וועלטן, וואָס לעבן אין אונזער טומלדיקן לעבן און טרי־טריק צוגעגעבן:

— אין אונזער ליטעראַטור גייט מען אום מיט שווערע טריט; קלאַפּט מען מיט די אָפּצאַסן, געשמידט מיט אייזערנע פּאָדקעוועס.

נאָך ביז היינטיקן טאָג הילכן די שווערע טריט, אָט די, מיט פּאָדקאָוועס געשמידטע אָפּצאַסן. איצטער, זיצנדיק קעגנאיבער טאַגאָרען, לעבן זיין שרייבטיש, בין איך געווען אין דער אַבסאָלוטער שטילקייט, אַחוץ דעם גאַנג פון מיין בלוט אין די אָדערן האָב איך

געקענט הערן און פון דער שטילקייט פאַרנומען די ענגלישע זוערטער:

— אין אונזער ליטעראַטור גייט מען אום מיט שווערע טריט...

— אַ וואונדערליכער פאָלק, דאָס יידישע — האָט טאַגאָרע נאָך אַ לאַנגען שטילשווייגן אַרויסגעזאָגט — אַזוי צעוואָרפן איבער דער וועלט, אַזוי צעשפּרייט, און פונדעסטוועגן איך אַלע געביטן אַזוי פּראָדוקטיוו. אַ וואונדערליכער פאָלק.

דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף מיינע רייד איבער אונזער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן. איך האָב דערביי געוואָלט אויסמעסטן דעם שטח, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן מיר, דעם יידישן שרייבער, און אים, דעם בענגאַלישן. אונזער שמועס האָט זיך געצויגן. ווערטער זיינען געפאַלן ווינציק: „מזרח", „מערב", „אייראָפּע". „סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד". „אַמעריקע און אינדיע". „מענטש און וועלט". „פרייד פון לעבן און שטיב, וואָס לייגט זיך אויף די באָרוועסע פיס..."

אין אינדיע קען מען מיינען כסדר, אַז די לויטערע אויגן פון פאָלק לייכטן פון שטויב אַרויס.

דאַכט מיר, אַז איך בין קיינמאָל אַזוי פּאָרזיכטיק ניט געווען מיט מיינע רייד, ווי אין יענעם באַגינען, ווען איך בין געזעסן אַנטקעגן דעם שוין גרויי געוואָרענעם טאַגאָרען, ביי זיין שרייבטיש. אפשר האָט ער פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען. אפשר געשפּירט דאָס אייגענע, וואָס איך אין יענעם באַגינען, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און ער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע שווערע איבערלעבונגען ביי אים אין לאַנד, גאָר ווי אַזוי האָב איך דען געקענט ווי-זאָגן דעם מענטשן, וואָס זאָגט:

„איך בין ווי דער וועג אין דער נאַכט, וואָס פאַרנעמט דורך דער שטילקייט די טריט פון זיינע זכרונות"?

ער איז ליכטיק, מיסטיש געשטימט, און אַזוי איך זיינע תלמידים.

זיינע קינדער, לערנען אונטער די ביימער — אינדיעס איידעלע זין און טעכטער.

אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז אַוועקגעגאַנגען אויסצו־האַלטן זיין שול. ער פאַרמאָגט שוין ווייניק. „גוטע מענטשן אין אַמעריקע קומען אים צו הילף“.

— איצטער בין איך מיד. אַ סך איבערגעלעבט אין אייראָפּע. מיין האַרץ איז מיד שוואַך. גוט וואָלט געווען איצטער צו רוען. טרייבן מיך די פליכטן, איך זאָל פאָרן איבערן לאַנד. מען האָט מיר צוגעזאָגט פאַר מיינע פאָרלעזונגען. מיין שול איז אין נויט. איך מוז עס אָננעמען. שטויב, היץ, אָנשטרענגונג — איך מוז עס צו דער עלטער אָננעמען. ביי דער רעגירונג פאַרלאַנג איך ניט. מיין קאַפּריז און מיינע אידעען — ניט אַ סך פאַרשטייען עס ביי אונז אין לאַנד. ביי אייך פאַרשטייט מען מיך בעסער.

די לימודים גייען אָן פון זונאויפגאַנג ביז עלף און דערנאָכדעם, פון דריי, ביז צו דער שקיעה. אין די שעהן פון מיטאָג איז אַלץ אַרום שטיל. די ביימער קאָרטשען זיך אונטער דער ברענענדיקער זון. אין דער דאָזיקער היץ בין איך אומגעגאַנגען איינער אַליין צווישן די ביימער, וואָס דער דיכטער האָט געפלאַנצט, אַריינגעקוקט אין די טיפע ברונימער, וואָס ער האָט געגראָבן, און פאַרנומען די שטילקייט, וואָס ער האָט אַרום און אַרום אויסגעשפּרייט.

5

אינאָוונט האָבן איינס נאָך איינס עטלעכע שילער, יונגע בחורים און אַ פּאָר מיידלעך פאַרבייגעגאַנגען מיין פענסטער. פּאַמעלעכע טריט אין סאַנדאַלן. איך בין געשטאַנען אין פענסטער, האָבן זיי מיך באַגריסט. די נאַכט אין אינדיע פאַלט צו מיט האַסטיקע טריט. איך בין אַחים צו דער יוגנט און אַ צייט האָבן מיר זיך צוגעהערט צו די זעג־זשוקעס און צו די גרילן, וואָס האָבן זיך דורכגערופן. אַזוי זיינען מיר געקומען צום טעמפּל, וואו איינמאָל אין

נאָך רעדט פאַר זיי דער גרויסער לערער ווייטער, פון לעבן און ציל פון לעבן. און איינער האָט מיט באַשיידנקייט געזאָגט:

— אונזער דיכטער לערנט אונז, ווי אַזוי צו פאַרשטיין אַייער וועלט. ער לערנט אונז, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך קענען דערנענטערן צו דער מערב־וועלט.

שטיל האָט אַ מיידל געזאָגט:

— ווייל אונזער דיכטער זאָגט, אַז קיינמאָל קען קיין שלום און שלווה ניט זיין אויף דער ערד, אויב די דאָזיקע דערנענטערונג וועט ניט קומען.

דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט. (גרויסע, שווערע שטערן רייסן זיך פון הימל אין אינדישע נעכט). די שילער זיינען געזעסן אַרום מיר און איך האָב געשפּירט זייערע בליקן, ווי זיי פאָרשן מיך, דעם פרעמדן, וואָס איז פאַר זיי אַ רעטעניש, ווי פאַר מיר זיינען אַזוי אָפט געווען אַ רעטעניש די קינדער פון אינדיע. מאָנאַטאָן האָבן זיך דורכגעוואָרפן רעפּליקעס און געפאַלן אויף מיין זייט:

— איר זייט קלוג, זאָגט אונזער דיכטער, נאָר דאָס, וואָס איר פאַרמאָגט, באַפרידיקט אייך קיינמאָל ניט, ווייל בודאי איז צו אייך קיינמאָל ניט דערגאַנגען.

— ביי אייך עסן מענטשן לעבעדיקע באַשעפעניש. אמת, אַז ביי אייך הרגעט מען די קו, וואָס ביי אונז האַלט מען זי הייליק?

— אמת, אַז איר קלייבט זיך נאָך צו פירן מלחמה מיט אַלע פעלקער פון מזרח?

און אַ מיידל האָט געזאָגט:

— אַייערע פרויען ריידן פון זאַכן, וואָס מיר פאַרשטייען ניט. און זיי קוקן אויף אונז, ווי עלטערע קוקן אויף קליינע קינדער.

— איר זייט טאַקע דערוואַקסענער פון אונז, כאָטש דאָס אינדישע פאָלק איז אַ סך, גאָר אַ סך עלטער פון אייך.

עס איז אונטערגעקומען דער ווינע־שפּילער, וואָס בעת שפּילנדיק ביי טאָג פאַר מיר, האָט ער זיך געקלאָגט, אַז דער טאָג איז צו־שרייעדיק, און פאַרשרייט די איידעלע טענער פון דער ווינע. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל איצטער פאַרריכטן דאָס, וואָס

דער טאָג האָט אים בייטאָג צעשטערט. ער האָט עס גערן געטאָן. אונזערע רייד זיינען צערונען און צעשוואומען געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו זען די כמאַרנעס פון דער ווינע. די נאַכט האָט די אָפּגעריסענע קלאַנגען אויפגעכאַפּט און זיי אויסגעצויגן, אַוועקגעשוומען צו זיך אין איר טיפעניש, די טענער האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ פאַרבענקטען נאָכקלאַנג.

— דאָס איז די מעלאָדיע, וואָס אונזער דיכטער האָט ליב. איצטער איז ער אַוודאי וואַך און ער הערט זיך אײַן.

— אַוודאי איז ער וואַך..

— ער שלאָפט ניט אַפילו יעמאָלט, ווען מען קען מיינען, אַז ער שלאָפט.

און זיי האָבן פאַרצויגן שטיל אַ ליד: טאַגאָרעס ווערטער אין מאַגאָרעס מעלאָדיע. די ווינע האָט באַגלייט און די קלאַנגען האָבן זיך געוויגט אין דער נאַכט.

ערגעץ זאָגט טאַגאָרע:

„אונזערע נעמען זיינען, ווי די פאָספאָר־פונקען, וואָס שטאַרבן; ניט לאָזנדיק קיין צייכן נאָך זיך".

מען קען עס ניט זאָגן אויף אים. ער איז אַ קינד פון זיין פאָלק און ער זינגט דאָס געזאַנג פון זיין פאָלק.

„װען עס זינגען די שטערן"

פאַראַנען בײַ די אינדיען אַ גאַנץ אַלטער מוזיקאַלישער אינ-
סטרומענט, אַ רעליגיעזער, פֿון גרויס־שטיינער — ווינאַ הייסט
ער. די זיבן סטרונעס זײַנען אָנגעצויגן איבער אַ לאַנגן גריף, וואָס
פֿאַרענדיקט זיך פֿון בײַדע ברעגעס מיט פֿײַן־אויסגעשניטענע באַלן די
רונדע וואָס געבן אַ רעזאָנאַנס דעם אינסטרומענט. די אינדיען דער-
ציילן, אַז די געטער האָבן נאָך געשפּילט אויף דער ווינע. נאָך
אַנדערע איז די ווינע דער אינסטרומענט פֿון די בראַמינער. שפּילן
איז אַזוי. מיט הבֿדלה, דער שפּילער האַלט דעם אינסטרומענט
אָנגעשפּאַרט אויף די קני, בעת ער זיצט די פֿיס אונטער זיך. אַ
צופּ אַ סטרונע מיט איין פֿינגער. דער מאַן קומט אַרויס און דער
שפּילער באַווײַזט זיך מיט גאַנץ גוף. הערעט זיך. נאָר די באַ-
וועגונג בײַט זיך דער מאַן, וואָס איז פֿון דער ווינע אַרויסגע-
רופֿן געוואָרן. די רעכטע האַנט מיט אַ צופּ די סטרונעס און לאָזט
זיך שטענדיק אַוועק אין דער ליפֿטן. די רעכטע האַנט באַגלייט
דעם מאַן. ווען ער [illegible] אין דער ליפֿטן אַרײַן.

די האַנט פֿרעגט:

„אוי, וואָס איז דער תּכלית פֿון לעבן? און פֿאַר וואָס ווייל די
האַנט ניט [illegible] און אַנטשוויגן ווערן? אוי, ווי, אוי, ווי..."

דער ווינע־שפּילער פֿון [illegible] דאָס צווייטע
אָפּגעשפּילט, און ער [illegible] ווי איבער צאַרטע,
[illegible]. ווען ער האָט אויפֿגעהערט צו שפּילן פֿאַר מיר,
האָב איך שטאַרק באַוווּנדערט, וואָס אים איז אויסגעקומען שפּילן פֿאַר
מיר אין לויטערן ניגון, ווען די נאַטור אַרום איז אָנגעלייגט און
שטיל. ער האָט געשפּילט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און זײַן גאַנצער
קערפּער האָט זיך געלאַסן געוויגט. אַ מין התפּשטות הגשמיות.
— רעכטע האַנט האָט נאָך ווען קלאַנג זיך געצויגן ווי אַ שלאַנג

און געבעטן און געהויבן דעם קלאַנג: „ניט פֿאַרלאָז מיך אַזוי שנעל!“ דער טיפֿער קלאַנג האָט זיך געקרײַזלט אַרום, געבראָמט און גע-ציטערט און זיך צעשפּליטערט אויף קולות און ווידער-קולות.

דערנאָכדעם האָט ער אויפֿגעעפֿנט די אויגן און ווי פֿאַר זיך גערעדט:

„די ווינע שפּילט נאָר גוט בײַנאַכט, ווען די שטערן זינגען. די נאַכט איז וואַך און זי העלפֿט און זי הויבט די מעגע פֿון דער ווינע אַרויס. זי רעדט צו דער ווינע און רופֿט פֿון איר אַרויס די קלאַנגען, וואָס שטאַמען נאָך פֿון די געטער אַליין. אַ צעטער זעסט, די ביימער אַרום זינגען צו-וואַך, שטערן מיר. און בײַנאַכט זינגען זיי אין האַלבן דרעמל און האַלב אויף דער וואַך. יעמאָלט פֿאַר-נעמען זיי אירע קלאַנגען און זינגען אַ טייל פֿון אַ נייער יצירה. אין דער ווינע איז די נשמה פֿון אונזער פֿאָלק. פֿון דער ווינע אַרויס וויבּרירט זי און בעט און ציט זיך צו אַלע וועלטן“.

ער האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע, מיט דער רעכטער האַנט זוכנדיק אין דער לופֿטן דעם טאָן, וואָס איז נאָך-וואָס פֿון אים פֿאַרשוואונדן.

געוויס האָט אונזער מוזיק ווײַט זיך אָפּגערוקט פֿון דעם פּרי-מיטיוון, מוזיקאַלישן באַגריף. אויפֿן פּאַסטעך-פּייפֿל שפּילט עמעצער דעם ניגון פֿון אַ פֿאָלק, און אויך אויף די סטרונעס פֿון אַ גי-טאַרע טאַנצט פֿאָלקס חשק און געוויסן. די אָריענטאַלישע פֿעל-קער, וואָס גרעסער דאָס פֿאָלק, אַלץ אײנזאַמער בלאָנדזשעט אַרום זײַן ניגון. און אויך די קלאַנגען פֿון דער ווינע, וואָס האָבן מיך אַזוי פֿאַמעלעך און זיכער אַרומגעוויקלט, אויך די דאָזיקע מע-לאָדיע האָט מיך געריסן אין אַ זײַט פֿון הײַנטיקער צײַט אַרויס; געשלעפּט מײַן מהות צו אַ שטילן יחודהדיקן ווינקל. דורך דער מוזיק איז גרינג זיך צו דערקלײַבן צום גרויסן מהלך, וואָס ליגט צווישן מזרח און מערב. אויף וויפֿיל מיר, דעם ייִדן, איז נאָענט דער מזרח-ניגון, האָב איך אין אים כמעט געשפּירט דעם גילגול פֿון אונזער אייגענעם ניגון, וואָס בלאָנדזשעט בײַם ראַנד פֿון אַ מדבר.

אין יאַפּאַן האָט געדויערט אַ צײַט, ביז זייער מוזיק האָט דורכ-געלעכערט מײַן אויער און געפֿונען אַ וועג צום גילגול פֿון מײַן איי-

גענעם ניגון. דער יאַפּאַנער האָט ניט ליב אָפּצולאָזן דעם ניגון ווייט פון זיך. זיין דבקות איז געצאַמט, דערשטיקט אין זיך. די מעלאָדיע, אַז זי רייסט זיך אַרויס פון יאַפּאַנערס האַלז, זעט איר יסורים אויפן זינגערס פנים. דערשטיקט אין האַלז די לעצטע טענער. אַפילו די באַגלייטונג, ווען זי קומט פון מויבן פייקל אַרויס, אָדער פון דעם דריי־סטרונעדיקן „סאַמעסאָן" — אַלע קלאַנגען אינאיינעם ווערן פאַרגוואַלדיקט.

דער כינעזער שרייט זיין ניגון אַרויס צו דער וועלט. זיין ניגון איז אַ חוצפּהדיקער. אַ מין ווילן זיך אַליין איבערשרייען. צום כינעזערס ניגון האָב איך קיין פאָדים פון מיין יידישן ניגון ניט געקענט צובינדן. און אַזוי אויך די באַגלייטונג, די טאַצן און פּויקן, זיי פאַרשרייען און פאַרטומלען דאָס גאַנצע לעבן.

און אינדיע, וואָס וויל זיך ניט באַטייליקן מיט אונז אין מיט אונזער רוף פון די חושים; אינדיע, וואָס איז באַוואוסטזיניק אַ שותף צו אַלע געטער, קלוגע און נאַרישע, האָט אויך דעם ניגון אירן פאַרבונדן מיט דעם לעבנסוועג, וואָס קומט פון ערגעץ און פירט ניט אין ערגעץ.

איך האָב ביַגעוואוינט אַ קאָנצערט פון אַ באַקאַנטן פאָלקס־זינגער. דעם ערשטן ניגון האָט ער געקרייזלט אַריבער אַ שעה צייט. דער ניגון איז מיר געווען וואַיל באַקאַנט. צייטנווייז האָב איך געמיינט, אַז ער קומט פון די יום־כיפּורדיקע תּפילות אַרויס. דער ניגון האָט זיך די גאַנצע צייט געקרייזלט, ווי פון דעם זינגערס פינגער אַרום, וואָס האָבן די גאַנצע צייט ספּאַזמאַטיש געזוכט אַרום זיך. ער האָט צוריק מיט די פינגער דעם ניגון צונויפגעדרייט און אים דערשלונגען, ווי עס טוט דער זשאָנגלער, וואָס קען הונדערט איילן סטענגעס אַרויסציען פון האַלז, צונויפוויקלען צווישן די פינגער, פלינק אַריינשליידערן אין מויל און דערשלינגען ווי ניט געווען. באַרג אַרויף און באַרג־אַראָפּ האָט זיין ניגון געקלעטערט און דורך זיין דבקות האָב איך אים דערקענט. געשפּירט, אַז אויך איך בין אַ קינד פון אונטער אַזעלכע הימלען, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס איך האָב זיך שוין געלאָזט פאַרכאַפּן פון דעם פרעמדן ניגון אין מערב־לאַנד, וואָס ווערט אויף טעלערלעך צעלייגט צווישן

ניין צענדליק אָדער הונדערט אינסטרומענטן פון אַ סימפאָנישן אָרקעסטער.

דער אָריענט קען עס נאָך ניט באַווייזן. איז צו־שטרענג אינדי־ווידועל, אָדער שאַרף עגזאָטיש. ווען עטלעכע כלי־זמר באַגעגענען זיך, — איז כאַאָס. די פּויקן העלפן אַריינצוברענגען טאַקט און אָרדענונג אין כאַאָס אַריין. צי איז דער אָריענט מוזיקאַליש — אויף דעם וויל איך ניט ענטפערן. נאָר דער אָריענט איז אַ קוואַל פון מוזיק. פון אָריענט גייט צום מערב אַ טיפער ניגון. ניט נאָר דער גילגול פון אַ ניגון, נאָר דער ניגון גופא. פון אים האָט מען בלויז שטיקלעך געפּליקט און לייכט איינגעפלאָכטן אין אונזער מערב־מוזיק. דעם עיקר ניגון האָט מען דערווייל אויסגעלאָזן. אין אינדיע הויקלט זיך, מערער ווי אומעטום אין די מזרח־לענדער, אַ גרויסער ניגון דורכן לעבן פון פאָלק. און אַמאָל דאַכט זיך מיר אויס, אַז דער ניגון שפּרייט זיך ביים ראַנד פון לאַנד און הערט פון די הייליקע טייכן פאַרשווענקט.

די „ווינע“ איז אין אינדיע אויסדערוויילט, אַז אויף איר זאָלן שפּילן אויסדערוויילטע. אָבער די פלייט, דעם פּאַסטעכס פייפל, איז אין אינדיע אַריינגעפאַלן אין דער נחלה פון די „נידעריקע“ מאַסן, פון די אַרויסגעשטויסענע, ווייל דער אינדוס האַלט זיין מויל פאַר אומריין. אַ סך מאָל וואַשט ער זיין מויל נאָך זיין עסן און פאַרלויף פון טאָג. דעריבער איז אַ לעפל מיאוס. ווי באַלד מען האָט די געהאַלטן אין מויל ביים ערשטן זופּ, איז זי אומריין געוואָרן, און צום צווייטן מאָל זי לייגן אין מויל אַריין, מיינט, פאַראומרייניקן זיך. עסט דעריבער דער אינדוס מיט די הענט. און אַ פלייט, אַ קלאַרנעט מוז מען דאָך כסדר האַלטן אין מויל, אָדער ביים מויל און אַזוי איז דער ניגון, וואָס קומט אַרויסגעבלאָזן פון מענטשנס לונגען דורכן באַמבוק־פייפל, אָדער אַנדערן מין בלאָז־אינסטרומענט — אַ ממזר־ניגון. און די, וואָס שפּילן אויף אַזאַ אינסטרומענט — זיי זיינען דער אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. דעריבער זיינען נאָך דער ווינע דערהויבן געוואָרן אין אינדיע אַלערליי קליינע פייקלעך. וואָס מיט די הענט און פינגער רופט דער אינדוס פון זיי אַרויס קלאַנגען. אויך דאָס פייקל איז דאָ פאַרן יחיד און זיינע שטימונגען.

נאָר פאַרהאַן אַ צייט, ווען ניט בלויז די יהודים אין אינדיע זוכן תיקון הנפש דורך פאַרטראַכטע קלאַנגען פון דער ווינע אָדער פייקל. קומט די צייט, ווען דאָס פאָלק זוכט דורך מוזיק דעם וועג ווי צו לאָזן אַלע ליידנשאַפטן אָפן צום דרויסן. יעמאָלט, ווען פאַנאַטיזם רייסט זיך אָפ פון קייט ביים טיר פון טעמפל, אָדער אין אַ פראָצעסיע מיט די געטער, יעמאָלט זוכט ניט די ווינע און אירע טענער. יעמאָלט זינגען ניט די שטערן מיט דער קאַפעלע, יעמאָלט איז די מוזיק ביכולת אויפצוטרייסלען דעם טאָג, ווי לויטער, ווי שרייעדיק ער זאָל ניט זיין. אַ גרילצנדיקער קלאַנגעט, אַ געלע האָרנשטימע און דער עיקר — פויקן און מעשענע קלאַפערס. אין ערגעץ האָט דער פויק ניט אַזאַ פולן אויסדרוק ווי אין אינדיע. כאָטש דער יאַפאַנעזער און כינעזער האָט אַ סך נשמה אַריינגעלייגט אין פייקל אַריין, נאָר ווי קומט עס צו די אינדישע פייקלעך. ביים אינדוס זיצן רוחות און שדים אין די פינגער. מיט דער הוילער האַנט און הוילע פינגער טאַנצט ער אויף דעם אָנגעצויגענעם פאַרמעט. ווי ווערן די הענט און די פינגער ניט מיד שווינדלענדיק שעה נאָך שעה איבערן פייקל?! דער טאַקט איז אַ בולטער, אַ נערוועזער און דאָך אַ באַשטימטער. נאָכן טאַקט זינגען די זינגער, כאָטש די פייקלעך שרייען זיי איבער. עקסטאַז פון די מאַסן שפילט מיט.

נאָר אָפטמאָל, אין דער נאַכט, הערט מען בלויז איין פייקל מיסטעריעז, מיט אַ לייכטער שאַטירונג פון קלאַנג ביז קלאַנג: בום-בום, און אין דעם בום — איז דער נאַטורן-מהות פון אינדוס, וואָס איז וואַך בעת ער זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן. גלויבסט נאָרניט, אַז דער בום-בום קומט פון דעם אייגענעם פויק, וואָס אויף אים האָבן ביטאָג די פינגער געלאָפירט נאָך דער אויפרעגונג פון די מאַסן, אין דער צייט פון אַ רעליגיעזער פראָצעסיע.

פאַרהאַנען באַוואוסטזיניקע אינדוסן, וואָס ווילן דורכפירן אַ פאַראַלעל צווישן מערב-מוזיק און זייער אייגענער. שטעלן זיך אַליין אַריין אין אַ פאַרנאַכטיקער ליכט, אין דער צייט, וואָס מערב-מוזיק דערקלערן זיי ביטאָגיק. „און דעריבער איז אונזער מוזיק טיפער, ווי אייערע, ווייל נאָר ביינאַכט קען דער מענטש אַריינבליקן אין זיך אַליין". — אַזוי האָט ער געמיינט, מיין ווינע-שפילער. און דאָך

האָבן די אַלע גרויסע מזרח־פעלקער אַזויפיל נשמה אַריינגעלייגט דווקא אין פּויק אַריין. דאָס איז דער סאַמער פּרימיטיווער אופן צו דערשפּירן דעם טאַקט פון לעבן. אַזוי האָב איך אין אַלע מיינע רייזן געהערט דעם מיסטעריעזן אָפּקלאַנג פון טעמפּן פּויק. דער פּויק פירט אַרויס ווילדע שבטים אין אַפריקע צום טאַנץ. אויף אים לייזט זיך אויף דער עקסטאַז פון יאַפּאַנעזער און אויך דער עקסטאַז פון אינדוס. ווען ער רייסט זיך אַרויס פון זיין יחידות, — שווימט עס, ווי דער בעסטער ווין אין קול און ווידערקול פון אַלערליי פּייקעלעך און קליפּערלעך.

ביי וועמען זאָל מען זוכן דעם אויסדרוק פון פאָלקס־נשמה, — צי ביי די, וואָס זיצן דורך נעכט און צופּן די סטרונעס פון דער ווינע, און מיט די קלאַנגען באַצווינגען זיי די נאַכט, באַהעפטנדיק זייער מהות מיטן געזאַנג, וואָס די „שטערן זינגען“ צו זיי — אָדער די ברייטע מאַסן, וואָס היטן אָפּ דעם טאַקט פון פּויק און, וואָס ווי שטאַרקער ווין ווירקט עס אויף זייערע פּיגלשע דינע פיס, וואָס רייסן זיך בשעת־מעשה פון דער ערד און זוכן אויפצולייזן זייער עקסטאַז אין פּרימיטיווע געשרייען און געצונדענעם פּאַטאָס?

וואָלט איך ניט געהערט דעם פּויק ביים ברענגען קרבנות צו דער געטין קאַלי, וואָלט איך בעסער געוואָלט זוכן אין אינדיע דעם אויסדרוק פון פאָלקס נשמה דאָרט, וואו דאָס בלוט צעוואַרעמט זיך ביי דער מאַסע און מיט עקסטאַז גייט זי איבער אין טאַנץ. און כּל־סוף באַדאַרף מען זוכן דאָ דאָס לעבן אין די גאַסן, וואו עס שפּרייטן זיך די מאַסן מיט דעם האַלב־הונגעריקן און האַלב־באַגייסטערטן אויסדרוק אין פּנים.

איך האָב אַמאָל, נאָך האַלבער נאַכט פאַרבלאָנדזשעט אין קאַלקוטע, אין דער געדיכטעניש פון גרויסער אָרעמקייט אין די ענגע גאַסן, וואו דאָס לעבן קנוילט זיך און וויקלט מענטש אין שמוץ. עס האָט די היץ און ענגשאַפט דעם עולם אָפּגעריסענע און האַלב־נאַקעטע מענער אַרויסגעטריבן אין גאַס אַרויס און ווי הערינג, זייט ביי זייט אויף די טראָטואַרן, האָט יעדערער פאַר זיך אַליין זיך געטוליעט צו דער שטילקייט און געזוכט אַ אָרט ווי איבערצושלאָפן די נאַכט. מיט פינסטערניש און מידקייט, אינטערטעניקייט און כאַר־

לאָרנקייט האָט געשלאָגן פון די אָפענע טירן, וואו ווייב און קינד האָבן זיך געקאָרטשעט אין דער הייסער נאַכט. דאָ אויך, האָב איך פלוצלונג דערהערט די טענער פון דער ווינע, וואָס האָבן זיך געקייקלט נידעריק איבער די, אין שטויב אויסגעצויגענע, מידע קערפערס. אַלע וואַך. אַלע אין דרעמל. ווי דער עולם האָט דאָס אויפגענומען? געוויס, ווי דאָס געזאַנג פון די שטערן, וואָס קומען צו זיי שוין פון די אייביקע יאָרן אָן, פון דער צייט, ווען געטער זיינען אומגעגאַנגען אויף דער ערד.

ערגעץ האָט געברומט אַ פויק פון אַהינטער אַ הויז אַרוים. און די טענער פון דער ווינע און דער בום־בום פון ערנסטן פויק האָבן זיך באַגעגנט איבער די קעפּ פון די, וואָס האָבן גערוט אין שטויב. איך האָב אינדיע אין יענער רגע געזען קלערער, ווי אין די לויטערע טעג. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די טענער פון דער ווינע זיינען דאָס די אייגענע, וואָס איך האָב מיט וואָכן צוריק געהערט אפשר טויזנט מייל ווייט פון דאַנען. פון יעמאָלט אָן בלאָנדזשען זיי דורך באַרג און טאָל, דורכגעקליבן זיך דורכן דזשאָנגל און דערגרייכט אַהער מיטצושפּילן מיט די שטערן לכבוד די, וואָס וואַלגערן זיך איצטער נאָך האַלבער נאַכט אין שטויב.

ווידער האָב איך געהערט דעם יחידס ניגון קרייזלען איבער די קעפּ פון דרעמלענדיקע מאַסן. און ווי ווייט איז אָפּגעשיידט אין אינדיע דער יחיד פון די מאַסן? צי ווי דער בוים פון זאַמד, וואָס וואַקסט פון זאַמד אַרויס און וואַרפט זיין שאָטן אויפן זאַמד אַרום אים? אָדער ווי די קלאַנגען פון דער ווינע און בום־בום פון פייקל, וואָס זיינען פון ערגעץ געקומען אַליין, פאַראיינזאַמטע און געצויגן איבער די קעפּ פון די האַלב־דרעמלענדיקע מאַסן אויף דעם שטויביקן טראָטואַר?

נאָך לאַנג וועלן די „שטערן זינגען" אין אינדיע דעם יחידס געזאַנג.

בלויע ליידנשאַפט

1

ווייסע, געלע, ברוינע און שוואַרצע הויטן — דאָס בלוט איז רויט! יאָ, אַלעמענס בלוט איז רויט. אַלעמענס לייב טוט וויי, אַז מען האָט עס געשניטן, און בלוט הויטיקט זיך.

די ליידנשאַפט איז אויך צוליב דעם אייניקע הויטן בלוט. דער מאַן, אין מאָמענט פון זיין תאווה־איבערפאַל, איז ניט קיין גרויסער איבערקלייבער. איך רייד איצטער פון „ווייסן" מאַן, פון דעם אייראָפּעער צי אַמעריקאַנער. אויף דעם זאָגן עדות די אַלע מולאַטן און אַלע געמישטע בלוטן אין נאָרד־ צי אין זיד־אַמעריקע.

די טאַטעס ווערן פאַרפאַלן, אויב זיי זיינען פון דער ווייסער, אַריסטאָקראַטישער ראַסע. אַ חרפּה. אים איז גרינג צו מאַכן פּליטה און אָפּווישן זיינע טריט. די מאַמע טראָגט דעם רעזולטאַט פון איר ליידנשאַפט ניין חדשים. קען זיך ניט אויסבאַהאַלטן. און אַז אַ טונקל־הויטיקע געבוירט אַ קינד פון אַ ווייסן „אַריסטאָקראַט"—איז עס איר קינד, זי שטרעקט אים אויס די ברוסט. די מילך איז ווייס. איז פאַר איר אַ אינערלעכע טרייסט, וואָס די הויט ביים קינד איז העלער, נענטער צום ווייסן מענטשן. דאָס קינד וואַקסט אויס, פרעגט עס: — „וואו איז מיין טאַטע?" ענטפערט מען: — „דער טאַטע איז געשטאָרבן".

אַ יינגל, אַ מולאַט, אַ שטיוול־פּוצער אין אַרגענטינע, פּוצט מיינע שטיוול. פרעג איך אים:

— אַ מאַמען האָסטו?

— יאָ.

— אַ טאַטן האָסטו?

— ניין.

— וואו איז דיין טאַטע?

— מיין מאַמע זאָגט, אַז איך האָב קיינמאָל קיין טאַטן ניט געהאַט.

אַן אויסנאַם איז בראַזיליע, וואו דער פּאָרטוגעזער שעמט זיך ניט אומצוגיין מיט זיין ווייב, אַ נעגערטע, און ביים זייט — קינדער שיין מיט אַ העלערער הויט.

צווישן די נעגער איז אַ יחוס, ווען די הויט איז העלער. מאַכט ניט אויס, אַז מען ווייסט ניט ווער עס איז דער טאַטע. דער פאַרלאַנג אויסצוזען העלער איז אַ גרויסער צווישן די נעגער אין אַמעריקע. נעגער־פרויען טוען וואָס זיי קענען צו פאַרווייכן די שוואַרצקייט. מיט אַ העל קינד איז אַ טריט נענטער צו דער אַריסטאָקראַטישער וועלט און אַ טריט ווייטער פון אייגענעם קוואַרטאַל. האַלטן זיך באַזונדער די מולאַטן. קערן זיך אָפּ פון די פולבלוטיקע נעגער־קוואַרטאַלן. דער נעגער קוקט כסדר אַרויף צום העלהויטיקן.

אַנדערש איז דאָס אין אינדיע. דער אינדוס איז אַ טונקל־הויטיקער אַריער, וואָס די קלימאַטישע באַדינגונגען האָבן אים די הויט פאַרטונקלט. אָבער די פיינע שטריכן פון פנים זיינען ניט צעשטערט. ער, דער אינדוס, איז ביי זיך אַזוי געגרייסט מיט זיין ריינעם בלוט, ווי דער אַנגלאָ־זאַקס מיט זיין „בלויע בלוט". נאָר די ליידנשאַפט ווייסט אין אינדיע אויך ניט פון קיין גרענעצן. די ליידנשאַפט ווערט באַדינגט פון הייס בלוט, וואָס איז רויט. די ליידנשאַפט איז אויך אין אינדיע ניט קיין שטיפקינד, קינדער ווערן דורך איר געבוירן. מאַמעס פון אינדישן פאָלק טראָגן אויס ניין חדשים, פון וועמען עס זאָל ניט זיין. די שיפן ברענגען ווייסע טאַטעס און נעמען זיי צו. די מאַמעס בלייבן אין לאַנד; בלייבן מיט די קינדער, וואָס ווייסע טאַטעס האָבן זיי צוגעדינט.

טרעפן אין אינדיע אויך פאַלן פון געטרייער ליבע. אייראָפּעער און אינדוסן. אַמאָל אויך פאַרקערט. דאָ זיינען די קינדער פון געמישטע בלוטן פאַר קיינעם ניט קיין יחוס. פאַר זיך אַליין אויך ניט. אינדיע פאַרמאָגט זיי אין די גרויסע טויזנטער. זיי זיינען אין אינדיע געהאַסט פון ביידע צדדים. דער אינדוס און דער אַנגלאָזאַקס, — צוויי אַריסטאָקראַטן און ווייערס אַ שותּפותדיק קינד־

איז אַ געצייכנטער ממזר! אַזעלכע לעבן אָפּגעזונדערט. אַ פאַרשטאָ־
סענע קאַסטע. זיי האָבן ווייטע געגנטן אין יעדער גרויסער שטאָט.

2

אַז איך בין צום צווייטן מאָל אָנגעקומען מיטן באַן קיין ק—טע
און זיך געלאָזן צו די האָטעלן נאָך אַ צימער, — בין איך גע־
בליבן אין דרויסן. אַ טוריסטן־שיף איז אָנגעקומען און אויף אַלע
האָטעלן איז געקומען אַן איבערכאַפּעניש. ווענד איך מיר צו מיין
פורמאַן, וואָס האָט שוין אייגנטלעך אויסגעקוקט, אַז איך זאָל
פרעגן ביי אים אַן עצה:

— זאָג מיר, אפשר ווייסטו עפּעס פון אַ פּאַנסיאָן, וואו איך
זאָל מיר קענען אויסרוען פון וועג?

— געוויס, באָס. אַ סך פּאַנסיאָנען זיינען דאָ פאַרהאַן; קלוגע
מענטשן שטעלן זיך גאָרניט אָפּ אין קיין האָטעל.

וויל איך שוין אויסוען קלוג אין זיינע אויגן און זאָג צו
אים:

— איך פאַרלאָז זיך אויף דיר; איך וועל דיר באַצאָלן מיט
אַ רופי טייערער, און פאַרפיר מיך אין אַ גוטן און ריינעם פּלאַץ.

האָט ער מיך פאַרפירט צו אַ קליינעם, צוויי־שטאָקיקן בנין,
אין אַ ווייטיקער און ניט גאָר קיין ריינער גאַס, וואָס האָט באַ־
זונדערס ניט צוגעצויגן צו זיך.

— אָט דאָ, באָס, וועט דיר ניט בייסן ביינאַכט, — האָט דער
פורמאַן מיט שטאָלץ געזאָגט — און גלייך גענומען אַראָפּטראָגן די
פּעקלעך.

אין טיר האָט מיך באַגעגנט אַ מיטליאָריקע פרוי, אַ אינדוסין,
געמאָלדן, אַז אַ צימער איז פאַרהאַן. מיט מאָלצייטן וועט קאָסטן
אַזויפיל און אַזויפיל, און איך וועל באַדאַרפן באַצאָלן פאַר דריי
טעג פאָרויס. און אויב מיר געפעלט עס ניט — שטייט זי ניט
אין מיר.

פרעג איך:

— פאַרוואָס דווקא זאָל איך עפּעס צאָלן פאָרויס און פאַר גאַנצע דריי טעג?

מאַכט זי זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק:

— גענוג שלעק קומען קיין אינדיע אַן. גיי קען זיי. אַז מען באַצאָלט מיר פאָרויס, גייען זיי מיר ניט אָן.

אַזאַ באַגעגעניש איז מיר געפעלן געוואָרן. עס בענקט זיך אַמאָל, אַז מען זאָל דיך אָננעמען פאַר אַ שלאַק אויך. צו ווערן באַהאַנדלט ווי אַ שלאַק, ברענגט אַמאָל אַ סך נוצן אין וועג.

נאָר אַז איך האָב אָפּגעלייגט מיינע פעקלעך אין אַ ניט־באַקוועמען און ניט גאָר קיין זויבערן צימער, און בין אַרויסגעגאַנגען צוריק צו מיין ווירטין, כדי צו באַצאָלן איר פאַר די דריי טעג פאָרויס, — האָט זי מיך באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן אויסדרוק אין פנים. און ווען אין דער אייגענער צייט איז אַריינגעקומען פון אַ זייטיקער טיר אַ יונג מיידל פון אַ יאָר אַכצן, האָט זי איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— גיי צו, פרענסיס, זיי באַקאַנט; דאָס איז מיין טאָכטער פרענסיס.

דאָס מיידל האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, לייכט אַ קוק געגעבן אויף מיר און איז אַרויסגעגאַנגען. און די מוטער, האַלטנדיק דאָס געלט, וואָס איך האָב איר געגעבן אין האַנט, האָט זי געפונען פאַר נייטיק צו דערציילן, אַז זי איז אַן אַלמנה. איר מאַן איז געווען אַ בריטישער, אַ דאָקטאָר. און איצטער לעבט זי אַליין מיט איר טאָכטער.

— פרענסיס איז אין אונז ביידן געראָטן: די אויגן זיינען מיינע און דער נאָז און מויל — זיינע. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז ביי אונז אין לאַנד קוקט מען אויף אונז מיט פאַראַכטונג.

עס האָט מיר געחידושט, וואָס נאָך אַזאַ תחילהדיקן אומצוטרוי, האָט זי מיט אַמאָל, כמעט נאָך אויף דער שוועל שטייענדיק, דערציילט אַ סוד פון איר לעבן. קען זיין, אַז מיין פּאַספּאָרט, וואו עס איז פאַרשריבן מיין באַשעפטיקונג און אפשר דער אַמעריקאַנער פּאַס אַליין, האָט אַזוי פלוצלונג געביטן איר בליק אויף מיר. ווי

די זאַך זאָל ניט זײַן, ביז איך געזען דאַנקבאַר מײַן פֿורמאַן פֿאַר דער איבעריקער רופּי, װאָס ער האָט בײַ מיר גענומען.

3

װײַסע, געלע, ברוינע און שװאַרצע הויטן — דאָס בלוט איז רויט. יאָ, אַלעמענס בלוט איז רויט. אַלעמענס לײַב טוט װיי, אַז מען שנײַדט עס און בלוט רויטיקט זיך.

פֿרענסיס איז געװען סײַ אין איר מאַמען געראָטן און סײַ אין איר טאַטן געראָטן. דער מאַמען האָב איך גלײַך דערקענט; דעם פֿאָטער, דעם בריטישן דאָקטאָר, האָב איך שוין ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו קענען. נאָר אַז אין דער טאָכטערס אָדערן פֿליסט דאָס בלוט פֿון צװיי ראַסן, איז געװען קלאָר אין אַלע אירע באַװעגונגען. די שיינקייט פֿון צװיי פֿולבלוטיקע ראַסן האָט אַרויסגעשײַנט פֿון איר פּנים אַרויס. ריטער מאָן האָט זייער אָפֿט געגליט אין איר פּנים און די אויגן האָבן פֿאַרמאָגט דעם פֿאַרטייעטן פֿײַער פֿון דעם מזרח און די אָפֿענע דערפֿאַרנקייט פֿון דעם מערבֿ־מענטשן.

נאָר די גאַנצע אַטמאָספֿערע אין דעם פּאַנסיאָן איז געװען אַ קרענקלעכע, אַן אומנאָרמאַלע. דאָס איז געװען אַ כּמעט־מקלט פֿון אַלערלײ אַרויסגעשטויסענע פֿון דער „רײנער געזעלשאַפֿט", צוליב די חטאים פֿון טאַטע־מאַמע און צוליב אייגענע חטאים. דאָ האָט מען געקענט באַגעגענען בלאָנדע אייראָפּעער, װאָס האָבן ניט געקענט קיין אָרט געפֿינען פֿאַר זייער ליבע צו די ברוינהויטיקע, שװאַרצאויגיקע אינדישע מיידלעך; דאָ האָט מען געקענט באַגעגענען קינדער פֿון דער העכערער אינדישער געזעלשאַפֿט, װאָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיט זייער ליבע צו אַן אויסגעבלייכטער, אָפּגעבליאַקעװעטער בלאָנדער ענגלענדערין, װאָס האָט שוין גאָר װיניק װאָס אָנצוװערן אין איר אייגענער געזעלשאַפֿט. דאָ האָט מען געקענט פֿון װײַטיקע צימערן הערן היסטערישע געװיינען, פֿון אייראָפּעיִשע פֿרויען, װאָס דער אינדישער מאַן האָט ניט געקענט באַרויבן און האָט ניט געװוּסט, װי אַזוי אויסצודריקן זײַן ליבשאַפֿט און איבערגעגעבנקייט.

אין מיין געגנוואַרט איז אַרויסגעקומען אַ אינדוס פון זיין צי-מער, אַליין אַ יורסט, און ער האָט זיך געווענדט צו דער דעפּאַ-רענער ווירטין:

— איך בעט דיך, לערן מיך, ווי אַזוי זאָל איך זיך מיט איר באַגיין? ווי אַזוי זאָל איך צו איר אַרויסווייזן מיין ליבשאַפט? זי ליגט דעם גאַנצן טאָג, דער פּנים באַגראָבן אין קישן, און וויינט:

האָט די ווירטין מיט וויזהייט געזאָגט:

— דו, מיין טייערער פריינט, וועסט איר ניט קענען געבן דאָס, וואָס זי פאַרלאַנגט. וואָס מער דו וועסט זי ליב האָבן, אַלץ מער וועט זי וויינען, ווייל זי האָט פאַר איין תּוגע פאַרלאָרן איר גאַנץ לעבן.

— זי וועט דאָך ניט אַוועקגיין פון מיר, ווען זי באַדאַרף פון מיר ווערן אַ מוטער...

— געווים, מיין טייערער פריינט, וועט זי פון דיר ניט אַוועק-גיין, ווייל איצטער האָט זי שוין ניט וואוהין צו גיין.

— טאָ, פאַרוואָס וויינט זי גאַנצע טעג?

— איך האָב אויך אַזוי געוויינט ווי זי, ווען איך האָב באַ-דאַרפט ווערן אַ מוטער. נאָר דו, מיין פריינט, לערן זיך פון זייערע מענער. קוק זיי אָן, זיי נעמען זיך ניט צום האַרצן. דאָס איז נאָר מיין מאַן געווען אַן אויסנאַם — אָבער איז ער געשטאָרבן צוויי יאָר נאָך דער חתונה און איך האָב ניט געוואוסט, פון וואָס און צוליב-וואָס — ווייטער זיינען זיי ווי הינט, וואָס נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אויסגעשלאָפן מיט דער צויג — קען זי באַליידיגן מיטן קאָפּ!

זי האָט געהאַט גענוג גרונט צו זיין אויפגעריכטיק. איך האָב געקענט באַגעגנט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַרימט, אַז קינדער האָבן מיט מען אַפילו מיט אַ קאַפּירטע, נאָר אַ מאַטע באַדאַרף מען זיין צו קינדער, וואָס קומען אַרויס פון דיין אייגן בלוט און זיינען ענ-לעך אויף דיר.

— צו אַלדע-שוואַרץ יאָר, ווי אַזוי קען איך קוקן אויף אַ פאַרמוזוועטן פּנים און גלייבן, אַז דאָס איז מיינס אַ קינד?...

פּרענסיס האָט דאָס גוט געוואוסט, און ווייל אין איר האָט געלעבט בלוט פון צוויי פולבלוטיקע ראַסן, מיט אייגנאַרטיקער גע-

פֿליגלטער נאַציאָנאַלער גאווה, דערצו האָט זי פֿאַרמאָגט אַ ספּעציעלע פֿאַרריסנקייט אין איר האַלטונג. זי האָט גוט תּופֿס געווען ביי איר מאַמען אין שטוב דעם עולם. זי האָט געלייענט די פּנימער פֿון די געסט, ווי אַ גוטער פּסיכאָלאָג. איר שוועל האָבן אָפּגעשלאָגן מער פֿון אַלערליי מינים: פֿולבלוטיק־אינדיש, בלויבלוטיק־בריטיש. ווייניקער פֿון אַלץ האָט זי נאָענט צו זיך דערלאָזן אַ בחור, וואָס פֿאַרמאָגט געמישט בלוט, ווי זי אַליין. מעגלעך, אַז די מוטער האָט אויף דעם אַכטונג געגעבן, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז די מוטער אַליין האָט זיך באַצויגן פֿריינטלעכער צו געסט — אינדוסן, אָדער אייראָפּעער. ניט גערן איז זי געווען צו זען ביי זיך קינדער פֿון געשטריכלטע עלטערן.

פּרענטיס איז בכלל געווען אַ געראָטענע. האָט גאַנץ יונג געענדיקט אַ מיטל־שול און האָט זיך געגרייט אָנצוקומען אויפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט. דאָס האָט איר פֿאָטערס בלוט זי געפֿירט אויף דעם דרך.

4

אויפֿן דריטן, צי אויפֿן פֿערטן טאָג, נאָך מיין אָנקומען אַהין וואוינען, האָב איך זיך אומגעקערט פֿון גאַס. איך וויל עפֿענען מיין טיר און קען ניט. די טיר איז פֿון אינעווייניק פֿאַרשפּאַרט. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. דאַכט מיר, איך האָב באַצאָלט דירה־געלט אין דער צייט. איך האָב אויפֿגעשלאָסן און צוריק פֿאַרשלאָסן, דער שליסל אַרבעט גוט! הייסט עס, עמעצער איז אינעווייניק. אַז איך האָב צוגעלייגט דעם אויער צום טיר, האָב איך געהערט דאָס רעגלמעסיקע אָטעמען פֿון איינעם, וואָס שלאָפֿט אינעווייניק.

איך האָב ניט געמאַכט קיין ווערט פֿון דעם, ניט געגאַנגען פֿרעגן ביי דער ווירטין די סיבה, פֿאַרוואָס עמעצער אַנדערש האָט פֿאַרנומען מיין צימער. איך בין צוריק אַוועק אין גאַס. אַז איך האָב זיך אומגעקערט אין אַ פּאָר שעה אַרום, האָב איך אויפֿגעעפֿנט מיטן שליסל מיין צימער, געפֿונען אינעווייניק אַלץ אין אָרדענונג. קיין זאַך איז ניט געריירט געוואָרן פֿון טיש, מיין בעט איז געווען

גלאַט פֿאַרבעט. און אויף קיין אַנדער פּלאַץ, ווי אויף מײַן בעט, האָט די פּערזאָן ניט געקענט שלאָפֿן.

פֿונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט געקענט אַנידערלייגן. עפּעס האָט מיך באַאומרויִקט. עס הייסט דאָך, אַז מײַן צימער איז פֿאַרדונגען אײַנצײַטיק צו צוויי מענטשן. איך האָב באַשטימט, אַז שפּעטער, בײַם עסן, זאָל איך אין שפּאַס פֿרעגן מײַן ווירטין, וואָס פֿאַר אַ גײַסטער עס וואוינען אין מײַן צימער, ווען איך גיי אַוועק. עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג.

מיטאַמאָל עפֿנט זיך אויף די טיר און פּרענכים קומט אַרײַן מיט אַ שמייכלדיקן פּנים, גייט צו גלײַך צו מיר און דערציילט מיר, אַז פֿריער, ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען, האָט זי מיט אַ נאָכשליסל געעפֿנט מײַן טיר און זיך געלייגט שלאָפֿן אין מײַן בעט. און זי בעט, איך זאָל אויף איר ניט האָבן קיין פֿאַריבל, ווײַל זי איז געווען זייער שלעפֿעריק און זי האָט מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— איך האָב זיך פֿון עמעצן באַדאַרפֿט איבערהאַלטן.

זאָג איך צו איר:

— דו האָסט דאָך געקענט די גאַנצע זאַך פֿאַרלייקענען פֿון מיר, ווײַל אין צימער איז גאָרניט צו דערקענען, אַז עמעצער איז דאָ געווען?

האָט זי זיך מודה געווען, אַז זי האָט געהערט מײַנע טריט און געהערט, ווי איך האָב זיך געעסקעט מיטן שליסל אין טיר און ניט געקענט עפֿענען. האָט עס איר געוווּנדערט, פֿאַרוואָס איך האָב ניט געקלאַפּט אין טיר און ניט געגאַנגען צו איר מוטער פֿרעגן, ווער עס איז אינעווייניק. און דעריבער איז זי געקומען און דיך אַליין מודה געווען, וואָס זי האָט געטאָן, און דערבײַ צוגעגעבן:

— איך טו ניט אַזאַ זאַך; צו אַן אומבאַקאַנטן אין צימער גיי איך קיינמאָל ניט. עס איז דאָס ערשטע מאָל. און איך בעט דיך, דו זאָלסט עס דער מוטער ניט דערציילן.

זי איז אָבער ניט אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער. שטייענדיק האָט זי באַטראַכט די ווענט, גלײַך ווי זי וואָלט זיי געזען צום ערשטן מאָל. איך האָב דאָס באַמערקט און געפֿרעגט:

— פאַרוואָס באַטראַכטסטו אַזוי דעם צימער? באַדאַרפסט דאָך אים שוין גוט קענען?

— עס איז ניט קיין מולדיקער צימער, — האָט זי שטיל געזאָגט, — זייער אַ סך טרערן האָט מען אין דעם צימער פאַרגאָסן. איך האָב איך הײַנט דאָ געוויינט. זעסט, דו האָסט ניט דערקענט קום, איך וועל דיר ווייזן.

און זי האָט מיר געוויזן אויפן קישן צייכנס פון טרערן:

— דאָס וואָלסטו קיינמאָל ניט דערקענט. איך וויל דיר נאָך דערציילן, אַז אין דער אייגענער בעט האָט זיך געבאָרן אַן ענגלישע פרוי.

איך בין נשתּומם געוואָרן פון איר הײַקער האַלטונג און פון אירע פּשוטע ווערטער. און וואָס האָט זי, נאָך אַלעמען, געפונען פאַר נייטיק דאָס צו דערציילן אַ מענטשן, וואָס זי קען ניט און. וואָס וואוינט אין דעם אייגענעם צימער? און איר האָט געזים גערעדט דאָס אינדישע בלוט, וואָס שפּירט דאָס לעבן פאַטאַליסטיש.

— ווער איז געווען די פרוי, וואָס האָט זיך גענומען דאָס לעבן אין דער דאָזיקער בעט? — האָב איך געפרעגט.

האָט זי מיך גאַנץ רויק, קאַלטבלוטיק, ווי אַ דערוואַקסענע דערציילט, ווי אַזוי עס איז אַהער פאַרפאַלן אַ פּאָר פאָלק — ער, אַ בראַמינער, פון זייער רייכע עלטערן אין בענאַרעס, און זי — אַ טוריסטקע, וואָס איז געקומען פון ענגלאַנד איינער אַליין.

— ווייסט, — האָט זי מיר דערקלערט — מיר דאַכט זיך, אַז די ענגלישע מיידלעך קומען אַהער אַליין אומישנע, כּדי צו באַגעגענען אינדישע מענער. זיי זיינען ביידע אַהער געקומען. דאָ האָט זי אים שוין פיינט געהאַט. אוי, ווי זי האָט אים געהאַסט! ביי אַ אינדישער פרוי איז גאָר אַזוי פיל ביזקייט ניטאָ. ער האָט געוואָלט, זי זאָל גיין מיט אים וואוינען באַזונדער, נאָר ניט אין דער אייגענער שטאָט, וואו זיינע עלטערן. און זי — זי האָט אים ליב געהאַט און פיינט געהאַט; אַלץ אינאיינעם. דאָ אין שטוב האָט זי געבוירן אַ קינד און גלייך אויף מאָרגן האָט זי זיך פאַרסמט. דאָ, אין דער דאָזיקער בעט, איז דאָס געווען פאַראַיאָרן זומער.

— פאַרוואָס האָט זי זיך פאַרסמט?

— ווייל דאָס קינד איז געווען אינגאַנצן אין אים געראָטן. ניט ווי איך בין געראָטן אין מיין טאַטן, — איר קינד איז געווען שוואַרץ ווי אַ מאַדראַסער.

— זאָג־זשע מיר, — האָב איך גוטמוטיק געפרעגט — אויב דו האָסט זיך אויסגעשלאָפן אין מיין בעט, קענסט מיר ניט זאָגן, פאַרוואָס דו באַהאַלטסט זיך אויס פון דער מאַמען?

איצטער ערשט האָט זי אויפגעפלאַמט מיט איר גאַנצן וועזן, ממש, זי איז גרייט געווען איבערצוברעכן אויף צוויי דעם שירעם, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— יאָ, דו ביסט אַן אַמעריקאַנער, האָט זי שנעל גערעדט, ביי אייך אין אַמעריקע, זאָגט מען, טוט די פרוי אַלץ, וואָס איר האַרץ גלוסט, — זאָג מיר, ווי אַזוי קוקט מען ביי אייך אויף אַ קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַזעלכע טאַטע־מאַמע, ווי איך?

— איך דערקען אין דיר, אַז דו ביסט מיט אַ שטאָלצן כאַראַקטער; דיך האָבן ליב בחורים סיי אייראָפּעיִשע און סיי אינדיסן, — וואָס אַרט עס דיר, ווי די וועלט קוקט אויף דיר?

— אָבער זאָג מיר, ווי אַזוי וואָלט מען געקוקט אויף מיר ביי דיר אין לאַנד? — איז זי צוגעשטאַנען.

— אין אַמעריקע קוקט אויף די אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט פון אויבן אַראָפּ אויף אַזעלכע, וואָס קומען אַרויס פון טונקלהויטיקע און העלהויטיקע עלטערן.

— ניין, איך האָב דיר ניט געזאָגט דעם אמת, פאַרוואָס איך האָב זיך פאַרשפאַרט אין דעם דאָזיקן צימער און פאַרוואָס עס ציט מיך צו יענער בעט. מיר איז שווער צו לעבן, כאָטש איך בין יונג און שיין. מיר וואָלט גוט געווען, ווען איך קען ווערן אַ אינדישע הורך און הורך; איך וואָלט אַפילו געווען צופרידן אָנצוקומען צו אַ שלעכטער שוויגער און ווערן שפּעטער אַן אַלמנה, אַז איך זאָל באַדאַרפן אומגיין מיט אַ געשוירענעם קאָפּ און ניט טאָרן קומען מער אין אַ בראַמינישער הויז. ווייסט דאָך ווי ביי אונז איז אַ מענטש, וואָס איז אַרויסגעוואָרפן פון אַ קאַסטע? דעם פּאַריאַ איז בעסער. ער ווערט אויפגענומען פון אַן אייראָפּעער. אָבער אַזעל־

כע, ווי אונזערע, מענער און פרויען — דו ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ ווערט מיר האָבן דאָ אין דער טאָפּלטער געזעלשאַפט.

— וואָס גייט דיר אָן, ווי מען קוקט אויף דיר? ביסט יונג און פול מיט חן. איך זע דאָך, ווי בחורים קומען צו דיר.

— וואָלטן געקומען בלויז אייראָפּעער, אָדער נאָר אַמעריקאַנער וואָלט איך וויסן, אַז איין בלוט אין מיר האָט געזיגט. איצטער שפּיר איך, ווי אין מיר קריגן זיך צווייערליי בלוטן.

— ניטאָ קיין צווייערליי בלוטן; איטלעכס בלוט איז רויט. — האָב איך געזאָגט.

— ניין, ניין. ניט אַזוי. איך בין דאָ אין שטוב אויסגעוואַקסן. אַזויפיל אומגליקלעכע האָב איך שוין געזען. פאַרוואָס האָט מיין מאַמע געמאַכט אַזאַ פּאַנסיאָן, וואו נאָר אומגליקלעכע מענטשן זאָלן קומען און אַוועקגיין?

— בין איך אויך אַן אומגליקלעכער?

— ניין, דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט צו אונז פון אַ גליקלעכער וועלט און דעריבער, פון דעם ערשטן טאָג זינט דו ביסט ביי אונז, זאָג איך עס. איך האָב עס דער מאַמען אויך געזאָגט: — „זע, דאָס איז אַ מענטש פון אַ גליקלעכער וועלט".

איך האָב שפּעטער געטראָפן נאָך אַזעלכע אין איר גלייכן, מענער און פרויען. איך האָב געטראַכט, פאַרוואָס די דאָזיקע הייס־בלוטיקע קינדער פון בלומרשטע זינד, פאַרוואָס גיבן זיי ניט אַרויס פון זיך אַ שורה רעוואָלוציאָנערן, וואָס זאָלן לייגן די בריק צווישן קלאַס און קלאַס, קאַסטע און קאַסטע און, וואָס זאָלן זיין די צאַבּרעכער פון אַ לעבן, וואָס איז איינגעצאַמט אַ צאַם אין אַ צאַם?

איך האָב מער די פּרעזים ניט געקענט אַריינציען אין קיין שמועס אַריין. יעדעס מאָל, ווען איך בין געזעסן ביים טיש צווישן אַ דריטע געסט, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאַנסיאָן, איז זי געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, אָדער אַריינגעקוקט אין אַ בוך אַריין. די מוטער האָט אויך אויף מיר צייטנווייז געקוקט, ווי אויף איינעם, וואָס ווייסט אַ וויכטיקן סוד וועגן איר טאָכטער. ביים אַרויסציען פון

פענסטאָן האָב איך זיך מיט דער פרענסעס ניט באַגעגנט. נאָר אין אַ עטלעכע טעג שפעטער האָב איך זי געזען פונדע־ווייטנס, ווי זי איז געגאַנגען מיט אַ יונגמאַן, — אַ אינדוס.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער אינסטינקט פירט זי אַהין, וואו עס איז דער גלייכער וועג. און אַז מען וועט זי זיך ניט לייגן אין דער בעט, וואו אַ מוטער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

גאַנגאַ, די הייליקע מוטער

1

הויך, פון די הימאַלאַיער בערג, פון די אייביקע שנייען קומט אָן גאַנגעס, די „הייליקע מוטער"; שניידט דורך דאָס האַרץ פון לאַנד, פאַרנעמענדיק מיט זיך אין איר וועג קלענערע טייכן — פאַראייניקט זיך מיט דער בראַמאַפּוטראַ אין בענגאַליע און, צערייסנ־דיק אויף פאַסן דעם ראַנד פון לאַנד, ציט זי זיך אַריין מיט אירע אויסגעשפּרייטע אָרעמס אין בענגאַלישן ים־אויסגוס.

הייליק, הייליק איז די גאַנגעס ביים אינדישן פאָלק. ליבע און פחד טראָגן די קינדער פון לאַנד צו אירע ברעגעס. און צום הייליקסטן איז די גאַנגעס דאָרט, וואו זי וואַשט דעם זוים פון דער הייליקער שטאָט בענאַרעס, אָדער קאַסי, ווי זי הייסט נאָך.

זיבן טייכן זיינען הייליק ביים אינדישן פאָלק. אָבער דער בראַמינער, אַז ער שטייט אויף באַגינען און באַדאַרף טובלען זיין דעם גוף, איידער ער זאָגט זיינע הימענס צו די געטער — אַזוי ער זאָל ניט זיין, אין וואָס פאַר אַ טייך אָדער סתם וואַסער ער זאָל זיך ניט באָדן — באַדאַרף זיין גאַנצער ווען מכוון זיין די גאַנגעס. דערביי איז זיין תפילה געווענדט נאָר צו איר:

„אָ, גאַנגעס, וואָס דו ביסט געבוירן אין בראַמאַס קרוג, פון וואַנען דו האָסט אַראָפּגעשטראָמט צו שיוואַס האָר און פון שיוואַס האָר צו ווישנוס פיס; פון וואַנען דו האָסט נאָכדעם אַראָפּגעשטראָמט צו דער ערד, כדי ריין צו וואַשן דעם מענטשן פון זיינע זינד און דערלאַנגען אים מזל און ברכה! אָ, דו, וואָס דו דערהאַלטסט אונטער יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש — איך טראַכט פון דיר איצטער, ווען איך בין מטהר מיין לייב, גלייך ווי אין דיינע הייליקע וואַסערן וואָלט איך מיר איצטער געבאָדן. רייניק מיך דעריבער פון מיינע זינד און באַפריי מיך פון אַנדערע שלעכטיקייט".

ווען אינדיעס טייכן צעשפּילן זיך און גייען אַרויס פֿון די ברעגעס; די גאַנגעס אַליין, ווען זי צעשפּילט זיך און גייט אַרויס פֿון אירע ברעגעס — ניט נאָר דעם מענטשנס זינד פֿאַרשווענקט די מענטשלעכע לעבנס מיט האָב און גוטס פֿאַרשווענקט זי אין צייט פֿון איר איבערפֿלוס. מער ניט דאָס, וואָס די גרעסטע זעליקייט באַדאַרף האָבן דער אינדוס אין די אויגן פֿון די געטער, כּדי צו קענען אומקומען אין די וואַסערן פֿון דער גאַנגעס.

די טראַדיציע זאָגט, אַז בײַ בענאַרעס באַגעגענען זיך אונטער דער גאַנגעס נאָך פֿינף הייליקע טייכן. די גאַנגעס דינט איר אייגענעם געזאַנג אַ יעדן אינדערפֿרי און אַ יעדן פֿאַרנאַכט און דאָס געזאַנג גלעט דעם אויסגעצערטן גוף פֿון אַ יעדן, וואָס האָט צו דער עלטער זיך אַריבערגעקליבן קיין בענאַרעס, צו מעדיטירן און אויסהויכן די נשמה צום באַגינענדיקן, רויז־פֿאַרשלייערטן פּנים פֿון דער גאַנגעס.

הייליק איז אין בענאַרעס דער מערבֿ־ברעג, ווייל אויף אים פֿאַלן די ערשטע שטראַלן פֿון דער זון, ווען די זון גייט אויף אין מזרח־זייט. אין די אַלטע צייטן האָבן דאָ הונדערטער טעמפּלען געשפּיגלט זייערע שפּיצן אין דער גאַנגעס. זינט די מאַכמעדאַנער זײַנען אַרײַן אין אינדיע, זײַנען די טעמפּלען פֿאַרמינערט געוואָרן. אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט, דערציילט די היסטאָריע, האָט דער מאַכמעדאַנישער הערשער אַללאַ־אוד־דין חרובֿ געמאַכט טויזנט טעמפּלען. איצטער איז נאָך אויך גענוג דער מערבֿ־ברעג פֿאַרבויט און פֿאַרטעמפּלט. דאָ געפֿינט זיך אַ טעמפּל צו דער געטין קאַלי, וואו מ'איז מקריבֿ ציגן־בעק. אין די געדיכטע צווייגן פֿון די ביימער אַרום דעם דאָזיקן טעמפּל שפּרינגען אַרום הייליקע מאַלפּעס. אויף די ביימער זיצן אָדלער, נבֿלה־פֿרעסער און קוקן אויס, אַז מען זאָל צום אַנדערן ברעג אַרויסשלעפּן מתים, וואָס קומען צו שווימען אין, וואָס דאָ, בײַ בענאַרעס, קלייבן זיי פּאַריאַס אויף, צום מזרח־ברעג אַרויס.

דאָ, בײַ די ברעגעס, געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָל פֿאַרברענפּלעצער, וואו מען פֿאַרברענט מתים. ווייל אפֿשר מער ווי אומעטום שטאַרבט מען אין בענאַרעס: פֿון גאַנצן לאַנד קומט מען קיין בענאַרעס אויסצוהויכן די נשמה, דאָ בײַם ברעג פֿאַרברענט צו ווערן.

כדי דער אַש זאָל באַגאָסן ווערן מיט דעם וואַסער פֿון דער הייליקער גאַנגעס און דאָ זאָל צעבראָכן ווערן דער ערדענער קרוג אויף די איבערבלייבענצן פֿון מענטשן. לעבן און טויט — אײנס מיטן אַנדערן שרייען זיך דאָ איבער. סיוואַ און ווישנו — דער גאָט, וואָס צעשטערט, און דער גאָט, וואָס באַהיט און באַשירעמט — איעדנס ווינטל בלאָזט דאָ איבער פּנים פֿון די גלויביקע. אין די נעכט פֿון פֿול־לבנה קומען צעפּלאָנטע מוטערס בעטן בײַ דער גאַנגעס, זי זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיי. עקרות קומען אויסגיסן זייער געבעט און רײַסן פֿון זיך די צירונג און שלײַדערן צו דער הייליקער גאַנגעס. קומען פֿרויען פֿון פּרינצן, אין זיידנס געוויקלט, באַהאַנגען מיט צירונג; זיי גייען מיט די קליידער אין וואַסער אַרײַן, רײַסן פֿון זיך בראַזלעטן און אוירינגען און וואַרפֿן דער גאַנגעס אַ מתּנה, זי זאָל איר גרימצאָרן פֿון זיי אָפּווענדן.

אַהער, קיין בענאַרעס, צו דער גאַנגעס ציען זיך אַרטעריעס פֿון אַלע עקן לאַנד; דורך די אַרטעריעס שטראָמט הייס, זודיק בלוט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס וויל אין זיך טויטן אַלע לײַדנשאַפֿטן. ווײַל איעדן אײנעמס חלום איז, צו קומען אַהער באָדן זײַן לײַב; צו ריייניקן זײַן לײַב און קילן זײַן גוף. מיט יעדן באַגינען קומען אַהער צענדליקער טויזנטער צו שפּיגלען דאָס פּנים אין דער גאַנגעס און מעדיטירן און גלויבן, אַז דורך דעם וועט די נשמה אויסגעלייזט ווערן פֿון אירע גילגולים, וואָס איר שטייט פֿאַר אויפֿן וועג צו נירוואַנע.

אין בענאַרעס, פֿון מערבֿ־ברעג, ציען זיך אַראָפּ מאַסיווע הילצערנע און שטיינערנע טרעפּ, אַראָפּ ביז צום וואַסער. הונדערטער, הונדערטער יאָרן טרעטן גאָטספּאָרכטיקע טריט פֿון פּילגרימער די דאָזיקע טרעפּ. זיי זײַנען געבויט געוואָרן אין אַלערליי צײַטן, דורך אינדישע פּרינצן און פֿאָרשטייער פֿון רעליגיעזע סעקטעס. דאָ זײַנען טרעפּ, וווּ בראַמינער קומען אַראָפּ צום וואַסער מעדיטירן; טרעפּ פֿאַר די מודראַס און טרעפּ, וווּ עס קומען די אַלמנות זיך באָדן...

2

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ טוי פון וואַסערשפּיגל און זיך אויפגעלייזט אין דעם ראָולעכן גרוי פון באַגינען, ווען איך האָב מיט מײַן שיפל זיך אָפּגערוקט פון ברעג אין גלאָן, אַז דאָס וואַסער זאָל ריזלען בײַ די זײַטן פון מײַן שיפל.

מײַנע שווײַגנדיקע שיפער, נאַקעטע ביז די לענדן, האָבן געשעפּטשעט אַ תּפילה, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען, ווען זייערע בליקן האָבן זיך געצויגן צום הייליקן ברעג, פונוואַנען דאָס שיפל האָט זיך דערווייטערט.

די גאַנגעס איז דאָ ברייט און טיף און מיט דער פולער וואַסער־שפּע שווענקט זי בײדע ברעגעס צוגלייך. דער ברעג רוט דאָ אַ פּאַרטראַכטקייט אויף איר אייבערפלאַך. איצטער, אַרויסקומענדיק אויפן מיטן טײַך, האָבן זיך פאַר מיר באַוויזן די שאָטנס פון די טעמפּלען, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער. מיט שטילע, געמאָכטענע טריט האָבן אַראָפּגענידערט איינס הינטערן אַנדערן אינדיעס קינדער, וואָס מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם דערנענטערן זיי זיך צום הייליקן וואַסער, צו באָדן זייער לײַב. זיי קומען אָן און, שאַ און שטיל, לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויפן לעצטן טרעפּל און ציען די הענט און הויכן דאָס גאַנצע לעבן אַרויס צו דער הייליקער גאַנגעס.

אַפּריער זעט מען נאָר זייערע סלועטן, אָבער דער מאָג וואַקסט, דער באַגינען צייטיקט און דעקט אָפּ די שוהות מענטשן, וואָס אין די צענדליקער טויזנטער זיצן זיי איצטער לענגאויס, אויף די טרעפּ; זייערע טונקעלע לײַבער, אײַנגעוויקלטע אין ווײַסע לײַלעכער, שפּילען זיך אָפּ אין וואַסער.

אַרויף און אַראָפּ באַוועגט זיך מײַן שיפל און מײַן בליק פאַלט אויך צום מזרח־ברעג. אַ אָרעמער ברעג, אַ פאַרשאָלטענער. ניט באַבוימערט, ניט פאַרבויט. דער האָריזאָנט אָדער ציטערט דאָרטן און די בלאַסקייט פון פרימאָרגן איז שוין אים ענגליש געוואָרן; די ערשטע שפּורן פון דער זון רעפלעקטירן איבער דער פלאַכקייט פון מזרח־ראַנד.

איצטער איז די גאנגעס בלאסלעך-בלוי; צעשוואומען געווארן דער לייכטער נעפל, וואס האט דאס פנים פון דער הייליקער מוטער פארצויגן. דער שטראם איז א יונגער; שטארקער ריזלט דאס וואסער ביי די זייטן פון מיין שיפל. מיינע שיפער רירן פארזיכטיק מיט די רודערס, חלילה ניט וויי צו טאן דער הייליקער מוטער. אויף מיר קוקן זיי ניט פריינטלעך. ווייסן, אז פאר געלט פירן זיי א זינדיקן. און אפשר וועט די הייליקע מוטער באשטראפן, ווען די פולע מאס גרימצארן וועט זיך אריבערגיסן.

איצטער קען מען הערן, ווי עס קלאפט דאס הארץ ביי א גאנץ פאלק. ווייל דער מזרח-הימל איז שוין געווארן רא, פארבנדיק ווארעמער דעם גרוי פון מערב-ברעג. איצטער זעט מען שוין ארום די אויגן פון אינדישן פאלק, ווי זיי גליען דא ביים זונאויפגאנג. א פאלק האט אלץ איבערגעלאזן ערגעץ און אהער ארויסגעקומען, לאזנדיק הינטער זיך דאס גאנצע לעבן, ווייל לעבן און טויט האבן צווישן זיך שלום געמאכט און האבן צווישן זיך אפגעווישט אלע גרענעצן.

טויזנטער און טויזנטער הענט שעפן איצטער אן וואסער פון גאנגעס און שאפלען ארויס טראפעלעכווייז אנטקעגן מזרח; שיקן הייליקע טראפעלעך צו באגעגענען די זון, וואס קומט מיט איר גאנצן ליכט-אוצר ארויס צו באלייכטן די ערד. די בראמינער שעפטשען איצטער א תפילה צו דער זון:

„א, דו זון, דו ביסט בראמא ביי דיין אויפגאנג, רודרא, ווען דו גרייכסט האלבן טאג, און ווישנו — ווען דו פארגייסט. דו הערשסט איבערן טאג און ביסט אן עדות פון אלץ, וואס געשעט אויף דער ערד. דו ביסט די לויטערע אויג פון דער וועלט; דו טוסט צעמעסטן די צייט; צעטיילסט טאג און נאכט — וואכן און חדשים. איך טו תפילה צו דיר". —

און ווען די זון האט זיך ארויסגעשניטן פון צווישן ערד און הימל און א ווארף געטאן א בונט שטראלן צום מערב-ברעג — האט דער גאנצער ברעג זיך א צאפל געטאן — טויזנטער און צענדליקער טויזנטער האבן זיך געווארפן אין וואסער און דערפילט די קילקייט פון דער גאנגעס: צענדליקער טויזנטער האבן זיך

געשטובלט. דער טאָג, אינאיינעם מיט דעם פייען אויפּאַטעמען פון די באַדנדיקע, האָט איבערגעריסן די אײַנגעהאַלטענע שטילקייט, וואָס האָט אַ ווײַלע פריער געהערשט.

די זון איז אַ גלוטיקע אַרויס איבערן האָריזאָנט און מיט אַ הייסן פליגל אַ כאַפּ געטאָן איבערן פּנים פון גאַנגעס. עס האָט זיך אָנגעצונדן דאָס גאָלד אין די טעמפּל־קופּאָלן; עס האָט זיך אָנגעצונדן די נאַקעטקייט פון די גלויביקע. אויף די ביימער אַרום קאַלי־טעמפּל, אָדער מאַלפּע־טעמפּל, ווי ער הייסט נאָך, האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן: מאַלפּעס זײַנען געשפּרונגען פון בוים צו בוים מיט באַנומענע קולות. דערבײַ האָבן זיך פונאַנדערגעפּלאַקעט די שיטערס, אויף וועלכע עס זײַנען אויסגעריכט געוואָרן מיט תּפֿילות די „גליקלעכע", וואָס האָבן זוכה געווען צו שטאַרבן אין בענאַרעס. אַ סך פייערן האָבן זיך צעפלאַקערט. אַ סך האָבן דאָ זייער לעצטן אָטעם אויסגעהויכט. איצטער איז אַזאַ לויטערער טאָג איבער דעם אויפגעגאַנגען.

עס טראָגט זיך פון אַ טעמפּל אַ פרויען־געזאַנג. אַ סך פרויען זינגען אין איין שטימע: דאָס זינגען די אַלמנות אויס זייערע ליידן און זייער ליבע צום ניי־געבוירענעם טאָג. אין די טעמפּלען צעפּיקן זיך פּיקן און עס צימבלען מעשענע קליפּערלעך. אַ הייליקע קו ציט אויס איר האַלדז און לאָזט אַרויס אַן אויסגעצויגענעם מ ה ו...

עס שטייט אויף אַ רעליגיעזער כאַאָס. שטימען קומען פון אומעטום, תּפֿילות פון אומעטום. תּפֿילות טראָגן זיך צו דער זון, צום הייליקן טײַך, צום טאָג, וואָס איז אָנגעקומען. דער טאָג רײַסט אַראָפּ די ראָזע פאַרנעפּלטקייט און ברענגט אַרײַן די ווירקלעכקייט. לעבן און טויט האָבן זיך צו נאָענט באַגעגנט. הייליקייט מיט טויט־געריך האָבן זיך צו־נאָענט באַגעגנט.

איך ווייס ניט, פינוואַנען און פון ווען האָט זיך בײַם זײַטשיפל באַוויזן אַ שווימענדיקער מת. און כאָטש אין דער גאַנגעס — דאָך ציט פון אים אַ שלעכטער ריח...

די גרויסטע, גרויע ווירקלעכקייט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דעם דאָזיקן באַגינען, וואָס האָט מיך אײַנגעוויקלט אין אַ ראָזן, מיסטישן שלייער. איך האָב שוין כמעט אַליין געהאַט פאַרגעסן וואָ

איך בין; פאַרגעסן אין דעם פולן כּוס ניכטערקייט, וואָס איך האָב דווקא אין אינדיע אויסגעטרונקען. ס'איז געווען אַ רגע, ווען עס האָבן מיך געדריקט מיינע קליידער, געדריקט ווי אַ שווערער פּאַנצער — יעמאָלט, ווען די צענדליקער טויזנטער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער אַריין און האָבן געטוקט זייערע קעפּ אין דער גאַנגעס: יעמאָלט, ווען די הייליקע מוטער האָט קיל געגלעט זייער לייב. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אומריין בין איך און איך טראָג אויף זיך דעם שטויב פון דער מערב־וועלט. עמעצער האָט מיר געשעפּטשעט אין אויער:

— וואַרף אַראָפּ דיינע קליידער, שפּרינג אין וואַסער אַריין און טו דאָס אייגענע, וואָס אַ גרויס, געלייטערט פאָלק טוט עס דאָ ביים ברעג שוין טויזנטער יאָרן, איעדן אינדערפרי.

און צי וואָלט עס דען אומזיניק געווען? וואָלטן דען מיינע צוויי־שיפער דאָס אָנגענומען פאַר משוגעת? עס וואָלטן אפשר צענדליקער טויזנטער אויגן פון מערב־ברעג צו מיר אַריבערגעקוקט. עס וואָלטן אפשר צענדליקער טויזנטער הענט צו מיר זיך געצויגן — ווען איך שפּרינג אין וואַסער, אויף ניט אַרויסצוקומען מער, — ווי עס האָבן שוין הונדערטער טויזנטער און אפשר מיליאָנען געטאָן דאָ, זינט די געטער האָבן זיך באַוויזן פון די הימאַלאַיער בערג און אָנגעוויזן צום הייליקן טייך — — — —

אָ, ווי גרויס איז די זון, וואָס דעקט אָפּ די ווירקלעכקייט און ווייזט אָן דעם לעבעדיקן מענטשן, אַז אַלץ, וואָס ס'איז טויט — פוילט און שטינקט!

דער טויטער מענטש איז געשוואומען מיטן פּנים אַראָפּ און מיט די הענט צו דער טיף, ווי ער וואָלט זיך געקליבן נידערן צום גרונט. ניט דעם ערשטן טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין וואַסער. ער איז שוין געווען איינגעבלאָזן. אפשר פון ווייט טראָגט אים דאָס וואַסער; געבראַכט אים צו טראָגן ביז צום היינטיקן פרימאָרגן... לויט די רינגען אויף זיינע אָרעמס, גרוי געצייכנטע, וואָס דאָס וואַסער האָט ניט אָפּגעוואַשן, איז קענטיק, אַז ער איז אַ בראַמינער. אפשר האָט ער זיך אַליין געוואָרפן צו דער הייליקער מוטער אין די קילע אָרעמס אַריין.

איצטער האָב איך פֿאַרשטאַנען, צוליב וואָס די גרויסע רויב־פֿייגל, נבֿלה־פֿרעסער וואַרטן דאָ אויף די ביימער אַרום די טעמפּלען. זייערע שאַרפֿע בליקן האָבן געצילט אַהער. איין אָדלער האָט זיך אויפֿגעהויבן אויף די פֿליגל און געצירקלט איבער מיין שיפֿל; אַראָפּגעצילט מיט די בליקן צום בראַמינער, וואָס איז אַן אויפֿגעבלאָזענער געשוואומען פּאַמעלעך מיטן הייליקן טייך און פֿאַרפּעסטעט די וואַסערן, וואָס קומען פֿון די ריינסטע און לויטערסטע שנייען, וואָס שמעלצן זיך אין די הימאַלאַיען.

איך בין דעם אייגענעם פֿאַרנאַכט אַרויסגעקומען צום ברעג טייך. די זון האָט גענידעריקט צו מערבֿ־זייט און באַלויכטן דעם טרוקענעם און פֿאַרוואָרלאָזטן מזרח־ברעג, וואוהין פֿאַר אַס שלעפּן אַרויס פֿון וואַסער די טויטע, פֿאַר די רויב־פֿייגל וועגן. דאָ און דאָרטן זיינען געזעסן אַלטע לייט אונטער די דעכעלעך, וואָס קומען אַרויס ביים כאַמע וואַסער, און מיט שטאַרקע בליקן געקוקט צום טייך, וואָס האָט זיך שוין געוויקלט אין פֿאַרנאַכטיקן, רויִקן נעפּל. עס האָבן דערברענט די שייטערס און דאָס לעצטע פֿון מענטשנס געביין, און דעם רויך האָט אַ ווינטל געשפּרייט איבער דעם הייליקן טייך.

טרויער, טרויער אָן אַ סוף, האָט מיך אַרומגענומען. איצטער האָב איך נאָך שאַרפֿער געשפּירט, ווי עס איז כאַטאַל אַזוי נאָענט צו דערנענטערן די גרענעצן פֿון לעבן און טויט; אַזוי צו באַשאָטענען דאָס זוניקע לעבן מיט שאָטנס פֿון טויט. אויב אינדערפֿרי האָט די זון אַראָפּגעריסן אַלע שלייערן פֿון לעבנס־קוואַל — האָט איצטער דער אָוונט, ביי דער גאַנגעס, צוריק דאָס לעבן פֿאַרשלייערט.

גייענדיק מיט די טרעפּ אַרויף, צוריק צו דער גאַס, איז מיר אָנגעקומען אַ הייליקע קו אַנטקעגן און אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. האָב איך אַליין ניט געוואוסט — צי זאָל איך אויף אַ ווײַלע ווערן אַ פֿאַסטוך און אַוועקפֿירן זי פֿון דאַנען אין פֿעלד אַריין, אָדער איך זאָל כאַפּן דעם ערשטן און בעסטן יאָגי, וואָס

דרייט זיך אַרום בײם ברעג און װעצן זיך, צי קײַקלען מיט אים דעם־
דינען פון לעבן.

פונדעסטװעגן האָט זיך אין מהות אײַנגעשניטן דאָס בילד, װי
אַזוי איערן בײַינען קומט אַרױס אַ גאַנץ פאָלק צום טײַך, צו באַ־
געגענען די זון און באָדן דאָס לײַב אין ליכט פון אירע ערשטע
שטראַלן.

מיט אַ שלאָס אויפן מויל

1

הייליקע שטעט, ווי הייליקע מענטשן — שווער צו פאַרברענגען אין זייער מחיצה צו־לאַנג, ווי ס'איז שווער אויסצוהערן אַזאַ פילאָסאָפיע פון לעבן, וואָס האַלט זיך אויסערן לעבן.

אין אינדיע מיידט ניט אויס דיין וועג, ניט דער הייליקער מענטש און ניט די הייליקע שטאָט. און ממילא שלאָגט זיך שוין אָן אין דער אויסגעבלייכטער לעבנס־פילאָסאָפיע אויך.

די גאַנצע וועלט פאַרמאָגט נאָך אירע הייליקע מענטשן און אירע הייליקע שטעט. נאָר אונטער דער מזרח־זון שטראַלט אַ פשוט־קאָלירט גלעזל מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן. דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט מיט זיין ברוטאַלן רעאַליזם האָט נאָר דעם מזרח פאַרוואונדיקט, אָבער ניט אַראָפּגעריסן פון זיין לעבן די אוראַלטע פאַרשלייערטקייט.

הייליקע שטעט און הייליקע טייכן פאַרמאָגט אינדיע גענוג. אָבער די ג אַ נ ג ע ס — וואָס פאַר אַ טייך איז הייליקער פון דער גאַנגעס? און ב ע נ אַ ר ע ס, אָדער ק אַ ס י, איז די הייליקסטע שטאָט ביים הייליקסטן טייך. די גאַנצע טעריטאָריע אַרום בענאַרעס איז הייליק. אַ סך פילגרימער מעסטן שוין די ערד מיט זייער גוף אַ סך מיילן פאַר בענאַרעס. אַ קלייניקייט, ביי דרייסיק טויזנט בראַמינער, פריסטער, פאַרמאָגט די הייליקע שטאָט!

— נו, גיי זוך דאָ דעם זינען פון לעבן!

טויזנטער יאָרן, אַז מען קומט אַהער שטאַרבן. מען טראָגט אַהער חולאים אויף באַמבוסקענע טראָגבעטלעך, זיי זאָלן דאָ אויסהויכן זייער לעצטן אָטעם. מיט דעם אַש פון די הונדערטער טויזנטער אָן, אפשר מיליאָנען, פאַרברענטע מתים און אויך דער אַש

פון פריען, וואָס האָבן זיך אַמאָל לעבעדיקערהייט געלייגט לעבן טויטן מאַן אויפן שייטער פאַרברענט צו ווערן — זייער אַש איז דאָ אומעטום פול. און גיי זוך דאָ דעם זינען פון לעבן.

ווער ציט זיך דען ניט אַהער, קיין בענאַרעס? ביי דער חתונה־צערעמאָניע, ווען די זעכס־זיבן־יאָריקע חתן־כלה זיינען שוין דורכגעגאַנגען אַלע צערעמאָניעס, יעמאָלט, ווען זיי זיינען שוין אויף שטענדיק פאַרקניפּטע, קומט נאָך צו די הייליקע צערעמאָניע, ווען דאָס חתן־בחורל טוט זיך פּלוצלונג אָן ווי אין וועג אַריין, מיט האַק און פּאַק און לאָזט זיך גיין פון שטוב. מען באַגלייט אים ערנסט אַרויס. און שוין הינטערן דאָרף באַגעגנט אים פּלוצלונג דער כלהס פאָטער און פרעגט אים:

— בחורל, וואוהין גייסטו?

— איך גיי קיין קאַשי, עולה־רגל זיין צו דער הייליקער שטאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מחותן זאָגט אים, אַז ער האָט פאַר אים אַ שיינע כלה און רעדט אים איין, ער זאָל גיין צוריק. שמחה וששון איז ווידער. איצטער גייט ער ניט קיין קאַשי, אָדער בענאַרעס, ווי די שטאָט הייסט היינט. אָבער קאַשי וועט זיין חלום אויף אַ גאַנץ לעבן. יעמאָלט האָט מען אין אים אַריינגעגעבן דעם גייסט פון אַ פּיליגרימער.

די שטאָט בענאַרעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביז צום ראַנד פון הייליקן טייך און יעדן נאָך האַלבנטאָג, ווען די זון נייגט זיך צו מערב־זייט, ציט די גאַנגעס צו זיך די שאָטנס פון די אינדישע טעמפּלען, וואָס בויגן זיך ווי אויפגעשפּיצטע אַנאַנאַסן צום טייך אַפּיר.

איך האָב זייער ליב געהאַט אומצומישן זיך צווישן די פּיליגרימער, וואָס האָבן דעם זינען פון לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ הייפעלע געבראָטענע רייז־קערנער, מיט וועלכע זיי דערנערן זיך. כאָטש ניט שטענדיק איז ליב צו פאַרברענגען מיט אַ יאָגי, וואָס שטייט צו דיר צו בעטלעריש און דו דערקענסט דעם זשוליקשן אויסדרוק אין זיינע אויגן. כאָטש בעטלען אין אינדיע איז אַן אָנשטענדיקע פּראָפעסיע, נאָר דעם יאָגיס אופן פון בעטלען איז נאָך ערגע־

פון דער הייליקער קו, וואָס ציט אָפּטמאָל בײַם אַרבל, אָדער שלעפּט פון אונטער דײַן אָרעם די צייטונג.

2

איך בין געשטאַנען אַנטקעגן דעם קאַלי־טעמפּל און באַטראַכט די מאַלפּעס אויף די ביימער אַרום טעמפּל, באַטראַכט די אָדלער, מתים־פרעסער, וואָס זיצן דאָ אויף די ביימער און קוקן אויס, אַז אויף דעם מזרח־זייט ברעג טייך, אויף דעם אומריינעם ברעג, זאָלן פאַריער אַ טויטן מענטשן, אָדער אַן אַנדער פּגר אַרויסברענגען.

אַ לייכטער שטויס אין פּלייצע האָט מיך אויפגעוועקט פון מײַן פאַרטראַכטקייט. ווײַל אין דער האַלבמאַנקער היץ אין אינדיע און אין שטויביקן בענאַרעס באַדאַרף מען זײַן אַ שותף צו די געטער, כדי ניט אַרײַנצופאַלן אין פאַרחלשטע עולמות.

איך האָב זיך אומגעקוקט. אַהינטער מיר איז געשטאַנען אַ אינדוס פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק. העכער פון מיטעלן וואוקס. מער ניט ווי די „דאַטי“ אַרום די היפטן. דער קאָפּ אָפּגעדעקט, די אויגן זײַנע האָבן מיך דורכגעבערט. מיט די אויגן האָט ער צו מיר גערעדט. איך האָב עס באַגריפן, ווײַל מיטן מויל האָט ער ניט געקענט ריידן:

זײַנע ליפּן זײַנען געווען דורכגעשטאָכן מיט אַ דראָט דורך און דורך אַזוי, אַז דאָס מויל האָט ער ניט געקענט עפענען. אַ נדר! מען טרעפט איצטער זעלטענער אַזעלכע פאַנאַטיקער, אָבער אַחוץ בענאַרעס באַגעגנט מען זיי.

— איז דאָס דער זין פון לעבן? האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט אַליין מיך דורכגעלעכערט מיט זײַנע בליקן און גאָרניט געענטפערט.

עס איז צוגעקומען אַ באַוואַקסענער יאָגי און אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט לאַנגע נעגל, געבעטן אַ נדבה. איך האָב שוין אַרײַנגעטאָן מײַן האַנט אין קעשענע אַרויסצונעמען אַ מטבע און אים דערלאַנגען, נאָר דער ערשטער האָט מיט אײַן האַנט פאַרהאַלטן מײַן האַנט, וואָס האָט געוואָלט דערלאַנגען די מטבע און, מיט דער אַנ־

דערער, האָט ער אָפּגעשטויסן דעם יאָגיס האַנט. אַ ברום געטאָן צום יאָגי, ער זאָל מיך לאָזן צורו.

דער יאָגי האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר און זיך אײַנגעמישט מיטן עולם, וואָס האָט זיך געצויגן הינטער דער שמאָלער גאַס צום טײַך־אַראָפּ. און ער האָט ווי פריער אָנגעשטעלט אויף מיר זײַנע אויגן.

האָב איך ווידער אַ פרעג געטאָן:

— איז דאָס דער זין פון לעבן?

אין דער אייגענער צײַט האָבן פיר אינדוסן דורכגעטראָגן אין געאײַל אַ באַמבוקענעם טראָגבעטל און אויפן בעטל, אַריבערגעדעקט, האָט זיך געוויגט אַ טויטער קערפּער, וואָס מען האָט געטראָגן צום ברעג טײַך פאַרברענען. דער קערפּער איז געווען פון אַ פרוי; דאָס האָט מען געקענט דערקענען נאָך די לאַנגע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעהאַנגען פון אַהינטער דעם ווײַסן צודעק.

האָב איך זיך אַליין אין אים אײַנגעגעבן מיט עקשנותדיקע בליקן און ווידער געפרעגט:

— איז דאָס דער זין פון לעבן?

דאָ האָב איך באַמערקט, אַז ער וויל אַ שמייכל טאָן און קען ניט, ווײַל דער האָט אין די ליפּן דערלאָזט עס ניט. אַז ער האָט געטאָן אַ נדר צו שווײַגן, איז קלאָר, נאָר עס איז מיר אויך קלאָר געווען, אַז ער איז שוין מיד פון אַזאַ נדר.

ער האָט מיך צערטלעך גענומען אונטערן אָרעם און איך האָב זיך געלאָזט פון אים פירן. איך האָב דעם גאַנצן וועג ניט גערעדט, ווען ער האָט מיך געפירט באַרג־אַראָפּ, צום טײַך אַראָפּ, אין דער ריכטונג, וואו עס ציען זיך די שווערע שטיינערנע טרעפּ פאַר די, וואָס באָדן זיך.

אַ גרופּע אַלמנות אין שוואַרץ געקליידט, מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ, אַלטע און יונגע, צווישן זיי קינדער נאָך פון אַ צען, צוועלף יאָר, זײַנען פאַרבײַ געגאַנגען און איינע פון זיי, — די יינגסטע, האָט אַ לאַך געטאָן קוקנדיק אויף אונדז ביידן.

אויף איינעם פון די טרעפּ, שוין בײַם סאַמע וואַסער, האָט ער זיך אַראָפּגעזעצט און מיך מיטגעצויגן. איך האָב עס גערן געטאָן.

דאָס רידלען פון דער גאַנגעס און די קילקייט פון וואַסער האָט באַרויקט. איך האָב בשעת־מעשה שוין באַגעסן אָן אַליין און וואָלט מיך מיט דעם אַליין באַגנוגט: כמעט פאַרגעסן, אַז לעבן מיר זיצט אַ מענטש מיט אַ פאַרשלאָסענעם מויל.

נאָר פלוצלונג האָט ער אַרויסגעצויגן דעם דראָט פון די ליפּן, האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן, אַריינגעקוקט מיר גלייך אין פּנים מיט אַ לייכט שמייכל און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ציטעריקער, קרעק־לעכער שטימע, וואָס האָט זיך ניט געפּאַסט פאַר זיין געזונטן און שטאַרקן וואוקס.

— דריי מאָל האָסטו ביי מיר געפרעגט, וואָס איז דער זינען פון לעבן, און איך האָב עס ניט געקענט ווידערשטיין.

דערקענט האָב איך, אַז ער האָט פאַרלאַנגט, איך זאָל ריידן ווייטער. נאָר אַז ער האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָס פון מויל, איז מיר ליבער געווען, אַז ער זאָל ריידן. און איך האָב צום פערטן מאָל אים געפרעגט:

— וואָס איז דער זינען פון אייער לעבן, ווי איך זע אים דאָ אַרום אין בענאַרעס, ביים ברעג פון הייליקן טייך, וואו די רעליגיעזיטעט קען ממש דערשטיקן אונזערן אַ מענטשן.

צוליב־וואָס דען קומט איר אַהער פון ווייטע לענדער צו אונז, ווען קיין שום זאַך געפעלט אייך ניט ביי אונז? איך האָב געלייענט אַ סך ביכער איבער אונזער לאַנד און פאָלק, וואָס פרעמדע באַזוכער פון איראָפּע האָבן געשריבן. איר קענט אונז ניט. דאָס איז אַ גרויסער טרויער. הלוואי וואָלט איר צו אונז ניט געקומען. אָ, יעמאָלט וואָלט איך אפשר דעם שלאָס אויפן מויל ניט באַדאַרפט אָנטאָן...

ער האָט אַ צייט געשוויגן און שפּעטער האָט ער מיט אַ ציטערי־קער און שוואַכער שטימע אָנגעהויבן:

— איך פרעג דיך אַפילו ניט, פון וואָס פאַר אַ לאַנד דו ביסט, נאָר לויט דער דעמאָקראַטישקייט פון אייערע לייט, שלאָג איך מיר אָן, אַז דו ביסט אַן אַמעריקאַנער. זעסט דאָרט די צוויי פינגער, וואָס טייטן אין הימעל אַריין? (ער האָט אָנגעוויזן אויף די צוויי מינאַרעטן פון דער מאַכמעדאַנישער כאָשע, וואָס שטייט דאָ ביים ברעג נאָך

פון מיטלאַלטער). עס איז אויך דער אויסדרוק פון פרעמדער חוצפה. בשעת די מאַכמעדאַנער האָבן זיך אַהער אַריינגעריסן אין צוועלפטן יאָרהונדערט, זיינען דאָ געווען טויזנט אינדישע טעמפלען. האָבן זיי אונזערע טעמפלען חרוב געמאַכט און אַנידערגעשטעלט די דאָזיקע מאָשע מיט די צוויי הויכע מינאַרעטן. אפשר מיינסטו, אַז די צוויי מינאַרעטן פרעגן אויך ביים אינדישן פאָלק — וואָס איז דער זינען פון לעבן? די מאַכמעדאַנער רעכענען אויך, אַז זיי פאַרשטייען בעסער פון אונז דעם זינען פון לעבן, דעריבער האָבן זיי איבער אונז געהערשט עטלעכע הונדערט יאָר. איצטער האָט אייראָפּע דורך ענגלאַנד באַוויזן, אַז איר ווייסט נאָך בעסער דעם זינען פון לעבן, און דעריבער זיינען מיר, אַלע אינדוסן און מאַכמעדאַנער, אונטערטעניק ענגלאַנד.

און באַלד איז געקומען אַ דערציילונג פון זיין לעבן, וואָס האָט געזאָלט האָבן אַ גרויסן זינען און האָט זיך איינגעלאָזן אין דעם שווערן איבערבראַך פון זיין כאַראַקטער אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעטאָן אַזאַ ווייטאָגדיקן שלאָס אויף זיין מויל און זיך אַוועקגעלאָזן זעקס הונדערט מייל, ווי אַ פּילגרימער, קיין בענאַרעס, אויסצובאָדן זיין לייב אין דער גאַנגעס.

3

— „מיר האָט זיך געחלומט, אַז מיין האַלבער לעבן וועט ווערן גאַנץ יעמאָלט, ווען איך וועל זיך צונויפקומען מיט אַ אייראָפּעישער פרוי (ער האָט גערעדט גיכער ווי פאַר זיך אַליין) און וואָס פאַר אַ געהויבענער טאַם איז דאָס, קלערסטו געוויס? זאָג איך, אַז דאָס איז אַ גוואַלדיקער איבערבראַך. ווען נאָר בלויז תאווה זאָל דאָ אַ מענטשן שטויסן — יעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דו ווייסט, אַז מיר זיינען אַריער פון ריינסטן סאָרט. אויף דעם זאָגן עדות אונזערע פינגער. און די בלויקייט אונטער אונזערע נעגל, וואָס דער סנאָבּישער ענגלענדער האַסט אַזוי — דאָס איז אונזער ריינסטע פראָבע. דאָס, וואָס דער אייראָפּעער האָט באַדאַרפט דורכמאַכן, אַז זיין הויט זאָל ווערן ווייס — דאָס האָט אויף אַן אַנדער אופן ביי אים אַראָפּגענומען פון זיינע ווערטן; עס האָט אים אויס-

געשטאַנען נאַקעט און אים אַרויסגעשטעלט פאַר דער עפנטלעכקייט מיט די געדרונגען אויף דרויסן".

„איך האָב געוואַרט, אַז מיר וועט אָנקומען פיל שווערער צו באַקומען אַ ווייסע פרוי פאַר זיך, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן. איך בין צו איר צוגעגאַנגען מער מיט מיין אינטעלעקט, ווי מיט נאָרמאַלע מענטשלעכע נייגונגען, וואָס זי האָט אין מיר געזען; ווי אַזוי זי האָט מיך פאַרשטאַנען, דאָס ווייס איך נאָך ביז איצטער ניט. נאָר אין אמת האָבן מיר זיך ביידע ניט פאַרשטאַנען".

און ער האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע בליקן אַ ווילע און מיט געציילטע, אויסגעצויגענע ווערטער געפרעגט:

— וואָס איז אַזינס ליידנשאַפט ביי אייערן אַ מענטשן?

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואוהין ער צילט מיט זיין פראַגע און ניט געוואוסט, וואָס אים צו ענטפערן.

נאָר ער האָט אַליין ווייטער גערעדט:

— „מעגלעך, אַז איר גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון. ביי אונז ווערט אַ פרוי אַ פרוי, ווען זי איז אַלט צען, צוועלף יאָר. צו צוועלף יאָר איז זי שוין אַ מוטער און אַ טייל פון זיין גוף. ער שפּירט זי ניט. זי איז אים ניט קיין צווייטע פּערזאָן. זי הערט נאָך זיין שטים, פאַרשטייט זיין פאַרלאַנג און פאָלגט. זי עקזיסטירט אַזוי לאַנג, ווי דער מאַן לעבט. איז ער געשטאָרבן — יעמאָלט בלייבט אויף דער ערד בלויז איר שאָטן. האָסט דאָך געזען די אַלמנות דאָ, אָט דאָרטן שטייען עטלעכע אַלמנות — זיי זיינען ניט מער, ווי שאָטנס! ביי אייך וואַקסט די פרוי אויס צו דער מדרגה פון אַ מאַן, זי איז אַ גאַנצע וועלט. צום מאַן אַ באַזונדערע וועלט. צו דער דאָזיקער באַזונדערער וועלט האָב איך זיך געוואָלט מיט מיין וועלט דערנעענטערן".

— ווער איז זי געווען? — האָב איך געפרעגט.

— „זי איז געקומען אַהער פון דער פרעמד. עס האָט זי געצויגן אַהער. זי האָט אויפגעגעבן עסן פלייש. דאָ האָט זי זיך אינטערעסירט מיט טעאָסאָפיע. צוליב דעם האָט זי געוואוינט אין בענאַרעס אַ גאַנצן יאָר. ווייסט דאָך, אַז דאָ איז די גרויסע טעאָסאָפישע שול. זי האָט מיך באַמערקט. זי האָט געמאַכט דעם ערשטן שריט:

איך האָב נאָר צוליב דעם באַדאַרפט אַוועקגיין פון מיין טאַטנס הויז, זיך אַליין דערקלערן פאַר דעם, וואָס האָט פאַראומרייניקט אונזער קאַסט. דעם ווערמיל־אָנצייכן האָב איך סיי־ווי ניט געטראָגן אויף מיין שטערן. נאָר אפשר קענסטו מיר באַשיידן די וואָיקע רעטעניש און זאָגן, אין וואָס באַשטייט אָט די דאָזיקע דערשיינונג, פון אַ דערוואַקסענער אייראָפּעישער פרוי?"

— פאַר אונז איז אונזער פרוי אַ ווירקלעכקייט. פאַר אונז איז דאָס לעבן ניט קיין רעטעניש, ביי אונז איז זי אויך אַ מוטער ווי ביי אייך; און ביי אונז איז איר דערוואַקסנקייט געוואָרן איר מעלה.

אַזוי האָב איך אים געענטפערט. ניט וויסנדיק, צי איז וועט עס באַפרידיקן.

— „איז פאַרוואָס האָט זי דורך מיר ניט געוואָלט ווערן קיין מוטער? אָ, ווען דאָס אַליין וואָלט נאָר געווען מיין גרויסער טעות, ווען נאָר דאָס אַליין... יאָ, מיין פריינט, דאָס וואָס זי האָט מיר געזאָגט — דאָס קען איך דיר איצטער ניט איבערזאָגן. דאָס קען מען אויף די ליפּן ניט אַרויסברענגען. מער ניט, וואָס ביז איצטער באַגרייף איך נאָך ניט, ווי אַזוי אַ מענטשלעכער וועזן, וואָס באַדאַרף זיין אַ מוטער, קען פון זיך אַזויפיל גיפט אַרויסטיילן. נאָר דאָס, וואָס איך האָב איר געזאָגט, קען איך אויך ניט איבערזאָגן. פאַר דעם האָב איך מיר אַליין גענומען מיין שטראָף, איך זאָל זיין שטום ביז איך וועל מיר דערשלאָגן קיין בענאַרעס און זיך אויסבאָדן אין גאַנגעס".

און מיט אַ שטימע אַ סך אַ קרעפטיקערע האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— קענט איר אייער דערוואַקסענע פרוי?

— מיר זוכן זי ניט צו דערקענען.

— איר זייט דאָך אַזוי ראַציאָנאַליסטיש.

— דעריבער טוען מיר עס ניט.

— און ווען די פרוי פעלשט אין אייך?

— איז אַמאָל באַצאָלט זי דערפאַר און אַמאָל ניט.

— און אַ מאַמע איז זי?

— זע, סאַר אַ שטאַרקע פעלקער אייראָפּע האָט, וואָס די פּדי האָט אויסגעטראָגן אונטער איר האַרצן.

— איז דאָס מיט איר כּוח, וואָס איר הערשט איבער אונז? איצטער פאַרשטיי איך דיין געדאַנק.

האָב איך אים איבערגעשלאָגן:

— לאָמיך דיך פרעגן, ווי גרויס איז געווען דער ווייטאָג, בשעת דו האָסט מיטן דראָט געלעכערט דיינע ליפּן? כאָטש איך ווייס, אַז איר האָט אַ שטאַרקן ווילן און איר קענט נאָך אַ סך ערגערס טאָן. איך מיין, אַז אומצוגיין מיט באָרוועסע טריט איף ברענענדיקע קוילן, מוז זיין אַ סך פיינלעכער....

— אָ, ניין, פיינלאַכער טויזנטער מאָל איז, ווען מען נעמט אַ נשמה, וואָס איז שוין אויפן וועג פון איר אויסלייטערונג, און מען פאַרדינגט זי איף אַ באַשטימטן טערמין צו וואוינען אין אַ גוף פון אַ גאַסן-הונט... אָ, אינדיע — האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו דער גאַנגעס – אַ קליין קינד ביסטו, אַ עופעלע, וואָס האָט נאָך די פעדערלעך ניט. אַ עופעלע, וואָס קען נאָך קיין שטאַרקן טראָט ניט מאַכן!

ער האָט פאַרדעקט זיין פּנים מיט די הענט און שטיל געבליבן. לאַנג איז ער אַזוי געזעסן אין דער פּאָזע פון די, וואָס זיצן דאָ אַזוי ביי דער גאַנגעס און מעדיטירן. איך האָב זיך שוין געוואָלט אויפהייבן און אַוועקגיין. אין אמתן האָט זיין ניט אינגאַנצן דערציילטע דערציילונג מיך אַוועקגעטראָגן מיט מיינע אייגענע רעיונות אין אַלדע-גוטע יאָר.

נאָר ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו מיר. זיין פּנים איז געווען אינגאַנצן באַרויִקט. ווען ניט די צייכנס און די געשוואָלנ-קייט אויף זיינע ליפּן, וואָלט שווער געווען צו זאָגן, אַז דאָס איז דער אייגענער מענטש, וואָס האָט אַזוי מיסטעריעז מיך באַגעגנט, מיטן דראָט דורכגענומען דורך די ליפּן.

מיר אַליין האָט זיך איצטער געוואָלט אויסשפּרייטן די הענט צום הייליקן טייך און איבערזאָגן זיינע ווערטער:

„אָ, אינדיע, אַ קליין קינד ביסטו, אַ עופעלע, וואָס האָט נאָך

די פּעדערלעך נים; אַ עופּעלע, וואָס קען קײן שטאַרקן טראָט נים מאַכן...״

איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, גאָרניט זאָגנדיק מער, און האָב אים געלאָזן בײם בּרעג טײך; בּײם אײגענעם בּרעג, וואו יאָר־אײן, יאָר־אויס קומען די מיליאָנען װײערע הענט אויסצושפּרײטן און וואַכן איבּערן זונענאויפגאַנג.

ווען די שווערד פאַרגיסט טרערן

בלעטער פון מיין טאָגבוך

סאַרנאַט, 15 מאַרץ

אַ לויטערער פרימאָרגן. רו און פרידן. חורבות פון אַלטע בודאַ־טעמפּלען, האַלב־אויסגעגראָבענע און האַלב־פאַרשאָטענע מאָנאַסטירן. חורבעס שטיינער. אַ רויב־פויגל צירקלט הויך אין דער בלויער לופט.

דאָ האָט מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק געזאָגט זיין תורה גאַוטהאַמאַ בודאַ.

דריטהאַלבן טויזנט יאָר בסך־הכל. ביים אינדישן פאָלק איז דאָס אַ „נעכטן". הייסט עס, נעכטן האָט דאָ גאַוטהאַמאַ בודאַ, אַ יונגערמאַן נאָך, געהאַלטן זיין ערשטע דרשה איבער דעם ציל פון לעבן, און זיך אָפּגעזאָגט פון עולם־הזה.

געוויס, דאָס וויכטיקסטע פון אַלע זיינע תורות איז, וואָס ער האָט פאַרבאָטן צו טייטן יעדע זאַך, וואָס לעבט. געווען אַ צייט, ווען בודאַיזם האָט אַרומגענומען גאַנץ אינדיע. דאָס איז געווען מיט גענויע דריי הונדערט יאָר שפּעטער, ווען עס האָט געהערשט דער מלך אַסאָקאַ, וואָס האָט באַפוילן איינצוקריצן די הויפּט־יסודות פון בודאַיזם איבערן גאַנצן לאַנד. נאָך איצטער געפינט מען אַסאָקאַס אויפשריפטן אויף אַלערליי שטיינער און פעלזן. דאָ, אין סאַרנאַט, צווישן די חורבות ליגט אַ שטיינערנער זייל פון אַסאָקאַס צייטן, מיט אַן אויפשריפט פון בודאַס תורה.

בודאַיזם אין דער ריינער און ערשטער פאָרם האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועבט אין אינדיע. אויסערלעך מאַכט אַצינדער דעם איינדרוק, אַז הינדויזם האָט אינגאַנצן איינגעשלונגען די תורה פון כאַקאָמוני. (עס הייסט נאָך, אַז יאַפּאַן, בירמאַ און ציילאָן זיינען בודאַיסטיש).

ווינציקער פון אַלץ האָט זיך אַדם בודאַס פּערזאָן באַדאַרפט אַזאַ אָבערגלייבן פונאַנדערזשיקלען. ער, וואָס האָט ניט געוואָלט ריידן פון גאָט, ווייל ער האָט וועגן אים קיין באַגריף ניט געהאַט — איז אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די אומצאָליקע געטער.

און דאָך האָט דער געדאַנק „ניט צו טייטן“ געלאָזן אין אינדיע די טיפסטע וואָרצלען. עס האָט אַפילו דערגרייכט צום אַבסורד, וואָס בראַמינער עסן ניט קיין געוויקס, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ קאָפּ. זיי עסן דעריבער ניט קיין ציבעלעס, קיין בוריקעס, צוליב זייער קיילעכדיקער פאָרם.

דאָ, אין מאַריאַט, לעבט אַ גרופּע פון דער סעקטע ד ז ש יי נ ס, וואָס פאַרהענגען מיט אַ טיכל די נאָז און מויל, כדי מיטן אָטעם ניט אַריינציען קיין לעבעדיקע באַשעפענישן, און, אַזוי אַרום, טייטן (מ אַ ה אַ ו ו י ר אַ, דער גרינדער פון דער דאָזיקער אַסקע-טישער סעקטע, וואָס איצטער ציילן זיי ביי אַ פּאָר מיליאָן אין גאַנץ אינדיע, האָט געלעבט עטוואָס פריער פון גאַוטאַמאַ בודאַ. עטיש קומען זיי זיך צונויף מיטן בודאַיזם).

איך קוק אויף די דאָזיקע מערקווערדיקע מענטשן, מיט פאַר-האַנגענע נאָז און מויל; מיט אַזעלכע פאָרזיכטיקע טריט רירן זיי אָן די ערד. עס קלערט זיך:

„אַ קאָנגלעמע איז אונזער וועלט. ניט גאָר געלונגען צונויפ-געזעצט פון אַ סך אַנטאַגאָניסטישע עלעמענטן. און פאַרוואָס זיינען אונז פאַרשטענדלעך די דאָזיקע, וואָס קוילען בהמות, עופות, שיכן, שטעכן, באָדן זיך אין הייסן בלוט פון לעבעדיקע באַשעפענישן? — — —

און פאַר קאָמיש באַטראַכטן מיר דעם קאָנטראַסט; דעם מענטשן, וואָס גייט ניט אַרויס דרויסן ביינאַכט, ווען עס איז פינסטער, ווייל ער קען זיך ניט אויסהיטן און קען ניט אויפפּאַסן אויף זיינע פיס, זיי זאָלן ניט אָנטרעטן אויף אַ ווערימל, צי אַ זשוקעלע, חלילה“.

טאָמאַס קאַרלייל זאָגט ערגעץ, אַז אַלץ, וואָס לעבט, באַשאַפט אומריינקייט.

עס איז ניט אָנגעוויזן, וויפיל אומריינקייט דאָס לעבן איז באַ-רעכטיקט צו מאַכן. יעדער־ער קומט מיט זיין אייגענער מאָס צו פאַר-נעמען אַן אָרט אין לעבן מיט זיינע אומריינקייטן, כאָטש די אַבסאָ-

לוטע ריינקייט פון די דושיינס שפּילט אַ ביסל אויף די נערוון. געווים איז דאָס דערפאַר, וואָס מיט זייער באַנעמונג דעקן זיי אָפּ אונזער ברוטאַליטעט; אונזער שלעכציקייט ווערט דורך זיי באַלויכטן, און עס דאַכט זיך מיר איצטער אויס, ווען איך קוק אויף די דושיינס, אַז צווישן אונז איז גאָר קיין געמיינשאַפטלעכעס נישטאָ. ווען איך וואָלט זיך וועלן מיט זיי צונויפרייִדן, וועל איך ניט געפינען קיין פּאַסיקע ווערטער.

פונדעסטוועגן באַמערק איך, אַז איינער איז שוין עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם בערגל שטיינער, אויף וועלכן איך זיץ, און ער קוקט אויף מיין זייט, ווי'ל זיך דערנענטערן.

איך האָב אים באַגריסט, אַ נייג טוענדיק מיין קאָפּ, און ער האָט געענטפערט, אויף דעם אייגענעם אופן. זיין מויל האָב איך נים געזען, נאָר די אויגן האָבן זיך אָנגעזונגן מיט אַ פרידלעכן ליכט. געווים האָט זיין מויל געשמייכלט אונטערן טיכל.

אַז איך האָב זיך אויפגעשטעלט אים אַנטקעגן, איז ער צוגעקומען צו מיר און מיר געגעבן די האַנט. איך האָב איצטער פון נאָענטן אַריינגעבליקט אין זיינע אויגן. זיין האַנטדרוק איז געווען אַ האַרציקער און די אויגן זיינען געווען זייער ליטער; דורך די שוואַרצאַפּלען האָט זיך די ליטערקייט געזיפּט.

הייסט עס — דאָס איז איינער פון די געצײלטע, וואָס האָט אויף זיך גענומען צו טראָגן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר'ן לעבן.

— יאָ, דאָס לעבן איז זייער קורץ, און עס איז דאָך גרינגער דורכגיין דורכן לעבן אַ ריינער, אַ געלייטערטער, ניט פאַרגיסנדיק קיין בלוט און, ווי ווייט מעגלעך, מיט מיין אייגענעם לעבן ניט צו פאַרדאַרבן עמעצנס אַנדערש לעבן.

דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי האָט ער געקענט איינראַמען זיין לעבן אין אַזאַ ענגער ראַם און פאַרהענגען דעם נאָז און דאָס מויל.

ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— אַ מענטשנס מויל באַדאַרף ניט זיין אָפן. עס איז דער שעדלעכסטער אָרגאַן ביים מענטשן. ניט ווי עס טראַכטן אינדוסן, אַז דאָס מויל איז אומריין. דאָס איז פאַרגרייזט. דאָס מויל איז

אַ פאַרברעכער. אַ מויל פאַרגיסט בלוט. עס וואָלט קיינער ניט געטויט קיין טויב און זי שפּעטער עסן, ווען דאָס מויל זאָל ניט געבן קיין הסכמה אויף דעם. אין איעדן פאַרברעכן דערשפירט דאָס מויל דעם טעם, און פאָדערט. ווען איך עפן אויף מיין מויל, יעמאָלט קען איך זיך צונויפריידן נאָך מיט די, אין דיין גלייכן. פאַרשליס איך מיין מויל, יעמאָלט קען איך זיך דורכריידן מיט דעם מינדסטן פליגעלע, מיטן מינדסטן גראָז, וואָס קריכט פון דער ערד: דאָס מויל האָט דעם מענטשן פאַרפירט און אים אַראָפּגעפירט פון דער אויסדערוויילטער פּאָזיציע, אויף וועלכער ער האָט באַדאַרפט שטיין.

ער האָט גערעדט מיט אַ פאַרהאַנגענעם מויל און איך האָב קיין מוט ניט געהאַט צו עפענען מיין מויל און צו ענטפערן אים. און עס איז מיר שוין לאַנג אַזוי אָנגענעם ניט געווען דאָס שווייגן, ווי היינטיקן טאָג. איך וואָלט געקענט נאָך צוגעבן, אַז די אויבנדערמאָנטע רייד זיינע האָב איך אַרויסגעהערט, אָדער אַרויסגעשעפּט פון זיינע לויטערע אויגן, בשעת ער האָט געהאַלטן מיין האַנט און געקוקט אויף מיר.

יאָ, אין ערגעץ קען מען אַזוי ניט ווערן באַצוואונגען פון אַ שטימונג, ווי אין אינדיע. דאָס, וואָס ערגעץ אַנדערש וואָלט געווען אַזוי אומדערוואַרט, איז דאָ אַ געוויינטלעכע זאַך. פּונקט ווי עס קען אַרויסקומען אַ טיגער פון וואַלד און פאַרנעמען מיט די ציינער אַ מענטשן פון אַ נאָענטן דאָרף מיט זיך אין וואַלד אַריין; פּונקט ווי עס קומט אָן אַ פּעסט און פאַרטראָגט פון דער לעבעדיקער ערד הונדערטער טויזנטער מענטשן, — אַט אַזוי איז נאַטירלעך צו באַגעגענען מענטשן, וואָס דאגהן פאַר לעבן פון דעם מינדסטן פליגעלע.

די דזשיינס גלייבן אויך אין דעם אומצאָליקן מאָל פון דער נשמהס ווידערגעבורט, נאָר זיי איז „געלונגען" דורך דעם ספּעציפישן אַסקעטיזם צו דערגרייכן פאַר איר אַ קירצערן וועג צו נירוואַנאַ, צו דער פולשטענדיקער באַפרייונג פון איר עקזיסטענץ.

אַזוי איז דאָס לעבן אויף דער ערד קורץ, און כדי דאָס לעבן צו דערלענגערן, גראָבט מען פון אונטער דער ערד אויס חורבות

פון פאַר טויזנטער יאָרן צוריק. האָט מען דאָ געפונען סקולפּטורן־שטיקער מיט בודאַס געשטאַלטן, באַרעליעפן, מיט אויסדרוקן פון לייבן, בלומען און אַנדערע געוויקסן, אויסגעהאַקט אין זאַמד־שטיין און גראַניט. אַלץ איז אויפגעזאַמלט זייער פּאָרזיכטיק אין אַ מוזיי דערביי, אין סאַרנאַט.

דאָס טוט שוין דער מערב־גייסט דאָ. דאָס טוט ער, כדי אַזוי אַרום צו בינדן דעם עבר מיט דער געגנוואַרט, און געבן דעם לעבן אַ רעאַלערן זינען; געבנדיק דעם אייגענעם לעבן אַ לענגערן און ממשותדיקערן אינהאַלט.

אין דעם פּרט, זיינען מיר גערעכט.

לאַקנאַו, 26 מערץ

„...בריטישער מיליטעריזם פאַרגיסט דאָ טרערן; בריטישער סענטימענט ווערט דאָ ווייך און דאַכט זיך, אַז די שווערד פּאַלירט דאָ אַ טרער“.

ניט אַזוי גרינג שאַפט זיך די לאַגע, אַז דער שוואַכער זאָל מאַכן אַן אָפּפאַל אויף דעם שטאַרקן. און ווער זאָגט נאָך, דאָס אינדישע פאָלק, וואָס קען זיך בלויז קאַפּריזן, ווי אַ קליין קינד, ווען עס וויל זיך אַרויסרייסן פון מאַמעס הענט און אַוועק אויף אייגענע פיס, אַז דאָס אינדישע פאָלק זאָל קענען בלוטיקע מרידות מאַכן, אויסהרגענען גענעראַלן, לייטענאַנטן, לאָרדן און ליידיס. —

און דאָס איז דאָך געווען אין זיבן־און־פופציקסטן יאָר פון לעצטן יאָרהונדערט: דער באַרימטער אויפשטאַנד קעגן דער ענגלישער הערשאַפט, וואָס האָט „געראַפּט“ ענגלאַנד עטלעכע טויזנט אינדישע סאָלדאַטן, אַ ביסל אייגענע גענעראַלן און אַ צאָל פרויען און קינדער. אַרום לאַקנאַו איז געווען דער צענטער פון דער מרידה. לאַקנאַו האָט אויסגעהאַלטן אַ לאַנגע באַלאַגערונג. יעדעס הויז איז געווען אַ פעסטונג. און יעדן הויז האָט זיך געצאַפּלט דער בריטישער גורל. ביז עס איז אונטערגעקומען פאַרשטאַרקונג, טאַקע אינדישע סאָלדאַטן, אונטער ענגלישע גענעראַלן. האָט מען זיך ווי לייבן געשלאָגן אַרום לאַקנאַו. גרויסבריטאַניע איז יעמאָלט „באַפרייט גע־

חאָרן". אויך אינדיעס פרייהייט האָט זיך שטאַרקער די שטריק פאַר־צויגן.

בית־עולמס ריידעוודיקע. מצבות. דאָ ליגן מאַמעס און קליינע קינדער, צווישן זיי גענעראַל נעילס. און אָט איז דער קבר פון גענעראַל לאָרענס. חאַרעמע חערטער, פּאָעזיע, אויף די מצבות. אין דער באַשאַפענער אַטמאָספערע אַרום די היסטאָרישע בנינים, אַרום די קברים און מצבות, קען מען מיינען, „אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל, האָבן אומשולדיקע, ווייסע מענטשן פאַרבלאָנדזשעט אין אַ דזשאַנגל און באַפאַלן געוואָרן פון אַ מחנה רויבער, גרעסער אין צאָל. און אַזוי אומגעקומען. געטראָפן האָט עס מיט זיבעציק יאָר צוריק, און פון יעמאָלט אָן איז שוין אַ נייע וועלט, אַנדערע מענטשן דאָ; מען קומט פון ווייט צו זען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט זיבעציק יאָר צוריק. וואָס עס האָט געקענט פאַרלויפן ערגעץ עק וועלט. צווישן די ווילדע אינגחסן".

ווייסט דאָך אָבער, אַז עס טרעפט אַפילו, ווען אַ שוערד קען טרעגן פּאַרגימן; פאַרהאַן אַזאַ מעשה פון אַ שווערד, וואָס האָט זייער פיל בלוט פאַרגאָסן, זייער פיל קעפּ אַראָפּגעהאַקט, זייער פיל בריסט דורכגעלעכערט, זייער פיל בייכער אויפגעשפּאָלטן — האָט מיט דער ציט די דאָזיקע שווערד אַ שוואַכקייט באַקומען, צו חערן באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס; תחילת ווי אַ טוי, דערנאָכדעם האָט זיך עס צונויפגעקליבן אין גרויסע טראָפּנס און שפּעטער האָבן זיך שוין געקייקלט גרויסע טראָפּנס. כאָטש די טראָפּנס זיינען געווען רויטע, האָט מען געזאָגט, אַז דאָס זיינען בלוטיקע טרערן.

ענגלאַנדס גרויסער דיכטער, לאָרד טעניסאָן, האָט געשריבן איבער לאַקנאַוס באַלאַגערונג אַ הימן צום בריטישן מעכטיקן מאַן און מאָלדאַט: „אָ, ווי גרויס איז געווען דער צאָל פון פיינט, ווי די כוואַליעס פון ים מיט זיין צופלוס און אָפּפלוס!"

„טויט, אָדער ווער געטויט; לעב, אָדער שטאַרב!
און זאָלן זיי הערן, אַז מיר זיינען סאָלדאַטן און מענער־
און ווידער איבער דעם העכסטן דאַך [בראַווע.
פלאַטערט די ענגלישע פאָן!"

אַז מען רייזט אַרום דער וועלט, און מען זעט, וויפיל הייכע און נידעריקע דעכער עס מוזן טראָגן די בריטישע פאָן; מאָמער טרעפסטו ערגעץ, וואו איבער דער וועלט אַ הויכן דאַך, וואו עס פלאַטערט ניט קיין ענגלישע פאָן, טראַכטסטו: „מסתמא האָט אויס־געפעלט סחורה שוין". —

מען האָט אין זינען געהאַט אַ ליד צו פאַרפאַסן לכבוד די געפאַלענע אינדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געשלאָגן איבער דער ים פון די בריטישע, אַנטקעגן די אייגענע קינדער פון לאַנד. פאַר זיי איז דאָ אויך אַ כאַראַקטעריסטיש ליד:

„אַ לויב־געזאַנג צו אונזערע אינדישע ברידער און זאָל
דאָס טונקלהויטיקע געזיכט באַקומען, וואָס איז קומט;
אַדאַנק די די טונקלהויטיקע געזיכטער, וואָס זיינען גע־
מיט אונז זייט בײַ זייט און געטריי, [פאַלן
בײם, זייט מיט די בראַוועסטע פון אונז —
געשאָסן, געטויט און געפאַכטן,
אַז אויף דעם העכסטן דאַך
זאָל אונזער פאָן אין אינדיע פלאַטערן".

אָ, די „טונקלהויטיקע" קינדער אינדיעס, וואָס האָבן געהאָלפן ענגלאַנד, אַז אויף דעם העכסטן דאַך זאָל איר פאָן פלאַטערן! שיינע „ברידער" צו ענגלאַנד זייט איר בײַם לעבן.

און וואָס וואָלט געווען, ווען אין איין שיינעם פרימאָרגן כאַפּן זיך אויף די עטלעכע צענדליק טויזנט, צי די הונדערט טויזנט בריטישע אין אינדיע, כאַפּן זיך אויף און געפינען, אַז:

— דריי הונדערט מיליאָן אַריער, מיט די פיינסטע שטריכן אין פנים, העל־הויטיקע, גראַציעזע מענער און פרויען, מיט די איידעלסטע באַנעמונגען, מיט דער פולער באַגאַבטונג צו יעדעס, וואָס ווייסן ניט ווי מען האַלט אַ שווערד אין האַנט; ווייסן ניט ווי מען צילעוועט פון אַ ביקס, עסן קיין פלייש ניט, רירן ניט אָן קיין פליג אויף דער וואַנט, — קליידן זיך אין צוויי לײַלעכער בלויז. גייען צום טייך זיך באָדן באַגינען, ווען די זון גייט אויף און — — — — —

און זיי, די הונדערט טויזנט בריטישע, זיינען אַ חברה טונקל־הויטיקע, אַנדערע ממש ווי נעגער, בלוי, ברוין, צו שוואַרץ. און מיט אַזעלכע געמיינע געווינהייטן: מיט האַרמאַטן, מיט שווערדן, מיט ביקסן — די צווייטע נאַטור. און מען הרגעט, און מען האָט אַ תאווה צו עסן פלייש, ווען עס רינט נאָך דאָס בלוט פון דעם, ניט דערבראָטן אינגאַנצן, און...

קען דען אין אינדיע אַזאַ וואונדער ניט געשען? אינדיע. אַ לאַנד, וואו עס לעבט אַ פאָלק מיט גאָלע ניסים, קען דאָך אַמאָל אַזאַ וואונדער טרעפן. — — —

צווישן דעם עולם טוריסטן איז געווען איינער אַ אינדוס אויך. איך בין אים נאָכגעגאַנגען און געוואָלט לייענען פון זיין פנים דעם אויסדרוק, בשעת ער האָט באַטראַכט די אַלערליי מצבה־אויפשריפטן; איך האָב געוואָלט מיט אים פאַרציען אַ שמועס און האָב ניט געקענט פועלן ביי זיך נאָכדעם, ווי איך האָב באַטראַכט זיין פילאָסאָפישע רויִקייט. פאַרקערט, צו מיר איז צוגעגאַנגען אַ פרייליין, בשעת איך האָב באַטראַכט די בלומען ביי די מצבות, צוגעגאַנגען נאָענט און דרייסט און געזאָגט:

— איז דאָס ניט רירנד, סיר?

און באַלד האָט זי זיך פאַרכאַפּט און צוגעגעבן:

— איך האָב דיך ערגעץ באַגעגנט, סיר, אין בענאַרעס, צי אין אַגראַ; יאָ, וואָלסטו געגלויבט, אַז די דאָזיקע שטילע מענטשן זאָלן קענען אַזאַ ברוטאַליטעט אַרויסווייזן, צו באַלאַגערן אַ שטאָט און באַשיסן, און טייטן מוטערס מיט אומשולדיקע קינדער?

האָב איך איר דערציילט די מעשה מיט אַ שווערד, וואָס האָט אַ סך, אַ סך געקוילעט און געמערדערט און מיט דער צייט האָט זי אָנגעהויבן צו שוויצן און שפעטער — צו וויינען מיט בלוטיקע טרערן...

איז איר פנים בלאַס געוואָרן און מיט שרעק אין די אויגן האָט זי געפרעגט:

— האַ, מסתמא, מיט אַ סך, גאָר אַ סך טויזנטער יאָרן צוריק האָט עס געטראָפן; ביי וואָס פאַר אַ פאָלק איז דאָס פאַרלאָפן?

זאָג איך איר:

— איך האָב געהערט, אַז ביי גרויס־בריטאַניע טרעפט עס אויך אַמאָל.

איז זי ווידער בלאַס געוואָרן, און כמעט שעפטשענדיק געפרעגט:

— דו זעסט אויס, ווי אַ שוועד, אָבער דו ביסט ניט קיין שוועד — זאָג מיר, ווער ביסטו?

האָב איך געענטפערט:

— איך בין אַ אינדוס, נאָר לעבנדיק לאַנג אין דער אַטמאָספערע פון בריטישע, איז מיין הויט העל געוואָרן.

זי האָט עס אָנגענומען אַזוי בראַוו, ווי נאָר אַ בריטישע טאָכטער קען און געדריקט מיין האַנט. און זי האָט זיך טאַקע געכאַפּט, וואָס זי האָט מיך געזען. זי האָט אַוש פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף אַהינטער, און קלינגענדיק געלאַכט:

— אָ, איך דערקען דיך איצטער, איך האָב דיך געזען אין סאַרנאַט, ווען דו האָסט גערעדט מיט אַ דושיין... וואָס זאָגסטו אויף די דושיינס, וואָס פאַרהענגען דאָס מויל און נאָז, כדי ניט אַריינצואָטעמען מיקראָבקאָפּישע באַשעפעניש? קען אַן אייראָפּעער זיך דערטראַכטן צו אַזאַ אַבסורד?

— ניין...

אַזוי קען אַמאָל האָבן אַ שייכות סאַרנאַט מיט לאַקנאָ...

אַ שפּיי איז פּנים

1

אין אַוסטראַליע, אַפֿריקע, צי אין ווייטן אָדער נאָענטן מזרח, און אַלע מײַנע רייזעס האָב איך זיי באַגעגנט די װיסלעך־גוטע מענטשן, װאָס האָבן אַ טבֿע אַראָפּצולאָזן די אויגן און קוקן אויף דײַנע שיך, אָדער אויף די שפּיצן פֿון זייערע אייגענע שיך, אָדער סאַנדאַלן, יע־מאָלט, װען זיי רעדן צו דיר.

איך בין אויסן די מיסיאָנערן, װאָס האָבן אויף זיך גענומען די מיסיע אַרומצוטאָן דעם נײַעם טעסטאַמענט צווישן פּרימיטיווע. אָבער זייער קלוגע ראַבן און בעלקער. װאָרעם דער פּאַפּאַגײַער פֿון אַוסטראַליע הערט זיך גיכער צו צום גאַנג פֿון אַ פֿליי אין זײַן געקרײַזלטער, פּעך־שוואַרצער באָרד, װי צו די רייד פֿון מיסיאָנערן. װײַל אויך אַזויפֿיל איז ער נאָך פֿאַרשטענדיק צו פֿאַרשטיין, אַז סײַ די הייסהיציקע מיסיאָנערן און סײַ די, װאָס האָבן בײַ אים צוגענומען די פֿרײַהייט און אַרומגעצאַמט מיט שטעכעדיקע דראָטן — ער באַשטייט, אַז אויף זיי איז אײן הויט אָנגעצויגן, װאָס איז פֿאַרשאָלטן, אַז די זון זאָל זי ניט קענען פֿאַרטונקלען.

עס טרעפֿט, אַז דער „זולו", צי „באַסוטו" פֿון דרום־אַפֿריקע טרײַסלט זײַן ברוין־נאַקעטן בויך פֿאַר געלעכטער, װען דער מיסיאָנער דערקלערט אים אין נאָמען פֿון „אײנעם", װאָס האָט געלעבט אַמאָל, גאָר אַמאָל און איז שפּעטער אַוועק אין הימל, אַז יענער האָט געזאָגט: „אַלע מענטשן זײַנען גלײַך". און עס טרעפֿט דערנאָך, אַז דער קאַפֿיר טוט אַ פֿרעג מיט זײַן שײַמיקן געלעכטער דעם מיסיאָנער:

— װער איז ער געווען, דער יעזוס קריסטוס, װאָס האָט געהייסן אײַערע לײַט צונעמען אונדזער לאַנד און באַהאַנדלען אונדז נאָך ערגער, װי מיר באַהאַנדלען הינט?

די מיסיאָנערן דערציילן אַליין גוטמוטיק אַזעלכע מעשיות און קוקן אויף די שפּיצן פון זייערע שיך. פונדעסטוועגן האַלט עס זיי ניט אָפּ. מען שרייבט צו צו זיי מער זינד, ווי גוטע מעשים. זיי פאַרנעמען עס מיט גוטן.

עס טרעפט אַמאָל איינער, האָט איז זיך מודה און ציניש פּוט ער אַ וואָג:

— אַרויסגעוואָרפן די טרפה, אַז דו אַליין גלייבסט ניט אין דעם.

אין ניועלאַנד האָט זיך פאַר מיר אַ מיסיאָנער מודה געווען, אַז ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז נאָך צוואַנציק יאָר „אַרבעט“ צווישן די מאַאָרים, האָט ער מער שאָדן געבראַכט ווי נוצן.

— זיי שטאַרבן אויס ווי נאָר זיי ווערן קריסטן. קריסטנטום שאַדט זיי אַפּנים צו זייער געזונט.

איך האָב איך געטראָפן אַזעלכע, וואָס זיינען אַליין געוואָרן אומגליקלעך, פאַרברענגענדיק צווישן די פּרימיטיווע מענטשן. האָבן באַגריפן די נאַקעטקייט פון קאַפיר, אָדער פּאַפּואַנער; גערעדט מיט דורך-אויס פון די יאַפּאַנער אין כינעזער. האָבן נאָר ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט און מודה זיין, אַז אַרומפירן רעליגיע אין היינטיקן יאָרהונדערט איז נאָך מער ווי אַ נאַרישקייט. בפרט, ווען עס ווייסן אַלע אונטערדריקטע פעלקער, סיי פון מזרח און סיי פון דרום און מערב, אַז אַהינטער די מיסיאָנערן באַהאַלטן זיך אויס און פאַרטייען זיך רעגירונגען מיט אַרמייען, מיט ביקסן און האַרמאַטן.

פאַרהאַנען אויך פרומע מיסיאָנערקעס, וואָס מיט באַרעמהאַרציקייט אין פּנים און מיט פרומקייט אויף די ליפּן, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזן ווייט, ווייט פון אייגענעם פאָטערלאַנד; געקומען צו פּרימיטיווע מענטשן, און מיט איין האַנט לינדערן זיי יסורים, און מיט דער אַנדערער — דערלאַנגען זיי אַ עוואַנגעליום. צווישן פרומע מיסיאָנערקעס האָב איך געטראָפן, אויך גאָר גאַנצע העלדינס, וואָס האָבן צו דערציילן פון ניסים און נפלאות, פון איבערפאַלן און פאַרוואַלדיקונגען.

ס'האָט מיר אין אַפֿריקע איינע דערציילט, ווי אַזוי אַ מחנה קאַפֿירס האָבן זי געיאָגט און געוואָלט אַוועקטראָגן אין וואַלד אַרײַן, איבערגעבן זי צו די שרעקלעכע מאַלפּעס, צו די באַבונעס.

— איר שטעלט זיך פֿאָר אַזאַ ווילדקייט?! און דאָס האָט געטראָפֿן נאָכדעם, ווי איך האָב געמיינט, אַז איך האָב זיי שוין באַלויכטן דעם פֿאַרשטאַנד זייערן...

אין אינדיע האָט זיך קאַטאָליציזם שטאַרק פֿאַרשפּרייט דאָרטן, וואו די לאַגע פֿון די פּאַריער איז צום שווערסטן. זיי, די אומגליקלעכע, אַרויסגעוואָרפֿענע פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, זיי, די אומרייניגע, וואָס האָבן ניט קיין רעכט צו שטיין אין די ד' אַמות פֿון אַ ברודער אַפֿילו — אַז די מיסיאָנערן האָבן זיך צו זיי דערנעענטערט, אָנגערירט זייער לײַב און זיך געשפּילט מיט זייערע קינדער — וואָס מער באַדאַרף מען כדי אויסצוקויפֿן זייערע נשמות? עס טרעפֿט, אַז דער מיסיאָנער העלפֿט אים מיט אַ קלייניקייט געלט אין צייט פֿון שאַרפֿער נויט. אין צייט פֿון הונגער, פּעסט, יעמאָלט באַווייזן זיך די מיסיאָנערן מיטן פֿרומען פּנים און קויפֿן אונטער דעם פּאַריער מיט אויפֿריכטיקער, צי מיט ניט־אויפֿריכטיקער צוגעלאָזנקייט.

2

נאָר דאָס, וואָס איך גיי דערציילן, האָט געטראָפֿן ניט ווייט פֿון בענאַרעס, אויפֿן וועג, וואָס פֿירט קיין כאַרנאַט.

כאָטש עס איז שווער אָנצווייזן, אַז דאָס אינדישע פֿאָלק איז ניט פֿאַרדבקעט מיט פֿאַנאַטיזם; אַוואו עס איז ניט פֿאַרפֿלאָנטערט אויף יענע מיסטעריעזע שווינדלטרעפּ, וואו עס קומט פֿאָר דער שטענדיקער שטייגן און פֿאַלן, נאָר אין דעם ווינקל אַרום בענאַרעס, ביים הייליקן טייך גאַנגאַ, איז די מיסטעריע געדיכט. די עולה־רגלניקעס פֿון גאָר דעם לאַנד, — מיט דעם דערנענטערן זיך צו בענאַרעס, וואַקסט זייער וועלט, וואו די נשמה באָדט זיך אין נימגעשטויגענע קוואַלן.

דער וועג קיין כאַרנאַט, איז דאָך דער וועג, וואָס בודאַ האָט נאָך געטרעטן מיט אַ דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. דאָ באַגעגנט

מען יאָגים, אין אַלערליי געשטאַלטן: לאַנגהאָריקע, אויפן פּנים פילפאַרביקע סימבאָלן; אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, עקזאַלטרט ביז משוגעת און וואָס האַלטן אין איין בעטלען; הייליקע קי און הייליקע אָקסן, וואָס שטויבן זיך צווישן מענטשן און דריקן אוים מיט די בליקן זייער חשיבות.

דאָ איז דער ווינקל, וואו דאָס לעבן זעט אוים ווי אַ פּויכגער ביים אוים, וואו אַלערליי פילפאַרביקע האָלצפּיקערס פּיקן און שלעפּן ווערים אַרוים. און אָט־אָ דאָ האָבן זיך איר, דער יונגער מיסיאָנערקע, פאַרוואָלט אויך האַלטן איר דרשה און ריידן צום עולם פון ברידערלעכקייט, אין נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס האָט געלעבט מיט אַ פּאָר טויזנט יאָר צוריק.

דאָ צווישן עולם, וואָס גלויבט, אַז ס'איז באַלד פינף טויזנט יאָר, אַז די השכות הערשט איבערן לעבן און אַז ביז די ריכטיקע צייט וועט ניט קומען, איז קיין פּעולה ניט דעם פאָרהאַנג צו רייסן; פאַטאַליסטן, וואָס גלויבן ניט אין זייער אייגענער אַקטיוויטעט; פאַטאַליסטן, וואָס גלויבן ניט, אַז אַ מענטש קען אַליין זיין גורל באַשטימען און זיינע טריט ווענדן אין אַ געוויסער ריכטונג — דאָ האָט זי זיך געשטעלט אויף עפּעס אַ קעסטל, אַרומגעלייגט מיט עוואַנגעליומס און מיט אַ גאַנץ קלינגענדיקער שטימע, אין הינדו־דיאַלעקט, האָט זי גאַנץ דרייסט זיך צעלייגט מיט אירע מאַמרים פון די אַפּאָסטאָלן.

איך האָב זיך פּונקט אומגעקערט פון סאַרנאַט, וואו עס געפינען זיך חורבות פון בודא־טעמפּלען פון איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, נאָך פון דער צייט פון מלך אַסאָקאָ. מיין קעמל האָט מיך אויף זיין רוקן אַזוי איינגעוויגט, ממש ווי אַ ים־קראַנקהייט. איך בין אַראָפּ און געגאַנגען צופוס ביים זייט פון מיין קעמל־טרייבער.

איך האָב זיך אויך אָפּגעשטעלט און דערנענטערט צום עולם, וואָס האָט זיך אַרום איר געקליבן. געוויס האָט עס דעם גרעסטן טייל עולם געחידושט איר חוצפה: אַ מיידל מיט אַזעלכע בלאָנדע האָר, מיט אַזעלכע בלויע אויגן; בלוט פון בלוט פון ענגלישן פאָלק; בלוט פון בלוט פון די אייגענע, וואָס האָבן אַזוי שווער אָנגעלייגט די האַנט אויפן אינדישן פאָלק; אַ קינד פון די אייגענע, וואָס האָבן

אין לאַנד אַרײַנגעבראַכט שטײַפֿן לוקסוס, שטײַפֿע גאווה, אין דעם בליק, וואָס דערנידעריקט.

איז דאָס מעגלעך אײַנצײַטיק צו זײַן גוט און שלעכט? איז מעגלעך אײַנצײַטיק, אַז די בלויע אויגן זאָלן קענען אַראָפּקוקן אויף מענטשן, ווי אויף קינדער פֿון איין באַשעפֿער?

און באַלד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויסרופֿן פֿון עולם:

— ווער איז זי, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט חוצפה, אויף דעם־אָ חתונה אַרויסצוקומען און דאָ זיך אַרומלייגן מיט איר נײַעם טעסטאַמענט — ניט אַנדערש אַ טײַוול אַזאַ!

— ווער ווייסט, אפשר אַ שוועסטער פֿון אונזער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

— אַזוי שטעלט מען אונז אונטער פּאַסטקעס אויף אַלע וועגן.

— ווער ווייסט, אפשר איז דאָס נאָר אָפּצוטוימען אין אונז אונזער פּראָטעסט.

און באמת איז געווען אַ חידוש, פֿונוואַנען האָט זיך צו אַזאַ יונג מיידל גענומען אַזויפֿיל מוט צו קענען ווידערשטיין די אויסרופֿן, וואָס זײַנען צו איר צוגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון עולם אַרום. אין איר פּנים איז געווען אַ סך נאַאיוויטעט פֿון אַ גלויביקער. און אפשר מיט דעם האָט זי געקענט צאַמען דעם פֿאַנאַטישן עולם.

אײַנגעוויקלט אין אַ פּראַכטיקער, לײַוונטענער „סאַרי“, מיט אַ געלבלעכן ראַנד אַרום, אויף די באָרוועסע פֿיס — פֿון רימען געפֿלאָכטענע סאַנדאַלן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אירע פֿאַרשטויבטע פֿינגער און איר שטים האָט געהאַט דעם מוטערלעכן ציטער פֿון אַן עלטערער פֿרוי. אפשר האָט זיך איר שטים מיט דער צײַט אַזוי געביטן און פֿאַרעלטערט געוואָרן, פּונקט ווי איר יוגנט, וואָס האָט זיך אונטער דעם לאַסט פֿון עוואַנגעליום אינעווייניק אין איר צונויפֿגעקאָרטשעט.

געווען מאָמענטן, ווען זי האָט מיט איר שטימע אײַנגעזיגט דעם עולם. עס האָט אויסגעוויזן, אַז זי האָט דעם עולם באַצוווּנגען, ווען זי האָט געמאָלן די לײַדן פֿון דעם, וואָס איז אויסגעשטאַנען צו דערלייזן די וועלט.

פּלוצלונג האָט איינער פון עולם אַ פרעג געטאָן אויפן הויכן קול:

— וויפיל וואָלט קריסטוס באַקומען פון דער ענגלישער רע־גירונג, פאַר שטעלן זיך אויפן ברייטן וועג, וואָס פירט צו בענאַרעס און ריידן צום פאָלק אָט די דאָזיקע קלוגע רייד?

און איידער ער האָט נאָך געהאַט געענדיקט זיינע רייד, האָט אַ צווייטער זיך אַ ריס געטאָן פון רעדל מענטשן אַרויס און אַ שפּיי געטאָן דער בלוי־אויגיקער מיסיאָנערקע גלייך אין פּנים אַריין. באַלד האָט אַ צווייטער און אַ דריטער געטאָן דאָס אייגענע. דער איבעריקער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די עוואַנגעליומס, וואָס זיי־נען געלעגן אויף דער ערד לעבן אירע פיס, אין דערוואַרטונג זיי צו דערלאַנגען דעם עולם צוהערער — מען האָט די ביכלעך גע־פליקט מיט אַזאַ מין ווילדקייט, גלייך ווי אין זיי וואָלט געלעגן דאָס גרעסטע אומגליק. די צעריסענע בלעטער האָט מען געפליקט אויף קלענערע שטיקלעך, געשפּיגן אויף דעם און געשליידערט איר אין פּנים אַריין.

ווען דאָס לעצטע ביכל איז צעריסן געוואָרן, האָט נאָך איי־נער דעם לעצטן שפּיי געטאָן צו דער מיסיאָנערקע, שוין ניט טרעפנדיק אין צורה. נאָר דערפאַר האָט ער איר נאָך אַמאָל צוגע־וואָרפן אַ זידל־וואָרט.

איך בין איבערגעבליבן דער לעצטער. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז זי איז געקומען צו זיך. זי האָט אַרויסבאַקומען אַ טיכל פון בוזים אַרויס און פאַמעלעך גענומען ווישן דאָס פּנים. עס האָט קיין איין מוסקל אויף איר פּנים ניט געציטערט.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן און זיך געווענדעט צו איר:

— איז דאָס צום ערשטן מאָל, וואָס מען האָט דיר אָנגע־שפּיגן אין פּנים אַריין?

— אָ, ניין, סיר, — האָט זי געענטפערט. ווען מען האָט מיר צום ערשטן מאָל אָנגעשפּיגן אין פּנים אַריין, האָט מיר מיין פּנים אפשר אַ גאַנצן חודש געשמאַרצט. מיר האָט זיך איינגעוויזן, אַז איך וועל שוין קיינמאָל, קיינמאָל מיין פּנים ניט קענען ריין אַרומ־וואַשן, נאָר איצטער, פאַרקערט, ווער איך שטאַרקער און גלויב־

אין מיין מיטע. זאָל מען שפּייען. איך ווייס, אַז דאָס איז ניט קיין רעגן פון לויטערן הימל...

מיט אַ חודש שפּעטער האָב איך זי באַגעגנט אין באָמביי, אויפן וואָקזאַל צווישן אַן עולם אָרעמע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן צוג. זי האָט געהאַט מיט זיך אַ פרישן פעקל מיט עוואַנגעליומס. איך האָב זי דערקענט און באַגריסט. זי האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט און באַלד בלאַס געוואָרן, און עס האָט אויסגעזען, אַז ערשט איצטער האָט איר הויט דערשפּירט דעם שפּיי, וואָס זי האָט געקראָגן אין מיין געגנוואַרט. זי האָט תחילת געמאַכט אַ באַוועגונג אַרויסצוגיין פון עולם צו מיר און האָט חרטה געהאַט. זי איז איצטער געווען געקליידט אייראָפּעיִש און דער ערשטער איינדרוק האָט זיך דעריבער אָפּגעווישט. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז אפשר מאַך איך אַ טעות און דאָס, וואָס זי האָט אַ ניג געטאָן מיטן קאָפּ אויף מיין באַגריסונג, איז נאָר געווען אינסטינקטיוו.

מיט אַמאָל האָט זי געמאַכט אַ פּאָר טריט צו מיר און האָט געזאָגט:

— דיר האָט אַוודאי יעמאָלט געחידושט, ווי אַזוי איך קען איבערטראָגן אַ שפּיי אין פּנים אַזוי גרינג. ווייסט, אַז אין מיר רינט דאָס ענגלישע בלוט. דאָס איז דער כּוח אין מיר. ווייסט ניט, וואָס ענגליש בלוט באַטייט.

עס איז געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג, דאָס, וואָס זי האָט מיר געזאָגט. אַ סך, אַ סך איז מיר פון דעם שפּעטער קלאָר געוואָרן. מיר איז געוואָרן פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי די ענגלענדער האָבן זיך געלאָזן שפּייען אין פּנים אין כינע, אין האַנקאָו, ווען מען האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון שטאָט, אויף די קריגסשיפן, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער יאַנגצע. עס איז מיר פאַרשטענדלעך געווען, ווי אַזוי נאָכן שפּייען אין פּנים אַריין האָבן זיי זיך ווידער אַרויסגעזעצט און ווידער פאַרנומען די פּאָזיציעס ביים ברעג.

אַפּנים, מען באַדאַרף זיך לאָזן שפּייען אין פּנים אויך, ווען מען וויל באַהערשן די שוואַכע, וואָס מער ווי שפּייען צוריק אין פּנים קענען זיי ניט.

און עס דאַכט מיר, אַז די לעצטע צווישן די העכערע און באַהערשער וועלן בלייבן די דאָזיקע, וואָס קענען איינמאָל אַרויס־ווייזן באַוואָפנטע מאַכט און אַ צווייטן מאָל — לאָזן זיך שפּייען אין פּנים אַריין.

אין אינדיע האָב איך עס פאַרשטאַנען.

מאַמע ערד און אירע קינדער

צום צווייטן מאָל, אַז מײַן וואַנדער־וועג פֿירט מיך אַרום דער וועלט. צום צווייטן מאָל רינגל איך אַרום די ערד און אַלץ, וואָס רופֿט אַרויס פֿרייד בײַ מיר, און אויך אַלץ, וואָס רופֿט אַרויס טרויער — דאָס זײַנען די פֿעלדער, וואָס וויקלען מאַמע־ערד איבער גאָר דער וועלט.

פֿויערים דאָ, פֿויערים דאָרטן, מיט געזאַנג און אָן געזאַנג, וואו בלויז מאַן אין פֿעלד, וואו מאַן און פֿרוי זײַט בײַ זײַט, וואו פֿרוי אַליין געבויגן, מיט קינד אויפֿן פּלייצע אונטערגעבונדן, און וואו שוין קליין קינד מיט די קינדערשע פֿינגער גראַבלט די ערד און לייגט קערנדלעך אַרײַן אין איר.

וואַרף איך מײַנע בליקן אַהינטער, צו מײַן וועג, — קומען ניט אַנטקעגן די שטעט, קליינע און גרויסע, מיט די גאַסן און די באַוועגונג אין די גאַסן: — פֿויערים געבויגענע איבער זייער גורל און נחלה, וואָס איז זיי באַשערט, זיי קומען אויף פֿאַר מײַן מחשבה: מיר לעבן דאָך אין דער צײַט, וואָס דער רוף צוריק צו דער ערד ווערט שטאַרקער און הילכיקער. כאָטש שטאָט פֿאַרשרײַט דעם דאָזיקן רוף.

אין די מערב־לענדער, אין אַמעריקע דער עיקר, איז שוין די באַציִונג צו דער ערד אַ מעכאַנישע, אַ חוצפּהדיקע, מאַשינען מיט סוילער ענערגיע פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט טוען די אַרבעט אין פֿעלד. איך האָב אַמאָל באַקלאָגט, וואָס געזאַנג האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אַמעריקעס פֿעלדער. איך באַדויער עס איצטער ווייניקער. וואָרעם די חוצפּהדיקע פֿרייד, וואָס אַ מאָדערנע שנייד־און־דרעש־מאַשין שפּרייט אַרום זיך — די דאָזיקע פֿרייד איז גאָר אַ יונגע, איז נאָך ניט באַגריפֿן געוואָרן אינגאַנצן. און דער ריח פֿון בהמהשע

מיסט, וואָס האָט אַזוי געשמאַק געבּיסן אין נאָז; די „בּרכה" פון דער ערד, וואָס איצטער פאַרבּייטן די כעמישע מיטלען צו באַפרוכפּערן די ערד, — ניין, נאָך יענעם ריח באַדאַרף מען ניט בּענקען. פונקט ווי מען באַדאַרף זיך ניט צובּינדן צום ריח פון די יאַפּאַנישע און כינעזישע פעלדער, וואו מען מיסטיקט די ערד מיט מענטשלעכער צואה. מיינען נאָך אַ סך, אַז מאַמע-ערד קען זיך אָן דעם ניט באַגיין. דאָס איז די נייטיקע מנחה, אָדער מתנה פאַר איר, כּדי זי זאָל באַלוינען מיט בּרויט אירע הונגעריקע קינדער.

אין אַ סך פון די מערב-לענדער איז שוין דער סערפּ גאָרניט קיין סימבּאָל פאַר העכערע אידעאַלן. מיט סערפּ שניידט מען דלוה, מיט סערפּ צעבּרעכט מען זיך דעם רוקן. עס גייט שוין איך דערצו, אַז יענער פויער, וואָס האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון מיסט און סערפּ, זאָל ווערן מיט זיין גאַנצן מהות שטאָט-מענטש. און דעריבּער האָט ער אויפגעהערט צו זינגען בּיי זיין אַרבּעט. קלערער זעט ער אַרויס זיינע פאַרדינסטן. קלערער די מזומנים. דער געדאַנק ציילט געלט און ניט קיין קערנער. די מחשבה איז ווייט פון קערנדל, וואָס גייט צום מילנער; הייט פון ריח פון פריש-געבּאַקענעם בּרויט. ווערט אַמאָל אומעטיק.

גאָר דייער אָפּט ווערט פול דער מהות מיט קלעמעניש, אַז מען קומט אין די מזרח-לענדער, וואו בּיי מאַמע-ערד אויפן רוקן קאַפּאָשען זיך אירע קינדער, פאַמעלעך און מיט אַזויפיל געדולד, זעלטן-ווען מיט געזאַנג. אַ סך שווייגן, אַ סך פאַרזאָרגטע פאַרטראַכטקייט. וואָרעם נויט גייט נאָך די קינדער פון דער ערד. די, וואָס אַקערן און זייען און שניידן, פאַרגינען זיך ניט צו דערגענטערן צו זייער הויז, די שפע פון דער ערד. ווייסן מיר דען, ווי שווער עס קומט אָן דעם פויער בּיז ער בּרענגט אויף רייז, אָט דעם דאָזיקן קלאָרן רייז, וואָס איבּער גאָר דער וועלט איז ער צווישן אונזערע בּעסערע מאכלים! גענוג צו דערמאָנען, אַז דאָס רייז-פעלד באַדאַרף די גאַנצע צייט פון וואַקסן, שטיין אונטערן וואַסער, אַ פוס, אָדער צוויי פוס טיף. אין די בּיטערע קעלטן, אין יאַפּאַן שטייט די גאַנצע פויערשע משפּחה בּיז די קני אין וואַסער און מיט די הענט שאַרט מען אַרום די רייז-פלאַנצונגען. דאָס לעבּן איז פול מיט

קראַנקהייטן, רעוומאַטיזם, וואָס נאָר אַ נאַסער, קאַלטער לעבן דינט צו.

און אַזוי איז דאָס אויך אין כינע, און די פעלדער. זעבט, דער פויער איז איינגעבויגן, אויסגעטריקנט, שווייגעדיק און ברוגז און גלויבסט זיך גאָרניט, אַז מאַמע-ערד וועט זיך צוהערן צום פאַרלאַנג פון אַזעלכע ברוגזע קינדער. און דאָך — גאָר קיין סוף ניטאָ צו די אַלע גוטע זאַכן, וואָס דער פויער אין כינע רופט אַרויס פון דער ערד. און גאָר ניטאָ קיין סוף צו די פלאַנענישן, וואָס ער האָט אויסצושטיין פון די ווילדע וועטערן און פאַרפלייצונגען פון זיינע קאַפּריזנע טייכן.

קומט מען קיין אינדיע אין פעלד אַריין, טראַגט מען זיך איבער אין ביבלישע צייטן. קומען אַנטקעגן אַזעלכע ווייטע דורות. אַלע קאַפּריזן פון דער נאַטור, מיט זיי שפּילן זיך אינדיעס ברהינע קינדער אויף דער ברוינער ערד. און נאָך ערגער איז צו זיין אונטערטעניק דעם בייזן ווילן פון די, וואָס האָבן די ערד באַהערשט: רעגירונג, פּרינצן און אָפּשטאַמונגען פון ווייטע מלכים. און דאָך, אַזויפיל פרידן רוט אין פעלד. אַזויפיל פרידן טראָגט מיט זיך דער פויער, ווען ער שפּרייזט מיטן שמאָלן שטעג דורך די פעלדער!

אין גאַנצן פון באַגינען איז דער פויער פון אינדיע די שטילסטע באַשעפעניש אין פעלד. מיט זיין מעשענעם קריגעלע איז ער אַרויסגעקומען צום וואַסער ביי זיך אין פעלד און וואַשט זיינע גלידער. איינגעוויקלט אין זיין ווייסער „דאַטי", מאַכט ער ניט דעם איינדרוק, אַז מיט גרויס עקשנות סאָדערט ער די שפע פון דער ערד. דער ווייסער אָקס, מיט דעם הויכן קאַרק און קלוגן בליק, אָדער דער אומעטיקער, שוואַרץ-ברוינער בופלאָקס, מיט די שווערע הערנער פאַרוואָרפן אויף ביידע זייטן, — די דאָזיקע אַרויסהעלפער געפינען זיך ערגעץ אין דערוואַרטונג און דער פויער שפּרייזט פאַרקלערט מיטן שטעג און אויפן אַקסל דער שמאָלער, הילצערנער אַקער. בלויז איין אָקס שלעפּט דעם הילצערנעם אַקער און ביידע, סיי דער פויער און סיי דער אָקס, זיינען גרייט אויף שלעכטע צייטן: אָנהייב זומער ברענט די זון און קען אַלצדינג אויסטריקענען און פאַרברענען. שפּעטער קומט דער „מאַנסון", הע־

מבולדיקער רעגן-סעזאָן און קען אַלץ פֿאַרשווענקען. ביידע זיינען אמעטיק ביי דער אַרבעט, ביידע זיינען צו טריקעניש און הונגער צוגעגרייט.

איצטער צי איך הורך די פעלדער, ווען מען שניידט חיין, גערשטן און מען דרעשט עס אין פעלד. היים. דאָס פעלד איז אָנגעגליט. גלייך פון ווינטער איז דאָס לאַנד איבער אין אַ קאַ-כעדיקן זומער אַריין. קיין רעגן גייט ניט. אַ זינד צו באַשולדיקן דעם גרונט, ווען ער גיט ניט אַרויס גענוג שפע. אַזוי שיטער זיינען די תבואות אויפגעקומען. זיצן אין די שיטערע ווייצן, ווי גרויסע פייגל, מאַן און ווייב אין מיט אַ קליין סערפעלע שניידט מען פלעגמאַטיש די שיטערע גערעטעניש. אויסגעטריקנט איז דער פויער, ווי די ברוינע ערד. געווים איז פאַרהאַן אויף זיין חשבון אַ סך חוב. און ער האָט אויפן קאָפ יעדן זאַג, וואָס איז אַראָפגעפאַלן ביים שניידן. יעדן קערנדל אַפילו. ניטאָ אין ערגעץ אַזאַ ריין צו-געקליבן שטיקל פעלד נאָכן שניט. עס וועט קיין איין זאַנג ניט איבערבלייבן פון הינטן.

און ווי אין די ביבלישע צייטן, אַזוי נאָך איצטער אין אינדיע, דרעשט מען די תבואה מיט אָקסן. דייגן זיך צונויף עטלעכע שכנים. יעדערער ברענגט זיין אָקס, און אַ צען, צוועלף אָקסן, ביים דערפל פון ליימענע הייזלעך, טרעטן די שפע. ליגן אין אַ קרייז די גאַרבן צונויפגעקליבענע און געבראַכטע פון נאָענטן פעלד און די אָקסן טרעטן די גאַרבן, טרעטן אין קרייז אַרום אין אַרום און אַזוי צע-טרעטן זיי די שטרוי מיט די זאַנגען, טיילן אַרויס די קערנער פון די זאַנגען אַרויס. די בהמה, וואָס איז אַ פרעסערקע, טוט מען איר אָן אַ שלאָס אויפן מויל. זי זאָל ניט כאַפן אַ איבעריקן ביסן פון דער תבואה פון אונטער די פיס. די פאַרשטענדיקע אָקסן לאָזט מען פריי, ניט קיין ביז, אויב מען האָט אַריינגעכאַפט אַ מויל קער-נער. דער אינדוס פאַרגינט. און שפעטער וועט זיין עמעצער, וואָס וועט די בהמה-מיסט דורכקלייבן און יעדן גאַנץ-געבליבענעם קערנדל פון מיסט אַרויסגעפינען. אַ קערנדל איז ניט קיין זאַמד-שטיבעלע. דער אינדוס דערקענט עס, ווי דער עושר דעם פערל, אָדער בריליאַנט. דער אינדוס עסט מיט די הענט און זיינע פינגער, בלינדער-

היט, טאַפּן אַרום זיך און דערטאַפּן יעדן רייז=קערנדל, וואָס האָט זיך פֿון האַנט אַראָפּגעגליטשט.

ניט קיין חידוש, וואָס סוף זומער, ווען עס קומען אָן די האַרבסטיקע יום=טובים און דער אינדרויס הייבט אָן אויסצוצאָלן זיינע תבֿואות צו די פּראָצענטניקעס, הייבט ער אויך אָן צו פֿונאַנדערדרעכענען זיך מיט אַלע געטער זיינע, וואָס האָבן אים אין די טעג פֿון פּראַצע אַרויסגעהאָלפֿן... יעמאָלט פֿאַרגעסט ער ניט צו באַדאַנקען און מיט אונטערטעניקייט זיך צו בוקן צו אַלעמען און צו אַלץ, וואָס האָט אים זיין געדולד געשטאַרקט. ער גייט אַרויס אויפֿן הויף און ציט זיך אויס מיטן פּנים צו דער ערד פֿאַרן באַרג מיסט, וואָס וואַרט, מען זאָל אים צעשפּרייטן איבער דער אויפֿגעאַקערטער ערד, ער בוקט זיך מיטן פּנים צו דער ערד פֿאַרן אַקער, פֿאַר דער בראָנע, ער בוקט זיך צו אַלע מכשירים, וואָס ער האָט באַנוצט, וועקנדיק מאַמע=ערד. פּונקט ווי עס טוט דער שוסטער צו זיין אָל און האַמער, דער סטאָליער — צו זיין האַק, הובל און זעג.

ווייל מען דעם אינדרויס זען אין אַ נאַטירלעכער ליכט, זאָל מען גיין אין פֿעלד, וואו עס לעבט אפשר ניינציק פּראָצענט פֿון פֿאָלק. (אויף גאָר דער וועלט, איז דער אָרעמער, נויט=באַלאָדענער מענטש שענער אין פֿעלד, ווי אין שטאָט). נאָך בולטער איז דאָס בילד דאָרט, וואו דאָס פֿעלד איז באַהערשט פֿון אַ געלייטערטער רו. ניטאָ אין ערגעץ אַזוי פֿיל פֿייגל און חיות אין פֿעלד, בעת שניט=צייט, ווי דאָ, אין אינדיע. ווען די תבֿואות זיינען דערשטאַנען, קומען זיי אַלע געניסן. דער פּויער נעמט זיי אַלעמען אויף מיט ליבע און פֿרײדן. און מיט נאָך מער געדולד קלעטערן אַראָפּ פֿון די ביימער די מאַלפּעס, די „זיען" מיט די קינדער אויפֿן פּלייצע, אָדער אונטערן בויך אונטערגעהאַנגען. קומען מחנות פּאַפּוגייען, בלענדן מיט זייערע בונטע פֿאַרבן. קומען ווילדע פּאַוועס, קומען הירשן — אַלע, אַלע דערנענטערן זיך יעמאָלט צום פּויער אין פֿעלד. ניט זיין פּנים און ניט זיין פּלייצע דערשרעקן די ניט=געבעטענע געסט. אַפֿילו די ווינטיקע הירשן, וואָס דערשמעקן פֿונווייטן דעם שונא און זיינען שטענדיק אויף דער וואַך, — אויך זיי נעמען זיך אָן מיט מוט און קומען כמעט צום פּויערס האַנט. קוקסט צו דעם אַלעמען און דיר

דאַכט זיך אויס, אַז דו ביסט געקומען צו דער גרענעץ פון כולו טוב.

די געבויגענע הייזלעך, ליימענע, אָדער פון קאַמיש מיט ליים די ווענט אויסגעשטעלטע; דעכער שטרויענע און די „הייליקע" קי, די גוטמוטיקע אַרום שטוב. אַ פּאָר ציגן מיט לאַנגע, לאַנגע אויערן; דראָבנע, נאַקעטע קינדערלעך, פרויען מיט קריג וואַסער אויפן קאָפּ; מיט קוישן גרינסן, בינט תבואה אויפן קאָפּ; די צונויפגעקליבענע און געקנאָטענע פּלעצלעך קו־מיסט, וואָס טריקענען זיך אין דער זון און וועלן דינען צו מאַכן אַ פייער אויף קאָכן — דאָס אַלץ געהער צו דער וועלט פון כולו־טוב.

ווייל ניט אָרעם איז דער פויער, ביים זייט מיט די פייגל און הירשן. אָרעם איז דער אָרעמאַן אין אינדיע אין דער גרויסער שטאָט. דאָרט איז ער דער אָרעמסטער אויף דער וועלט, דער דערשלאָגענער אין, וואָס ווי אַ צונויפגעדרייטער, טרוקענער צווייג וואַרט ער אויף דער צייט, ווען מען וועט אים אויפן שייטערהויפן פאַרברענען. כאָטש אויך אין פעלד זיינען פאַרהאַנען די קוואַלען פון אַלע קראַנקהייטן: ווען עס קומען אָן די גרויסע מבולים און פאַרשווענקען אַלע האָפענונגען; ווען אין די הייליקע טייכן שווימען, אינאיינעם מיט טויטע בהמות, אַלע האָפענונגען דעם פויערס. — נאָר אַזוי לאַנג, ווי מאַמע־ערד ווינקט מיט ווייניק עס איז חסד, — שפרייט זיך פרידן אין פעלד.

די וועגן און שטעגן פון פעלד זיינען באַלעבטע. דער אינדוס, מיט זיין אינערלעכער געצאַמטקייט, שפרייזט מיט אַ ווייטן טראָט. סיי מאַן, סיי פרוי — גרויסע טרעטערס. מיט די משאות אויפן קאָפּ, פרויען אין די רויטע, געלע, בלויע סאַרים, פון קאָפּ ביז צו די פיס איינגעוויקלט; די הענט אויסגעהויבן צו שטיצן די משא אויפן קאָפּ, — ווען זיי ציען פאַרביי, פילסטו מיט זייער גרויסן גאַנדהי וואָס וואָרנט, ניט איבערצוזייסן מיטן אַלטן לעבנסשטייגער:

ניט לאָזן, אַז מיט גראָז זאָלן פאַרוואַקסן ווערן די שטעגן, וואָס פירן פון דאָרף צו דאָרף, פון פּראָווינץ צו פּראָווינץ און פון מענטש צו מענטש.

אויף קברים און חורבות פון הערשער

פאַרהאַן אַזוינע חורבות, וואָס שטאַרצן אַרויס פון דעם מענטשן-ים, ווי די איבערבלייבעכצן פון אַ שיף-ברוך ערגעץ ביי אַ ברעג ים. אַנדערע — ווי די טרוקענע ביינער פון געפאַלענע קעמלען אין מדבר. זעלטן-וואו אַזאַ חורבה דערשיינט צו מיר אין געשטאַלט פון אַ לייכט-טורעם.

אויב אַזעלכע חורבות באַלייכטן יאָ עפּעס, איז דאָס דעם ברייטן שליאַך, וואו די שורות קנעכט זיינען געגאַנגען געבויגן, פאַר-בייטשט פון די איבערהענט. דאָס זע איך, אַז איך קוק אויף די פּיראַמידן אין מצרים און באַטראַכט די גראַניט-בערג, וואָס מען האָט פון ערגעץ אַריבערגעבראַכט, — די מלכימשע קאַפּריזן צו באַ-פרידיקן.

אויף דעם זאָגן עדות די שיריים פון דער אַלט-גריכישער קול-טור. און אַזוי אויך די פעסטונגען און די פּאַלאַצן פון שפּעטער-דיקע דורות. איין לאַנגע קייט פון מענטשלעכן ליידן; איין לאַנגע קייט פון מלכימשן אומבאַגרענעצטן פאַרלאַנג. איין לאַנגע קייט, צו וועלכער עס גייען צוגעבונדן די, אויף אייביק-פאַרמשפּטע מאַסן, אי-בער וועלכע עס איז אין צייט פון מלכים ליידנשאַפטן אַריבער די ראָד פון צעשטערונג.

ווער איז דען ניט געקראָכן איבער אינדיעס פלעגמאַטישן קער-פּער, דורך אַזויפיל דורות, און אויף דעם דאָזיקן קערפּער איבער-געלאָזן סימנים פון קאַפּריזן! אַפילו בלויז פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, מיט אַריבער צוויי טויזנט יאָר צוריק, ביז צו די אַלע גרויסע און קליינע הערשער, וואָס זיינען אַהער דורך אַלערליי שפּאַלטן אַריינגעקראָכן. אינדיעס גוף איז פון אַלע צייטן געווען די נעסט, וואו פאַראַזיטן האָבן זיך אָפּגעזעצט. מער פון אַלץ האָט אינדיע

זיך געלאָזט פֿאַרשלעפּערן פֿון אייגענע רעליגיעס, געזויגן דעם אייגענעם פֿינגער, כאָטש איבערן גוף האָט זיך שוין די פֿרעמדע לאַסט ווי אַ מילשטיין אָנגעלייגט. ווען די מאַכמעדאַנער רייסן זיך אַריין פֿון נאָענטן מזרח קיין אינדיע אין צוועלפֿטן יאָרהונדערט און מיט זיי די רעליגיעזע שווערד — קריכט דער שונא ווי אין אַ מיראַזש אַריין.

די איצטיקע הערשער האָבן דעם פֿאַרפֿוילטן אָרט געפֿונען אין קערפּער פֿון דער גרויסער מאָגול-דינאַסטיע, וואָס האָט אָנגעהויבן איר הערשאַפֿט אין זעכצנטן יאָרהונדערט אין אינדיע. גענוג קליינע און גרויסע אינטריגעס זיינען נייטיק געווען, כדי צו ברענגען די פֿאַרפֿוילטע הערשאַפֿטן צו דער מדרגה פֿון אַבסאָלוטער צעפּאַלונג; קומען צו דער מדרגה, וואָס מיט אַ הייפּל סאָלדאַטן האָבן אין לעצטן יאָרהונדערט די ענגלענדער אַ גאַנץ לאַנד פֿאַר זיך דעראָבערט. גענוג אומצוגיין אויף די חורבות, וואָס די מאָגולס האָבן נאָך זיך געלאָזן, זייערע פֿעסטונגען און די פּאַלאַצן אין דער פֿעסטונג, וואָס דעקן איצטער פֿאַר אונדז אָפּ דעם לוקסוס, אין וועלכן עס האָט זיך געבאָדן אַ מאַכמעדאַנישער הערשער, אַרומגערינגלט מיט זיינע הונדערטער ווייבער.

די מאָזולעומס איבערראַשן אויך גענוג, כאָטש אין ליכט פֿון די מצרים-הערשער און זייערע פּיראַמידן, וואָס קוקן אַרויס פֿון מדבר, זיינען די קברים פֿון די מאַכמעדאַנישע הערשער הינטערשטעליק. אָבער נאָר אין דעם אַלגעמיינעם ליכט פֿון זייערע חורבות, אָן אַן אונטערשייד, באַדאַרף מען באַטראַכטן די הונדערטער טויזנטער פּילפּאַכיקע קנעכט, וואָס ערגער, ווי דער גורל פֿון חיה און בהמה, איז געווען זייער גורל. מען באַדאַרף אין דעם דאָזיקן ליכט זען אויך די שאָטנס פֿון די געבויגענע, נאַקעטע פּלייצעס, וואָס האָבן געשלעפּט גראַניט און מירמלשטיין-פּלאַטן צו בויען פּאַלאַצן פֿאַר די לעבעדיקע הערשער, אָדער אויפֿשטעלן מאַזולעומס, — וואו עס זאָלן זיך אויפֿהאַלטן שפּעטער די נישטיקע שיריים פֿון אַזעלכע הערשער. דער ענטוזיאַזם איז אומבאַגרייפֿלעך, די צערייצטע נערוון און סעקסועל-קראַנקער דמיון פֿון די אָריענטאַלישע הערשער איז סם-המוות פֿאַר די קינדער פֿון לאַנד געווען. פֿון אַלע

ווינקלען קוקט נאָך איצטער אַרויס די קראַנקע פֿאַנטאַזיע פֿון די הערשער מיט אויסגעטריקנטע מוחות און צערייצטע נערוון.

דער שטענדיקער פּחד, וואָס איז געוואַקסן ביי די הערשער, האָט באַדאַרפֿט פֿעסטונגען אַרום פּאַלאַץ, אַזוינע דיקע ווענט, אַזוינע טיפֿע גראָבנס אַרום. און ווי האָט זיך געשלאָפֿן, נאָך אַלעמען, אינעווייניק אין אַזאַ פֿעסטונג? געוויס איז דאָס לעבן געווען פֿול מיט פּחד. פֿון אַלע ווינקלען האָבן זיך אין מוח אַריינגעשטאָכן פֿאַרגיפֿטיקטע שפּיזן. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך באַוויזן הענט, וואָס האָבן דערלאַנגט געטראַנקען געמישט מיט גיפֿט.

אין דער „היימישקייט“ פֿון אַ עטלעכע הונדערט ווייבער האָט דאָס לעבן ניט באַוויזן קיין ברייטע האָריזאָנטן. אַרויס פֿון דער איינגענער פֿעסטונג, אַרויס און גיין — האָט ניט געמיינט צו־ווייט פֿאַרגיין. אַפֿילו די, וואָס האָבן זיך געלאָזט ווייטער פֿון זייערע פּאַלאַצן, געגאַנגען פֿאָרויס פֿון חיל איינצונעמען שכנישע פּראָווינצן, זיינען אויך מיטן געדאַנק ווייט ניט פֿאַרגאַנגען. זייער מדות איז געווען פֿאַרשפּאַרט אין קרייז פֿון די פֿעסטונגען, אין דעם געפֿלעכט, וואָס הונדערטער ווייבער האָבן דורך קנאה, שנאה און רכילות געפֿלאָכטן.

ד ע ל ה י, אין צענטראַל־אינדיע, איז פֿון דורות־לאַנג געווען דער איבערדערווילטער פּלאַץ, וואו הערשער האָבן געשפּיגלט זייער גרויסקייט. דאָרטן איז די גרעסטע צאָל חורבות פֿון די מ אָ ג ו ל־הערשער. אַ סך קברים און מצבות אויף אַמאָליקע ליידנשאַפֿטן. דעלהי איז, מיט אַ קליינער אויסנאַם, געווען די הויפּטשטאָט אין פֿאַרלויף פֿון די מאָגולס. און אויך איצטער איז דעלהי די הויפּטשטאָט פֿון פֿרעמדער הערשאַפֿט. צי האָבן טאַקע פֿעלקער דורך טויזנטער יאָרן באַדאַרפֿט זיך שטויבן פֿאַר די טויערן פֿון הערשער? ווי ווערים זיך קווילן אונטערן שווערן יאָך, כדי מיט אַזאַ פּנים אַרויסקומען צום ראַנד פֿון אונזער יאָרהונדערט? אין די דאָזיקע פּאַלאַצן האָב איך געפֿרעגט מיין באַגלייטער, אַן עלטערער מאַכמעדאַנער, צי אים בענקט זיך נאָך יענע צייטן, ווען עס האָבן געלעבט די גרויסע הערשער אין די דאָזיקע פּאַלאַצן?

— „אָ, ווי זאָל איך ניט בענקען, ווי זאָל איך ניט בענקען, ווען אַזאַ מלכותדיקע דערהויבנקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט פונדאַנען איבער די קעפּ פון מאַכמעדאַנישן פאָלק? אונטער דער הערשאַפט פון אַזעלכע מלכים איז אַ פאָלק גרויס!" — האָט מיין באַגלייטער פאַנטאַזירט.

יאָ, „אונטער גרויסער הערשאַפט איז אַ פאָלק גרויס..." אַזוי האָט פאַרשטאַנען מיין מאַכמעדאַנישער חכם, מישטיינס געזאָגט. דאָס פאַרשטייט נאָך אַיעדעס קינד אַפילו, און אפשר אַזוי פאַרשטייען גאָר אַ סך דיכטער, וועמעס געזאַנג עס ווילט זיך נאָך שפּרייטן פאַר די טויערן פון מלכותדיקער קרענקלעכקייט.

אין דער עצם פאַנטאַזיע פון די מאַכמעדאַנישע הערשער איז ניט צו דערקענען קיין באַזונדערע ברייטקייט. פון יעדן ווינקל פון די דאָזיקע פּאַלאַצן ווייערע שוייט אַרויס קינדערשע פאַנטאַזיע און אומבאַוואוסטע פאַרלאַנגען. מיטן מינדסטן פינגער האָט מען ליידנשאַפטן געוועקט. פון ווייסן מירמלשטיין די ווענט, ווייס־געוועלבט די ספּיטן. ווייס דער דיל — ווייס און מאָזאַיש געפלאַסטערט. דראָבנע צייכענונגען. בלימעלעך, צווייגעלעך, פייגעלעך. די ווענט זיינען אויסגעזעצט מיט קאָלירטע איידלשטיינער: שמאַראַגד און רובין, סאַפיר און בלוטשטיין, טאָפּאַז און מאַלאַכיט, און אַפילו געווינקלטע דימענטן האָט מען געשטעקט אין די ווענט אַריין. אַפילו די מירמלשטיינערנע באָד האָט מען מיט איידלשטיינער אויסגעפּלאַסטערט, פאַרגעשטעלט אונטערוואַסערדיקע געוויקסן און אַזוי באַלויכטן, אַז לעבעדיק זאָלן די געוויקסן אויסזען.

אָבער די צימערן, וואו די ווייבער האָבן געלעבט זייער קרענקלעכן לעבן — כמעט אָן ליכט! געמאַכט, אַז צו זיי זאָל מען יאָ קענען אַריינקוקן, אָבער זיי — — —

געווים האָט מען זיי דערלויבט צו קומען און טוליען זיך מיט דער נאַקעטקייט צום קאַלטן מירמלשטיין און מצרף זיין דעם צעברעקלטן ווי און ליבע צו די מאָזאַישע בלימעלעך, אָדער פייגל.

מיט דער צייט האָט מען די איידלשטיינער אַרויסגעגנבעט. וואו עס זיינען געבליבן לעכער, אָדער וואו מען האָט דעם פּלאַץ פאַרלייגט מיט קאָלירטע גלאָז. ניט וויכטיק, ווער עס האָט געגנבעט און

װער עס האָט מיט גלאָז רעסטאַװרירט. נאָר װי פון עכטן רובין און רויטן גלעזל, עכטן שמאַראַגד און גרינעם גלעזל, איז װײַט פאַר איינעם און קיין שום מהלך ניט פאַרן אַנדערן — אַזוי איז דער מהלך פון רעזשים ביז רעזשים אין מהות פון גאַנצן פאָלק. בלויז װי האַרעם-װײַבער, װאָס האָבן אין דער פינסטער געכאָליעט דאָס לײַב, אפשר װעט דער הערשער דערשפּירן איר פאַרלאַנג אין זײַן לײַב און זי רופן צו זיך אויף בײַנאַכט — אַזוי ערגעץ, אין די טײלן פון אַ פאָלקס-אָרגאַניזם, לעבט די תשוקה צו װערן געשמיסן און שפּעטער געגלעט.

אין ערגעץ ניט אַזוי, װי אין די מזרח-לענדער, פונװאַנען אַלע רעליגיעס האָבן זיך אויסגעפּיקט — אין ערגעץ האָט ניט געבליט אַזוי אין פאַרלויף פון אַ סך דורות דער דאָרנדיקער געװיקס, װאָס האָט אין לײַב געשטאָכן און געמאַכט דאָס לעבן זיס.

פון דעם, װאָס װאַלגערט זיך מיט זײַנע װאונדן אין שטויב, ביז צו דעם, װאָס זיצט אויפן טראָן, איז גאָר קיין מהלך ניט. נאָר פון דעם, װאָס זיצט אויפן טראָן, ביז צו דעם, װאָס װאַלגערט זיך אין שטויב — איז אַ מהלך פון אַ סך דורות. איך האָב עס געלייענט אין די אויגן פון מײַן מאַכמעדאַנער, װאָס איז מיר נאָכגעגאַנגען און באַװיזן דעם אונטערשייד פון אַ עכטן איידלשטיין, װאָס באַצירט די װענט פון אַלטן פּאַלאַץ, ביז אַ פּאַטש גלעזל. ער האָט עס נאָך באַגריפן. ער האָט עס געשפּירט. אָנװײַזנדיק אויפן צימער פון „גערעכטיקייט און משפט", װאו איבער דער טיר איז אין װײַסן מירמלשטיין מאָזאַיִש אויסגעלייגט אין אַלערלײ קאָלירן אַ װאָגשאָל — האָט ער מיר באַמערקט:

— זעסט, דאָס איז אַ סימן פון גערעכטיקייט. זע, סאַר אַ װאָגשאָל!

און אַז איך האָב זיך געמאַכט ניט װיסנדיק, האָט ער מיר ממש אין מויל אַרײַנגעלייגט דעם זינען פון װאָגשאָל און גערעכטיקייט. דערציילט, אַז אין דעם זאַל איז געזעסן דער מלך, װען ער האָט באַדאַרפט אַרויסגעבן אַ משפט-צדק.

אין באַלד:

— „און דאָ, זעסטו, פלעגט ער זיצן בעת זיין באַליבטע קיניגין האָט זיך געבאָדן. זעסט, אָט־אָ־דאָ, וואו דאָס וואַסער איז אַראָפּ־געפאַלן צום באָד, זיינען געווען בלעטער פון גרינעם גאָלד און אידלשטיינער און אַז דאָס וואַסער האָט געשטראָמט איבער די בלעטער, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכער וואַסערפאַל צווישן לאָטאָס־בלעטער. און דאָ זיינען געשטאַנען פאַר־באָרגענע ליכט, וואָס האָבן אַזוי קונציק באַלויכטן דאָס וואַסער, כדי עס זאָל זיין דורכזיכטיק. און באָד, אַז די קיניגין איז געזעסן, איז דאָס וואַסער געהען באַלויכטן און אונטער איר די גאָלדענע בלע־טער — מען האָט געקענט מיינען, אַז דאָס וואַקסן זיי לכבוד דער מלכה. אַ גרויסע צייט געווען יעמאָלט, ווען אַזוי האָבן אונזערע הערשער געלעבט און זיך געפירט!“

טו איך אים פלוצלונג אַ פרעג:

— וויפיל ווייבער האָסטו?

— איך האָב בלויז דריי ווייבער — ענטפערט ער.

— און איינע איז דיר ניט גענוג?

ענטפערט ער מיט קלוגשאַפט און מיט ביטערקייט אינאיינעם:

— פאַרשטייסטו מיך, אַז מען האָט מער ווי איין ווייב, זיינען זיי אַלע דעם מאַן געטריי. מען באַדאַרף נאָר מאַכן, אַז איינע זאָל דער אַנדערער מקנא זיין, איינע זאָל דער אַנדערער ניט פאַרגינען — יעמאָלט רייסט זיך יעדע באַזונדער געפעלן צו זיין דעם מאַן. זיי לאָזן זיך ניט אָפּ, יעדע באַזונדער גיט אַכטונג אויף איר לייב, כדי דער מאַן זאָל צו איר האָבן זיין גלוסטונג. און קענסטו זיך פאָרשטעלן, אַז אַ מלך האָט געהאַט דריי הונדערט ווייבער אָט־אָ דאָ, אין אַזאַ פּאַלאַץ, און נאָר איינער האָט ער כלומרשט ליב גע־האַט, יעדע איינע האָט געוואָלט זיין וואָס נענטער צו אים. יעדע איינע האָט געוואָלט זיין בלוט באַהערשן...

הער איך איצטער די טריט פון גרויסן מלך שאה יאָהאַן, ווי ער גייט אום פון ווינקל צו ווינקל אין דעם אייגענעם פּאַלאַץ פון מירמלשטיין און פון יעדער שפּאַרונע בליקט צו אים די ליידנ־שאַפט פון זיינע ווייבער. נאָך איצטער, דאַכט מיר, אַז זייערע בליקן ברייען דעם פּוסטן הלל.

„גרויסע צייטן“ געווען, קוקן פון די קאַלטע ווענט אַרויס. און נאָך מער ריידן צו מיר פון „גרויסע צייטן“ אָט־אָ די אַלע צונויפגעדרייטע פון אָרעמקייט מענטשן־קינדער, וואָס וואַלגערן זיך אין דער שטויביקייט אַרום דעם פּאַלאַץ פון גרויסן שאַה יאָהאַן.

אין פאַרלויף פון הורות האָט מען שוין די שטאָט דעלהי ניט איינמאָל געבויט; חרוב געוואָרן און שפּעטער ווידער אויפגעבויט געוואָרן. מצבות, מאָזאָלעומס זיינען אַ סך צעוואָרפן אַרום דעלהי. קברי־מלכים. ווילדע גראָז שעמען זיך ניט צו וויקלען אַרום זייערע פונדאַמענטן. פאַרדאַן אַ טראַדיציע ביים אינדישן פאָלק, אַז אומקומען וועט פריער אָדער שפּעטער יעדע דינאַסטיע, וואָס בויט איך דעלהי אויפסניי. זייער קלוג און זייער פשוט: אין אינדיע, וואו דאָס פאָלק פאַרמאָגט אַזאַ לאַנגע היסטאָריע און נאָך לענגערע טראַדיציעס, מוז דאָך ווען עס איז נעמען אַ סוף צו אַ דינאַסטיע. נאָר ביי די אינדוסן איז טראַדיציע ניט קיין קליינקייט. פון דעם, וואָס דאָס פאָלק גלויבט, וועט קיין נביא און קיין שופט דערווייל קיין פעדימל, קיין שטויבעלע ניט מינערן. אין דעם פאַל איז קיין חידוש ניט, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרבונדן די איבנדערמאָנטע טראַדיציע מיט דער „נייער דעלהי“, וואָס די ענגלישע רעגירונג בויט אַ עטלעכע מייל אָן אַ זייט פון דער אַלטער פעסטונג און אַלטן פּאַלאַץ.

איך דעם אינדישן שטייגער בויט ענגלאַנד אַ גאַנצע מלוכה־שטאָט, אַ נייע. אין צענטער גרויסע רעגירונגס־הייזער, אַ פּאַרלאַמענט (אפשר פאַר דער צוקונפטיקער באַפרייטער אינדיע), אַ סך גאַסן פאַר באַאַמטע צום וואוינען. דאָס, וואָס ענגלאַנד בויט איצטער, איז אַ מוסטער פון איינפאַכקייט. אַ צוגעטראַכטע ווייסע פשוטקייט. איצטער, ווען די ווייסע שטאָט איז אויפגעבויט, און קיינער וואוינט נאָך ניט דערווייל דאָרט — די שטילע גאַסן, אַספאַלטענע וועגן, עלעקטרישע לאָמפּן, שורות פאַרפלאַנצטע ביימער און קיין מענטשן זיינען נאָך דערווייל ניטאָ. — אָט־אָ דאָס באַטראַכטן די אינדוסן פאַר דער שטאָט, וואָס „וועט מוזן חרוב ווערן“, פאַרוואַנדלט ווערן

אין חורבות, אונטער וועלכע עס וועט ליגן די מלכותדיקע גרויס־קייט פון דער איצטיקער מאַכט, וואָס באַהערשט אינדיע.

— יאָ, סיר, — האָט מיר מיין מאַכמעדאַנער געוואָלט איבער־צייגן, — עס וועט מוזן אַזוי זיין, ווייל אין דעם גלויבן סיי די אינדוסן און סיי די גלויביקע מאַכמעדאַנער. דאָס, וואָס דו זעסט, וועט מוזן אונטערגיין, וועט אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין חורבות, ווי דער אַלטער פאַלאַץ און די פעסטונג, יאָ, סיר...

— וועט יעמאָלט זיין שלום צווישן די מאַכמעדאַנער און די אינדוסן? — פרעג איך אים.

— אָ, ניין, סיר, שלום וועט קיינמאָל ניט זיין! אונזער רע־ליגיע באַפעלט אונז צו זיין מיט די אינדוסן אויף אייביק אין אַ הייליקן קריג. אָבער די־אָ נייע שטאָט וועט געווים חרוב ווערן.

און מיט זיין הייס צעגליטן בליק האָט ער מיך באַטראַכט, גע־באָרשט מיינע אויגן, צי בין איך מסכים מיט אים.

די אויסדערוויילטע פון פאַלאַץ

1

ווייסער מירמלשטיינערנער מאָזועליי. מאַכמעדאַנישער פאַרלאַנג און גייסט. הויכע מינאַרעטן רייסן זיך צום הימל. מאָזאַישע פענסטער דעמפן דאָס ליכט. אינעווייניקסטע ווענט מיט איידלשטיינער אויסגעזעצט...

„טאַזש מאַהאַל“.

דער אַזויפיל מאָל באַשריבענער און באַזונגענער מאָזועליי.

אַז מען וויל זען די שיריים פון דער מאָגול-דינאַסטיע, שפורן פון די מאַכמעדאַנישע הערשער, באַדאַרף מען אַגראָ, וואָס אין דער פּראָווינץ אַללאַהאַבאַד, ניט פאַרפעלן.

די אינגהויזן האָבן דאָ אַ הייליקן טייך, די דזשומנאַ. די מאַכמעדאַנער — אַ וועלט מיט חורבות. נאָר היטן היט מען דאָ אָפּ דעם „טאַזש מאַהאַל“, אויף אים זאָל די צייט זיך ניט אָנשפּאַרן צו-שטאַרק.

איך וואָלט אים אפשר ניט באַשריבן אינגאַנצן. נאָר מיר איז געבליבן אין זכרון מיין יונגער מאַכמעדאַנישער באַגלייטער און זיינע פאַרליבטע אויגן. און צוליב דעם מוז איך שוין דערציילן די גאַנצע מעשה, פאַרוואָס מען האָט אין מיטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט אַראָפּגעבראַכט פון איטאַליע אַ מייסטער, אַן אַרכיטעקט, ער זאָל מיט דער הילף פון טויזנטער קנעכט בויען דעם דאָזיקן מאָזועליי; דערציילן וועל איך ווער עס האָט אים באַפוילן בויען און ווער עס ליגט אין אים.

2

שאַה יאָהאַן, — ווי יעדער מאַכמעדאַנישער גרויסער הערשער, האָט זיך געקענט פאַרגינען האָבן אַזויפיל ווייבער אין זיין האַ-

רעם, וויפיל אים האָט נאָר געקענט אונטערזאָגן זיין קראַנקע פאַנ־טאַזיע (שאַה יאָהאַן האָט דאָך געהערשט איבער אינדיע אין מיטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. און די פעסטונגען און די פאַלאַצן זאָגן עדות, אַז זיין הערשאַפט איז געווען אַ שווערע).

יאָ, ווייבער האָט ער געהאַט גענוג. און אַ סך פון זיי ליב געהאַט אויך. נאָר צום ליבסטן האָט ער געהאַט דער פערסיאַנערין, אַרדזשימאָנד, אָדער ווי זי האָט שפּעטער געהייסן: מומטאַז י. מאַהאַל, „די אויסדערווײלטע פון פאַלאַץ".

געלעבט האָט זי מיטן גרויסן מלך בסך־הכל פערצן יאָר. אין די פערצן יאָר האָט זי געבוירן פערצן קינדער און געשטאָרבן אין קימפעט מיטן לעצטן קינד.

יעמאָלט האָט דער גרויסער מלך שאַה יאָהאַן, אַראָפּגעבראַכט פון איטאַליע אַ באַרימטן אַרכיטעקט און באַפעלן צו בויען דעם שענסטן מאָזולײ אין דער וועלט, וואו עס זאָלן רוען די ביינער פון מומטאַז י. מאַהאַל. צוויי־און־צוואַנציק יאָר האָט געדויערט דעם בנין אויפצושטעלן. און אַז ער איז געוואָרן פאַרטיק, האָט דער מלך באַפוילן, מען זאָל דעם איטאַליענישן מייסטער אויסשטעכן די אויגן און פאַרשפאַרן אין אַ פינסטערן קעלער, כדי ער זאָל ניט קענען מאַכן נאָך אַזאַ בנין און — דער „מאַזוש מאַהאַל" זאָל בלייבן דער איינציקער (אַזאַ מעשה דערציילט מען אויך פון יאָהאַן גראָזני און מאָסקווער קרעמל, ווי ער האָט געהייסן, מען זאָל דעם אַרכי־טעקט אויסשטעכן די אויגן, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט די שיינע בנינים).

3

טוריסטן ווערן פאַרוואַנדלט אין קליינע קינדער, אַז זיי קומען אין אַ פרעמד לאַנד. און ווער זאָגט נאָך אין די מזרח־לענדער — גיבן זיי זיך איינאַנצן איבער צו דער פאַנטאַזיע פון די „פירער" און זייער רעדנער־קראַפט.

און צווישן די „פירער" זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַגייסטערן זיך אַזוי ווי קליינע קינדער, ווען זיי זאָגן איבער פאַר עטלעכע טוריסטן אַן אויסגעלערנטע מעשה אויף אויסנווייניק. איך

האָב איך ליב אַמאָל צו לאָזן זיך אײַנוויגן פון זייערע מעשיות. אַדרבא, זאָל אַ מענטש באַווייזן זיין רעדנערקראַפט, זיין מאָלערישע שפּראַך.

נאָר אין טאַזש מאַהאַל בין איך אַריינגעגאַנגען גאָר אַליין, אָן אַ פירער. אָבער אינעווייניק איז געווען פול. אַ מחנה אַמעריקאַנער טוריסטן, צום גרעסטן טייל עלטערע לייט, זיינען געשטאַנען צוגעפּ־געדריקט איינס צום אַנדערן און אויף זיי האָבן די מאָזאַאישע שויבן געוואָרפן אַ ווייכע ליכט. אַ עלטערער פירער, אַ פעטער, שווער־וואָגיקער מאַכמעדאַנער, האָט מיט אַן אַבטמאַטישער שטימע דער־ציילט:

— „די צוויי מירמלשטיינערנע אָרונס, וואָס אויף דער הייכער פלאַטפאָרמע — דאָרט ליגט קיינער ניט, זיי זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַזוי זיך, צוליב דעקאָראַציע־וועגן, נאָר פונקט אַזעלכע צוויי קאַסקאַדן געפינען זיך אונטן, אין קעלער; דאָרטן ליגן זיי ביידע, דער מלך שאַה יאָהאַן און זיין איינציקע געליבטע מלכה, אַרדושי־מאַנד, אָדער ווי זי האָט שפּעטער געהייסן: „מומטאַז מאַהאַל".

דאָס האָט ער דערציילט און אײַנגעלאַדן דעם בונט מענטשן, מען זאָל אים נאָכגיין אונטן, אין קעלער אַריין.

דער גאַנצער עולם איז אַוועק מיט אים. נאָר איינער, אַ יונ־גער מאַכמעדאַנער, שלאַנק און מיט אַ בלאַסן פּנים, איז איבערגע־בליבן. איך האָב אים גאָר פריער ניט באַמערקט. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, און מיט אַ פאַרטרערטער שטימע זיך געווענדט צו מיר:

— סיר, דו האָסט געהערט דעם אַלטן אייזל — ער פאַר־שווערכט דעם אָנדענק פון דער גרויסער מלכה. עס וואָלט אַן אַלטער אייזל דערציילט בעסער פון אים. ער וועט סוף־כל־סוף פאַרדינען פאַר אַללאַ, און זיינע ווייבער, ער האָט דריי ווייבער, סיר — זיי וועלן אים ווערן אומטריי.

— וואָס האָסטו צו אים?

— וואַרט דאָ, סיר; די טוריסטן וועלן אַוועק...

4

אַז דער עולם טוריסטן, און מיט זיי דער שווערער האָלמעטשער, זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף דרויסן, האָט זיך דער יונגער מאַכמעדאַנער דערנענטערט צו מיר נאָך נענטער. איצטער האָב איך באַמערקט, אַז ער איז נאָך בלאַסער געוואָרן; זיין שטימע האָט אָנגעהויבן צו ציטערן:

— דו פאַרשטייסט, — האָט ער מיט ליידנשאַפט געשעפּטשעט — אָט שטייען דאָ אויבן די צוויי אָרונס. און פּונקט אַזעלכע צוויי מיט די אייגענע אויפשריפטן געפינען זיך אויך אונטן. צוליב וואָס איז דאָס? כדי דער עולם זאָל ניט וויסן אויף זיכער, וואו „מומטאַז י. מאַהאַל“ ליגט און ניט פאַרשווערן איר נשמה מיט שלעכטע מחשבות. פירט מען די טוריסטן אונטן אַראָפּ. און ניט נאָר טוריסטן — מאַכמעדאַנער גייען אויך אַהין, אַלע זיינען שוין פאַרפירט. נאָר איך איינער ווייס. איך הער איר האַרץ קלאַפּן. איך הער איר שטים און דאָס איז אויך אַ גרויסער סוד. און דעריבער וויל איך ניט פירן קיין טוריסטן.

דאָ האָט ער מיר אָנגעוויזן צום הויכן געוועלבטן סופיט אין צענטראַלן קופּאָל:

— אַריבער הונדערט פיס הויך. פּרוּוו זינגען, גיב אַרויס דיין שטימע. וואָס, דו קענסט ניט זינגען? מאַכט ניט. מען באַדאַרף ניט קענען. „זי“ וועט דיר העלפן. ניט אַלעמען העלפט זי גלייך. איינעם מער און דעם אַנדערן ווייניקער.

(דער טאַזש מאַהאַל איז דער צווייטער באַרימטער אָרט, וואו דער עכאָ רופט זיך אָפּ אויף איין שטימע מיט אַ גאַנצן כאָר ווידערקלאַנגען. דער פיינסטער עכאָ רופט זיך אָפּ אינעווייניק אין גרויסן פּיראַמיד, ביי קאַירא).

איך האָב אַ קרייזל געטאָן מיט מיין געוויינלעכער שטימע עפּעס אַ מזרח־ניגון. מיין שטימע האָט זיך צעשאָטן און צעשפּליטערט און זיך ווידער פאַראייניקט. איך האָב מיין שטימע ניט דערקענט. פון אַלע ווינקלען זיינען צו מיר געקומען אָפּקלאַנגען און האָבן זיך אָנגעקניפּט אין די פּאָר טענער, וואָס איך האָב ווידער אַרויסגעלאָזן.

ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן בײַם האַנט:

– צי הערסטו גאָרניט, אַז זי זינגט? מאַמאַשי מאַהאַל זינגט! די איבערווײַלטע פון פּאַלאַץ זינגט. פון דעם אויבערשטן אָרון קומט איר שטימע... אָ, איך קען ניט מער, איך קען ניט...

און ער האָט גענומען ווישן די טרערן.

איך בין אַרום דרויסן, געקלערט: מאַלע וואָס אַ פאַנאַטיקער קען זיך אַרײַננעמען אין קאָפּ אַרײַן. אַזאַ־אָ אַלבאַסטער בנין, וואָס האָט זיך געבויט צוויי־און־צוואַנציק יאָר און וואָס אין דער זון פון האַלבן טאָג בלענדט ער אַזוי, אַז ווען ניט די גרינע ציפּרעסן, וואָס וואַקסן אין גאָרטן אַרום און די קילע וואַסערן אין די גראָבנס, וואָס קילן אָפּ די בליקן – ווען ניט דאָס, וואָלט מען געקענט דאָ פאַרבלענדט ווערן פון דער ווײַסקייט פון מאַזולײַ. אין אַזאַ ווײַסער אַטמאָספערע קען טאַקע אַ מאַדמאַזער ווערן סענטימענטאַל, ווען ער פּרוּווט זיך אַײַנלעבן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון גרויסן מלך, וואָס האָט געקענט האָבן אַזויפיל ווײַבער, וויפיל ער האָט אַליין געוואָלט; פון וואָס פאַר אַ שבט און פון וואָס פאַר אַ ראַסע זײַן לײַדנשאַפט האָט נאָר פאַרלאַנגט. פונדעסטוועגן האָט ער ליב געהאַט נאָר איינער – אַ דוש־מאָגד פון פּערסיע, און אין פערצן יאָר האָט ער מיט איר געהאַט פערצן קינדער.

5

דרויסן האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק בײַם וואַסער, אַרומגעזוימט מיט יונגע ציפּערסן. דער יונגער מאַכמעדאַנער איז געבליבן שטיין לעבן מיר און לאַנג געקוקט אויף מײַנע הענט, וואָס זײַנען בײַ מיר געלעגן אויף די קני. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז אפשר איז דאָס בלויז געווען אַ ברייטער זשעסט, אַ מין באַרימערײַ, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער פירט ניט קיין טוריסטן. אפשר האָט ער גאָר איצטער חרטה און וואַרט, איך זאָל אים באַלוינען פאַר זײַן טרחה.

איך האָב אַרײַנגעשטעקט אַ האַנט אין קעשענע און אַ רודער געטאָן מיט אַ בינטל שליסעלעך. האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן:

– סיר, דו ווילסט מיר געבן געלט? גלויבסטו מיר ניט, אַז איך נעם ניט?

– ווער ביסטו? האָב איך אים געפרעגט. ביסט דאָך אַ פּראָפעסיאָנעלער „פירער". וואָס, ניין? טוסט עס צוליב דיין ליבע צו אַרדזשימאַנד?

ער האָט געשוויגן.

– אפשר ביסטו אַ רייכער מאַן און דו קענסט זיך פאַרגינען דאָס טאָן אומזיסט, אָבער דו שלאָגסט דאָך אָפּ פּרנסה פון די „פירער", וואָס טוען עס צוליב פאַרדינסט.

האָט ער זיך צעגעזעצט לעבן מיר און האָט ווידער באַטראַכט מיינע הענט און דערנאָך אונטערטעניק געזאָגט:

– סיר, דו געפעלסט מיר. ביסט ניט ווי אַנדערע טוריסטן. ביסט שטיל אומגעגאַנגען אין פּאַלאַץ פון שאַה יאָהאַן נעכטן. ביסט שטיל אומגעגאַנגען דאָ, ביים קבר פון מומטאַז י. מאַהאַל. גיי ניט שלאָפן היינט ביינאַכט. זאָג, סיר, וואו וואוינסטו, וועל איך קומען אָנקלאַפּן צו דיר אין פענסטער. עס איז היינט פּונקט האַלבער חודש. זי קומט אַרויס דורך אַ פאַרבאָרגענער טיר אין דער מערב־וואַנט. דער מייסטער האָט באַזאָרגט אַ טיר פאַר איר, וואָס איז פאַרהוילן פון מענטשנס אויג. זי קומט אַרויס פּונקט אין האַלבן חודש און האַלבע נאַכט, און שטעלט זיך אָט אַהינטער יענעם ציפּאַרים און קוקט אין וואַסער אַריין. סיר, שלאָף ניט היינט ביינאַכט... זאָג מיר צו, סיר.

איך האָב אים צוגעזאָגט. און אַפילו פונאַנדערגעזאָגט, וואָס פאַר אַ פענסטער מיינער איז.

ווער ווייסט, אפשר האָט דער פאַרליבטער מאַכמעדאַנער געבראַכט צו פירן ביים האַנט זיין מומטאַז י. מאַהאַל – נאָר איך בין מיט אַ שעה פינף פריער אַוועקגעפאָרן קיין באָמביי.

דער מאַן מיטן אַנקער

פּילגרימער לאָזן צייכנס אויף זייער געטראָטענעם שטעג. באַצייכענען אים מיט לעגענדעס, באַצייכענען אים מיט די פרוכט פון אַן אויסגעמאַטערטער און צעפּלאָנטער פאַנטאַזיע. וואָכן, חדשים און אַפילו יאָרן. — וואָס איז דאָס גערעכנט ביי אַן אינדישן פּילגרימער, וואָס באַדאַרף אין זיין לעבן באַזוכן די אַלע ערטער, וואו די געטער האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק באַוויליקט צו שפּילן זיך מיט זייערע ווייבער־געטינס?

אַז איך האָב צום ערשטן מאָל אין בראַזיליע געזען, ווי אַזוי פאַנאַטישע פּילגרימער „גייען“ מיילנווייז אויף די קני באַרג־אַרויף קיין פּענאַ, וואו די הייליקע מאַרי האָט באַוויזן אַ וואונדער; ווען איך האָב באַטראַכט די צעבלוטיקטע קני און די אויסגעפּייניקטע פּנימער פון די, וואָס האָבן זייערע נשמות ערגעץ אין שטויב אָנגעוואָרן — יעמאָלט איז געווען אַ זוניקער טאָג און איך האָב מיר געחידושט, ווי אַזוי די גלויטיקע בראַזיליעס זון צינדט עס נישט אונטער און ברענט ניט אויס דעם אומזיניקן פלעק — האָט זיך געוואָלט פונאַנדערלאַכן אויפן הויכן קול, אַז דער באַרג זאָל מיטעמפּערן און אַראָפּשליידערן פון זיך דאָס קאַטוילישע קלויסטערל, וואו דער „וואונדער“ האָט זיך באַוויזן.

אַז איך האָב געזען דאָ און דאָרטן אין אינדיע, ווי מענטשן מעסטן מיט זייער גוף דעם וועג, וואָס פירט צום הייליקן אָרט; לייגן זיך, ציען זיך אויס מיט די הענט און פיס — אָפּגעמאָסטן און געשטרעקט פאָראויס — אין דעם האָב איך געזען מער קינדישקייט, ווי פאַרלאָרנקייט. דער פּילגרימער אין אינדיע איז פול מיט אָנגעצונדענעם און דורכגעברענטן עקסטאַז. ער לעשט אים אָפּ יעמאָלט, ווען ער באָדט זיך אויס אין אַ הייליקן טייך. באַשטייט זיך, אַז גאַנגאַ איז דער הייליקסטער פון אינדיעס גרויסע טייכן.

די בראַמאַפּוטראַ, די אינדוס זיינען גענוג הייליק. אויך די זשומנאַ איז נישט קיין קלייניקייט. פאַרקערט, די זשומנאַ האָט נאָך אירע ברעגעס, וואָס די געטער האָבן זיי גאָר אַ סך באַוווּליקט אין די אַלטע צייטן. דער גרויסער שטיפער, דער גאָט קרישנאַ, האָט דאָ זיינע ליבעס געפירט. ער, וואָס האָט פאַרמאָגט זעכצן טויזנט ווייבער, און וואָס האָט אַפילו ניט געשאַנעוועט זיין מאַמען און זיינע שוועסטער — ער איז דער ליבלינג פון די אָרעמע פויערים. וואָרעם אין צייט פון שטורעם האָט ער אַמאָל אַרויסגעריסן צוויי בערג און נייגנדיק באַרג צו באַרג, האָט ער באַשאַפן אַ שוץ פאַר די סטאַדעס שאָף, וואָס האָבן געהאַלטן ביים אומקומען. צו שאָף-פּאַסטעכער איז ער שטאַרק צוגעלאָזן.

און מוטראַ איז אפשר די עלטסטע שטאָט מיט דעם עלטסטן זכרון, וואָס געדענקט נאָך בודאס ערשטע טריט, מיט איבער דריי-האַלבן טויזנט יאָר צוריק. און ביז איצטער, כאָטש די אַלטע מוטראַ איז שוין לאַנג צעשטערט געוואָרן, נאָר דער אָרט איז אָפּגעהיט. דאָ האָבן פּילגרימער אָפּגעצייכנט דעם אָרט צו באָדן זייער לייב און דערמיט צו לייטערן די נשמה.

די פאַרנאַכטן ביים ברעג טייך זיינען דאָ באַזונדערס פאַנטאַסטיש, ווען דאָס פאָלק קלייבט זיך צום „אַראַדי“, דאָס דינען צום הייליקן טייך, ווען עס קלייבן זיך צונויף צום ברעג הייליקע קי, מאַלפּעס און די הונדערטער און טויזנטער טשערעפּאַכעס אין טייך, וואָס שטעקן אַרויס זייערע העלזער פון פאַנצער אַרויס און בעטן מיט די שלאַנגען-אייגעלעך, מען זאָל זיי צוּוואַרפן שפּייז. די קי ווערן אין אַ סך אופנים מענטשלעך. פאַראייניקן אין זיך דעם פרומען בעטלערישן קער און ווענד. די מאַלפּעס שפּירן זיך דאָ, ווי אויף אַ רייכער חתונה. נישט אַזוי דער הונגער, זיי הונגערן דאָ ניט, נאָר דער פאַרלאַנג מיט עפּעס זיך פאַרגלייכן צו מענטשן, הדערן זיי און שמייען אַרום — זיי מישן זיך מיט די פּילגרימער און עס פעלט זיי ווינציק אָנצונעמען אַ געשטאַלט פון אַ האָר-באַוואַקסענעם יאָגי.

פאַרהאַן פּילגרימער, וואָס קומען מיט שטילשווייגן, מעדיטירנדיק און אַזוי בלייבן זיי אַליין מיט זיך פאַרטיפט, אַליין אין זיך

אַײַנגעטראָגן. מעדיטירן איז אַ אינדישע עבֿודה. װיפֿיל מאָל האָב איך זיך אין אינדיע אַלײן געכאַפּט, אַז מײַנע ליפּן זײַנען מיר אײנס צום אַנדערן צוגעװאַקסן און דער פֿאַרלאַנג דאָס מױל צו עפֿענען און אַרױסברענגען קלאַנגען און װערטער — אַזאַ פֿאַרלאַנג האָט גאָר געפֿעלט.

איך האָב פֿאַרבראַכט אַ פּאָר פֿאַרנאַכטן בײַ דער „אַראַדי״ אין מוטראַ. מײַן בליק איז געפֿאַלן אױף אײן פּיליגרימער, װאָס האָט זיך אַרױסגעטײלט פֿון גאַנצן עולם. ער איז געזעסן אױף אַ טרעפּל, װאָס האָט געפֿירט צו װאַסער אַראָפּ און קײן אױג ניט אָפּגעריסן פֿון װאַסער, װאו עס האָבן זיך, מיט אױסגעצײגענע העלזער, געװאָרעט טשערעפּאַכעס. מײַן בליק איז געפֿאַלן אױף אים, דער עיקר צוליב זײַנע בלאָנדע האָר און בלױע אױגן. כאָטש ער איז געװען אַרומגעװיקלט מיט אַ װײַסער „דאָטי״ און אַ אָפּגעבלאַקירטע ראָזעװע, װאָלענער טוך אַרום די אַקסלען. עס איז גרינג געװען זיך אָנצושלאָגן, אַז ער איז ניט קײן געבאָרענער אינדוס.

ער, פֿון זײַן זײַט, האָט דערשפּירט מײַנע בליקן און האָט זיך תּחילת אױפֿגעהױבן װי אַװעקצוגײן. שפּעטער האָט ער זיך צוריק אַנידערגעזעצט און געזוכט אַ געלעגנהײט מיך צו פֿאַרטשעפּען. ער האָט אַ שמײכל געטאָן און מיך באַגריסט אָן װערטער. אַ נײג געטאָן זײַן בלאָנדגעלאָקטן קאָפּ. איך האָב זיך דערנענטערט צו אים, גענענטער אַרײַנגעקוקט אין זײַן פּנים.

— סטענלי איז מײַן נאָמען. — האָט ער קורץ אַ זאָג געטאָן.

און װען ער האָט צו מיר אױסגעצױגן זײַן האַנט, האָב איך אױף זײַן אָרעם, העכער פֿון עלנבױגן, װאָס איז פֿריִער געװען צוגעדעקט, באַמערקט אַ בלױלעך אױסגעטאַטױרטן אַנקער.

מיר איז געקומען אױפֿן זינען דאָס, װאָס מיר האָט אַמאָל געזאָגט אַ קאַפּיטאַן אױף אַן ענגלישער שיף, אין מײַן רײַזע פֿון אַוסטראַליע קײן דרום־אַפֿריקע:

„קײנמאָל װערט מיר אַזױ ניט אומעטיק, װען מײַן שיף הױבט זיך אָפּ פֿון ברעג, װי יעמאָלט, װען מיר קומט אױס צו פֿאַרלאָזן אַ אינדישן ברעג. יעמאָלט זע איך ניט דעם ציל פֿון מײַן װאַנדערן״.

דער מאַן, וואָס איז לעבן מיר געזעסן, איז ניט געווען אַזוי אַלט, ווי יענער קאַפּיטאַן, כאָטש יענער האָט געהאַט אַ נאַקעטן קאָפּ און איז געווען אַריבער די פופציקער. און דאָס איז נאָך געווען אַ מענטש גאָר יונג, העכסטנס פערציק יאָר אַלט און די לאָקן האָבן געדיכט צוגעדעקט זיין קאָפּ.

מיר איז אויך פאַרענטפערט געוואָרן דער חידוש, וואָס אַזוי זינציק האָב איך באַגעגנט אין אינדיע ענגלענדער, וואָס זאָלן מיד ווערן פון אייביקן הערשן און באַהערשן און וואָס זאָלן זיך באַדיקן און אפשר אָפּזאָגן זיך פון דעם אַזויפיל באַזונגענעם מוטערלאַנד.

דערווייל איז אין געאייל חורכגעלאָפן אַ הייליקע מאַלפּע און גלייך, ווי מיר וואָלטן גאָר ביידע ניט עקסיסטירט – אַ שפרונג געטאָן און מיט אַ משונהדיקן אויסגעשריי אַריבער אונזער ביידנס קעפּ. דאָס איז געווען נאָך אַ שטריך צום עקזאָטישן בילד, וואָס האָט זיך געשפּרייט נאָך אַ גלוטיקן טאָג, ביים רעכטן ברעג פון הייליקן טייך דשומנאַ.

– וויפיל יאָר אַזוי, מיסטער סטענלי? – האָב איך אַ פרעג געטאָן, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון זיינע פינגער. – אַזיינע דינע, לאַנגע פינגער, ווי ביי די אינדוסן.

– יאָרן, – כאַ, איך האָב אויפגעהערט ציילן די טעג און ממילא האָב איך אָנגעוואָרן די צאָל פון די יאָרן, זינט איך האָב פון זיך אַראָפּוואַשן מיין אייראָפּעיִשן שטויב און אַראָפּגעשלייַדערט מיין אָנצוג, וואָס איך האָב מיר געקויפט אין גלאַזגאָ. דאַכט מיר, דאָס איז געווען נעכטן און מעגלעך, דאָס האָט פּאַסירט מיט פינף טויזנט יאָר, יאָ, אַוודאי, פינף טויזנט יאָר, ווען איך טראַכט ניט מיט מיין בריטישן – נאָר מיט דעם אינדישן מוח.

– איך קען דיר אָפּגעבן אַ גרוס פון דיין לאָנדאָן. בין ניט לאַנג דאָרט געווען.

און איך האָב געפּאַסט דעם אויסדרוק פון זיין פּנים, אָבער עס האָט ניט געמאַכט קיין אויסערלעכן איינדרוק אויף אים. ער האָט גאָר אַזוי ווי פאַר זיך אַ בחוש געטאָן:

— גודביי, פּיקאַדעלי, גודביי, לעסטער סקווער! אַהין וועט זיך סטעגלי ניט אומקערן.

ער האָט באַמערקט, אַז מיין בליק איז ווידער געפאַלן אויף דעם אַנקער, וואָס אויף זיין אָרעם. האָט ער אָפּגעדעקט די ברוסט און מיר באַוויזן — אויסגעטאַטוירט בלוי אַ אָדלער, וואָס האַלט אין זיין שנאָבל אַ צונויפגעקאָרטשעטע שלאַנג, וואָס דרייט זיך און וויל איינבייסן דעם אָדלער.

— יעס, סיר, אַליין האָב איך פון זיך אָפּגעוואַשן און אַליין האָב איך פון מיינע גלידערים אַרויסגעשווענקט, נאָר דעם אַנקער און דעם אָדלער קען איך פון זיך ניט אַראָפּוואַשן. קענסט „דאָריאַן גרעי", איך מיין אָסקאַר ווײַלדס העלד פון ראָמאַן? דאָס בין איך דער העלד, וואָס איז פון געמאָלענעם בילד אַראָפּ. מען באַדאַרף דעם ענגלענדער קענען. יעדער בריטישער פּאַרמאָגט צוויי נשמות: איינע געהער צום „בולדאָג", מיט די קרומע פאַרשטשעמעטע ציינער, וואָס זוכט אַ געלעגנהייט איינצובייסן, און די אַנדער נשמה — צו אַ דזשענטעלמען, וואָס זינדיקט צו אין דער שעה, ווען ס'איז ניט טאָג און ווען ס'איז ניט נאַכט.

איך האָב אין זיך פאַראייניקט ביידע כאַראַקטער־שטריכן. איך קען לאָנדאָן. דאָרטן האָט ניט געהאַט קיין טעם דאָס זינדיקן; אַ שטאָט, וואו מען באַגעגנט שיכורע פרויען, וואַלגערנדיק זיך אויפן טראָטואַר — אַזאַ שטאָט באַשאַפט ניט קיין שום אילוזיע. און מען קען ניט זאָגן, אַז לאָנדאָן איז ניט ענגלאַנד. לאָנדאָן איז בריטיש הינט־און־דורך. איך בין אין לאַנד אַ געבוירענער.

ער האָט ווידער באַמערקט מיינע בליקן אויף זיין אַנקער און האָט פאַרגעזעצט:

— יאָ, דער ים האָט דעם „בריטישער" גענומען געפאַנגען. די נעפּלען אַליין אַרום אונזערע, — איך מיין, די בריטישע אינזלען, נאָר פון געוווינהייט זאָג איך „אונזערע". — איך מיין, די בריטישע זיינען פאַרפירט פון די אייגענע נעפּלען. איך האָב ניט באַדאַרפט ווערן קיין מאַטראָס, ניט די נויט האָט מיך געטריבן. פריער האָב איך געדינט אין פלאָט, דאָס איז מיר ניט געווען שטאַרק צום האַרצן, ניט יענע דיסציפּלין האָב איך באַגריפן. איך האָב ניט תּופס גע־

ווען, צוליב־וואָס מען דיסציפלינירט אזוי מענטשן. נאָך דער אָפּענער ים האָט עפּעס אנדערש פאַר מיר באַדייט. אַ מאַטראָס, ווען ער לאָזט זיך טאַטויִרן זיין לייב, אַריינצייכענען מיט פאַרב אין דער הויט אריין אנקערס, אָדלער און שלאַנגען — דאָס האָט אַ ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער. דאָס איז דער מאַטראָס. ער לעבט אַ שיכּורן לעבן אָפּ. די בריטישע שיפן זיינען ריידעוודיק, האָבן זייער מאַגנעט. אינדיע האָט מיך באַצוואונגען.

ער האָט געשוויגן אַ ווייל׳ע און שפּעטער באַמערקט:

— זעסטו זיי דאָ, די גרויסע איבערגעוואַקסענע קינדער, איך מיין די אינדוסן, וואָס זיינען אַהער צום טייך אַרויסגעקומען. קוק זיך איין אין זייער פּנים: דער אויסדרוק, די באַגייסטערונג. און זע, ווי די קי, די מאַלפּעס און אַפילו די טשערעפּאַכעס אין טייך — ווען זיי קענען, וואָלטן זיי אַלע אָנגעהויבן ריידן און אויסגעדריקט די פרידלעכקייט, וואָס זיי כאַפּט דאָ אַרום איצטער. ווייסט מען פון דעם איצטער אין לאָנדאָן? אָט די נאַקעטקייט האָט מיך באַצוואונגען. מער ניט, וואָס איצטער טוט מיר ווי דער אָרט, וואו דער אַנקער איז אויסגעמאָלן אויף מיין גאַנצן לעבן אין מיין הויט. איצטער באַדאַרף איך עס ניט. ניין, איצטער שעם איך מיר, וואָס איך בין אַ בריטישער, און בלויז דער אַנקער אויף מיין אָרעם דערמאָנט מיר אין מיין אָפּשטאַם. אין צייטנווייז באַמערק איך אויך זייער פאָרוואורף, ווען מיט זייערע הייסע בליקן רייסן זיי פון מיר אַראָפּ די „דאָטי“ און טוען מיר אָן די בריטישע מיליטערישע יוניפאָרם, כּדי איך זאָל זיך אַליין זען אין אַ בריטיש געשטאַלט.

איך האָב פאַרשטאַנען איצטער אַליין אַלץ. און, דאָס, וואָס ער האָט מיר שפּעטער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט מיט צען יאָר צוריק זיך באַטייליקט אין אַן אויפשטאַנד אין בענגאַליע און ווי אויף אים האָט שפּעטער געווירקט דער פאַל, ווען זיין שטראָף־עקספּעדיציע האָט אַ גאַנצן דאָרף כמעט אָפּגעווישט פון דער ערד, נאָר איין יונג מיידל, וואָס האָט זיך איבגעהאַלטן און שפּעטער, ווען דער דאָרף האָט געברענט, איז זי ממש פון פייער אַרויסגעלאָפן און געפאַלן אויף דער ערד צו זיינע פיס און געקושט זיינע שיך. — — —

דאָס זיינען אַלץ געווען פאַלן, וואָס האָבן אים די אייגן אויפ־געעפנט. נאָר דאָס איז ניט געווען אַלץ. סיבות זיינען פיל טיפערע. דאָס זיינען געפילן, וואָס מען לעבט איבער אין אַ לאַנד, וואו עס לעבט אַ פאָלק מיט אַ גאָר לאַנגער היסטאָריע און די היסטאָריע פון פאָלק איז אַיינגעקאַרבט מיט מעסער־אײנשניטן אין אַ שטעקל; ווי עס פאַרצייכענען געוויסע פויערים, וואָס האָבן ניט קיין אַנדער וועג, ווי צו פאַרצייכענען.

אָט טאַקע, די אייגענע מוטראַ, וואָס ציט אַ היסטאָריע ביז צו דעם אויפקום פון בודאַ. די אַלערליי טעמפּלען, וואָס זיינען דאָ געווען און וואָס ווערן דערמאָנט ביי די כינעזישע רייזנדער: פאַ־היאַן, און יויען טשאַנג, אין פינפטן און זעקסטן יאָרהונ־דערט, יעמאָלט איז נאָך בודאַיזם געווען שטאַרק, שפּעטער, אין אָנהייב פון עלפטן יאָרהונדערט, האָבן שוין מאַכמעדאַנער פונ־דאַנען אַרויסגעפירט אַ צאָל גאָלדענע און זילבערנע געטער. און סאַמע אָנהייב פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט דאָ שוין ענגלאַנד געשאַלטעט. יעמאָלט האָט זיך דאָ מיט זיינע ברוטאַלע מעשים לאָרד לייק אויסגעצייכנט.

און איצטער — —

דאָס אינדישע פאָלק האָט אמונה אין די הייליקע טייכן. אָט איצטער, ווי אין די אַלטע ציטן, קלייבט זיך עס צונויף ביים ברעג טייך און קאָרמעט די טשערעפּאַכעס, וואָס שטעקן אויס די העל־זער פון פאַנצער אַרויס. איך האָב ניט איינמאָל געהערט פון אינ־דוסן:

— מירן ענגלאַנד איבערלעבן!

און ער, מיסטער כטענלי, האָט זיך אויסגעטאָן פון זיינע ברי־טישע קליידער, פון די קליידער איז ער געווים אַרויסגעקראָכן, און וואוהין ער איז אַריינגעקראָכן, איז שווער צו זאָגן. ער האָט זיך באַפרייט פון אַ גרויסן לאַסט, ער אַליין איז אַרויס פון מיליטערישן סטראָי. ער האָט זיך אָפּגעווייגט פון דעם בריטישן רעאַליזם און איז אַריינגעפאַלן אין אינדישן מיסטיציזם. מיר איז דאָס קלאָר גע־וואָרן, ווען שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן פאַר מיר צו אַנטוויקלען דעם נירוואַנאַ־וועג:

– יאָ, מיטן אין זיך אַלע ליידנשאַפטן; אַלע פאַרלאַנגען. ביז איין פונק ליידנשאַפט לעבט אין בלוט – ביז יעמאָלט איז קיין רו ניטאָ. און דעריבער זאָג איך, אַז דאָס בריטישע פאָלק איז דאָס אומגליקלעכסטע צווישן פעלקער, ווייל עס ווייסט ניט פון גענוג.

איך האָב אים געפרוווט דערווייזן, אַז דער אידעאַל, צו מיטן אַלע ליידנשאַפטן און פאַרלאַנגען, האָט גאָר געקענט אויפקומען ביי די ברייטע שיכטן פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן אומצוגיין מיט אַ ליידיקן מאָגן און אַז די ברייטע אינדישע מאַסן זיינען דורך די אַלע רעליגיעזע און מיסטישע פלאָנטערן אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון לעבנסקרייז און געפינען זיך אין אַ ליידיקן חלל. און דאָס אייגענע איז מיט זיינע בריטישע מאַסן, וואָס לעבן אין אָרעמקייט און גלויבן, אַז זייער לאַגע וועט נאָך ערגער ווערן, ווען די גרויסע בריטאַניע וועט מיט אַמאָל קליין ווערן.

און ניט גאָר פאָרזיכטיק האָב איך אַ זאָג געטאָן:

– ניט נייטיק געווען צו ווערן אַ פילגרימער און דערגרייכן די מדרגה פון אַ יאָגי, בלויז צוליב דער אַנטטוישונג אין די פירער פון אייגענעם פאָלק.

נאָר איך האָב עס ניט דערענדיקט אינגאַנצן און דערשפירט, אַז אַזוי ווייט האָב איך ניט באַדאַרפט גיין. דאָס האָט געמיינט, אָפּדעקן פאַר גאַנץ אינדיע דעם אַנקער, וואָס אויף זיין האַנט, אָדער דעם אָדלער אויף זיין ברוסט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַליין ניט באַגריפן פון אָנהייב, אַז אפשר האָט ער געבראָכן אין יענעם פאַרנאַכט אַ נדר פון שטילשווייגן.

פון זיין פנים איז פאַרשוואונדן די רויקייט, פאַרשוואונדן די גלייטערטקייט, וואָס מען קען נאָר באַגעגענען ביי די אויסדערוויילטע פון צווישן די אינדוסן. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אומפריינדלעכע פייערלעך. ער האָט זיך פלוצלונג אויפגעהויבן, זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פלייצע אין זיך אויסגעמישט צווישן די פילגרימער.

איך האָב אים אַ ווײַלע נאָכגעקוקט, נאָר באַלד איז ער פון מיר אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן.

באָמביי

1

ענגלאַנד, פּאָרטוגאַל און האָלאַנד, — אַלע דרײַ האָבן פּרעטענדירט אײַנצושלינגען דעם גאַנצן ערד־קוגל, מיט אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וואָס אויף אים. כאָטש ווער טראַכט עס איצטער, אַז די לעצטע צוויי זײַנען געווען אַזעלכע גרויסע קאָנקורענטן פֿאַר ענגלאַנד? דורות האָט גענומען און ענגלאַנד האָט זיי מיט אַלערליי פֿיסל־אונטערשטעלענישן אַרויסגעשטויסן פֿון זייערע פּאָזיציעס, ביז פּאָרטוגאַל איז געבליבן בײַ איר היימישן פּאַטשיקל לאַנד בײַם אַטלאַנטיק און הערצער — אַ ווײַטע קאָלאָניע אין מזרח־אַפֿריקע, וואָס מען פּלאַנצט אײַן זנות שיכּרות און אַלערליי קראַנקהייטן בײַ די קאַפֿירס פֿון יענער געגנט.

האָלאַנד האָט מיט אירע נאַוויגאַטאָרס אויך אָנגעשפּאַרט, וואָס פֿאַר יענע צײַטן, פֿון זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט, איז נאָר מעגלעך געווען. און פֿון ווײַטע קאָלאָניעס איז געלונגען צו פֿאַרהאַלטן פֿאַר זיך יאַוואַ און אַנדערע דערבײַיקע אינזלען, וואָס זי פֿירט איר הערשאַפֿט ביד־רמה.

און ענגלאַנד, פֿון זינט מען האָט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט זי אַרויסגעשטויסן פֿון אַ טייל צפֿון־אַמעריקע, האָט זי פֿאַרכאַפּט טופּל־כּפֿלים און דערווײַל איז נאָך ניט געקומען דער גענוג־שטאַרקער קלאַפּ איבער איר האַנט, זי זאָל אַרויסלאָזן דאָס פֿאַרכאַפּטע.

אין דער קליינער אינזל, וואו באָמביי געפֿינט זיך, איז געווען אַ עדות פֿון אַ סך פֿאַרברעכערישע מעשׂים מצד איינעם צום אַנדערן אין יענע צײַטן, ווען ענגלאַנד, האָלאַנד און פּאָרטוגאַל האָבן זיך געשלאָגן פֿאַר דער בכורה. אין אָנהייב פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט זיך ענגלאַנד פֿאַראייניקט מיט האָלאַנד, כּדי אַרויסצושטויסן די פּאָרטוגעזן. און מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער, האָט זיך

יאָרן שוין ענגלאַנד פאַראייניקט מיט פּאָרטוגאַל, כדי אַרויסצושטויסן די האָלענדער, וואָס האָבן שוין יעמאָלט אויסגעיעגן צו זיין שטאַרקע קאָנקורענטן אין וועלט־פאַרכאַפּעניש. פאַר ענגלאַנדס־וועגן האָט אין יענע יאָרן שוין געאַרבעט די „אָסט־אינדישע געזעלשאַפט“, דורך וועלכער דער בריטישער פּיראַטן־בליק פון יענער צייט האָט אַ סך דערזען. יענע סוחרים האָבן ווייט אַהינטער זיך שוין מיטגעפירט האַרמאַטן. ביים זייט האָט מען מיטגעפירט מיסיאָנערן. און געמסחרט האָט מען מיט וואָס עס האָט זיך אין יענע צייטן געלאָזן.

דעם גרעסטן האַנדל מיט לעבעדיקע קנעכט האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט אָנגעפירט. די נעגער, וואָס געפינען זיך איצטער אין נאָרד־אַמעריקע, בראַזיליע און אויף די אַנטילישע אינזלען, זייערע זיידעס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַפריקע, נאָך ערגער ווי מען פירט בהמות. און אַזוי ווי בהמות האָט מען זיי אויפגעקויפט און אַרומגעפירט און פאַרקויפט צו די אַלערליי פריצים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די פאַרנומענע לענדער, וואו מען האָט באַדאַרפט האָבן קנעכטשאַפט. אַזוי איז די נעגער־קנעכטשאַפט געבליבן אַ ירושה פון ענגלאַנדס ממשלה אין נאָרד־אַמעריקע, ביז צום מיטן פון לעצטן יאָרהונדערט, ביז צום באַרימטן בירגער־קריג, אין דער שפּיץ פון פּרעזידענט לינקאָלן דער נעגער־באַפרייער.

און דעם בריטסטן אָפּיום־האַנדל, וואָס האָט פאַרסמט דעם אָרגאַניזם פון די ווייטע מזרח־פעלקער, — מיט דעם דאָזיקן מסחר האָט זיך אויך אָפּגעגעבן יענע געזעלשאַפט אין מזרח און אויף אַנדערע וועלט־טיילן, וואו שפּעטער איז דאָס געוואָרן ענגלישער באַזיץ.

יענע געזעלשאַפט איז איצטער מער ניט פאַרהאַן. פון דער „אָסט־אינדישער געזעלשאַפט“ האָט זיך אויסגעשטאַלטיקט דער בריטישער אימפּעריאַליזם, וואָס האָט איבערגענומען די מעטאָדן פון יענער געזעלשאַפט. און באָמביי איז דער טויער געוועזן צו אינדיע. דורך באָמביי האָט ענגלאַנד שפּעטער פאַרוואָרפן די שטריק איבער דעם גאַנצן אינדיע. פון באָמבייער זייט האָט מען פאַרוואָרפן די שטריק אויף די פיס פון אינדישן פאָלק. איצטער איז באָמביי

דער עלעגאַנטער אַריינפאָר אין אינדיע, אַז מען קומט אָן דורכן הינטן און אַראַבישן ים קיין אינדיע.

איצטער פאַרמאָגט באָמביי אַריבער אַ מיליאָן נפשות, צווישן זיי אַרום פופצן טויזנט אייראָפּעער, עס מיינט ענגלענדער, דאָס זיינען די דרייסיק טויזנט אויגן, וואָס קוקן פון יעדן ווינקל אַרויס און היפּנאָטיזירן, אַז די אָרדענונג זאָל גיין, ווי מען וויל אין דער היים, ביי דער מאַמע-ענגלאַנד.

אויסערלעך, אַז מען גייט דורך די הויפּט-מסחר-גאַסן, אָטעמט מען דאָ, אַחוץ דער טראָפּישער וואַרעמקייט, אויך די אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע און אייראָפּעיִשע קולטור. מען קען זאָגן, אַז אַ שטיקל לאָנדאָנער גייסט האָט זיך אַהער אַריבערגעטראָגן און זיך אָפּגעזעצט אין די גאַסן, וואו די בענק און רעגירונגס-אַנשטאַלטן געפינען זיך.

מיט זייער פאָרנעמקייט און אַריסטאָקראַטישער האַלטונג, פאַרנעמען די דאָזיקע גאַסן די פּאַרסיער, וואָס זיינען די פאָרשטייער פון די בעסערע געשעפטן. און סיי די מענער און סיי די פרויען ברענגען אַרויס אין גאַס זאַכקייט און לוקסוס. אַ געמיש פון מזרח-עולם-הזה-גייסט, מיט אַ געמיש פון אייראָפּעיִשן קראָכמאַל, האָבן זיי אויף זיך אָנגעצויגן. די מענער אין זייערע שיין-געשניטענע „קאָסטיומס“, און די פרויען – אין לוקסוריעזע שווערע, זיידענע סאַריס איינגעוויקלט. קומט פאַרנאַכט, ציען זיך זייערע אויטאָמאָבילן איינס הינטער דעם אַנדערן דורך דער הויפּט-גאַס. ס׳דוכט זיך, ווי די לייט האָבן זיך אַרויסגעלייטערט. ווען עס באַווייזט זיך אָבער, אויך אין זיין אויטאָמאָביל, איינער פון די פופצן טויזנט, — צו איז שמייכלט דער גלאַנציקער, אָנגעאיילטער אַספאַלט פון דער גאַס און ער ווייסט דעם אמתן טאָגגעבער.

זיינען אָבער פאַראַן אַ גאַנצער מיליאָן, וואָס געהערן ניט צו די איבערדערמאָנטע. דאָס איז די ברייטע אינדישע מאַסע, וואָס געהער אויך צו גאָר אַ סך גאַסן פון באָמביי. דאָרטן, וואו עס האָט שוין איר הויפּלאַץ אויך די היילינקייט מיט איר גאַנצער געמיטלעכקייט. דאָרטן, אין יענע גאַסן, האַלטן זיך אויף די הונדערטער טויזנטער, וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן עקספּלואַטירט צו ווערן אין

די באַוול-מילן. דאָ, אין באָמביי, עקזיסטירן די עלטסטע פאַבריקן. דאָ איז דער אָרט, וואו עס קריסטאַליזירט זיך אויס דער פּראָלעטאַריאַט פון אַ מזרח-לאַנד. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז צו יענע זייטיקע גאַסן (וואָס לויט דער מענטשן-געדיכטעניש, זיינען זיי די הויפּט-גאַסן) קערט מען די אומריינקייט פון דעם אַריסטאָקראַטישן קוואַרטאַל, אַז אַהין טרייבט מען די נויט אַוועק, זי זאָל זיך גריזשען די פינגער.

נאָר אין אינדיע ווייסט ניט, ווער עס איז צופרידן און וועמען עס עסט די ניט-פאַרגינערישקייט. און דווקא אין דער דאָזיקער ענגשאַפט, וואו אַ שפּאַן ערד קומט אויס אויף אַ מנין מענטשן, דווקא דאָרטן געשטאַלטיקט זיך אויס דער צופרידענער בליק, דער ברייטער שמייכל אויפן פנים, דאָרטן וואו אין שטוב איז קיין געלעגער ניטאָ, וואו אין שטוב שלאָגט זיך ניט אַריין קיין שטראַל ליכט — דווקא דאָרט, פאַלט ביי דיר איין אין געדאַנק, אַז די מענטשן זיינען צופרידן. זיי איז בעסער ווי די, וואָס שלעפּן זיך אַרום אין די אויטאָמאָבילן, כדי צו ווייזן פאַר דער גאַס זייער פאָרנעמקייט.

איך האָב עס אין ערגעץ אַזוי ניט געפילט, ווי אין דער באָמבייער ענגשאַפט, אין די שטיקענדיקע הייסע נעכט, שפּעט אין אָוונט, צו ביינאַכט, ווען דאָס פאָלק לייגט זיך אויס שלאָפן אויף די טראָטואַרן, געדיכט איינס לעבן אַנדערן. אַפילו אויף די טרעפּלעך ביי די געשעפטן, אויף די פענסטער, וואו נאָר מען קען זיך ווי עס איז איינקנורען און ליגן, — פאַר יעדן „פרייען פּלאַץ" האָט דאָס אינדישע פאָלק געפונען אַ בעלן אין דער הייסער נאַכט. מען קוקט אין די שטערן און מען לייענט אַרויס דעם אייגענעם מזל.

קרייזלען זיך ניגונים, וואָס האָבן ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף. ציטערן איבער די קעפּ פון די דרעמלענדע די טענער פון דער ווינע. אַ פאַרקלערטער בוב-בום פון אַ פּייקל און ווידער רייסט איבער די שטילקייט אַ נאָקטורנדיקער ניגון.

גיי וועק-אויף אין אַזאַ שעה דאָס פאָלק, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם בחוק פון גאַס, דעם אַסיל פון דעם טראָטואַר פאַר דעם חי-פּלאַץ, נאָך אַ טאָג פון האַלבן הונגער און אפשר שווערער אַרבעט, — גיי, טרומייטער און טאַמבּייט אין זיי מודיע, אַז די שעה

פון דערלייזונג איז געקומען: מעגלעך, אַז זיי וועלן זיך פון זייערע געלעגערס דורכוואַרפן מיט די בליקן און ווייטער אַזוי ליגן. די גרענעץ פון צופרידנקייט און אומצופרידנקייט איז מיר שווער אויסצוגעפינען. מעגלעך, אַז די מחשבות מיט דעם מהות אינאיינעם בלאָנדזשען אין הימל, צווישן די שטערן, וואו עס שטיפן די געטער.

2

קלאַנגען פון אַ ווינע, וואָס האָבן געצויגן פון אַ הויף, האָבן מיך ניט געלאָזט ווייטער גיין. איך האָב מיר דערקליבן צו אַ גרופּע מענער, וואָס זיינען געלעגן אין אַ קרייז, ווי הערינג נאָענט איינס צום אַנדערן, מיטן פּנים אַרויף. אין מיטן איז געזעסן איינער, אויף די קני די ווינע; ער האָט פון איר אַרויסגעצופּט די טענער, וואָס „די שטערן האָבן מיטגענומען".

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן זיי. האָבן זיי אָנגעהויבן אונטערצוכאַפּן, מיט אַ שטילן פאַרדבקותן ניגון, די טענער פון דער ווינע. איך האָב ניט פאַרשטאַנען, צי דאָס באַגריסן זיי מיך מיט זייער „אַסירוואַראַם", צי דאָס איז דער אויסדרוק פון אייגענער באַגייסטערונג. אויף וויפיל איך האָב זיך אין דער טונקלקייט געקענט דורכקליבן, זיינען זיי געלעגן בלויז אין איינציקע ליילעכער, איינגעוויקלט די היפטן. אַזוי נאָענט צו דער נאַכט זיינען געווען די טונקעלע, שמאָלע לייבער און די שוואַרצלען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעטיילט פון די ווייסלען אַרום.

– ביסט דאָך ניט קיין בריטישער, זעץ זיך אַנידער און זינג מיט אונז, – האָט אַ שטימע פון קרייז זיך געווענדט צו מיר.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט און געפרעגט:

– ווי אַזוי דערקענסטו אין דער פינסטער, אַז איך בין ניט קיין בריטישער?

– כאַ־כאַ־כאַ, – האָבן זיך עטלעכע צעלאַכט. בריטישע טיפן גייט אַהער; ניט זיי ציט צו אונזער געזאַנג; ניט זיי טרעפן אַהער ביינאַכט. דערצייל, סיר, ווער דו ביסט און פון וואַנען קומסטו?

דערצײל איך זײ, אַז איך בין אַ ייִדישער שרײבער און רײזנדער און אַז איצטער באַקען איך זיך מיט זײער לאַנד, — דערבײ האָב איך זײ דערקלערט, אַז מיר רעכענען, אַז אין אינדיע זײנען פאַראַנען אונזערע ייִדן, וואָס זײנען אַהער פאַרטריבן געוואָרן מיט אַ דרײ־האַלבן טויזנט יאָר צוריק פון פּאַלעסטינע.

— האַ—האַ?

— האַ—האַ?

— האַ—האַ...

האָט עס בײ זײ אַ וואונדער אַרויסגערופן און אײנער נאָכן אַנדערן האָט זיך אויפגעזעצט אין אַ קרײז. איך בין כּמעט אומגעקומען אין מיטן. פון דער פינסטער אַרויס, האָבן מיך דורכגעפּרוווט זײערע בליקן. אַ װײלע האָט געהערשט אַ שטילשװײגן, וואָס איז געװען פול מיט נײגעריקײט.

האָב איך געזאָגט:

— מיך האָבן צוגעצויגן אַהער די טענער פון דער ווינע. דער ניגון, וואָס איר האָט געזונגען, דערמאָנט מיר זײער אין אונזערע ניגונים.

איך האָב געבעטן, מען זאָל ווידער שפּילן און זינגען.

דער ווינע־שפּילער האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און ער האָט גלײך אַ צופּ געטאָן די סטרונעס און די טענער האָבן מיך איצטער נענטער אַרומגעוויקלט. און ווידער האָט זיך אַרום מיר געפלאָכטן און אַוועקגעקרײזלט דער פריערדיקער ניגון. איך האָב אויך מיטגעהאָלפן און דער ניגון איז מיר געװען אַזוי נאָענט, אַזוי װײט.

אַז דאָס זינגען און שפּילן האָט זיך פון זיך אַלײן אויסגעלאָזן, האָב איך געפרעגט:

— פאַרוואָס באַדאַרפט איר האָבן אַזוי ווינציק אין לעבן?

זעט אויס, מען האָט זיך ניט גאָר אינגאַנצן דורכגעקליבן אין מײן פראַגע. און אפשר האָט מען ניט געוואָלט גלײך ענטפערן אַ מענטשן אין דער פינסטער, וואָס מען קלײבט זיך אַפילו ניט דורך, ווי זײן פּנים זעט אויס. האָב איך ווידער געפרעגט:

— יאָ, איך בין אַ פרעמדער בײ אײך אין לאַנד און אַ פרעמדער דאָ, אין באָמבײ. נאָר נאָענט זײט איר מיר, איך קען אײך אַפילו

ניט וואָגן פאַרוואָס. איך פאָר אַרום איבער דער וועלט, פון לאַנד צו לאַנד, און איך האָב נאָך ניט געטראָפן אַ פאָלק, וואָס זאָל לעבן אַזוי אָרעם ווי איר און וואָס זאָל זיין אין דער אָרעמקייט אַזוי צופרידן ווי איר, — זאָגט מיר, זייט איר צופרידן מיט דעם, וואָס גאַנדהי וויל פון אינדיע אַרויסטרייבן די ענגלענדער?

האָט זיך איינער אָפּגערופן:

— ביי אונז דערציילט מען אַזאַ מעשה: אַמאָל איז אַ בראַמינער געגאַנגען צופוס פון זיין דאָרף קיין בענאַרעס די הייליקע שטאָט, דאָרטן זיך אויסצובאָדן אין דער הייליקער גאַנגעס. אויפן וועג האָט ער באַדאַרפט אַריבערגיין אַ טייך. ווען ער איז שוין געווען אין מיטן שטראָם, האָט ער פּלוצלונג דערהערט אַ שטימע, וואָס האָט אים נאָכגעשריען. ער קוקט זיך אום, און זעט, אַ ראַק אין טייך! און דאָס האָט דער ראַק זיך געבעטן ביים בראַמינער, ער זאָל אים מיטנעמען און אַוועקטראָגן צום הייליקן טייך און דערפאַר וועט ער דעם בראַמינער העלפן, ווען ער וועט זיין אין אַ נויט. נעמט דער בראַמינער דעם ראַק, וואַרפט אים אַריין אין זעקל, פאַרוואַרפט אים אויפן פּלייצע און גייט ווייטער זיין וועג.

מיטאַמאָל איז דער בראַמינער געוואָרן מיד. האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אָפּרוען אונטער אַ געדיכטן בוים און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. און אויפן בוים האָט געלעבט די מלכה פון די קראָען, וואָס האָט בשותפות געמאַכט מיט אַ גרויסער, גיפטיקער שלאַנג, אַז בעת עמעצער וועט זיך אַנידערלייגן אונטערן בוים, זאָל די מלכה פון די קראָען צו וויסן געבן דער שלאַנג, וועט זי זיך אַראָפּלאָזן און אײַנבייסן דעם מענטשן. יעמאָלט פּלעגט די מלכה צונויפרופן אַלע אירע קראָען און מען האָט געמאַכט אַ סעודה אונטערן בוים...

ווען דער בראַמינער איז שטאַרק געשלאָפן אונטערן בוים, האָט די מלכה פון די קראָען געגעבן צו וויסן דער שלאַנג און תיכּף איז די שלאַנג געקומען און דערהרגעט דעם בראַמינער, און ווען די מלכה פון די קראָען האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן טויטן בראַמינער, האָט זי באַמערקט, אַז ביי אים אויפן פּלייצע, אין אַ זעקל, רירט זיך עפּעס. נעמט די מלכה פון די קראָען און קוקט אַריין אין זעקל, און וויל זען, וואָס דאָרט אינעווייניק איז. מיט זי דער ראַק

אַ כאַפּ אָן מיט זיינע קלעשטשעס און לאָזט ניט אָפּ! בעט זיך די קראָ ביים ראַק, אַז ער זאָל זי אָפּלאָזן. זאָגט דער ראַק: — „איך וועל דיך נאָר יעמאָלט אָפּלאָזן, ווען דו וועסט הייסן דער שלאַנג, אַז זי זאָל אויסזויגן צוריק דעם גיפט פון בראַמינערס לייב און מאַכן אים צוריק לעבעדיק".

די מלכה פון די קראָען האָט געמוזט טאָן, וואָס דער ראַק האָט געהייסן, און די שלאַנג האָט אויסגעזויגן צוריק די גיפט פון בראַמינער, ביז דער בראַמינער איז לעבעדיק געוואָרן.

ווידער איז געוואָרן שטיל. איך האָב אַליין באַדאַרפט אויס־נעמען דעם נמשל פון דעם משל אַהיים. און איך האָב בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין, וועמען ער האָט געמיינט מיטן בראַמינער, ווער איז דער ראַק און ווער זיינען די שלאַנג און די קראָען. פונ־דעסטוועגן איז מיר פאַרשטענדלעך געוואָרן, ווי אַזוי אַ גאַנץ פאָלק קען אַזויפיל זיך איבערגעבן דער שטילער נאַכט און צו די שטימונגען פון דער נאַכט.

קיין בעסערן ביישפּיל ווי די דאָזיקע נאַכט אין באָמביי, האָב איך ניט געקענט געפינען. דאָס, וואָס מען האָט מיר געענטפערט אויף מיין פראַגע, איז דאָך ניט וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דאָס פאָלק האָט נאָך אַ מעשה צו דערציילן וועגן אַ ביטערער ווירקלעכקייט און מיט דעם פאַרזיסט מען אַפילו דעם ביטערן פּאָלין.

די אייגענע נאַכט, אומקערנדיק זיך אַהיים אין מיין האָטעל אַריין, האָב איך געטראָפן, אַז אין דעם גרויסן עס־זאַל האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער ענגלישע און אַמעריקאַנישע טענץ און מיטגלידער־פון די פּופצן טויזנט, דאַמען און הערן, אין אָוונט־קליידונג, האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון דער שרייענדיקער מוזיק. נאָך דעם שפּילן אויף דער ווינע, איז מיר די מוזיק פון „אונזעריקן" טאַנץ אויס־געקומען אַזוי גרילציק און פרעך.

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווען איך קום אַריין אין טאַנץ־זאַל און שריי אויס: — „די באָמבייער אַכט הונדערט טויזנט אינ־דוסן האָבן זיך אויפגעבונטעוועט און זיי גייען אויף אייך!" — אָבער, אויב דער טאַנץ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט....

מען האָט געקענט די פרידלעכע אינדוסן, וואָס האָבן גע־

מעדיטירט אַרום ווינע-שפּילער, דערציילן די מעשה פון בראַמינער, וואָס איז געגאַנגען קיין בענאַרעס זיך באָדן אין דער הייליקער גאַנגעס, און ווען ער האָט באַדאַרפט אַריבערגיין דעם ושומנאַ-טייך, האָט זיך צום בראַמינער געווענדט אַ קראָקאָדיל און געבעטן, ער זאָל אים אַוועקטראָגן צו דער גאַנגעס, וואו דאָס וואַסער איז טיף, אַפילו אין די טריקענישן פון אָנהויב זומער. דער בראַמינער האָט געפאָלגט, גענומען דעם קראָקאָדיל אין זיין זעקל אַריין און געטראָגן ביז צו דער גאַנגעס, און ווען דער בראַמינער האָט דעם קראָקאָדיל אָפּגעלאָזן אין וואַסער אַריין, האָט ער דעם בראַמינער געכאַפּט פאַרן פוס און אַריינגעשלעפּט אין דער טיף און ניט אָפּגעלאָזן — — —

און מעגלעך, אַז נאָכדעם וואָלטן זיי מיר דערציילט די מעשה פון אַ העלפאַנט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער גרוב אַריין און ער האָט ניט געקענט אַרויס, — האָבן אים מייז אַרויסגעהאָלפן — — וואָרעם דאָ קען מען אויסקומען מיט אַ משל אָן אַ נמשל, ווען אַפילו עס קלעפּט זיך ניט, ווי עס קלעפּט זיך ניט מיין באַזוך אין דעם אינדישן שטאָט-טייל, וואו די טויזנטער זיינען אַרויסגעקומען פון די דושנע הייזער און זיך אויסגעלייגט הרויסן, צו ציילן די שטערן אונטער די טענער פון אייגנעם אומענדלעכן ניגון, — מיט די פאָרשטייער פון די מופצן טויזנט, וואָס טאַנצן אין דער טראָפּישער היץ דעם שווערן טאַנץ, באַגלייט פון דער גרילצנדיקער מוזיק.

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק; דעם סליאַד פון דער „אָסט-אינדישער געזעלשאַפט" איז אין באָמביי ניט שווער צו געפינען. און ווי פאַר וועמען: פאַר אייך רייזנדער איז באָמביי די מאָדערנסטע שטאָט אין אינדיע, וואו מען קען זיך שפּירן ממש, ווי אין ענגלאַנד. און אַן אַנדערער רייזנדער קען אַריינפאַלן אין די אינדישע קוואַרטאַלן, וואו עס לעבן די הונדערטער טויזנטער און שפּעטער שוין פאַרבלענדט ווערן און ניט זען די הויפּט-גאַסן, וואו עס האָט זיך אָפּגעזעצט קולטור און ציוויליזאַציע.

מיט מיר האָט פּאַסירט, ניט ווי מיט דעם ערשטן רייזנדער. כאָטש איך בין אָנגעקומען קיין באָמביי דורך דער הויפּט-גאַס.

דער טורעם פון שטילשווייגן

די פּאַרסיער אין אינדיע טיילן זיך שטאַרק אויס פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג מיט זייער אויסזען, וואוקס און אויסערלעכער נגידישער האַלטונג. די פּערסישע אָפּשטאַמונג האָט געלאָזן אין פּנים כאַראַקטער־שטריכן, וואָס זיינען אין אינדיע ראַפינירט געוואָרן. זיי פילן אָן באָמביי, מיט איר אַריסטאָקראַטיש־אייראָפּעישן שטאָט טייל. אין די הויפּט־גאַסן באַוועגן זיך די האַלב־אייראָפּעיש־געקליידטע פּאַרסיער, געזונטע מענער און אַריסטאָקראַטישע דאַמען, איינגעוויקלט אין שווערע זיידענע סאַריס. די מענער שפּאַצירן אין איין שורה מיט זייערע פרויען. זייער צאָל אין אינדיע איז ניט גרויס, בסך־הכל אַריבער הונדערט טויזנט נפשות. נאָר ווייל אין זייערע הענט איז קאָנצענטרירט דער גרויסשטעטישער האַנדל, דעריבער איז זייער איינפלוס שטאַרק.

נאָך אין זיבעטן יאָרהונדערט זיינען די פּאַרסיער אָנגעקומען קיין אינדיע פון פּערסיע, זוכנדיק אַ באַהעלטעניש פון דער מוסולמענישער שווערד, וואָס האָט מיט גוואַלד געוואָלט אָנהענגען אויף זיי די תורה פון מאַכמעד. זיי אַליין האָבן זיך אָפּגענייגט פון געצנדינסט און זיך איבערגעגעבן צו די הויפּט־עלעמענטן אין דער נאַטור. די פּאַרסיער גלויבן, אַז זייער גרויסער נביא זאָראָאַסטער (זאַראַטוסטראַ) האָט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אַראָפּגעבראַכט פון הימל דעם הייליקן פייער — די אויסשטראַלונג פון דער זון אַליין. און דעם פייער היטן די פּאַרסיער עד־היום. פאַרהאַנגען טעמפּלען, וואו עס דערהאַלט זיך דער הייליקער פייער. כוהנים וואַכן איבער אים און מיט דעם ריינסטן בוימל, מיט שמעקעדיקע האָלץ און אַלערליי שמעקעדיקע קרייטעכער דערהאַלט מען דעם פייער, אין וועלכן דאָס פאָלק זעט דעם לויטערן כח פון לעבן. דער קולטורעלער פּאַרסיער לייקנט אָפּ, אַז זיינע לייט דינען צו פייער.

– פאַר געצינדינער האַלט מען אונז – האָט זיך איינער פאַר מיר געקלאָגט – ניט נאָר פייער אַליין פאַרערן מיר, אונז איז הייליק דאָס וואַסער און צו דער מאַמע־ערד בויגן מיר אונזער קאָפּ... דאָס זיינען די דריפּט־יסודות פון דער נאַטור.

נאָר, אַז דער מענטש שטאַרבט און עס בלייבט נאָכן טויט דער זינדיקער גוף, מישטיינס געזאָגט, קומט אויף די פּראָבלעמע, וואָס זאָל מען טאָן מיטן טויטן גוף? געווען פעלקער, וואָס ביי זיי האָט מען געטראַכט צו פּרעזערווירן דעם גוף. ער זאָל בלייבן גאַנץ, כדי די נשמה זאָל זיך מיט אים נאָך אַמאָל קענען באַגעגענען. און ביי אַנדערע פעלקער האָט מען געקלערט פּונקט דעם היפוך:

– ווי אַזוי ווערט מען אינגאַנצן פּטור פון דעם גוף? ווי אַזוי דאַמט מען אים אָפּ פון אַלע וועלטן, כדי די נשמה זאָל זיך מיט אים שוין מער ניט באַגעגענען און אַזוי אַרום פּטור ווערן פון איבעריקע ענויים, וואָס אויף איר גורל קען חלילה אויספאַלן דורך נייע גילגולים.

אויך די פּאַרסיער האָבן זיך שטאַרק געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס צו טאָן מיטן גוף פון מענטשן, נאָכדעם ווי די נשמה האָט אים פאַרלאָזן. באַגראָבן אין דער ערד – פאַרשוועכט מען מאַמע־ערד מיט דעם, וואָס מען לאָזט אין איר פוילן אַ טויטן קערפּער. וואַרפן דעם טויטן אין וואַסער אַריין, טאָר מען אויך ניט – ווי קען מען באַליידיקן אַזאַ וויכטיקן עלעמענט, ווי וואַסער, איבערגעבנדיק אים אַ טויטן גוף? (דער היפוך פון די אינדוסן, וואָס רעכענען פאַר אַזאַ גליק, איב נאָכן טויט האָט עמעצער זוכה געווען אַריינגעשליידערט צו ווערן אין אַ הייליקן טייך אַריין, ווי די גאַנגעס, למשל). צו פאַרברענען דעם מת. איז ביי די פּאַרסיער דער פאַרברעכן נאָך אַ גרעסערער. פייער איז הייליק, הייליקער פון אַלע אַנדערע עלעמענטן. דעריבער האָט מען אויסגעפונען אַ פּשוטן מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון בר־מינן. אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן מזרח:

מען האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיטן גרויסן אָדלער, גריף, איינער פון די גרעסטע און מיאוסטע רויב־פייגל און נבלה־פרעסער, ער זאָל אָפּראַמען פון דער ערד דעם גוף פון טויטן מענטשן.

דער אָפּמאַך איז ניט קיין שריפטלעכער און אויך ניט קיין מינדלעכער. עס ווייזן די רויב-פויגל פון איבערדערמאָנטן מין, וואו דער טויט טראָגט זיך פאַרביי. אזוי, ווי זיי דערשמעקן דעם ריח פון אונטערגאַנג און קומען אין דער ריכטיקער צייט!

לויטן יידישן באַגריף איז אַ קללה, ווען מען וואַרפט אַ געשטאָרבענעם אַרויס פאַר די פייגל אונטערן הימל. עס הייסט: „קבורת-חמור“, באַגראָבן צו ווערן אין די געדערים פון הינט און ראָבן. די פּאַרסיער האָבן דערפון געמאַכט אַ קולט. פאַרפיינערט און אַרומגעפּוצט דעם גאַנצן ענין. דער אויסדערוויילטער אָרט, וואוהין מען ברענגט דעם מת איבערצוגעבן צו די רויב-פייגל, הייסט: „דער טורעם פון שטילשווייגן“.

אין באָמביי צייכנט זיך דער דאָזיקער טורעם אויס מיט אַ באַזונדערער צוגעטראַכטקייט; אָפּגעשיידט פון דער וועלט, דערהויבן אין זיין שוידערלעכקייט. דאָס לעבן לייזט זיך אויף אין דער קרענקלעך-געלייטערטער אַטמאָספערע, אַרום „טורעם פון שטילשווייגן“.

אַ באַזונדערער וועג פירט צו אַ גרויסן פּאַרק, אויף אַ הויכן אָרט, פונוואַנען מען זעט די אַרומיקע געגנט, די גאַנצע שטאָט באָמביי אַרומגעבויגן ביים ברעג פון ים-אוקעאַנוס. דער טראָפּישער בלומען-ריח פאַרשיכורט די לופט. אין פּאַרק געפינען זיך קיילעכדיקע טורעמס, אָדער הויכע ווענט אויסגעבויגן אין אַ צירקל, וואוהין מען ברענגט אַריין דעם מת דורך אַ נידעריקער טיר, וואָס ווערט געעפנט נאָר צוליב דעם ציל. נאָר די טויטן-טרעגער האָבן דאָס רעכט צו דער דאָזיקער טיר זיך דערנענטערן און הויך איר דורכגיין. דער עולם באַגלייטער מוז בלייבן שטיין פונדערווייטנס.

אינעווייניק אין טורעם — אַ קיילעכדיקע פּלאַטפאָרמע, משופּעדיק צום צענטער, און אַ טיפע גרוב אין מיטן. די פּלאַטפאָרמע האָט דריי אָנגעצייכנטע רייען: די איבערשטע פאַר מענער, די מיטלסטע — פאַר פרויען, די דריטע, — אינעווייניקסטע — פאַר קינדער. צווישן די פינף טורעמס פון שטילשווייגן איז פאַראַן איינער, וואוהין מען ברענגט אַריין דעם קערפּער פון אַזעלכע, וואָס זיינען אומגעקומען ניט מיט אַ נאַטירלעכן טויט.

איך האָב געפרעגט, צוליב־וואָס מען באַראַרף אַ באַזונדערן טורעם פאַר די, וואָס ביי אונז הייסט מען זיי אָן קדושים? האָט מען מיר געענטפערט:

— ווען איינער איז געשטאָרבן ניט מיט זיין נאַטירלעכן טויט, פאַלט ער אַריין אין „פרעמדע" הענט, אין די הענט פון ניט קיין פּאַרסיער. פּאָליציי רירט אים אָן, פרעמדע דאָקטוירים פּאַלמעסן אים; אַזאַ באַריהרונג מאַכט דעם טויטן טמא: אַ אומריינער גוף קען ניט געפינען זיין אייביקע רו מיט אונז...

ווען די לוויה קומט אָן צום טורעם פון שטילשווייגן, ברענגט מען אָפּפער צום הייליקן פייער, וואָס ברענט אין אַ באַזונדערן בית־המקדשל. תפילות, מזמורים און הייליקע פסוקים לכבוד דעם בר־מינן. שפּעטער ברענגען אַריין די טויטן־טרעגער דעם געשטאָרבענעם דורך דער שמאָלער, נידעריקער טיר אינעווייניק אין טורעם אַריין, ליגן אים אַנידער אויף זיין פּאַסיקן אָרט און ווי נאָר די קברנים פאַרמאַכן די טיר אַהינטער זיך, לאָזן זיך אַראָפּ פון די אַרומיקע ביימער די מתנה אָדלער און אין אַ קורצער ווײַלע בלייבט פון מת בלויז אָפּגעשיילטע ביינער. די ביינער טריקענען זיך אונטער דער זון אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן אינגאַנצן צעשטערט. שאַרט מען די ביינער אַריין אין דער גרוב, וואָס אינמיטן, דאָרטן ווערט די איבער־בלייבעכץ מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין שטויב. קו־מען שלאַקס־רעגנס און דאָס וואַסער פאַרשווענקט דורך טיפע קאַ־נאַלן דעם געבליבענעם שטויב. דאָס איז דער באַגריף ביי די פּאַרסיער, אַז דער מענטש איז אינגאַנצן אומגעקומען, פון אים איז גאָר־ניט געבליבן און קיינער פון די גרויסע עלעמענטן איז דורך דעם ניט פאַרשוועכט געוואָרן.

„דער טורעם פון שטילשווייגן".

נאָר די שטילקייט איז אַ שרייעדיקע, שרייעדיקער ווי די טומל־דיקע לוויות אין כינע, וואו אַרום דעם בר־מינן רייסט זיך די לופט פון ווילדער מוזיק און פייערווערק. דאָ איז די שטילקייט אַ געבאָ־דענע און אַ חוצפּהדיקע. זי קריכט אין אַלע חושים אַריין. דער שטילער, שמאָלער, ברוינהויטיקער יונגערמאַן, עלעגאַנט געקליידט, וואָס האָט מיך באַגעגנט און שפּעטער געפירט דורך דעם גאַנצן

פּאַרק, האָט זיך באַמיט צו דערקלערן מיר דעם הויכן קולט פון פייער-פאַרערונג און פון דער צניעות, מיט וועלכער זיי באַציִען זיך צו מאַמע-ערד און צו אַלע גרויסע וואַסערן. ער האָט מיר ניט אָנגעוויזן אויף די חיה-פייגל, וואָס זיינען געזעסן אין דערוואַרטונג אויף די ביימער אַרום און אויף די הויכע ווענט פון דעם טורעם פון שטילשווייגן.

מיר איז כמעט ניט געקראָכן אין קאָפּ אַריין זיינע אינטעליגענטע רייד איבער לעבן און טויט. און כאָטש אין זיינע רייד איז געלעגן דער אָנדייט אויף אונזער אומריינקייט און אויף אונזער מטמא זיין דעם אייגענעם „איך" אויף יעדן שריט און טריט — איך האָב אים עס מוחל געווען: איך האָב מיר קעגן מיין ווילן מיטן דמיון אַריבערגעקליבן אַריבער די ווענט פון טורעם און געזען דאָס שוידערלעכסטע בילד, ווי אויף אַ טויטן מענטשן-קערפּער לאָזט זיך אַראָפּ די מחנה אָדלערס פון די נבלה-פרעסערס און מיט געשלעג און מיט געפילדער רייסט מען די שטיקער פון טויטן גוף.

דאָס האָט אין מיין געדאַנק זיך פאַרבונדן מיט אַ בילד, וואָס איך האָב אַמאָל געזען אין אַרגענטינע, בעת אַ מחנה חיה-פויגל האָט געיאָגט אַ האָז און שטיקער פון אים געריסן, ווען ער איז נאָך מיט זיין לעצטן אימפּעט געלאָפן. לאַנג האָט יענער שוידער געלעבט אין מיין געדאַנק, און איצטער, אַרום די טורעמס פון שטילשווייגן, האָט ער אויפגעלעבט אַרום די קערפּערס פון מענטשן, וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם. דאָ, אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט, צווישן בלומען און טראָפּישע ביימער, האָט צו מיר געשריען דעם מענטשנס הילפלאָזיקייט אין שכנות מיט דעם „אויף יענער זייט לעבן" און פאַרשריען דעם לויטערן נאָכמיטאָג. — — —

— דו פאַרשטייסט, — האָט מיר מיין עלטער באַגלייטער דערציילט (יעדעס וואָרט זיינס האָט געטריפט ווי טראָפּנס קלעפּעדיקע, לעבעדיקע וואַסער) — אויף אַזאַ שטייגער פאַראומרייניקט מען קיינעם ניט. די ערד בלייבט ריין, דאָס וואַסער — ניט פאַרשוועכט און דער עיקר, בלייבט ריין דער הייליקער פייער.

זאָג איך פונדעסטוועגן:

— פֿייער רייניקט אַליין, וואָס איז אומריין. דאָס, וואָס פֿייער ברענט דורך, ווערט געלייטערט. נאָר אין פֿייער באַדאַרף איר אַייערע מתים פֿאַרברענען, אויב איר ווילט אָפּראַמען פֿון אונטערן הימל די אומריינקייט, וואָס אַ מענטש לאָזט איבער נאָך זיך.

צינדט זיך אָן אַ פֿאַרטייעטע רויטקייט אין זיין מונקעלן פּנים און איצטער זע איך, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבאָרגענער פֿייער עס ברענט אין זיינע אויגן. און זיינע אויגן שפּילען אויף מיר מיט פֿאַראַכטונג:

— אונזער פֿייער איז הייליק... אונזער פֿייער היטן מיר פֿון דור צו דור. דאָס הייליקע פֿייער האָט אונזער נביא פֿון הימל אַראָפּגעבראַכט!

עס פּאַסט אָבער, אַז דווקא אין אינדיע זאָל אויך אַזאַ קולט זיך אויפֿהאַלטן. אַ קולט, וואָס גריבלט זיך צווישן ריין און אומריין און איז דערגאַנגען ביז צום אַבסורד, אַז אַפֿילו דער מענטש ביים לעבן קען זיין טמא זיין גאַנצן לעבן; ווען אַפֿילו ער וואַשט זיין לייב אין לויטערסטן קוואַל, ווען אַפֿילו ער לייטערט זיין נשמה אין דער געטלעכקייט פֿון האַלבן טאָג אין אין די קאַלטע, אויסגעשטערנטע נעכט — ריין וועט ער קיינמאָל ניט ווערן, אויב ער קומט אַרויס פֿון אַ נידעריקער קאַסטע!

ווען איך בין שפּעטער ווידער געקומען אין שטאָט אַריין, איז דאָס רוישיקע לעבן פֿון די גאַסן ניט געווען בכּוח אָפּצווישן דעם איינדרוק פֿון דעם „טורעם פֿון שטיל שווייגן". מיר האָט זיך ניט געגלויבט שפּעטער, באַגעגענענדיק אין די גאַסן די פּאַרסיער, מענער, פֿרויען, מיט דעם פֿולן עולם־הזה־אויסדרוק אין גאַנג און אין פּנים, אַז אויף יעדן איינעם פֿון די לייט וואַרטן רויב־פֿייגל אויף די ביימער און אויף די ווענט פֿון טורעם, אין דער וועלט פֿון „שרייענדיקן שטילשווייגן".

„מיר טויטן נים״

1

אין אַגראַ האָב איך געוואוינט די דריטע הויז פֿון אַן אָנגעזעענער אינדישער פֿאַמיליע. די קלענערע קינדער האָבן מיך באַמערקט אַ פּאָר פֿאַרנאַכטן, זיצנדיק לעבן מײַן שטוב און לעבן מײַנע פֿיס אַ ווײַסע קאַץ. האָט עס זיי אַפּנים צוגעצויגן און האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַגריסן. האָבן מיך אויסגעפֿרעגט, פֿונוואַנען איך קום און וואוהין איך פֿאָר.

און איינער פֿון די קינדער, אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר זיבן, האָט מיך איינמאָל אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס קומען די פֿרעמדע מענטשן צו אונדז און קוקן און קוקן? וואָס זעען זיי בײַ אונדז?

— איר האָט גוטע מענטשן, דעריבער קומען מיר זיך באַקענען מיט אײַך — האָב איך געענטפֿערט.

איך בין משער, אַז די קינדער האָבן איבערגעגעבן די שמועסן אין שטוב און די עלטערע האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט. און צומען האָט דאָס קינד געהייסן פֿרעגן, צי ער אַליין האָט אויף דעם שוין שכל געהאַט, ווײַל אויפֿן צווייטן פֿאַרנאַכט איז ער געקומען און האָט געפֿרעגט:

— דו זאָגסט, אַז מיר זײַנען גוטע מענטשן, איז פֿאַר־וואָס טוט איר אונדז שלעכטס?

— קינד, איך טו דיר ניט קיין שלעכטס און איך בין ניט געקומען צו טאָן שלעכטס ניט דיר, קינד, און ניט קיינעם ניט.

דעם ענטפֿער האָט ער אויך, ווײַזט אויס, אַוועקגעטראָגן אַהיים. וואָרעם, אַז איך בין דורכגעגאַנגען לעבן זייער הויז, האָב איך באַמערקט אַ סך אויגן, יונגע און עלטערע, האָבן פֿון די פֿענסטער און פֿון אַ ווײַט אַרום מיך נאָכגעקוקט.

דאָס קינד האָט מיך פאַרבונדן מיטן הויז און איך האָב טאַקע אָנגעדויבן צו בענקען אַהין, ווי צו אַ הויז, וואו איך האָב אַן איינגענעם. די פראַגע: „פאַרוואָס קומט איר אַהער?“ האָט געווים ניט געהערט צום קינד, ווען אפילו דאָס זיבן־יאָריקע יינגל האָט געפרעגט. אַזוינע פראַגן, אַז מען הערט עטלעכע מאָל — ווי וועמען, מיר גייען זיי אַריין אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. פון אַ קינד איז דאָס נאָך שווערער צו הערן.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַן עלטערער ברודער פאַרביי־געגאַנגען, זיך פאַרנייגט צו מיר, בשעת איך בין געזעסן פאַרן הויז. איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי איך בעט אים, ער זאָל צוגיין צו מיר. ער האָט עס געטאָן און דערביי באַמערקט:

— ביי אונז איז שענער. קומט אַ ביסל צו אונז. מיין פאָטער איז אויך אין שטוב.

איך האָב באַדאַנקט און אים נאָכגעאַנגען. ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט מען אים געשיקט, ער זאָל מיך פאַרבעטן אין הויז אַריין, ווייל, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צום שטוב, זיינען אין מיר געשטאַנען, אויסער מיין אַלטן באַקאַנטן, דעם זיבן־יאָריקן יינגל, אויך אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף, פאַר אינדיע אַ גאַנץ דערוואַקסענע. מיר איז אויסגעקומען פאַרבייגיין דורך צוויי שורות בלומען, צווישן זיי רויטע און אין ווייסע רויזן און נעלקן פאַרשיידענע קאָלירן. און באמת האָב איך ניט קיין טבע צו רייסן בלומען פון די שטאַמען און דאָ, האָט מיך ווי אַ ניט־גוטער אַ צי געטאָן די האַנט, און איך האָב אָפּגעריסן אַ נעלקע. אַלע ווי איינער האָבן אויפגעציטערט, גלייך ווי איך וואָלט זיי מיט עפּעס אַ שניט געטאָן.

עס איז געווען פאַרנאַכט. די זון האָט זיך געהאַלטן ביים זעצן.

איך אַליין בין אויך געבליבן אויף מיין אָרט, ווי פאַרגליווערט, מיט דער ווייסער נעלקע אין האַנט. געווים בין איך רויט געוואָרן פאַר אומבאַקוועמלעכקייט, אָדער פשוטער חרפּה. איך האָב אַליין ניט געהאַט קיין אויסדרוק פאַר מיין פאַרברעכן. נאָר דאָ האָט דאָס מיידל אַ זאָג געטאָן, כמעט ווי פאַר זיך אַליין:

— די בלומען שלאָפן דאָך שוין.

„און דער אַלטער באַקאַנטער מײַנער, דאָס זיבן־יאָריקע ייִנגל, האָט נאָכגעזאָגט מיט דער שוועסטערס שטימע:

— מיר טויטן ניט...

האָב איך באַדאַרפֿט אַ גרעסערע שטראָף נאָך, פֿאַר מײַן זינד אָפּצורײַסן אַ בלום אין צײַט פֿון זונפֿאַרגאַנג, ווען בלומען קלײַבן זיך שוין שלאָפֿן.

אינסטינקטיוו בין איך אַרײַן אין שטוב. מען האָט מיך פֿאָרגעשטעלט דעם פֿאָטער, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, וואָס פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער געזעלשאַפֿט. די מוטער האָט זיך ניט באַוויזן אינגאַנצן, אפֿשר האָט זי זיך צוגעקוקט דורכן פֿענסטער, ווי אַזוי דער אומבאַקאַנטער איז אָנגעקומען און, ווי שפּעטער, איז ער באַגאַנגען דעם פֿאַרברעכן רײַסנדיק אַ לעבעדיקע בלום, ווען די בלום האָט זיך געקליבן שלאָפֿן.

דער שמועס אין שטוב האָט זיך ניט געקלעפּט. די קינדער האָבן געקוקט אויף מײַנע הענט און איך אַליין האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז די קינדער זעען בלוט אויף מײַנע פֿינגער. און אפֿשר הערן זיי דאָס קרעכצן פֿון דער פֿאַרוואונדעטער בלום. עס פֿאָרט דאָך איצטער אַרום אַ אינדישער באָטאַניקער איבער דער וועלט און דעמאָנסטרירט אַ לעבעדיקע האַרץ בײַ די בלומען. וואו נאָך האָט געקענט געבוירן ווערן אַ באָטאַניקער, וואָס זאָל אַנטדעקן אַ צאַפּלדיק האַרץ בײַ די בלומען?

2

„מיר טויטן ניט!“

און שפּעטער האָב איך דאָס ניט איינמאָל געהערט אין אינדיע. ניט איינמאָל בין איך אַזוי געשטרויכלט געוואָרן און ניט געפֿינען די ווייכע טריט, ווי אַזוי אומצוגיין אין לעבן, אַז מײַנע טריט זאָלן שווער ניט טרעטן, אַז מײַנע טריט זאָלן ניט אַנטרעטן דאָרט, וואו עס טוט וויי.

„מיר טויטן ניט!“

וויפֿיל חטאים מען זאָל ניט אויסרעכענען אויף זיי, וויפֿיל קרומקייטן מען זאָל ניט געפֿינען אין זייער פּסיכאָלאָגיע; וויפֿיל מען זאָל

ניט געפינען קיין נאַיוויטעטן אין זייער אַרט דענקען און, ווען אַפילו עס זאָל שאָקירן ביז צום פאַרצווייפלונג דאָס, וואָס צו דער געטין קאַלי ברענגט דאָס פאָלק קרבנות, – פונדעסטוועגן איז דאָס אינדישע פאָלק דאָס איינציקע, וואָס קען זאָגן:

– מיר טויטן ניט.

גאַנץ אָפט איז מיר אויסגעקומען צו ריידן אין אינדיע מיט ענגלענדער. שווער צו זאָגן, ווערעם באַציִונג צום אינדוס איז אַ נאָרמאַלערע, צי פון דעם בריטישן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין איראָפּע, צי פון דעם, וואָס איז אין אינדיע געבוירן געוואָרן. אין מיינע באַאָבאַכטונגען האָב איך קיין גרויסן אונטערשייד ניט געפונען. פון ביידע צדדים האָט מען זיך געקלאָגט:

אַ גאָר פרעמדע פּסיכאָלאָגיע איז ביי זיי. מיר פאַרשטייען זיך ניט. מיר ווילן זיי יאָ פאַרשטיין, נאָר זיי אונז ניט.

פאַרוואָס רופט עס אַרויס אַזאַ חידוש ביים בריטישן? איז דען נאָר דעם אינדוס, ווערמען ער וויל פאַרשטיין און קען ניט? דער אינדוס איז פאַר אים אַ קליין, נאַיוו קינד, וואָס באַדאַרף ניט פיינט האָבן דער מאַמען, ווען זי פאַטשט אַמאָל אָן איבער די הענטלעך אויך.

נאָר דאָ, אין אינדיע, פאַרשטייט מען זיך ניט צוליב דעם: „מיר טויטן ניט“. דער בריטישער באַגרייפט ניט אַזאַ נאַיוויטעט.

אין בענגאַליע האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט אַ מיטליאָריקער ענגלענדער, אַ געבוירענער אין אינדיע, וואָס האָט אַ גאַנצן לעבן געשטרעבט, אַז די אינדוסן זאָלן אים פאַרשטיין און ביים שטרעבן איז ער געבליבן.

– „שטעל זיך פאָר, – זאָגט ער צו מיר, – האָסט דאָך אַוודאי באַמערקט אין אינדיע די מחנות הימלאָזע הינט, וואָס שלעפּן זיך אַרום אין די גאַסן. אַזעלכע אויסגעהונגערטע, בלאָטיקע, קרעציקע הינט, מיט איינגעפאַלענע און אויסגעשטאַרצטע ריפּן? אָ, ווער באַגעגנט זיי ניט! וואָס קען מען טאָן דערצו? דער ענגלענדער איז אַ ליבהאָבער פון הינט. איך בין געווען אין ענגלאַנד, האָסטו דיך געקענט אין דעם איבערציִגן. דאָ שניידט ממש ביים האַרצן.

אָנהייבן זיך אָפּגעבן מיט די הימלאָזע הינט פון גאַנצן לאַנד, איז דאָך אוממעגלעך, האָב איך געטראַכט:

„נאָכדעם, ווי איך וועל אויסדינען מיין טערמין ביי דער רע־גירונג און ווערן אַ פרייער מענטש, וועל איך זיך קענען אָפּגעבן מיט הומאַניטאַרישער אַרבעט. מיר איז געלעגן אין זינען עפּעס צו טאָן פאַר די אומגליקלעכע הינט אין מיין שטעטל, וואו איך האָב געוואוינט.

„איך האָב געלאָזט אויסבויען אַ שטוב פון ווייערטוועגן. אָנ־געהאַלטן צען פאַריער, אַ גאַנצן שטאַט ממש אָנגעהאַלטן פאַר די הימלאָזע הינטס וועגן. וואו מען האָט אַזאַ אומגליקלעכן הינט ער־געץ־וואו געכאַפּט, האָט מען אים געבראַכט צו מיר. אין פאַרלויף פון צוויי וואָכן האָט מען דעם הונט געגעבן צום עסן פון אַלדאָס בעסטע. געוואַשן און געהיילט, אַראָפּגענומען פון אים די צרות, און דערנאָכדעם, אויב עמעצן איז געפעלן געוואָרן צו אַדאָפּטירן אַזאַ הונט, איז גוט, און אויב ניט, האָט מען אויפן סוף פון די צוויי וואָכן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין וואוילטאָג — נו, האָט מען אים געשאָסן.

„דאַכט מיר, אַז קיין מער הומאַניטאַרישער אַרבעט האָב איך ניט באַדאַרפט זוכן... די אינדוסן האָבן עס געמעגט באַגרייפן, אַז אַזאַ טאַט קומט פון אַ ריינעם רחמנות־געפיל — האָב איך עס אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום געמוזט אויפגעבן".

ער האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט.

— פאַרוואָס האָסטו עס געמוזט אויפגעבן? — האָב איך נאַיוו געפרעגט.

— מיר איז שווער געוואָרן איבערצוטראָגן די גאַס. די אינדוסן האָבן אויף מיר געקוקט מיט שרעק. פון די ווינקלען געטייט אויף מיר מיט די פינגער, פאַרוואָרפן מיט קשות, איך זאָל עס אויפ־געבן. און דער עיקר, די זילזולים אויף די בריטישע: „קענען זיי ניט דערגענען קיין אומשולדיקע מענטשן — דערגענען זיי אומשולדיקע הינט. אַזוי בלוטדורשטיק איז דער ענגלענדער..."

— פּרעג איך דיך, ווי אַזוי קען מען זיין גערעכט אין די אויגן פון די דאָזיקע מענטשן? שוין עטלעכע דורות, אַז מיר דערציען זיי, און געבליבן זיינען זיי דאָרט, וואו זיי זיינען געווען.

יאָ, מען האָט זיי גיט אויסגעלערנט, און זיינען געבליבן, וואו זיי זיינען געווען.

אין דער וועלט־מלחמה אַריין האָט מען זיי געשלעפּט. אויסער די הויכע און בערדיקע פּונדזשאַבאַס, ווייסט דער גרעסטער טייל פון אינדישן פאָלק ניט ווי אַזוי מען האַלט אַ ביקס אין האַנט און ווי אַזוי מען פירט מלחמה. די רעגימענטן, וואָס מען האָט אַוועקגעפירט צום פראַנצויזישן פראָנט, האָבן דאָרט אויך געשריען: „מיר טויטן ניט!“ האָט מען הינטער זיי געשטעלט מאַשין־ביקסן און געצוואונגען טויטן.

דערציילט מען, אַז זיי האָבן זיך טאַקע ליבערשט געלאָזט טויטן. אַזוי זיינען גאַנצע רעגימענטן אומגעקומען.

מען קען זאָגן, אַז דער אינדוס דרימלט, אָדער חלומט אין אַ וועלט, וואָס איז וואַך. צו־אָנגעשטרענגט איז ער געווען אין אַלע צייטן צו יעדן שאָרך אין דער נאַטור. ער האָט זיך אַליין אונטערטעניק געמאַכט צו דעם וואַכערן כוח. דער טיגער פון דזשאָנגל, וואָס איז דער בראַוסטער פון צווישן די פּאַר־צוקנדיקע חיות — ער האָט רעכט אויף דעם. איז דער מלך פון דזשאָנגל. דער הורכשניטלעכער אינדוס וועט דעם טיגער ניט אָנרופן ביים נאָמען, אָן יראת־הכבוד. לעבן איז אויך פאַרהאַן אין דער קליינער מוראַשקעלע. און וואָס סע לעבט, מאַכט שוין קיין שאָדן ניט, ווען עס פאַרדאַרבט דעם מענטשנס מי. ווייל, וואָס איז דער מענטש פאַר אַן אויסדערוויילטער, וואָס זאָל אַלץ מעגן? זאָל אַלץ קענען אונטערטעניק מאַכן? דער מענטש באַדאַרף מיטלעבן מיט־אַלץ און ער באַדאַרף עס טאָן אײדל. באַדאַרף אַליין לעבן און לאָזן לעבן אַלץ אַרום זיך.

עס קענען די חיות און עופות פון דזשאָנגל, צי פון פעלד, דעם כאַראַקטער פון דעם אינדוס. דערשמעקן אים פונדערווייטנס. דער פיינער אַנטילאָפּ, וואָס קען פאַר אַ גרויסן שטח דערשמעקן דעם ריח פון אַ מענטשן און פון אים זיך אויסבאַהאַלטן — ער האָט

ניט מורא פֿאַרן פֿייער. דער פֿייער זייט אין פֿעלד פֿאַר זיך, און פֿאַר דעם הירש אויך. ער זייט פֿאַר די מאַלפּעס און פֿאַר די ווילדע פֿאַוועס.

אַפֿילו די ווילדע חיות דערשמעקן דעם ווייסן מענטשן און אַנטלויפֿן. זיי האָבן דערשפּירט, אַז דער ווייסער מענטש איז געקומען קיין אינדיע און זיך אָנגעזעצט אויף זייער לעבן. די חיות ווייסן און געבן איבער איינס צום אַנדערן מיט אויסגעשרייען די דערנענטערונג פֿון אַ ווייסן מענטשן.

די ווילדע קאַטשקעס אין אינדיע, וואָס ווי נאָר עס ווערט וואַרעמער, אָנהייב פֿרילינג, פֿאַרלאָזן זיי די אינדישע טאָלן און פֿליִען, וואו עס איז גענוג שפּייז פֿאַרהאַן פֿאַר זיי און לאָזן זיך אַוועק אויף טויזנטער מײַלן קיין טיבעט, באַדאַרפֿן אַריבערפֿליִען די הימאַלאַיער בערג — דאָך האַלט עס זיי ניט אָפּ. אין טיבעט לאָזט מען זיי לעבן. און דאָרטן, אין די אָזערעס טוט זיי קיינער קיין בייז ניט. דאָרט ברענגען זיי אויף זייערע קליינוואַרג. דאָרטן צילט קיינער ניט צו זיי פֿון אַ ווינקל. דאָרטן האַלטן זיי זיך ביז דער אײַז פֿאַרשמידט די אָזערעס, ביז עס קומט דער שווערער ווינטער.

איך האָב זיי געזען אין לבנה־נעכט, ווען זיי האָבן געצויגן דורך די הימאַלאַיער בערג צו טיבעט צו, האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן אויסגעשרייען צו דער ערד. דאַכט מיר, זיי האָבן געשריען:

„דערלייזונג! באַלד זיינען מיר ווידער דאָרט, וואו קיינער וועט אונזער לעבן ניט צעשטערן".

אין אינדיע איז די היים פֿון דער טעאָזאָפֿישער לערע. דאָ זוכט מען נאָך דעם געדרייטן שטעג פֿון מענטשנס נשמה, וואָס וואַנדלט און שפּאַרט זיך דורך, דורך מיליאָנען לעבנס, וואַנדערט און וואַנדלט פֿון גוט צו בעסער און פֿון שלעכט צו ערגער. די אַטמאָספֿערע איז אָנגעפֿילט מיט עכטע לעבנס. אַ גרעזעלע באַוועגט זיך, אַ בלעטעלע שאָקלט זיך אויפֿן צווייג; אַ בלום הייבט זיך, אַ מוראַשקע איז דורכגעקראָכן; אַ שפּין וועבט אַ שפּינוועבס; אַ קרעציקער הונט דראַפּעט זיין פֿעל און רייסט אויף זיין צרעת, אַ רויבפֿויגל צירקלט אין דער לופֿטן און אַ טויב וואָרקעט אויפֿן דאַך. — —

— אַלע זיינען די רו־ערטער, אָדער די פּלאָג־ערטער, וואו אַ נשמה האָט זיך אַריינגעקליבן, איז געבענטשט געוואָרן, אָדער פֿאַרשאָלטן געוואָרן צו לעבן נאָך אַ לעבן, וואַנדערן פֿון עטאַפּ צו עטאַפּ און שלאָגן זיך פֿאַר יעדן טריט נעענטער צו ג י ר וו אַ נ אַ: צום סוף פֿון אַלע לעבנס. צום סוף פֿון אַלע נשמות.

איז דאָס שרעק פֿאַרן לעבן? שרעק פֿאַרן ווייטערדיקן עקזיסטענץ? פּעסימיזם בליט אין אינדיע. עמעצער שרייט אַריין אין לעבן: ה ב ל־ה ב ל י ם. אַלץ איז ניט געשטיגן און ניט געפֿאַלן אויף דער ערד. עס לוינט ניט, זאָל דער שטאַרקער הערשן, ביז אים וועט ניט גוט ווערן. זאָל ער, ביז זיין צייט וועט קומען, אָדער זאָל ער, ביז דער גוטער גייסט וועט איבער אים שולט זיין.

און פֿון וואָס טראַכטן טאַקע די הונדערטער און טויזנטער, וואָס האָבן אָפּגעגעסן דאָס הייסע רייז און זיך אַנידערגעלייגט ביים זייט גאַס חלומען אונטער דער זון? און וואָס לייגט זיך אויף אין מוחות פֿון די טויזנטער, וואָס קלייבן זיך אַרויס ביינאַכט פֿון די ענגע שטיבלעך זייערע און לייגן זיך אויס אויף דער ערד, און קוקן אין די שטערן אַריין? אָדער וואָס טראַכט מען אין די גרויסע טריקענישן, ווען מיליאָנען לעבנס בלייבן שטיין מיט אויסגעטריקנטע גלידער אַנטקעגן דעם הונגער, וואָס דערנענטערט זיך? און ווען אַ פּלאָג ברעכט אויס און קריכט נידעריק ביי דער ערד און קאָשעט אונטער די איינוואוינער פֿון די דערפֿער; ווען אַ גאַנצער דאָרף מענטשן אָנגעשטעקטע מיט פּאָקן לאָזן זיך לויפֿן, אונטערגעצונדענע מיטן בראַנד פֿון אייגענעם לייב; מען לויפֿט מיט קינדער אויף די הענט אָנגעצונדענע און אַזוי לויפֿט מען ווי פֿון אַ שׂרפֿה אַרויס, פֿאַלנדיק אין וועג אונטערגעקאָשעטע, אָדער אין צייט פֿון מאַ ס ן, אין צייט פֿון די גרויסע רעגנס, ווען די הייליקע טייכן גייען אַרויס פֿון די ברעגעס און הייבן אָן אַראָפּטראָגן די ליימענע, צי פֿון קאַמיש געפֿלאָכטענע הייזלעך, פֿאַרשלעפֿנדיק לעבעדיקע מענטשן, קו און ציג — אַלצדינג לויפֿט, אָדער ווערט געשלעפּט און ווייסט ניט פֿון קיין ווידערשטאַנד.

יעמאָלט ציט מען די הענט צו אַלע געטער, וויפֿיל דער זכרון קען נאָר פֿאַרנעמען. יעמאָלט מורמלען די ליפּן אינדערשטיל, צי־

מען שרייט אין דער הויך איבערצושרייען דעם אייגענעם פחד. ניטאָ אַזאַ הילפלאָזע מאַסע, ווי די אינדישע, ווייל יעדער איינער איז מער פאַרטאָן אין זיין נשמה, ווי אין זיין גוף. אַיעדער איינער קען זיין נשמה בעסער ווי זיין גוף. וואו איז דער יונגער ווילן? וואו איז דער אייגענער באַשאַפענער ציל און דאָס שטרעבן צו אים? וואו איז דער ווילן, וואָס טראָגט זיך, ווי די איבערגעפולטע טייכן, רייסנדיק מיט זיך טיף־איינגעוואָרצלטע ביימער?

ווי לאַנג האָט די כינעזישע הונדערט־מיליאָניקע מאַסע ניט געשפירט די וואָרצלען פון אייגענעם ווילן און ככדר דעם אייגענעם גורל געזוען אין די הענט פון די אונטערדריקער? דאָרטן דערוואַכט ערשט דער ווילן פון פאָלק, וואָס איז געלעגן אין הינערפלעט פון די אוראַלטע צייטן אָן. דאָרטן זעט מען איצטער דעם הערקולעס, וואָס האָט דערשפירט זיין גבורה און קען זיך אויף קלאָר ניט דערקלייבן, ווער עס האַלט אויף אים די האַנט.

אין רוסלאַנד האָבן די מאַסן אויפגעשפרונגען אויף די פיס, ווי עס שפרינגט אויף אַ יונגער לייב בעת דער פרימאָרגן טוט אַ קלאַפּ אין זיין קאַרק.

אין אינדיע — מען דינט צו דער קאָבראַ־שלאַנג. מען גיסט קאָקאָנוס־זאַפט אויפן קאָפּ פון אַ קופּערנער קאָבראַ־שלאַנג אין די טעמפּלען. און די קאָבראַ־שלאַנג, בשותפות מיט אַנדערע שלאַנגען, הרגענען אַוועק אין אינדיע ביז צוואַנציק טויזנט מענטשן אַ יאָר. טראָגט מען מילך צו די לעכער, וואו די שלאַנגען האַלטן זיך אויף. יאָ, דער אינדוס שטעלט אַנידער מילך פאַר די גיפטיקע שלאַנגען! אמת, ער שיט אויך אָן צוקער פאַר די מהאַשקעס־ווען. שאָדט ניט, וואָס זיי פאַרדאַרבן זיין פונדאַמענט; פאַרדאַרבן אים זיין פעלד. זיי לעבן און זיינען שטאַרקער פון אים. ער גיט זיי זיך אונטער. זיין אונטערטעניקייט איז מיט אים אַ געבוירענע.

איז דען אַ חידוש, ווי אַזוי אַ גאַנץ פאָלק טראָגט די אונטערטעניקייט צו אַ פרעמדער נאַציע, וואָס האָט דאָ אַזאַ קליינע פאַרשטייערשאַפט. דער ווייטער פייף פון די קריגשיפן איז גענוג צו דערמאָנען, אַז מען איז אונטערטעניק. מען לעבט אין אַ הדר פון

חשכות, פינף טויזנט יאָר דויערט עס שוין, און ווערן זיך אַנטקעגן אַ פינסטערניש מיט די ווילדע הענט איז דאָך אַ משוגעת — ווי מען קען פאַר דער צייט די נאַכט ניט אָפּווענדן פון לעבן, ווי מען קען ניט פאַר דער צייט אַראָפּברענגען דעם רעגן אויף דער ערד, ווי מען קען ניט באַפעלן די גאַנגעס, אַז אירע וואַסערן זאָלן זיך אומקערן און אַוועקשטראָמען צוריק צו די הימאַלאַיען.

3

פאָרנדיק דורך די צענטראַלע פּראָווינצן פון אינדיע, איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אַ טאָג צייט אין איין קופּע מיט אַן ענגלישן אָפיציר. ער האָט געוואוסט, אַז איך קום פון אַמעריקע און דעריבער איז ער געווען באַזונדערס העפלעך. עפּעס האָט אים געקוועטשט די גאַנצע צייט אונטערן צונג. דווקא מיין ווינציק ריידן האָט אים באַאומרויִקט. איך האָב אַ פּאָר מאָל אָנגערירט אייראָפּעיִשע ענינים, דערמאָנט די וועלט-מלחמה, נאָר קיין וואָרט האָב איך ניט פאַרוואָרפן וועגן אינדיע. אים האָט עס גערייצט און אפשר האָט ער אין מיר אַ שטיקל חשד דערזען.

— פאָרן זייער פיל אַמעריקאַנער אַהער, — האָט ער אַרויסגעפּיפּקעט אינאיינעם מיט דעם רויך פון זיין ליולקע — זיי זיינען אַ סך שולדיק אין דעם, וואָס די אינדוסן בונטעווען. האָסט דאָך געהערט פון דער מאַדאַם ביזאַנט — אויך אַן אַמעריקאַנערין געווען, ווען מיר שיקן זי ניט אַרויס, ווער ווייסט צו־וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע זי וואָלט דערפירט. באמת האָט מען אַזאַ איינער באַדאַרפט „צושטעלן צום וואַנט" דערפאַר.

אויף דעם האָב איך אויך ניט געענטפערט.

האָט ער געפּרוּווט אַן אַנדער אויסוועג:

— איר האָט זיך איינגערעדט, אַז ענגלאַנד באַהערשט די וועלט. דאָס איז ניט אמת. אַמעריקע באַהערשט די וועלט איצטער. ספּעציעל נאָך דער וועלט-מלחמה. און ענגלאַנד פירט די וועלט. מיר פירן איצטער אויס די וועלט אָן ענגלאַנדס פירערשאַפט. כאָטש נעם אינדיע, אַזאַ הילפלאָזע באַשעפעניש מיט דריי הונדערט מיליאָן קעפּ:

האָט זיך דאָך אַהיים־עווין אין דער וועלט־מלחמה — אַז מען האָט פון זיי מאָביליזירט עטלעכע רעגימענטן, האָבן זיי נאָר דעמאָראַליזירט דעם פראָנט מיט זייער פחד. אַ פאָלק, וואָס קען זיך ניט באַשיצן און קען דעם אַנדערן אויך ניט באַשיצן. איך ווייס ניט, וואָס אַמעריקע וואָלט געטאָן מיט זיי.

— פון דעם איז קיין באַווייז ניט — האָב איך געזאָגט — אַמעריקע טוט ניט קיין צופיל גוטס די רויטע אינדיאַנער ביי זיך אין לאַנד אויך.

ער האָט עס ניט פאַרשטאַנען און האָט זיך הויך צעלאַכט.

דערווײַלע איז דער צוג אַריין אין אַ אידילישער געגנט. עס איז געווען פונקט שניט־צייט און די פויערים זיינען געווען אין פעלד. איבער אונזער צוג האָט זיך אַריבערגעטראָגן אַ מחנה פאַזעס אין מיט זייערע גינגאָלדענע קאָלירן רעפלעקטירט אין דער פאַרנאַכטיקער זון. דער צוג איז געגאַנגען פאַמעלעך און מען האָט געקענט זען, ווי זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן פעלד צווישן די פויערים.

— אָט זעסטו אים, דעם אינדוס — האָט דער אָפיציר אָנגעוויזן מיטן פינגער הורכן פענצטער, אָט, דאָס איז ער! גריזשע אים די ביינער, וועט ער עס אויך פאַרנעמען ווי אַ ברכה פון די געטער. אָט זעסטו, צוויי הירשן פיטערן זיך ניט ווייט פון פויער, וואָס שניידט — אָ, צום טייוול, ווי קאָמיש דאָס זעט אויס! אָ, אָ, מיך וואָלטן זיי שוין דערשמעקט. וואָלכט זען, ווי פאַר אַ מייל וואָלטן זיי מיך דערשמעקט און זיך געלאָזט לויפן אין דזשאָנגל אַריין!

— זיי טויטן ניט, האָב איך געזאָגט, און דאָס איז אַ הויכע מדרגה. די חיות ווייסן עס.

— יאָ, די חיות ווייסן עס, און אימפאַרשעמט טויטן זיי דערפאַר טויזנטער אינדוסן אַ יאָר. האָסטו זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אינמיטן העלן טאָג זאָל אַ טיגער אַרויס פון דזשאָנגל, גאַנץ רויִק אַריין אין אַ דאָרף און אויסקלייבן פאַר זיך אַ פעטן אינדוס און רויִק אַוועק צוריק!! האָסט אַוודאי געהערט דערציילן פון דעם אין געטראַכט, עס איז אַ באָבע־מעשה. יעס, סיר, איצטער ביסטו אין דעם לאַנד, וואו אַזעלכע מעשיות פאַרלויפן טאָג־טעגלעך. אַז אַ טיגער ווערט אַלט און קען זיך שוין מער ניט נאָכיאָגן נאָך אַנטילאָפּן, יעמאָלט

הײבט ער אָן צו עסן בראַמינער. װײל די בראַמינער זײנען פֿעטע, אײַנגעפּאַשעטע — כאַ—כאַ—כאַ! — יאָ, זײ טױטן ניט, דאָס איז אמת, האָט ער נאָך װי פֿאַר זיך אַלײן איבערגעחזרט — און דער װאָס טױט ניט, דער לעבט אַלײן אױך ניט.

און װי װײט איז דער מהלך פֿון דעם דאָזיקן אָפּיציר, ביז דעם פֿױער, װאָס איך האָב באַגעגנט אין צענטראַל־אינדיע, אײנמאָל אַ ביטאָג, װאָס איז געפֿאָרן מיט אַ פּאָר אָקסן אײַנגעשפּאַנט אין װאָגן און דער װעג זײנער איז אים פּלוצלונג אָפּגעשניטן געװאָרן צוליב דעם, װאָס ער האָט ניט געװאָלט טױטן? פֿון דערבײַיקע זומפּן, פֿון בײדע זײטן װעג, זײנען אַרױסגעשפּרונגען אָן אַ צאָל קלײנע זשאַבעלעך און געדיכט פֿאַרפֿולט דעם גאַנצן װעג, אוממעגלעך געװען דורכצופֿאָרן, אָדער דורכצוגײן, אַז מען זאָל ניט צעטרעטן קײן זשאַבעלעך. דער פֿױער האָט זיך אײַנגאַנצן פֿאַרלאָרן. אין ערגעץ האָט ער געאײַלט מיט זײן משׂא און די קלײנע באַשעפֿענישן האָבן אים פֿאַרשטעלט דעם װעג. מילא, אַלײן װי אַלײן, ער װאָלט זיך שױן אױסגעהיט ניט אָנצוטרעטן, אָבער די אָקסן, די רעדער פֿון װאָגן — װאָס מאַכט מען מיט זײ? װיפֿיל ער האָט די זשאַבקעלעך ניט געטריבן צוריק אין װאַסער אַרײן — עס האָט ניט געהאָלפֿן. איך בין אַרײן אין זײן לאַגע און האָב אים אַ שטיק װעג אַרױסגעהאָלפֿן, אַראָפּטרײַבנדיק די זשאַבעס פֿון װעג.

װאָס װאָלט דער ענגלענדער געזאָגט אױף דעם? װי װאָלט אױף אים געװירקט דער פֿײנלעכער אױפֿטו פֿון פֿױער? געװיס װאָלט ער געמאַכט דעם אײגענעם אױספֿיר:

„װער עס טױט ניט, דער לעבט ניט“.

4

זײנען אָבער מדרגות פֿאַראַן אין אינדיע, װוּ מען קען ניט אַרױסשטעלן דעם דעװיז: „מיר טױטן ניט“. אַלערלײ קאָנטראַסטן טרעפֿן זיך אױף דײן װעג אין אינדיע. עס װאָלט קײן שום גראָבער שטריך אין לעבן דיך ניט אַראָפּגעשטױסן פֿון דײן געדאַנקענגאַנג. בײם אײראָפּעער באַדאַרף מען ניט זוכן מיט קײן לאַמטערנע זײנע

חטאים; דער אייראָפּעער האָט אין לעבן ניט אַרויסגעשטעלט דעם דעוויז: „מיר טייטן ניט“. בנוגע דעם ווייסן מענטשן איז צוגעפּאַסט די ווייזהייט: „ווער עס טייט ניט, דער לעבט ניט“.

אין אינדיע פאַרטראַכט מען זיך אַליין ניט ווילנדיק, ווייל, דאָס, וואָס דו דערוואַרטסט ניט, קומט דיר אַנטקעגן.

דאָס איז געווען אין דער אייגענער אַגראַ, אין דעם אייגענעם האָטעל, וואו איך האָב מיר באַגעגנט מיט מיין זיבן־יאָריקן פריינט, צוליב וועלכן איך האָב אַזוי שווער פאַרזינדיקט, אָפּרייסנדיק אַ בלום נאָך זונפאַרגאַנג — און צוליב וועלכן איך האָב עטלעכע טעג ניט געקענט אָפּווישן מיין חרפה פון פּנים.

מיין צימער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן איינגאָרנדיקן הויז, איז אַרויסגעקומען מיט טיר און פענסטער אין אַ בלומען־גאָרטן אַריין. עטלעכע פּאַלמען־ביימער און אַ געדיכטבלעטערדיקער מאַנגאָ־בוים האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן דאַך. אין צימער גופא איז אַנטקעגן דעם דרויסן געווען טונקעלער. כּיוון אַזוי געבויט, אַז מען זאָל זיך קענען ביטאָג אויסבאַהאַלטן פון דער היץ. איך האָב גאַנץ רויק געהאַלטן אָפן טיר און פענסטער, כאָטש פאַר יעדן שלאָפן גיין האָב איך אַרומגעקוקט אין יעדן ווינקל, אונטערן בעט און אין בעט גופא, צי אָפּטמאָל האָט זיך ניט פאַרקליבן אַ שלאַנג צו מיר אין צימער אַריין. כאָטש מען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אין שטאָט זיינען קיין שלאַנגען ניטאָ. נאָר גיי זיי זיכער מיט שלאַנגען אין אינדיע. אַוועקגייענדיק ביטאָג, האָב איך טיר און פענסטער געלאָזן אָפן. עס איז אָנגענומען אַזוי.

אַז איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים, האָב איך גאָרניט באַמערקט אין צימער. אין די ווינקלען איז געווען טונקל. איך האָב מיר אַנידערגעזעצט אַנטקעגן דער אָפענער טיר און אַרויסגעקוקט צום פאַרנאַנדערגעבליטן גאָרטן.

דערווייל קומט אָן אַ יונגער אינדוס, ריין אָנגעטאָן, האַלב־אינדיש און האַלב־אייראָפּעיש געקליידט. דאָס מיינט מיט אַ „דאָטי“ אַרום די היפטן און אַ האַלבן סורדוט אויבן, אַ ראָזער טורבין אויפן קאָפּ. האָט זיך באַגריסט. אַנידערגעשטעלט אַ טשעמאָדאַנטשיק אויף דער ערד און האָט זיך פאַרגעשטעלט:

ער האָט צו פאַרקויפן אַלערליי קליינינקייטן געשניצטע פון העלפאַנט-ביין. מעסערס, פּאַפּיר אויפצושניידן, קליינע העלפאַנטלעך פון העלפאַנט-ביין אויסגעשניטן. שרייבהענטלעך א. ד. ג. איך האָב אים געבעטן זיצן, זיך צעשמועסט מיט אים. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז פון אַ העכערער קאַסטע. האָט געענדיקט אַ מיטל-שול. רעדט נאַטירלעך ענגליש. איך האָב ביי אים אויסגעקליבן אַ קליינקייט, באַצאָלט און אָנגעהויבן אים אויסצופרעגן וועגן דער לאַגע פון דער יוגנט.

ער אָבער האַלט זיך אומרויִק. ווי עפּעס האָט ער באַמערקט ביי מיר אין צימער. איך האָב אויף אים דערקענט די אומרויִקייט און אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן זיינע בליקן.

— סיר, אַ קאָבראַ האָט באַוויליקט צו באַזוכן דיין צימער. אַ גוטער סימן, סיר!

איך בין אויפגעשפּרונגען פון אָרט, פאַר מיר איז דאָס גאָר קיין גוטער סימן ניט געווען. אָט די דאָזיקע שלאַנג מיט דעם פלאַכן קאָפּ, וואָס רויבט אַזוי אויף דעם אייבערשטן טייל גוף, דער קאָפּ פאָרויס געבויגן, ווי דער קאָפּ פון אַ שוואַן — — היט זיך פאַר אַזאַ שלאַנג!

— וואָס זאָל מען טאָן, פרעג איך אים, אפשר פּרוּוון זי הרגענען?

— אָ, ניין סיר, זאָל דיר גאָט באַהיטן, מיר טויטן ניט, סיר...

— זי וועט דאָך אונז טויטן!

— איז דאָס אונזער שיקזאַל אַזאַ. די שלאַנג איז ניט שולדיק.

— און אַז זי וועט מיך הרגענען, וועסטו זי יעמאָלט טויטן?

— ניין, סיר, איך זאָג דאָך דיר, מיר טויטן ניט.

די שלאַנג האָט זיך דערשראָקן פאַר אונזער דיספּוט און האָט ניט געוואַרט, אַז ער זאָל איר ברענגען מילך — זי איז זיך פּאַמעלעך אַרויס פון צימער, שאָקלענדיק מיט איר גאָפּלדיקן צינגעלע. זי איז פאַרשוואונדן ערגעץ צווישן די בלומען.

איך בין אַ ווײַלע געזעסן דערשטוינט, סיי פון אים און סיי פון דער שלאַנג. איך האָב קלאָר געהערט, ווי מיין האַרץ קלאַפּט.

איך האָב מער מיט אים ניט גערעדט וואָס צו ריידן. איך וואָלט שוין אפשר געשוויגן ביז ער וואָלט אַוועקגעגאַנגען.

דערווײַלע באַווייזט זיך פאַר מיר דער קערער. ער טרייבט מיטן בעזים דאָס אומריינע וואַסער פון רינשטאָק. דאָס איז די מלאכה פון אַ פּאַריער. טו איך מיין גאַסט אַ פרעג:

– און וואָס וואָלסטו געטאָן, סיר, ווען דער קערער קומט איצטער אַריין, נעמט זיך אַרום און טוט דיך אַ קוש?

– ניין, סיר, אַזוינס וועט ער ניט טאָן, – ענטפערט ער, אַ ביסל צעטומלט פון מיין פראַגע.

– מאַל דיר אוים, ווען ער קומט יאָ אַריין און טוט דיך אַ קוש...

– איך וואָלט אים דערהרגעט, סיר!

– סטייטש?!

– ער איז דאָך אַ פּאַריאַ.

אָבער אַ לעבעדיקע באַשעפעניש איז ער דאָך!

– ניין, ער איז ניט.

– וואָס מיינסטו, ער איז ניט?

– ער האָט קיין נשמה ניט. ער איז גאָרניט. אַ פּאַריאַ איז אַ אומריינע זאַך און מער גאָרניט – – –

אָט דאָס איז דער ווידערשפּרוך אין כאַראַקטער פון אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט אין לעבן אַרויסגעשטעלט דעם דעוויז:

„מיר טייטן ניט".

אַגב איז מיין שרעק צוליב דער קאָבראַ־שלאַנג געווען אַ אומזיסטע, ווייל ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז זי געווען אַ „היימישע", אַ אומשעדלעכע.

ערדענע קריג

(בלעטער פון מיין טאָגבוך)

באָמביי, 12טער אַפּריל

הײנט בײטאָג האָב איך באַזאָרגט אַ שיפס־קאַרטע. אין צוויי טעג אַרום גייט אָפּ מיין שיף קיין מצרים. ווי שנעל עס זיינען אַוועק די זיבן חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אינדיע. אין דער אײ־גענער צייט ציען פאַר מיר מיינע אייגענע איבערלעבונגען דאָ אין לאַנד.

ווי אַ פרעמדער בין איך דאָ אומגעגאַנגען צווישן די מאַסן, וואָס טרעטן באָרוועס די ברינגלעכע ערד. איך האָב זיך באַמיט, אַז מיינע טריט זאָלן קיינעם ניט שטערן און קיינעם ניט אָפּטרעטן די פיס. און איך וויל איצטער אויסנעמען אַ בילד, וואָס האָט באַוועגט מיין געמיט, ביז צום פאַרטאַכטן זיך איבער מיין אייגענעם גורל, אַלס מענטש, וועמען עס איז באַשערט צו לעבן מיט זיין אומרויִקן געמיט אין היינטיקן יאָרהונדערט — קומט מיר אויפן זינען אַ בילד בײם פאַרברענען די טויטע אין אינדיע, בײ די ברעגעס פון די הייליקע טייכן. און ניט דאָס פאַרברענען גופא בין איך אויסן; דאָס איז דאָך סײ־ווי דער סוף פון מענטשן. וואָס איז דער חילוק, צי מען פאַרברענט אים, צי מען באַגראָבט אים, צי מען וואַרפט אים אין וואַסער אַריין? מיך האָט דאָ גערירט דאָס בילד, ווי נאָך דעם, ווען פון מענטשן איז שוין געבליבן קויל און אַש, יעמאָלט ברענגען די נאָענטע, וואָס האָבן זיך געעסקט מיטן פאַרברענען, זיי ברענגען פון הייליקן טייך וואַסער אין ערדענע קריג, גיסן דאָס וואַסער אויפן גליענדיקן אַש און צעברעכן דערנאָך די קריג אויף די איבערבלייבעכצן פון מענטשן. דאָס איז אַ טרויעריקער סימבאָל. און דאָס איז דער שווערער צייכן, וואָס שטייט דאָ פאַר לעבן:

— „גאָרניט ביסטו ווערט נאָכן טויט, ווי גאָרניט ביסטו ווערט געווען ביים לעבן, אַ ערדענער קרוג. אַט אַזוי וועסטו צעבראָכן“.

פאַר די אינדוסן האָט עס געווים ניט אַזאַ באַטייט. דאָס האָב איך אַליין פאַר מיר פאַרטייטשט. געשעפּט האָב איך עס פון היגן לעבן.

וואָרעם, אויב אין די מערב־לענדער זיינען נאָך די ברייטע פאָלקס־מאַסן אונטערגעדריקט פון אַ האַנט אַ שטאַרקערע, אַ ברוטאַלערע — ווייסן די מאַסן, אַז אַ פּאַראַזיט האָט זיך אָנגעזעצט אויף זייער סובטעלן גוף. מען שפּירט דייטלעך דעם פּאַראַזיט. אַז די צייט וועט קומען, וועט מען אים אַראָפּרייסן. ווייל דאָס לעבן אין מערב־לאַנד רופט צום מענטשן און זאָגט אים:

— „דו ביסט גאָט און באַשעפער“.

דאָ, אין אינדיע קען נאָר דער בראַמינער זיך באַטראַכטן פאַר אַ גאָט. דאָס פאָלק — דאָס איז דער ערדענער קרוג, וואָס ווערט צעבראָכן, ווען די צייט קומט. און די צייט מוז קומען. דער מענטש ביים לעבן האָט ניט קיין ווערט. אַטראָפירט זיינען די מוסקלען, ניט צו פילן די קייטן אויף די הענט; ניט צו שפּירן די קלעצלעך אויף די פיס.

איך האָב געזען, אַז אין כינע האָט דער קולי קיין שום ווערט ניט. איך האָב געזען אין כינע, אַז אַ מענטש פאַלט אין גאַס אונטער זיין משא און קיינער דערנענטערט זיך ניט צו אים, באַהילפיק צו זיין. נאָך מער — איך האָב געזען אין אַ הייסן זומער־טאָג, אין פעקין, ווי אַ מענטש איז געפאַלן אין מיטן גאַס, אַ באַגאָסענער מיט שווייס און מיט אַ שוים אַרום מויל און קיינער איז ניט צוגעגאַנגען צו אים. דאָ, — אין אינדיע, האָב איך אַזעלכעס ניט געזען. פאַרקערט, דאָ האָב איך דערקענט די מידה פון רחמנות שטאַרקער ווי אומעטום. און פונדעסטוועגן האָב איך אין כינע געשפּירט, אַז ווען עס וועלן די, וואָס פאַלן אונטער זייער משא, זיך אויפהייבן, אויסגלייכן די פּלייצעס — יעמאָלט וועלן זיי אויסשטרעקן די רעכטע האַנט צו דער אייגענער גאַס און זאָגן:

— זייט וויסן, אַז אַ מענטש איז אויסגעקומען פון דעם שטויב צוליבן לעבן און אים קומט דאָס לעבן!

און דאָ, אין אינדיע: — ערדענע קריג. דאָס איז דער סוד פֿון מענטשנס לעבן אויף דער ערד. אַ נשמה איז פֿאַרהאַנגען, וואָס באַדאַרף זיך פּלאָגן טויזנטער און טויזנטער יאָרן, דורך טויזנטערליי גילגולים, אָבער קיין גוף איז ניטאָ, וואָס זאָל קענען פֿאָדערן זיין רעכט. אַ ערדענער קרוג, וואָס מוז צעבראָכן ווערן, יעמאָלט ווען מען האָט פֿון אים דאָס הייליקע וואַסער אויסגעגאָסן.

און עס ווילט זיך מיר זאָגן צו די אַלע, וואָס איך זע אפשר צום לעצטן מאָל אין די גאַסן פֿון זייער אייגענעם לעבן דאָ:

— „דער ערדענער קרוג, וואָס איז געווען אָנגעפֿילט איינמאָל — קען אָנגעפֿילט ווערן אַ צווייטן מאָל. און ווי איז צום מענטשן, וואָס גייט זיין גאַנץ לעבן טריט ביי טריט, אַלץ נעענטער צום שייטערהויפֿן פֿאַרברענט צו ווערן. און דאָפּלט ווי, אויב אַ גאַנץ פֿאָלק וואַשט דעם גוף און ריניקט אים, כּדי ער זאָל וואָס ריינער קומען צו שייטערהויפֿן".

גרויס וועט זיין דער דור, וואָס וועט באָרן זיין לייב פֿאַרן לעבנסוועגן און אָנפֿילן די ערדענע קריג מיט לעבנספֿרייד. דאָס וועט זיין דער צייכן, אַז דאָס גרעסטע פֿאָלק פֿון מזרח האָט דערוואַכט צום לעבן.

— —

גאַרבן פון שטילשווייגן

(בלעטער פון מיין טאָגבוך)

באָמביי, 14טער אַפּריל

היינט באַגינען בין איך אַרומגעגאַנגען אין די ווייטיקע גאַסן פון באָמביי, צום לעצטן מאָל זיך אָנקוקן אין די טיפע, טונקעלע און לויטערע אויגן פון אַ גרויס פאָלק, וואָס איך האָב ליב געקראָגן ביז צום פאַרדריסן; ביז צום נעמען זיך דאָס רעכט אויפצוּוואַרפן און טאַדלען.

איצטער, אַז איך בין שוין אויפן שוועל, מיטן פּנים געווענדט צו דער מערב־וועלט, וויקלען זיך פונאַנדער פאַר מיין דמיון, ווי אַ קינאָ־לענטע, אַלע לענדער, וואָס איך האָב דורכגערייזט אין די לעצטע יאָרן. וואו איך האָב באַמערקט די דערוואַכונג פון פעלקער און וואו — דאָס אומקערן זיך צו אַ לעטאַרגישן שלאָף. וואו איך האָב באַמערקט דערוואַקסנקייט און וואו — קינדערשקייט.

אינדיע וויקלט זיך נאָך אין וויקעלעך; קלייבט זיך אויפעפענען די אויגן, און ווען דאָס פאָלק ברייט די אויגן אויפעפענען, וועט עס זיין ווי אַ יונג קינד, וואָס עפנט אויף די אויגן פון שלאָף און באַטראַכט די וועלט מיט אַ פרידלעכן שמייכל. אינדיע איז אויך אָפטמאָל געגליכנט צו אַ פאַרשטענדלעך קינד, וואָס שטייט אין אַ ווינקל צעטומלט, ווען די גרויסע און דערוואַקסענע אין שטוב קריגן זיך, שלאָגן זיך, רעשן און ליאַרעמען. עלטערע ברידער — און דאָס קינד האָט פאַרכט פאַר זיי. דערוואַקסענע און אייגן בלוט — דאָס קינד האָט מורא, עס זאָל ניט ווערן צוגעדריקט צום וואַנט. דעם אויסדרוק פון קינדערשער שרעק האָב איך אָפט באַמערקט אין די אויגן פון אינדישן פאָלק. די דאָזיקע שרעק און

אומרויִקייט קען מען דאָך אַראָפּלייענען פון פּנים פון אידן וואַכן און איינגעקלערטן אינדוס.

שיין איז די דערוואַכונג פון די איינציקע. איך גלייב זיי און זע דורך זיי דאָס גאַנצע פאָלק, בשעת זיי ריידן פון צייטן, ווען אייביקער פרידן וועט הערשן אויף דער ערד. איך גלייב זיי, ווייל אין בלוט ביים פאָלק לעבט אַ ליכטיקע וועלט וואָס וואַרט אויף דער צוקונפט. אַ מורא פונאַנדערצוּוויקלען די וועלט פאַר דער צייט; פאָרכט פאַר דער מערב־וועלט מיט אירע אַגרעסיווע פעלקער. די פאָרכט פון אַ פאַרשטענדיק קינד, וואָס דריקט זיך צו דער וואַנט, בשעת די עלטערע פירן אַ קריג צווישן זיך און רעשן און ליאַרעמען.

איך, וואָס האָב זיך געהאָדעוועט און בין אויסגעוואַקסן צווישן מערב־גרענעצן — מיין בלוט זינגט אויך צום גאַנג פון אַלע פרידלעכע געזאַנגען, וואָס האָבן אויך זייער קוואַל אין מערב און וואָס אין מזרח האָבן זיי ביים אינדישן פאָלק דעם קלאָרסטן אויסגאַנג.

די ליניע, וואָס צעטיילט מזרח און מערב, דער אידעישער קאָנטראַסט אין היינטיקע טעג — ליגט צווישן דעם מערב און אינדיע. ווייל אין גאַרבן פון שטילשווייגן איז געבונדן דאָס אינדישע פאָלק; גאַרבן פון שטילשווייגן, געבונדן מיט שטריק פון שטילשווייגן. עס צייטיקן נאָך אַלץ די קערנער אין די דאָזיקע גאַרבן, כאָטש דערווילע טרייבן אָן פרעמדע די אָקסן, וואָס טרעטן אויף דעם, נאָך אינגאַנצן ניט אויסגעשטאַנענעם שווייגן.

גאַרבן פון שטילשווייגן, אין ענגשאַפט געבונדן. דאָס אינדישע פאָלק — עס הערט זיך איצטער איין צום פולס פון אייגענער דערוואַכונג; הערט זיך איין צו די שווערע און ברוטאַלע טריט פון אַ מערב־פאָלק, וואָס טרעט, וואו ס'איז צאַרט, וואו ס'לייב קאָרטשעט זיך פאַר פיין.

איצטער פאַרנעם איך דעם באַגינענדיקן ווינט, וואָס ציט און באַוועגט די „גאַרבן פון שטילשווייגן".

שוין נאָכן דריטן סיגנאַל. אַראָפּגענומען דאָס בריקל, וואָס פאַר־איינינקט די שיף מיטן ברעג. צוויי אינדוסן, וואָס האָבן עמעצנס פעק־

לעך נאָכגעטראָגן, האָבן די לעצטע אַראָפּגעאײַלט פֿון שיף. אױס־
טער שטײען זײ בײַם ראַנד פֿון לאַנד. צװײ נאַקעטע פּלײצעס, זײט בײַ
זײט. זײ קוקן, װי די שיף דערװײטערט זיך פּאַמעלעך פֿון ב״ע. מײַנע
בליקן האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט זײערע און זײ לאָזן מיך ניט אָפּ.
שװײַגנדיק קוקן זײ מיך נאָך.

קײנער שװײַגט ניט אַזױ װי די אינדוסן.
גאַרבן פֿון שטילשװײַגן...

אינדיע, 1927

אינהאַלט:

זייט

קיין אינדיע 7
קאַלקוטאַ און די הײליקע קו 14
ביי יונג אינדיע 25
גאָט, מענטש און פּאַרזעניש 36
אַ טאָג אין גאַס 43
קרבנות 52
דער אײביקער וועג 59
דער יאָגי 67
אין די וויקעלעך 75
אין זוניקן שטויב 83
גאַנדהי און די טראַגעדיע פון אַ גרויס פאָלק 93
אין די הימאַלאַער בערג 120
בײם שוועל פון טיבעט 127
בלעטער פון מײן טאָגבוך 134
שניי־ווייס 151
ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע 158
ווען עס זינגען די שטערן 171
בלויע לײדנשאַפט 178
גאַנגאַ, די הײליקע מוטער 190
מיט אַ שלאָס אויפן מויל 199
ווען די שווערד פאַרגיסט טרערן 209
אַ שפּיי אין פּנים 218
מאַמע ערד און אירע קינדער 226
אויף קברים און חורבות פון הערשער 232
די אויסדערוויילטע פון פּאַלאַץ 240
דער מאַן מיטן אַנקער 246

זייט

באמפּיי 254
דער שטורעם פון שטילשווייגן 263
מיט שטומען ניט 269
ערדענע קריג 284
גארבן פון שטילשווייגן 287

תיקון־טעות

אין דעם קאַפּיטל „דער יאָגי״, זייט 67, דאַרף נאָך דער שורה 14, וואָס ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „אָדער סאַניאַסי נעמט אויף זיך״ — קומען פאָלגנדיקער אַפּזאַץ:

„איינער האָט דערגרייכט פון דער יוגנט די השלמה צו קענען האַלטן די רעכטע פוס אויפן נאַקן, איבערן קאָפּ און אַזוי איז אים די פוס איינגע־טריקנט געוואָרן אויפן נאַקן. א נדר אַזאַ. אַ תשובה פאַר זינד, וואָס ער וועט נאָך טאָן. און דער אַנדערער האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן אַ האַנט אין דער הויך, ביז ער האָט זי שוין ניט געקענט צוריק אַראָפּלאָזן. אויך אַ נדר געווים. אײנ־דיע האָט זיי געגעבן אַ שטול אויף דער ערד. דאָס פאָלק פאַרגעטערט זיי״.